STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06496

ZIBN IN BUNKER

Chaim Itsl Goldstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. א. גאָלדשטיין

זיבן אין בונקער

חיים איצל גאָלדשטיין

זיבן אין בונקער

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

CH. I. GOLDSTEIN

SIEDMIU W BUNKRZE

Okładkę i obwolutę projektował R. Chow

הילע און אָבוואָלוטע פּראָיעקטירט: ר. כאָוו

Copyright © 1962 By Ch. Goldstein
All Rights Reserved

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" *Warszawa, Nowogrodzka 5*

RSW „PRASA", Tarczyńska 8. Zam. 699 — H-91



דעם הייליקן אָנדענק פון מיין מאַמען, וואָס איז אין עלטער פון 77 יאָר פאַרפּיי־ניקט געוואָרן צום טויט אויפן וועג קיין טרעבלינקע; פון מיין ברודער, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן לעבן איר, וועלנדיק קו־מען איר צו הילף; און פון מיינע שוועס־טער און גאַנצער משפחה, וואָס דער טאָג און דאָס אָרט פון זייער אומקום איז גע־בליבן אומבאַקאַנט.

דאָס ווערק און זיין מחבר

א שיינע פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער מחבר פון דעם איצטיקן בוך ח י י ם א י צ ל ג אָ ל ד ש ט י י ן, אַן אַרבעטער און אַן אַרבעטער־טוער, פאַרלאָזט, ווי א סך טויזנטער אַנדערע יידישע האָרעפּאַשניקעס, זיין פּוילישע היים און איז אַוועק אויף עמיגראַציע קיין פּאַריז. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך געפונען אויפן וועג צוריק אויף מזרח — דאָס מאָל ווי אַ געפאַנגענער פון די היטלערישע רוצחים, אַ דעפּאָרטירטער קיין אָשוויענטשים.

נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די דייטשישע אָקופּאַנטן געשאַפן אין סאַמע מיטן פון דעם חורבן און אויסגעברענטן שטח אַ לאַגער, וועלכער איז אַריין אין אונדזער נייסטער ליידן־געשיכטע אונטערן נאָמען „גענשיווקא", מחמת ער האָט זיך געפונען אויף דער אַמאָליקער גענשע־גאַס. אין אָקטאָבער 1943 האָבן די ס.ס.־לייט אין אָשוויענטשים אָפּגעקליבן עטלעכע הונדערט יידישע „העפטלינגען" און אַרויסגעשיקט אין דעם לאַגער אויף גענשע. אַזוי אַרום האָט זיך אונדזער חיים־איצל גאָלדשטיין ווידער געפונען אין וואַרשע.

פון דעם מאָמענט הייבן אָן פּאַסירן מיט גאָלדשטיינען „נסים". ער בלייבט שטעקן באַנאַנד מיט אַ גרופּע אחים לצרה אויף פראַנציסקאַנער גאַס פּונקט אין דער צייט, ווען עס ברעכט אויס, דעם 1־טן אויגוסט 1944, דער פּוילישער אויפשטאַנד. אַזוי אַרום פאַלט ער אַריין אין אַ לגמרי אַנדערער סביבה און ווערט אַ מיטקעמפער אין אַן אויפשטאַנד, וואָס נישט אַלע זיינע צילן, בפרט די פּאָליטישע, זענען אים, גאָלדשטיינען, נאָענט און אייגן. אָבער ווי אַ דעצידירטער קעמפער קעגן היטלעריזם און פאַשיזם וואַרפט זיך אונדזער יידישער פּראָלעטאַרישער טוער אינעם סאַמע פייער פון קאַמף.

אויף דעם ענדיקן זיך אָבער נאָך נישט די „נסים". נאָך דער קאַפּיטולאַציע באַשליסן גאָלדשטיין און זיינע חברים צו בלייבן אונטער דער ערד׳ פון די אויפגעריסענע גאַסן. אַרויסגיין צוזאַמען מיט אַלעמען באַטייט — טויט. און אָט הייבט זיך אָן דער קאָשמאַרפולער גראַנגל פאַר לעבן אין בונקערס, טונעלן און קאַנאַלן, אַ גראַנגל וואָס דויערט פון אָקטאָבער 1944 ביז יאַנואַר 1945, ביז דער באַפרייונג.

אונטער דער וואַרשעווער ערד זענען געווען נאָך עטלעכע אַזעלכע יידישע הייל־גרופּן, און זייער מערהייט האָט איבערגעלעבט און א טייל פון זיי לעבט איצט אין וואַרשע. אָבער קיינער פון זיי האָט עד היום נאָך נישט באַשריבן אָט דעם לעצטן קאַפּיטל פון די יידישע בונקער־אסירים אין דעם ים חורבות און צווישן די סטאַדעס פון צעיושעטע היטלעריסטישע וועלף.

דער אײנציקער, װאָס האָט גענומען אין האַנט אַרײַן די פּען און אַרױסגעװיזן דערבײ אַ געװאַלדיקן זכרון און אײנצײטיק אַ פעיקײט צו שילדערן נישט בלױז די אױסטערלישע געשעענישן, נאָר אױך מענטשלעכע געשטאַלטן מיט בולט געשניצטע כאַראַקטערן, איז אונדזער מחבר חיים=איצל גאָלדשטײן.

עס איז שװער צו געפינען די געהעריקע באַצײכענונג פאַר גאָלדשטײנס װערק. דאָס זענען נישט סתם זכרונות. דאָס איז אײנצײטיק אין אַ געװיסן זין אַ קינסטלעריש װערק, װו מיר געפינען אַ פסיכאָלאָגישן געמעל, אַ שפּאַנונגספולן אופן פון דערצײלן און אַ פּלאַנירטע קאָנסטרוקציע.

גאָלדשטײנס זכרונות פאַרמאָגן פיר פלאַסטן, װעלכע שאַפן עלעהײ פיר שטאָק: די װירקלעכקײט אינעם בונקער און טונעל, די דערמאָנונג פונעם װאַרשעװער אױפשטאַנד, דער צוריקבליק צו אױשװיץ און דער נאָך װײטערדיקער צוריקבליק צו פאַריז און צום אַמאָל בכלל.

פאַראַלעל מיט דער פּערזענלעכער ליניע גײט אַ גאַנצער ליניעס=סיסטעם פון די חברים װאָס זיצן צוזאַמען מיטן מחבר אונטער דער ערד — איטלעכער מיט זײַן טראַגישער געשיכטע, מיט זײַנע איבערלעבונגען און ביאָגראַפיע.

און אַלע צוזאַמען לעבן מיט אײן האָפענונג: איבערצולעבן.

גאָלדשטײנס זכרונות זענען אַ װאָגיקער צושטײער צו אונדזער חורבן= און גבורה=ליטעראַטור. דער מחבר װײַזט אַרױס אַ הױכע מדרגה פון אָביעקטיװיטעט. ער גיט בײדע זײַטן פון דער „מטבע" פון דעם װאַרשעװער פױלישן אױפשטאַנד: סײ די דערשײַנונגען פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, סײ די רירנדיקע פאַקטן פון ברידערלעכער באַציונג צו ײדן. װאָרעם װי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, איז דעם לינקן טוער חיים=איצל גאָלדשטײן אױסגעקומען צו קעמפן אין די רײען פון א. ק., װײל ער האָט זיך גראַד געפונען אױף זײער שטח.

אָבער סײ האַלטנדיק אין האַנט די ביקס, סײ זיצנדיק װי אַ קרעט אין דער חשכות פון דער אונטערערדישער הײל, האָט זיך גאָלדשטײן אױף קײן אײן רגע נישט אָפּגעזאָגט פון זיך אַלײן, פון זײַנע אידעאַלן און טראַדיציע.

פּשוטע ײדישע פאָלקס=מענטשן האָבן אין זײער פאַרצװײפלטער לאַגע געװעבט אונטער דער ערד דעם טרױם פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרײונג.

דעריבער דערדריקט נישט גאָלדשטײנס װערק מיט דעם געמעל פון די קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען, נאָר פאַרקערט — דערמוטיקט צו געראַנגל און אַנטפּלעקט די זעלטענע שטריכן פון עקשנותדיקן און טראַגיקאַלעמדיקן אױסדױער אינעם כאַראַקטער פון ײדישן פאָלקס=מענטש.

אָט דאָס איז דער זין פון חיים=איצל גאָלדשטײנס װערק װעגן דעם נײַעם ממעמקים בעתן לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק אין די יאָרן 1943 — 1945.

ב. מאַרק

קאַפּיטל איינס

„איך גראָב אַ גרוב אַריינצולייגן זיך לעבעדיקערהייט“ —
האָט איגנאַץ אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין, און טרערן האָבן גע=
נומען טריפן פון זיינע אויגן, זיך צוזאַמענמישנדיק מיט די גרוי=
סע טראָפּנס שווייס, וואָס האָבן זיך געקייקלט אויף זיין געזיכט.

ער האָט ווייטער געגראָבן, און קיינער פון די אַנדערע ייִדן,
וואָס האָבן געהאָרעוועט צוגלייך מיט אים, האָט נישט געענטפערט,
פּונקט ווי זיי וואָלטן נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער
יעדער פון זיי האָט געטראַכט דאָס זעלבע ווי איגנאַץ. און דאָך
האָבן זיי זיך געיאָגט און געגראָבן מיט די לעצטע כוחות. קיין
וואָרט האָט קיינער נישט אַרויסגערעדט, קאָנצענטרירנדיק די גאַנ=
צע אויפמערקזאַמקייט אויף איין זאַך: וואָס שנעלער פאַרטיק
מאַכן דעם גרוב. וואָרעם זיי האָבן געוווסט, אַז יעדע פאַרשפּע=
טיקטע מינוט האָט געדראָט מיט טויט.

עס איז געווען אין טאָג, ווען דער וואַרשעווער אויפשטאַנד פון
אויגוסט 1944 פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“, אונטער דער אָנפי=
רונג פון באָר=קאָמאָראָווסקי, האָט זיך שוין דערנענטערט צום
סוף. וואַרשע איז געווען חרוב. הונדערטער און טויזנטער טויטע
זענען געלעגן אונטער די איינגעפאַלענע הייזער און פיל אַנדערע
האָבן זיך געוואַלגערט אויף די רואינען פון די נאָך ברענענדיקע
גאַסן. די דייטשן האָבן זיך גענומען דערנענטערן צום פּונקט,
אויף פּראַנטשישקאַנער גאַס נומער 8, וווּ די גרופּע ייִדן האָט גע=
קעמפט. קיין גרויסן ווידערשטאַנד האָבן די וואַרשעווער אויפ=
שטענדלער די לעצטע טעג נישט געשטעלט, ווייל עס איז שוין
געווען באַשטימט, אַז מען גיט זיך אונטער און אַז קעמפער וועלן
אַוועקגיין אין געפאַנגענשאַפט. אָבער פאַר ייִדן איז דער גורל גע=
ווען אַן אַנדערער. זיי, די ייִדן, האָבן די דייטשן געהרגעט אויפן

אָרט. די איינציקע רעטונג פֿאַר דער גרופּע פֿון פֿראַנצויזישקאַנער גאַס איז דערייבער געווען אין דעם גרוב, וואָס האָט זיי געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ באַהעלטעניש.

געווען זיינען זיי זיבן פֿון פֿאַרשידענע שטעט פֿון פּוילן, פֿראַנקרייך און בעלגיע, פֿון פֿאַרשידענעם סאָציאַלן שטאַנד.

איגנאַץ, פֿיר און פֿערציק יאָר אַלט, האָט געלעבט אין וואַרשע. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ יאַטקע אויף פֿאַנסקע גאַס. ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה, אַ פֿרוי מיט זעקס קינדער. ביי אַן אַקציע אין געטאָ זיינען זיי אַלע אומגעקומען. אים איז געלונגען אַרויסצוקומען אויף דער „אַרישער" זייט, און אַ פּוילישע פֿרוי, אַ הויז־וועכטערין, האָט אים אויסבאַהאַלטן ביזן אויפֿשטאַנד.

יחזקאל אָדער באַסקל, ווי מיר האָבן אים גערופֿן, אַ מאַן איבער די פֿופֿציקער, פֿון פּראַגע, איז אַמאָל געווען אַן אייגנטימער פֿון אַ פֿאַבריק פֿון קעסלען. פֿאַרן קריג האָט ער געהאַט אַ פֿרוי מיט צוויי קינדער. ער איז געווען באַהאַלטן צוזאַמען מיט דער משפּחה אויף דער „אַרישער" זייט. ער איז אָבער אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן. די פֿרוי און די קינדער זיינען דערשאָסן געוואָרן, און אים, צוליב זיין פֿאַך, האָט מען געלאָזט לעבן. מען האָט אים געהאַלטן אין דער פֿאַוויאַק־טורמע ביז דעם אויפֿשטאַנד.

יצחק, אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, האָט געשטאַמט פֿון ביאַליסטאָק. ער איז טאַקע געווען אין ביאַליסטאָקער געטאָ, פֿון וואַנען ער איז אַנטלאָפֿן, און האָט דערנאָך געלעבט אויף דער „אַרישער" זייט, וווּ ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פֿאָלקסדייטש. ער איז געווען אַ סטודענט פֿון מעדיצין און האָט געהאַט אַ פֿרוי מיט אַ קינד, וועלכע זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

דאַניעל, אַן אַכצניאָריקער בחור, איז געווען פֿון בעלגיע. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט זיין משפּחה. זיין פֿאָטער, מוטער און ברודער זיינען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. אים האָט מען געבראַכט קיין וואַרשע אָפּצורייניקן דעם געטאָ. דער אויפֿשטאַנד האָט אים באַפֿרייט.

חנה, אַ 20 יאָריקע, איז געווען אַ סטודענטין פֿון לאָדזש. זי איז דורכגעגאַנגען דעם לאָדזשער געטאָ און שפּעטער דעם וואַרשעווער. דערנאָך האָט זי זיך געפֿונען אויף דער „אַרישער" זייט.

סאַמעק, אויך פון לאָדזש, אויך אַ סטודענט, אויפן כעמישן פאַקולטעט, האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם פון די געטאָס אין לאָדזש און וואַרשע. ווי די אַנדערע האָט ער אויך לעצטנס זיך געפונען אויף דער „אַרישער“ זייט.

דער זיבעטער בין איך געווען. איך בין פאַרשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך, ווו איך האָב איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. איך האָב דאָרט געהאַט דורכגעמאַכט דעם לאַגער פון פּיטיוויע, און דערנאָך דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. פון דאָרט האָט מען מיך אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע אויף אָפּצורייניקן דעם געטאָ. בעתן אויפשטאַנד בין איך באַפרייט געוואָרן און כ'בין צוגעשטאַנען צום קאַמף.

מיר, זיבן, האָבן איצט, אויסגעמאַטערטע, פאַרסאַפּעטע, באַגאָסענע מיט שווייס, געהאַלטן ביים אויסענדיקן דעם גרוב אינעם קעלער פונעם האַלב חרובן הויז אויף פראַנטשישקאַנער גאַס נומער 8, כדי זיך צו מאַכן אַזוי אַרום אַ באַהעלטעניש. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ בונקער, וואָס זאָל צוגיין ביזן קאַנאַל אַריין, און אויף אים, אויף אָט דעם בונקער, האָבן מיר איצט געלייגט אונדזער לעצטע האָפענונג. פונקט ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, אַזוי האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין אָט דער רעטונג, נישט טראַכטנדיק דערביי, אַז מיר האָבן גאָרנישט מיטצונעמען מיט זיך — נישט צום עסן און נישט צום טרינקען. אָבער אין אַזעלכע מאָמענטן טראַכט מען נישט. דער ווילן צום ראַטעווען זיך, צו אַנטלויפן פון דער לויערנדיקער געפאַר, פילט אָן דעם גאַנצן געדאַנק. און הגם מיר זיינען נישט געווען באַהאַוונט אין אַזעלכע אַרבעטן, איז אין עטלעכע טעג, ביי איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און ביי דער מיטהילף פון עטלעכע פּאָליאַקן, דער בונקער געווען פאַרטיק.

דער קעלער, ווו מיר האָבן אויסגעגראָבן דעם בונקער, איז באַשטאַנען פון צוויי קאַמערן. די ערשטע קאַמער האָבן מיר דורכגעלאָזט און האָבן פאַרמאַסקירט די טיר. ערשט אין דער צווייטער קאַמער האָט זיך אָנגעהויבן דער גרוב, וואָס האָט, דורך אַן אונטערערדישן דורכגאַנג פון איבער צען מעטער די לענג, וואָס מיר האָבן געמאַכט, געפירט ביז אין מיטן גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאַנאַל. מיר האָבן בכיוון אויסגעהאַקט אַ לאָך צום קאַ-

נאָל, כדי צו קענען אַהין אַנטלויפֿן אין פֿאַל, ווען דער בונקער זאָל אַנטדעקט ווערן. די ברייט פֿון דעם אונטערערדישן דורכגאַנג איז געווען קוים אַ האַלבער מעטער. די הויך — אַרום אַ מעטער, אַזוי אַז מען האָט דאָרט געקענט בלויז זיצן, אָבער נישט זיך אויפֿשטעלן.

ווען מיר זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן בונקער, זיינען מיר אַרויס אויפֿן הויף אַ קוק טאָן צום לעצטן מאָל אויף דער ליכט פֿון טאָג. די זון האָט געלויכטן מיט פּראַכט ווי אָפּט אין שפּעטזומער. און כאָטש אונדזערע געמיטער זיינען געווען פֿאַראומערט, האָט די זוניקע ליכט און וואַרעמקייט אונדז אַ ביסל געמונטערט און צוגעגעבן געוויסע האָפֿענונגען.

די פּאָליאַקן פֿונעם הויף און פֿון דער געגנט, מענער, פֿרויען און קינדער, זיינען געשטאַנען מיט זייערע פּעקלעך, גרייט אויפֿן אָנזאָג פֿון די הויף־שפּרעכער, אַז דער אויפֿשטאַנד איז געענדיקט און אַז די דייטשן וועלן באַלד אָנקומען און זיי אָנווייזן וווּ אַהין זיי דאַרפֿן גיין. פֿאַרבלאָנדזשעטע קוילן זיינען נאָך אין די לעצטע מינוטן געפֿאַלן אויפֿן הויף און דערהרגעט אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר זעכצן און אַן אַלטן מאַן. ווען נישט די געשרייען און דער געיאָמער פֿון דער מאַמען פֿונעם געהרגעטן ייִנגל, וואָלט קיינער אפֿילו קיין אַכט נישט געלייגט דערויף, ווייל אומקום און חורבן זיינען געווען ווי נאַטירלעך אין דער חרובער שטאָט. אַלע זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און אַ לעצט מאָל באַטראַכט זייערע צעשטערטע היימען, זייער פֿאַרלוירענעם האָב־און־גוטס און געטראַכט פֿון דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי אויף ווייטער.

מיר די זיבן ייִדן, וועלכע האָבן זיך דאָ געפֿונען, האָבן פֿון אונדזערע פֿאַרמעגנס און היימען נישט געטראַכט. זיי זיינען שוין פֿון לאַנג געווען צעשטערט און פֿאַרניכטעט. פֿון אונדזערע משפּחות איז זעלטן ווער פֿאַרבליבן. טייל איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פֿון אוישוויץ, טייל פֿאַרפּייניקט געוואָרן אין די געטאָס. איצט איז אונדזער גאַנצער איך געווען אַדורכגענומען פֿון איין געדאַנק: ווי אַזוי אין דער לעצטער מינוט, ביים אָנקומען פֿון די דייטשן, אומבאַמערקט פֿון די אַלע אַרום, זיך קענען אַריינכאַפּן אין דעם בונקער, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט.

שרעק און האָפענונג האָבן זיך צונויפגעמישט אין אונדזערע הערצער. דאָס פאַרגראָבן זיך אין אַ פינצטערן בונקער, אָן עסן, אָן וואַסער, אָן דעם מינדסטן, וואָס אַ מענטש באַדאַרף, אָן קיין שום קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָט אויסגעזען פאַר אונדז ווי גיין צו אַ לאַנגזאַמען טויט דורך הונגער און דורשט. אָבער אַ פונק פון האָפענונג צו קענען אַזוי אַרום זיך ראַטעווען, איז אונדז דאָך געבליבן, און דאָס האָט אונדז געמונטערט: די רויטע אַרמיי איז געווען נאָענט, זי איז שוין געווען אין פּראַגע, בלויז די ווייסל האָט זי אָפּגעטיילט פון אונדז, און אונדזערע געדאַנקען און בליקן זיינען געווען געוואָנדן אַהין, צו איר, מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט אונדז קומען אויסלייזן איידער עס וועט זיין צו שפּעט.

ווילדע געשרייען „אַלע ראַוס“ האָבן פּלוצלונג אויפגעטרייסלט די אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן הויף. די דייטשן זיינען אָנגעקומען. קינדער האָבן פון שרעק גענומען וויינען און זיך געטוליעט צו זייערע מאַמעס. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע צוגעגרייטע פּעקלעך און רוקזעק, און גענומען גיין צו די אָנגעצייכנטע ערטער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אויף אַ לוויה, אונטער די חוצפּהדיקע בליקן פון די זיגער. אינעם חרובן אַרום, ווו רויך האָט פון אַלע זייטן זיך געטראָגן פון די פאַרברענטע הייזער, האָבן די מענטשן, פאַרמאַטערטע, פאַרחושכטע פון וואָכן־לאַנגן קעמפן, אָדער ליגן אין די קעלערן, אויסגעזען ווי אַ מחנה שקלאַפן פון אוראַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן.

אויסנוצנדיק די פּאַניק, האָבן מיר איינציקווייז, הינטערווילעכטס, זיך אַריינגעשלייכט אינעם קעלער, ווו עס האָט זיך געפונען דער בונקער מיטן אונטערערדישן דורכגאַנג צום קאַנאַל. מיר האָבן האַסטיק זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, ווי מיר וואָלטן זיך געוואָלט איינגראָבן וואָס טיפער, וואָס ווייטער פון אַ מענטשלעך אויג.

די שיטערע פּאַסן ליכט, וואָס זיינען נאָך אַריינגעדרונגען אין קעלער דורך דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האַרט ביי דער ערד, האָבן ווי אונטערגעשטראָכן די אימה פון אונדזער צושטאַנד. אין דער טונקלקייט האָט זיך געמערקט דאָס מאָגערע פּעקל שפּייז, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט: אַ פּאַפּירן בייטל מיט אַ ביסל צו=

קער, צוויי לאַבנס ברויט און עטלעכע פלעשלעך וואַסער. מיר האָבן געוואָרפן אַ זייטיקן בליק דערויף, און אַ פּחד האָט אָנגעפילט אונדזער האַרץ.

צוזאַמען מיט די לעצטע פאַסן ליכט איז דורך דעם קעלער־פענצטערל דערגאַנגען צו אונדז אַ דומפּער גערויש פון דרויסן: מיר האָבן געהערט די געשרייען פון די דייטשן, וואָס האָבן געיאָגט די באַפעלקערונג פונעם הויף און פון די אַרומיקע הויפן; די געוויינען פון די קינדער, דעם געהילך פון פאַלנדיקע ציגל און שטיינער פון די חרובע הייזער. און כאַראַקטעריסטיש: דאָס אַלץ האָט אונדז נישט געשראָקן. פאַרקערט, מיר האָבן דורך דעם זיך געפילט ווי באַהאָפטן מיט דער אויסערלעכער וועלט, מיט דעם אַלעם, וואָס לעבט, ווען אפילו אונטערן שטיוול פון די דייטשן. ווען עס האָט אָבער אָנגעהויבן שטילער ווערן, ווען די געשרייען און געוויינען האָבן זיך גענומען אַלץ מער דערווייטערן, איז פּלוצלונג אַ שרעק אונדז באַפאַלן. מיר האָבן דערשפּירט, אַז דער לעצטער קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער וועלט האָט זיך איבערגעהאַקט און אַז מיר זיינען געבליבן אין אַן אָפּגרונט. אַ שרעקלעכע בענקשאַפט האָט אונדז אַרומגעכאַפּט צו דער דרויסנדיקער וועלט, אפילו צו די, וואָס ווערן איצט געיאָגט אונטער די קאָלבעס פון די דייטשישע ביקסן: יענע פילן כאָטש, אַז זיי לעבן, בעת מיר זיינען ווי באַגראָבן לעבעדיקערהייט. מיר האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, האָבן מורא געהאַט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן, כדי נישט צו זען ביי יענעם אויפן פּנים אָדער אין די אויגן דעם אייגענעם פּחד. צוגעטוליעט צו דער ערד, זיינען מיר געלעגן שטיל, האָבן מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר און געטראַכט פונעם אומבאַקאַנטן, וואָס דערוואַרט אונדז. אַ טיפע מידקייט האָט אונדז פּלוצלונג אַרומגענומען. די פּיין פון די לעצטע יאָרן אין די געטאָס און לאַגערן, די מאַטערנישן פון די גאָר לעצטע חדשים אין די קאַמפן פונעם אויפשטאַנד זיינען מיט אַמאָל אַרויסגעקומען מיט זייער גאַנצער שווערקייט. במשך פון יאָרן האָבן מיר געקעמפט, זיך געראַנגלט, אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט. מיר זיינען שטענדיק גרייט געווען זיך מקריב צו זיין, שטענדיק פול געווען מיט האָפענונג, און אין שטורעם פון לעבן האָבן מיר פאַרגעסן די פּיין, די ליידן. איצט זיינען מיר געלעגן אויף דער ערד ווי אָנגעפילטע

מיט בליי אין אַלע אונדזערע אברים. מיר האָבן מיט שטאַרע אויגן געקוקט אין דער ווייט און פּאַסיוו געוואַרט. אויף וואָס? מיר האָבן עס אַליין נישט געוווּסט.

די פּאַסן ליכט האָבן דערווייל זיך גענומען אַראָפּלאָזן אַלץ נידעריקער צום ערדענעם דיל און זיינען געוואָרן אַלץ שיטערער. דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן.

אַ שטאַרקע קנאַקעריי, וואָס איז דערגאַנגען אין קעלער אַריין דורכן קליינעם פענצטערל, האָט אונדז פּלוצלונג אויפגעוועקט פון אונדזער טראַכטן. דער גערויש איז דאָס מאָל געווען אַנדערש ווי שטענדיק. ער איז געווען נישט פון קיין מענטשלעכן טראָט און נישט פון אַראָפּגעפאַלענע ציגל. ער האָט גיכער דערמאָנט אינעם וואָיען פון אַ גרויסער שׂרפה, געיאָגט דורך דעם ווינט מיט אימ־פּעט. די קנאַקעריי האָט פון מינוט צו מינוט זיך פאַרשטאַרקט און אַריינגעדרונגען מיט אַלץ מער רעש אין קעלער, ווו מיר זיינען געלעגן אָנמעכטיקע, ווי צוגעשמידטע. ס'האָט אונדז אויסגעוויזן, ווי אַ גרויסער שטורעם וואָלט אויסגעבראָכן און עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער אַוועקטראָגן אַלץ, מיט אונדז צוזאַמען.

מיר האָבן מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט און זיינען גע־בליבן ווי פּאַראַליזירטע. אַ רויטער אָפּשיין פון פייער האָט זיך דערמלט באַוויזן דורכן פענצטערל, באַלויכטן אויף אַ ווייל דעם קעלער און איז דערנאָך אַוועק. קנוילן רויך האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצורייסן צו אונדז. און מיט אַ מאָל — אַ שטאַרקער אָפּהילך און אַ גרויסער פלאַם פייער, וואָס האָט אונדז ווי פאַרבלענדט. דאָס האָבן די דייטשן פאַרברענט די פאַרבליבענע חורבות נאָך דעם ווי זיי האָבן אַרויסגעפירט די מענטשן פון די הויפן. מורא האָבנדיק, אַז איינצלנע קעמפער באַהאַלטן זיך נאָך אין די קעלערן און אין די חורבע הייזער, האָבן זיי באַגאָסן אַלץ מיט בענזין און אונטערגעצונדן. זיי האָבן אויך נישט אויסגעמיטן דאָס חורבע הויז און דעם קעלער פון פראַנטשישקאַנער גאַס נומער 8, ווו דאָס פייער האָט עס איצט אויפגעריסן, אין מאָמענט, ווען דער בענזין האָט זיך אָנגעכאַפּט. אין געציילטע מינוטן איז דער קעלער געוואָרן אַרומגעהילט מיט פלאַמען און מיט רויך.

אייגציקווייז און אַזוי שנעל ווי מעגלעך, האָבן מיר זיך אַרונטערגעלאָזט אין דעם גרוב, און גענומען קריכן אויף די בייכער דורכן אונטערערדישן דורכגאַנג ביז צום לאָך פון קאַנאַל. ווען דער לעצטער איז אַריין אין קאַנאַל, האָט ער שוין קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. קיינער האָט דערביי נישט געפילט, אַז ער איז אַריין אין וואַסער, וואָס איז געווען געמישט מיט ליימיקער בלאָטע און אָפּפאַל, און וואָס האָט אין טייל ערטער דערגרייכט ביז איבער די קני. אַלע האָבן זיך געשלעפּט וואָס ווייטער פון דעם לאָך, פון וועלכן עס האָבן זיך געשטופּט געדיכטע וואָלקנס רויך. די מידקייט איז מיט אַ מאָל אַוועק. אַ טיפער ציטער האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. מיר האָבן שוין אַלע געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון די פאַרשידנסטע מינים שרעק: ביי אַ סעלעקציע אין לאַגער, ווו אַ ווונק פון אַן עס־עס־הענקער, וואָס האָט באַקוקט די דעפּאָרטירטע, האָט דעציזדירט וועגן דעם, צי מען וועט געשיקט צו די גאַז־קאַמערן אָדער נישט; ביי אַן אַקציע אין געטאָ, ווו פון קלענסטן צופאַל איז געווען אָפּהענגיק, אַז מען זאָל געפירט ווערן צום אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרט קיין טרעבלינקע. אָבער דאָ אין קאַנאַל איז די שרעק געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע. אַ געדיכטע פינצטערניש, אַזש צום אָנטאַפּן, האָט איינגעהילט אַלץ אַרום. פון אַלע זייטן — אַ גערויש פון קלעפּיקן וואַסער, וואָס האָט געשטויסן מיט אַזאַ קראַפט, אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט ממש מיטגעריסן, און מען האָט זיך געמוזט אָנהאַלטן איינער אינעם אַנדער, כדי נישט אַוועקגעטראָגן צו ווערן מיטן שטראָם. דער ווידערקול פון אָט דעם רוישיקן וואַסער אינעם לאַנגן, פאַרמאַכטן קאַנאַל האָט אַזוי אָפּגעהילכט, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי גרויסע כוואַליעס וואַסער וואָלטן געגאַנגען אויף אונדז און וועלן אונדז באַלד צודעקן. צו דעם איז צוגעקומען דאָס ריטשען פון מחנות שטשורעס, וואָס האָבן ווילד געראָיעט אַרום אונדז. דאָס אַלץ האָט געהאַקט אין די שלייפן און געקענט משוגע מאַכן פון שרעק. דאָס איז נישט געווען קיין שרעק פאַרן טויט, נאָר אַ מין בלינדע מורא, פול מיט פאַרדרוס צוליב אונדזער אָנמאַכט. עס איז געווען ערגער, ווי שטיין פּנים אל פּנים מיטן באַוואָפנטן שונא. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ טיפער אָפּגרונט וואָלט זיך געעפנט פאַר אונדז און גייט אונדז איינשלינגען, און ווי פאַראַליזירטע

האָבן מיר זיך נישט גערירט פון אָרט און געוואַרט אויף אונדזער גורל, נישט האָבנדיק קיין וועג אויף צוריק.

דאָס זיינען געווען שרעקלעכע מינוטן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. אַלץ האָט אויסגעזען ווי פאַרלוירן. און דאָך האָבן מיר זיך אַלע געקלאַמערט אין לעבן. איינגעטוליעט איינער אינעם אַנדערן און נישט לאָזן זיך אַוועקדרייסן דורכן שטראָם, ביז די וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטויסן פון דעם לאָך אין קאַנאַל אַריין, זיינען געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער און האָבן ענדלעך אין גאַנצן אויפגעהערט. מיר האָבן דאַן לאַנגזאַם, ביי גרויסע אָנשטרענגונגען, זיך גערוקט אויף צוריק צו דעם לאָך. איינציקווייז זיינען מיר ווידער אַריינגעקראָכן אינעם אונטער־ערדישן דורכגאַנג און אַוועקגעפאַלן מאַכטלאָז אויף דער ערד ווי האַלב־טויטע.

אין קעלער האָט מען נישט געקענט אַריין. די היץ האָט דאָרט געברענט ווי אין אַ קאַלך־אויוון. און אחוץ דעם האָט דאָס הויז נאָך דער שרפה געקענט איינפאַלן און ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז עס זאָל איינברעכן דעם קעלער און אונדז אין גאַנצן צודעקן. זיינען מיר געבליבן ליגן אינעם אונטערערדישן דורכגאַנג. אָבער אויך דאָ איז די היץ געווען אַ שרעקלעכע. אַ פאַרע איז געגאַנגען פון די נאַסע מלבושים אונדזערע און אַ פאַרפעסטעטע לופט איז אַריינגעדרונגען פון קאַנאַל דורך דעם לאָך. אַ שרעקלעכער דורשט איז אונדז באַפאַלן. אין מויל האָט געטריקנט אַזוי, אַז די צונג איז געווען צוגעקלעפט. אָבער וועגן טרינקען האָט מען אַפילו נישט געטאָרט קלערן. די פאָר פלעשער וואַסער האָט מען געמוזט היטן ווי אַן אוצר.

●

דער אַכצניאָריקער דאַניעל איז געלעגן ווי אָן באַוווסטזיין. זיין גאַנצער קערפער האָט געפיבערט, זיין פנים האָט געברענט און פון זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן זיינען שטיל גערונען טרערן. פון צייט צו צייט האָבן זיך די ליפן ביי אים באַוועגט און ער האָט שוואַך געמורמלט שעפטשען. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פאַר עמעצן אין געדאַנק זיך אַראָפגערעדט פון האַרצן. די ווערטער

„מאַמע“, „טאַטע“, „ברודער“ האָבן אָפּט זיך איבערגעחזרט אין זיין מויל. דאָס האָט ער ווידער איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון זיין משפּחה, וועגן וועלכער ער האָט אונדז שוין געהאַט דערציילט.

עס איז געווען מיט צוויי יאָר פריער, ווען ער איז נאָך אַלט געווען זעכצן יאָר. מען האָט אים דעמלט געבראַכט פון בעלגיע קיין אוישוויץ צוזאַמען מיט זיין מאַמען, טאַטן און עלטערן ברודער. גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין לאַגער, האָבן די עס־עס־לייט זיי פונאַנדערגעשיידט: דעם פאָטער מיט ביידע זין אויף איין זייט, די מאַמע אויף דער אַנדערער זייט. און באַלד האָט ער געזען, ווי מען זעצט אַרויף זיין מאַמע מיט נאָך אַנדערע פרויען און קינדער אויף פּלאַטפאָרמעס פון אויטאָס. עס האָט אים געריסן צו דער מאַמען, פון וועלכער ער איז ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל נישט געווען צעשיידט. ער איז נאָך געווען ווי אַ קינד, וואָס האָט זי באַדאַרפט. ער איז אָבער געבליבן ווי פאַרגליווערט אויפן פּלאַץ. די דייטשן, מיט זייערע געוואַלדן און קלעפּ ביים אויסשטייגן פון די וואַגאָנעס, האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד. איבעריקנס האָט ער אין זיך געשפּירט אַ געוויסע צופרידנקייט: די מאַמע וועט נישט גיין צופוס, זי וועט פאָרן מיט אַן אויטאָ. ער האָט דאָך געוווסט, אַז זי האָט נישט קיין כוח צו גיין נאָך די דורכגעמאַכטע דריי טעג און דריי נעכט אין די פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנעס, אָנגעפּאַקטע מיט פרויען און קינדער ווי מיט שאָף צו דער שחיטה. זי איז שוין פריער געווען אויסגעמאַטערט, אָבער איצט האָט זי זיך בכלל גישט געקאָנט מער האַלטן אויף די פיס.

און נאָך עפּעס האָט אים דאָן געטרייסט: ער האָט געזען, אַז די אַלע, וואָס מען האָט אַרויפגעזעצט אויף די וועגענער, האָט מען באַהאַנדלט אַ ביסל מענטשלעכער. זיין מאַמע האָט מען אונטער־געהאַלטן אונטער די הענט, זי זאָל לייכטער קענען אַרויפגיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. שפּעטער האָט ער זיך אָפּט פאָרגעוואָרפן, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וווהין מען האָט זי געפירט. צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען ער לאָזט זי נישט אַליין, ווען ער רייסט זיך דאָן צו איר? — האָט ער זיך דערנאָך אַ סך מאָל געפרעגט. די דייטשן וואָלטן אים, אמת, מיטגענומען מיט איר אין גאַז־קאַמער, אָבער ער וואָלט געקענט זיין לעבן איר ביי אירע לעצטע מינוטן.

די גאַנצע ליבע זיינע האָט דאַניעל איצט אַריבערגעטראָגן אויף זיין טאַטן. אויך די ליבע פון פאָטער צו אים האָט זיך אַנטפלעקט אין דער גאַנצער טיף ביים אָנקומען אין לאַגער. ווען מען האָט זיי גענומען יאָגן פון דער באַן אין לאַגער אַריין, האָט דער טאַטע אים צאַרט געהאַלטן ביי דער האַנט, אויס מורא אים נישט צו פאַרלירן. דאַניעל האָט דאַן צום ערשטן מאָל אים געזען וויינען. אויך שפעטער, אין לאַגער גופא, האָבן דעם טאַטנס אויגן זיך אָפט אָנגעפילט מיט טרערן, ווען ער פלעגט קוקן אויף זיינע זין, באַזונדערס אויפן יינגערן, וואָס איז נאָך געווען כמעט אַ יינגל. יעדעס מאָל, ווען אַ שטעקן פון אַן עס־עס־מאַן אָדער קאַפאָ פלעגט זיך אויפהייבן אויף זיי, האָט ער מיט זיין אייגענעם קערפער געפרווט אים פאַרשטעלן און שיצן.

דער טאַטע האָט נישט געהאַט דעם מזל צו אַרבעטן אין איין קאָמאַנדאָ מיט זיינע זין. דאַניעל מיט זיין ברודער זיינען געווען אין אַן אַנדער קאָמאַנדאָ. זיי האָבן געאַרבעט אין דער גרופע „קעגיגסגראַבן“, וואָס האָט געגראָבן אַ קאַנאַל ביי דער ווייסל. זיי זיינען געווען צוזאַמען פיר הונדערט און פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט באַגלייט דורך עס־עס־לייט, קאַפאָס און ווילדע הינט, וואָס די הענקער פלעגן אָנרייצן אויף די דעפאָרטירטע. דאָס איז געווען די טאָג־טעגלעכע פאַרווײַלונג פון די עס־עס־לייט. זיי פלעגן דערביי זיצן און הירזשען הילכיק פון די געשרייען פון די דעפאָרטירטע, וואָס האָבן זיך געאַמפערט אין וואַסער מיט די הינט... אויב די הינט האָבן נישט באַוויזן צו צערייסן די מענטשן אויף טויט, פלעגן די הענקער זיי צעשיסן. צענדליקער פלעגן אַזוי אַרום ווערן אומגעבראַכט טאָג נאָך טאָג. אַרויסגייענדיק אין דער פרי צו דער אַרבעט, פלעגן די דעפאָרטירטע מיטנעמען מיט זיך וועגענער, כדי אַהיימצוברענגען פאַרנאַכט די טויטע, וואָרעם די צאָל צוריקגעקומענע — לעבעדיקע צי טויטע — האָט געמוזט שטימען מיט דער צאָל אַוועקגייענדיקע צו דער אַרבעט. ווען דאַניעל מיט זיין ברודער פלעגן צוריקקומען פאַרנאַכט, האָבן זיי שטענדיק באַמערקט פון דער ווייטנס, ווי זייער טאַטע שטייט און וואַרט מיט אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן אין זייער ריכטונג. ווי נאָר ער האָט זיי דערזען, איז זיין פנים ליכטיק געוואָרן און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפן. זיינע אויגן האָט ער מייסטנס געהאַלטן

אַראָפּגעלאָזט, כדי מען זאָל נישט באַמערקן זיינע טרערן. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַרומגעגאַנגען אַרום זיינע זין, ווי כדי זיך צו איבערצייגן, אַז זיי לעבן. ער האָט שטאַרק געוויטיקט, זעענדיק ווי זיי זיינען אויסגעמאַטערט, ווי זיי האַלטן זיך קוים אויף די פיס. ער האָט זיי נישט געקענט העלפן, און דאָך איז ער געווען דער גליקלעכסטער אין אָט דער מינוט.

אָט אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט יעדן טאָג, און די דאָזיקע געציילטע, גליקלעכע מינוטן האָבן אפשר דעם אַלטן טאַטן געגעבן כוח אויף צו קענען איבערטראָגן זיין ווייטיק און פּיין. איין טאָג האָט דאַניעלס ברודער געטיילט דעם זעלבן גורל ווי די אַנדערע פאַרפּייניקטע. שוין באַלד אין דער פרי, אַרויסגייענדיק צו דער אַרבעט אין איין ריי מיט זיין ברודער, האָט דאַניעל באַמערקט, אַז ער גייט עפּעס אַנדערש ווי שטענדיק; אַז ער שלעפּט שווערע די פיס. דאַניעל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַנגסט: זיין פּנים האָט געפלאַמט, זיינע אויגן זיינען געווען רויט, ער האָט געאָטעמט שווער. „דער קאָפּ טוט מיר שרעקלעך וויי" — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט אין דער שטיל. עס איז נישט געווען מער קיין ספק: דאָס איז געווען דער טיפוס, וואָס האָט דאַן געבושעוועט אין לאַגער און האָט פאַרשניטן די מענטשן, ווען די גאַז־קאַמערן האָבן נישט באַוויזן אויסצוהרגענען. אַן אַנגסטפולער געדאַנק איז אַדורכגעלאָפן אין דאַניעלס מוח און האָט נישט אויפגעהערט דאָרט צו עגבערן: „ווער ווייסט, וואָס מיטן ברודער וועט הייגט געשען? אַרבעטן שווער וועט ער דאָך נישט קענען, און די עס־עס־לייט זוכן שטענדיק אַזאַ געלעגנהייט, כדי זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט זייערע הינט..."

און אַזוי איז טאַקע געשען.

דאָס איז פאָרגעקומען פאָרמיטאָג. דאַניעל האָט געאַרבעט נישט ווייט פון אים. זיין געדאַנק, זיין גאַנץ וועזן איז געווען פאַרנומען מיט זיין ברודער. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ פּליוסקען אין וואַסער, און גלייך נאָך דעם — געשרייען פון אַ מענטשן און אַ געבילעריי פון הינט. דאָס האָבן די עס־עס־לייט באַמערקט ווי דאַניעלס ברודער, וואָס האָט געאַרבעט ביים ראַנד פון וואַסער, קען קוים רירן מיטן רידל. האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און נאָכגעשיקט די הינט. דער ברודער האָט געשריגן. ער

האָט געמאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו שיצן און ווי ער וואָלט גערופן נאָך הילף. אָבער שוין זיינען די הינט געווען אויף אים און אָנגעהויבן רייסן פון אים שטיקער. דאַניעל האָט גענומען ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט געוואָלט שרייען, לויפן, אָבער די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים, האָבן אים צוגעהאַלטן און פאַרדעקט דאָס מויל. אפילו שרייען האָבן זיי אים נישט געלאָזט. „דיין ברודער וועסטו סיי ווי נישט קענען העלפן" — האָבן זיי אים געזאָגט — „וועסט בלויז זיך אַליין אויסשטעלן אויפן זעלבן טויט, צו דער גרעסטער הנאה פון די הענקער". די געשרייען פון ברודער האָבן דערווייל אויפגעהערט. די הינט האָבן אים גענומען שלעפּן אויף צוריק, צום ברעג. זיין פּנים איז געווען צעריסן. שטיקער לייב זיינען נאָכגעהאָנגען ער איז געווען טויט.

דער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. ווען דאַניעל איז אויף דער נאַכט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז זיין טאַטע ווי יעדן טאָג געשטאַנען און געוואַרט אויף אים און זיין ברודער. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, און דאַניעל האָט געזען, ווי זיין פאָטער איז פּלוצלונג ווי פאַרגליווערט געוואָרן: דער אַלטער טאַטע האָט באַמערקט, אַז דאַניעל איז אַליין. ער האָט נישט געשריגן, אפילו נישט געוויינט. זיין פּנים איז געווען ווייס ווי קאַלך. אויף צומאָרגנס האָט דאַניעל, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט אים מער נישט געטראָפן. אין מיטן דער נאַכט איז ער צוגעלאָפן צו די עלעקטרישע פאַרצוימונגס־דראָטן, און איז פאַרקוילט געוואָרן. ער האָט מער נישט געקאָנט איבערטראָגן די לײדן.

אָט די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין משפּחה האָט איצט דאַניעל, אַ פיבערדיקער, ווי אין אַ שרעקלעכן קאָשמאַר, ווידער איבערגעלעבט. קלעפּ פון פאַלנדיקע ציגל האָבן זיך דערהערט אַרום. דאָך האָט דאָס חרובע הויז זיך געקרישלט פון דער שרפה און זיך גענומען פאַנאַנדערפאַלן. אַלע אינעם אונטערערדישן דורכגאַנג זיינען געווען פול מיט אַנגסט: צי וועט דאָס הויז ביים איינפאַלן נישט איינברעכן דעם קעלער און צודעקן דעם בונקער? — האָבן מיר זיך געפרעגט מיט שרעק. אָבער דאַניעל איז געלעגן ווי פאַרהלשט און האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. זיינע ליפּן האָבן ווייטער געשעפּטשעט אָפּגעהאַקטע, קוים פאַרשטענדלעכע

ווערטער. אויף זיינע באַקן האָבן זיך געקייקלט גרויסע טראָפּנס טרערן. פון צייט צו צייט האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט ווי זיין אַ געבעט און האָט געפּליסטערט: מאַמע... טאַטע... צי האָט ער זיי ווידער געזען אין זייער גאַנג צו אומקום און האָט געוואָלט זיי קומען צו הילף? אָדער האָט ער אין זיינע ליידן אַליין געלעכצט נאָך זייער גלעטנדיקער, שיצנדיקער האַנט?

פּלוצלונג האָט דאַניעל זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן און ווי אַ באַנומענער, ווי נישט מיט זיין קול, גענומען שרייען: טאַטע, מאַמע. ער האָט זיך געריסן פון זיין פּלאַץ, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַוועקזעצן, זיך אויפשטעלן, לויפן. אָבער אין דעם האָט מיט אַ מאָל עפּעס אָפּגעהילכט ווי אַ שטאַרקער דונער. און דאַניעל איז צוריקגעפאַלן אויף דער ערד, און מיר אַלע צוזאַמען מיט אים. דאָס איז דאָס חרובע הויז פונאַנדערגעפאַלן איבערן קעלער און האָט פאַרשאָטן דעם בונקער. דער קעלער האָט טאַקע אויסגעהאַלטן און זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן, אָבער אַלץ איז געווען פאַרשאָטן, אפילו דאָס קליינע פענצטערל, האַרט ביי דער ערד. קיין שום אַרויסגאַנג, אחוץ צום פינצטערן קאַנאַל מיטן שמוציקן, קלעפּיקן וואַסער, איז מער נישט געווען.

* *
*

ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געלעגן באַטויבטע פונעם דונערדיקן אָפּהילך פון קראַכנדיקן הויז, האָט קיינער פון אונדז אַליין נישט געוווּסט. אַלע זיינען געווען אויסגעצויגן אויף דער ערד, און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ממש קיין באַוועגונג נישט געמאַכט. עס איז געווען, ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט, אַז מיטן מינדסטן ריר וועלן מיר אַראָפּציען די משא ציגל און גרוז אויף זיך, און זי וועט אונדז צודעקן אויף אייביק.

די צייט איז געפּלאָנטערט לאַנגזאַם, שווער. די שטילקייט און פינצטערניש האָבן געדריקט אויפן האַרצן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועט זיך עס שוין ציען אָן אַ סוף. מיט אַ מאָל האָט זיך געהערט אַ שאָרך: „ווער קריכט דאָרט?" — האָט חנה זיך אויפגעריסן פון אָרט. דאָס האָט איינגאַנץ דער ערשטער זיך גענומען דראַפּען צום קעלער, זען וואָס דאָרט איז געשען. אַלע זיינען

געבליבן זיצן שטיל, אָנגעשטרענגט, מיט די בליקן און מיטן געהער געווענדט אין דער ריכטונג פון קעלער. באַלד האָט זיך אָבער דערהערט אַ פאַרשטיקט געוויין און געבראָכענע שטימע: „מיר זיינען פאַרלוירן... מיר האָבן נישט מער קיין אַרויסגאַנג... מיר זיינען אַזוי ווי אין אַ קבר... מיר וועלן דאָ שוין אַזוי אויסגיין און קיינער וועט אפילו נישט וויסן דערפון“... — האָט איגנאַץ צוריקקריכנדיק געהאַלטן אין איין מורמלען.

במשך פון אַ לאַנגער ווײַלע האָט ער אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין פאַרצווייפלונג. יעדער פון אונדז האָט זיך שוין געזען, ווי ער ליגט אַזוי טעג און אפשר וואָכן אָן עסן, אָן טרינקען, פאַרלירנדיק כסדר דאָס לעצטע ביסל כוחות און צאַנקענדיק אין לאַנגזאַמער גסיסה צווישן די ראָיענדיקע שטשורעס פון קאַנאַל, וואָס וועלן אים אפשר נעמען אויפפרעסן נאָך איידער ער וועט אויסהויכן די נשמה. אָבער דער ווילן צו לעבן האָט שנעל גענומען די אויבערהאַנט און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן קריכן צום קעלער, כדי צו זוכן עפּעס אַ מיטל, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען פון פינצטערן קבר און געפינען אַ וועג צו דער דרויסנדיקער וועלט. אינסטינקטיוו האָט יעדן געצויגן צו די שטיגן, דורך וועלכע מיר זיינען אַריין, און וועלכע זיינען איצט געווען פאַרשאָטן מיט טאָנען ציגל און גרוז.

יעדער פון אונדז האָט זיך איצט געריסן עפּעס צו טאָן, כדי צו פּרוון דורכהאַקן כאָטש אַ שטיקל שפּאַלט צו דער אָפענער וועלט אַריין. קיינער האָט מער נישט געפילט די מידקייט, די נעץ, וואָס האָט דורכגעווייקט די בגדים, די היץ, וועלכע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געפּאַרעט די לייבער. קיינער האָט אויך מער נישט געשפּירט דעם הונגער, דעם דורשט. איין ווילן האָט אַלעמען דורכגענומען: געפינען אַן עפענונג — זאָל עס זיין די סאַמע קלענסטע. אַלע זיינען צוריק געוואָרן מענטשן מיט ווילן, מיט ענערגיע, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

יצחק, דער נישט פאַרענדיקטער דאָקטער, איז געוואָרן אַן אַרכיטעקט. „גראַבלט נישט יעדערער באַזונדער — האָט ער אויסגעשריגן — מען דאַרף גיין מיט אַ סדר. נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר זענען עפּעס דערגרייכן“. און באַלד איז געמאַכט געוואָרן דער

פּלאַן: דורכגראָבן א עפענונג אין דער ברייט פון אַ מענטש, נישט ווערטיקאַל, נאָר אַ ביסל זייטיק, און אַזוי לאַנגזאַם, ביסלעכווייז זיך עפענען אַ וועג צום דרויסן. „עס איז נישט שווער, מיר וועלן עס באווייזן" — האָט יצחק אַלעמען צוגעגעבן מוט, און מען האָט זיך גענומען מונטער אַרבעטן.

קיין געצייג צום גראָבן איז נישט געווען. דאָ און דאָרט האָבן מיר געפונען שטיקלעך האָלץ, וועלכע מיר האָבן באַנוצט אָנשטאָט רידלס. אַנדערע האָבן געגראַבלט מיט הוילע הענט. עס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט זי אויסגעזען אומגלויבלעך, אוממעגלעך דורכצופירן. און דאָך האָט קיינער נישט געפילט קיין שום שוועריקייט. די האָפענונג צו קענען אַרויסקומען צו דער ליכטיקער שיין, און דאָס באַוווסטזיין, אַז די רויטע אַרמיי איז נישט ווייט, האָט אַלעמען אָנגעגאָרט מיט נייע כוחות. גאַנצע צוויי טעג האָבן מיר אַזוי, כמעט אָן אויפהער, געגראַבלט, געגראָבן. מיר האָבן כמעט נישט געגעסן און נישט געטרונקען. מען האָט געמוזט זיין זייער שפּאָרזאַם מיטן אָרעמען פּראָוויאַנט. דעריבער האָב איך פאָרגעלייגט אַ רעגולאַמין פאַרן „בונקער־קאָלעקטיוו", ווי איך האָב עס אַ נאָמען געגעבן: דריי שטיקלעך צוקער אַלע דריי שעה און פאַרטרינקען מיט דריי שלוקן וואַסער. אַזוי פיר מאָל אַ טאָג, און די איבעריקע צייט — שלאָפן.

אויפן דריטן טאָג איז געשען דער נס: אַן ערשטער שפּאַלט האָט זיך באַוויזן, און אַ שמאָל פּאַסיקל ליכט איז אריינגעדרונגען אין בונקער. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט פיל פאָרזיכט האָבן מיר אויסגעברייטערט דעם שפּאַלט, און אין אַ ווײַלע שפּעטער האָבן מיר דערזען אַ שיינעם, ליכטיקן הימל, מיט אַ פּראַכטפולער זון. דער נאָך האַלב־פינצטערער קעלער האָט אונדז אויסגעזען איצט מאָדנע העל, און אַ העלקייט איז אויך אויפגעקומען אין אונדזערע פינצטערע געמיטער. אַ נייער קוואַל פון מוט און האָפענונג האָט אויפגעריזלט אין אונדז.

קאַפּיטל צוויי

מיר האָבן נאָך רעכט נישט באַוויזן אײנצוזאַפּן אין זיך די ליכטיקע זונען=שטראַלן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין אונדזער בונקער דורך דעם אָפּענעם, מיט אַזוי פֿיל מי אויסגעגראַבלטן שפּאַלט, ווי אַ נײַע געפֿאַר איז אויפֿגעקומען פֿאַר אונדז און האָט אונדז געצוווּנגען שנעל צו פֿאַרמאַכן די עפֿענונג.

אַנטדעקט די געפֿאַר האָט איגנאַץ, ווען ער האָט דורכן געעפֿנטן שפּאַלט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און גענומען פֿאָרשן מיט די אויגן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, האָט ער בײַ אַ דערנעבנדיק, האַלב=חרובֿ הויז, וואָס איז געווען טיף אין הויף באַמערקט אַ גרויסן הונט. אויך דער הונט האָט אים דערזען, און האָט זיך גלײַך אַ לאָז געטאָן מיט אַ ווילדער בילערײַ צו אונדזער בונקער.

בליץ=שנעל האָט איגנאַץ זיך צוריקגעצויגן און אין אײַלעניש גענומען פֿאַרשטאָפּן די עפֿענונג מיט די שטיינער און ציגל, וואָס זײַנען געווען צוגעגרייט אויף זי צו מאַסקירן. דער הונט איז שוין געווען בײַם שפּאַלט און האָט מיט די לאַפּעס זיך געדראַפּעט, ווי ער וואָלט געזוכט אַרײַנצוקומען אינעווייניק. מיר האָבן אַלע גלײַך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און לאַנגזאַם, מיט קלאַפּנדיקע הערצער און אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, זיך גענומען שאַרן צו דער לאָך, וואָס האָט געפֿירט צום קאַנאַל. מיר זײַנען געווען זיכער, אַז אין דרויסן אויפֿן הויף געפֿינען זיך דײַטשן. וואָרעם אויב ס'איז דאָ אַ הונט, מוז דאָך ווער זײַן מיט אים, און ווער אַנדערש האָט עס געקענט זײַן אויב נישט דײַטשן? מיר זײַנען אַזוי אַרום ווידער געבליבן אָן אַן אַרויסגאַנג צו דער דרויסנדיקער וועלט, אָן עסן, אָן וואַסער צו טרינקען. די האָפֿענונג, וואָס איז אויפֿגעקומען אין אונדז, איז ווידער געוואָרן אויסגערונען.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן לאַנג, ווי טעג, ווי יאָרן גאַנצע. קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. יעדער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אונדז, ווען די דייטשן, געפירטע דורכן הונט, וועלן באַלד צוקומען צו אונדזער בונקער און געפינען די פאַרמאַסקירטע עפענונג. און אַז אַזוי וועט עס זיין, האָט קיינער נישט געצווייפלט.

וואָס וועט דאַן געשען? די דאָזיקע פראַגן האָבן נישט אויפגעהערט צו בויערן אין אונדזערע מוחות. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַראָפּלאָזן זיך דורך דער שמאָלער עפענונג צו אונדז אין בונקער אַריין, וועלן די דייטשן נישט וואַגן, ווייל בלויז איינציקווייז וואָלטן זיי געקענט אַריינדרינגען צו אונדז, און דאָס אויך מיט גרויסע שוועריקייטן, שאַרנדיק זיך אפריער מיט די פיס און דערנאָך מיטן גאַנצן קערפּער. זיי וואָלטן דאַן קיינער נישט אַרויס לעבעדיק פונעם בונקער, ווייל מיר וואָלטן יעדן איינעם פון זיי דערהרגעט, נאָך איידער ער וואָלט באַוויזן צוצוקומען צו אונדז. בלייבן פאַר זיי בלויז די צוויי אַנדערע מיטלען, וואָס פלעגן שטענדיק ווערן אָנגעוואָנדן קעגן די בונקערס: אָדער אַראָפּלאָזן אַ באָמבע, וואָס זאָל אויפרייסן אינעווייניק, אָדער אַריינלאָזן גאַז אויף אונדז צו דערשטיקן. אין ביידע פאַלן וועלן מיר זיין אַלע פאַרמשפּט צו אַ שווערן טויט, אָבער קיין לעבעדיקע וועלן זיי אונדז נישט נעמען און פייניקן וועלן זיי אונדז נישט קענען...

אָט אַזוי זיינען מיר לאַנג געלעגן, יעדער פאַרזונקען אין די זעלבע מאַטערנדיקע געדאַנקען. די נערוון זיינען געווען אָנגעשטרענגט ביז צום עקסטרעם. ס'האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז מען הערט שוין טריט ביים בונקער, אַז מען רינגלט אונדז אַרום, אַז אָט־אָט וועט אויפפּלאַצן אַ באָמבע אָדער אַריינדרינגען דער גאַז, און אַ טיפע פאַרצווייפלונג האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. אין אָט דער שווערער אַטמאָספער האָט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן, מיט עפּעס איבערהאַקן די טויטע שטילקייט, אָבער קיינער האָט נישט געפונען קיין פאַסיק וואָרט, וואָס זאָל קענען לייכטער מאַכן דאָס דריקנדיקע געמיט. עס איז געבליבן בלויז צו טאָן איין זאַך: וואַרטן שטילערהייט ביז ס'וועט אָנקומען די נאַכט און פרווון דעמאָלט געוואָר ווערן, ווי עס זעט אויס אין דרויסן. און אַזוי האָבן מיר שטיקע געטאָן.

*

* *

ווען עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט הנה די ערשטע זיך אַ הויב געטאָן און געזאָגט:

— איך וועל אַרויסגיין אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויפן הויף. ווער גייט מיט מיר?

און זי האָט זיך גענומען שאַרן צו דער עפענונג.

— איך גיי מיט — האָב איך געזאָגט — און האָב גלייך זיך אָנגעהויבן שאַרן נאָך איר.

מיר האָבן שטילערהייט, אויסמיידנדיק דעם מינדסטן גערויש, אָיועקגערוקט די אָנגעהויפטע ציגל און שטיינער, און ווען די עפענונג האָט זיך גענומען באַווייזן, האָבן מיר מיט גרויסער פאָרזיכטיקייט אַרויסגעבליקט אין דרויסן. אַ העלע לבנה־שיין האָט באַלייכטן דעם חרובן אַרום, אָבער אַלץ איז געווען שטיל, און קיין סימן פון אַ לעבעדיקן מענטשן איז נישט געווען צו באַמערקן.

מיר האָבן נאָך אויסגעוואַרט אַ ווײַלע ביי דער עפענונג, פאָרשנדיק מיט די אויגן די אומגעגנט און צוהערנדיק זיך מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צו דער דרויסנדיקער שטילקייט. דערנאָך, פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק, האָבן מיר גענומען אַרויסקריכן פון בונקער און זיך יזערעווען צום הויף. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. אַ באַרג פון אָנגעשאָטענע ציגל און גרוז האָט זיך געפונען ביים אַרויסגאַנג און ביי יעדן טריט פון אונדזערע באָרוועסע פיס, טראָץ אונדזער גאַנצער פאָרזיכטיקייט, האָבן שטיקלעך גרוז זיך געקוילערט און אַרונטערגעפאַלן מיט גערויש. דער עכאָ פונעם צעשאָטענעם גרוז האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט אַזוי הילכיק אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אַז אונדזערע הערצער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון שרעק. מיר האָבן דאָך פאָרגעזעצט דעם וועג, בלייבנדיק שטיין כמעט נאָך יעדן שריט, און אַזוי, ביסלעכווייז, האָבן מיר זיך צוגעשאַרט צו דעם האַלב־חרובן הויז, פון וואַנען דער הונט איז אַרויסגעגאַנגען בייטאָג.

דאָס הויז האָט זיך קוים געהאַלטן. די אויבערשטע שטאָקן זיינען געווען פאַרברענט. איין וואַנט איז געהאָנגען ווי אין דער לופטן, גרייט אָט־אָט איינצופאַלן. אַלץ איז דאָרט געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. די פענצטער, מיט אויסגעהאַקטע שויבן

און פאַרברענטע ראַמען, האָבן אויסגעזען ווי מאָדערנע סקולפּטורן לעבער און נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם חורבן. מיר זיינען שטיל צוגעגאַנגען צו איינעם אַזאַ פענצטער און אַריינגעקוקט אינעווייניק. אין צימער איז געווען פינצטער, און בלויז דער אָפּשיין פון דער לבנה־ליכט האָט אונדז דערמעגלעכט צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרט. אַ גרויסע אומאָרדענונג האָט דאָרט געהערשט. גרויז און צעבראָכן מעבל האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום אויפן דיל. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ בעט און אויף אים — אַ פעקל שמאַטעס. דערנעבן, צופוסנס פון בעט, איז געלעגן דער הונט.

איידער מיר האָבן נאָך צייט געהאַט געגוי אַלץ צו באַטראַכטן, האָט פּלוצים, פון אונטער דעם פעקל שמאַטעס, זיך אַ הייב געטאָן אַ קאָפּ, און אַ פרויען־שטימע האָט אָפּגעקלונגען: „קטאָ טאַם?“ (ווער איז דאָרט?), באַגלייט באַלד פונעם בילן פון הונט. אַנטלויפן האָבן מיר שוין נישט געקענט; דער הונט וואָלט אונדז נאָכגעיאָגט. האָבן מיר געענטפערט אויף פּויליש: „סוואָיע“ (אייגענע). די פרוי האָט גלייך גענומען באַרואיקן דעם הונט, ער זאָל אויפהערן בילן, און האָט אונדז אַריינגעבעטן אינעווייניק. ווען מיר זיינען אַריין אין צימער, האָט דער הונט זיך שוין געדרייט אַרום אונדז און אונדז אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי מיר וואָלטן געווען אייגענע, און ווען חנה האָט אים אַ גלעט געגעבן איבערן קאָפּ, האָט ער הכנעהדיק זיך אַוועקגעלייגט ביי אירע פיס.

די פרוי האָט אַוועקגערוקט די שמאַטעס און מיר האָבן זי געקענט בעסער אָנקוקן. זי האָט אויסגעזען איבער די פערציקער. זי איז זיכער אין דער יוגנט געווען אַ זייער שיינע, אָבער איצט האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ האַלב־טויטע. בלויז די אויגן זיינען געווען פול מיט לעבן. זיי האָבן געגליט ווי מיט אַן אינערלעך פייער און האָבן געקוקט שאַרף, שפּיציק, אַז עס האָט געשראָקן. נאָך איידער זי האָט גענומען רעדן, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, אַז זי איז נישט ביים קלאָרן זינען.

די פרוי האָט נישט געוואַרט, אַז מיר זאָלן איר זאָגן ווער מיר זיינען. זי האָט אַליין אָנגעהויבן:

— איר זייט יידן... איר געפינט זיך אינעם קעלער אונטן... איך האָב געזען, ווי איר זייט דאָרט אַריין... איר ווילט זיך דאָרט ראַטעווען... איר וועט אָבער שטאַרבן אינעווייניק, אין קעלער...

מיר האָבן גאָרנישט געענטפערט. אַן אומחיימלעכע שטילקייט האָט אַ ווײַלע געהערשט. דערנאָך האָט איר חנה אַ פרעג געטאָן:

— און פאַרוואָס בלײַבט איר דאָ, אינעם חרובן הויז? ווען די דײַטשן וועלן אײַך געפינען, וועלן זיי אײַך דאָך דערהרגענען...

— מיט מיר איז עפּעס אַנדערש — האָט זי געענטפערט — און אירע אויגן זײַנען געוואָרן נאָך שאַרפער, נאָך גליאיקער. — איך קען נישט אַוועקגיין פון דאַנען. איך מוז דאָ בלײַבן, איך דאַרף דאָך וואַכן איבער מײַנע קינדער, איבער מײַן אַלטער מאַמע. ווי אַזוי קען איך זיי איבערלאָזן? וואָס וועלן זיי טאָן אָן מיר?

זי האָט אַרויסגעזאָגט אָט די ווערטער מיט אַזאַ ערנסט, מיט אַזאַ איבערצײַיגונג אין דער שטים, ווי אירע קינדער און איר מאַמע וואָלטן זיך געפונען דערנעבן, אין אַ צווייטן צימער. אָבער קיין שום טיר האָט נישט געפירט צו קיין צימער. חנה האָט איר דערי־בער אַ פרעג געטאָן:

— ווו־זשע זײַנען אײַערע קינדער, אײַער מאַמע? איך זע דאָך, אַז איר זײַט אַליין?

די פרוי איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט — אַזוי האַסטיק, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן. זי האָט אונדז גענומען שלעפּן פאַרן אַרבל, און מיט אַ הייסער, שעפּטשענדיקער שטים אונדז אַרײַנגערעדט אין פּנים אַרײַן: „קומט, קומט, וועל איך אײַך ווײַזן". זי האָט אונדז צוגעשלעפּט צום פענצטער, אָנגעוויזן אויף אַן אײַנגעפאַלן הויז, מיט אַ פּאָר צענדליק מעטער ווײַטער, און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געבראָכענער שטים:

— אָט דאָרט האָב איך געוווינט מיט מײַנע צוויי קינדער און מײַן אַלטער מאַמען... מײַן זונעלע פעליקס איז אַלט געווען צוועלף יאָר און מײַן טעכטערל מאַריאַ ניין יאָר... מײַן מאַן קאַ־זשימיעזש איז אַוועק אין קריג... און ביים געזעגענען זיך, האָט ער מיר אָנגעזאָגט גוט צו היטן די קינדער... און איך האָב זיי גע־היט... איין טאָג בין איך אַרויס פון שטוב באַלד אין דער פרי... געוואָלט שאַפן אַ ביסל עסן פאַר די קינדער... די שפּײַז, וואָס איך האָב געהאַט, איז שוין געווען אויסגעגאַנגען... שוין וואָכן ווי אונ־דזערע האָבן זיך געשלאָגן... יאָ... אפילו מײַן פעליקסל האָט דאָן צוגעהאָלפן... און נישט נאָר ער... אויך אַנדערע קינדער זײַנען גע־לאָפן מיט די פלעשער אויפרייס־מאַטעריאַל אונטער דײַטשע טאַנ־

קען... ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן ביסל עסן, איז דאָס הויז שוין געלעגן איינגעפאַלן... אַלע פאַרשאָטן אונטער די חורבות... און איך האָב מער נישט געקענט אַריינגיין צו מיינע קינדער... מער נישט געזען מיין מאַמען...

אַ טיפער ווייטיק האָט אַרויסגעקוקט פון איר פּנים. קיין שום אומנאָרמאַלס האָט מען אין דעם מאָמענט נישט געקענט באַמערקן ביי איר. פּלוצים האָט זי זיך אָבער אין גאַנצן געענדערט. אירע אויגן האָבן גענומען שיטן מיט פייער. איר שטים איז געוואָרן הייזעריקלעך, און פייטלענדיק מיטן פינגער צום הויז, האָט זי גע־זאָגט מיט פעסטקייט און זיכערקייט:

— אָט דאָרט זיינען זיי... אָט דאָרט שלאָפן זיי... און איך מוז זיי היטן... מיין מאַן קאַזשימיעזש וועט אַ טאָג צוריקקומען, און ער קען מיך נאָך שלאָגן, אויב איך וועל זיי לאָזן אַליין...

מיר זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערטע אויפן אָרט, און האָבן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. מיר האָבן שוין נישט גע־דענקט נאָך וואָס מיר זיינען געקומען. מיר האָבן אויך פאַרגעסן, אַז מיר האָבן איבערגעלאָזט אין בונקער פינף קלאַפּענדיקע הער־צער פון שרעק. אונדזערע אויגן זיינען איצט געווען צוגעשמידט צו די חורבות אַרום.

אַ קלאַפּ פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם ציגל פונעם האַלב־פאַר־ברענטן הויז האָט אונדז אויפגעוועקט, און אונדז צוריקגעפירט צו דער ווירקלעכקייט. קיין וואַסער האָבן מיר דאָ נישט געפונען. קיין עסן אוודאי נישט. מיר האָבן בלויז באַגעגנט אַ נייע געפאַר: די פרוי מיט די אומקלאָרע געדאַנקען און דער הונט וועלן פריער אָדער שפּעטער זיכער ברענגען די דייטשן צו אונדזער באַהעלטע־ניש. און אַ געדאַנק איז אונדז איינגעפאַלן: אפשר מיטנעמען די פרוי מיט אונדז, אין אונדזער בונקער, און אַזוי אַרום אָפּווישן די שפּורן, וואָס קענען פירן צו אונדז די דייטשן? אָבער ווען חנה האָט עס איר פאָרגעלייגט, האָט זי צוריק זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, זיך איינגעגנורעט אין די שמאַטעס און פאַרעקשנט כסדר איבער־געחזרט:

— איך קען נישט אַוועקגיין... ווי אַזוי אַוועקגיין... איך מוז דאָך היטן מיינע קינדער...

מיר האָבן זי איבערגעלאָזט און זײַנען שטיל אַרויס. די פרוי האָט ווידער באַרואיקט דעם הונט, ער זאָל נישט בילן, און דאָס איז געווען אַ גוטער סימן. מיר זײַנען פונדעסטוועגן נישט אַוועק דירעקט צו דער עפענונג פון בונקער, נאָר געמאַכט אַן אומקרייז, און פון דאָרט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן באַרג גרוז. „זאָל זי נישט זען, אַז מיר גייען דאָרט אַריין, אויב זי וועט קוקן דורכן פענצ־טער" — האָבן מיר געקלערט.

ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעשאַרט אינעווייניק און אונדזערע פינף חברים האָבן אונדז דערזען לעבעדיקע, האָבן זיי טיף אָפּגע־אָטעמט פון דערלייכטערונג. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע פנימער, און צוזאַמען דערמיט אַן אומגעדולד צו דערוויסן זיך, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן. זייער הייטערע שטימונג האָט זיך געענדערט, ווען מיר האָבן זיי דערציילט וועגן דער משוגענער פוילישער פרוי, וואָס מיר האָבן געטראָפן אויפן הויף. אין בונקער איז געוואָרן טויט־שטיל. יעדער האָט געגומען טראַכטן וועגן דער דאָזיקער נייער סכנה. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. יעדער איז געווען מיד, הונגעריק, דורשטיק. אָבער קיינער האָט דאַן נישט געקלערט וועגן עסן, טרינקען אָדער רוען. קיינער האָט אין יענעם מאָמענט נישט געפילט אויך די שמוציקע ערד פונעם בונקער און די פאַרפּעסטעטע לופט, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען פון קאַנאַל — די איינציקע לופט, וואָס מיר האָבן געהאַט צו אָטעמען. דער גאַנצער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט דער פרוי און איר הונט: ווי אַזוי פאַרמײַדן אָט די טויט־געפאַר.

קיין סך מיטלען דערצו זײַנען נישט געווען. ס'איז געבליבן פּאַקטיש איין אויסוואַל, וועגן וועלכן אַלע האָבן שטיל געטראַכט אין דער פינצטער און איעדער האָט בײַ זיך געפרעגט: צי איז יושרדיק, אַז זיבן מענטשלעכע לעבנס זאָלן אומקומען צוליב איין אומנאָרמאַלער פרוי? אָבער קיינער האָט עס נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען פון זיין מויל. אפילו דער דרייסטסטער צווישן אונדז, יצחק, האָט בלויז אַ מורמל געטאָן, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, און ווי ער וואָלט עס אַ זאָג געטאָן אַזוי־אָ, פאַר זיך:

— כ'האָב מורא, אַז מיר'ן מוזן אויסקלייבן: אָדער מיר וועלן שטאַרבן, אָדער זי...

און ער האָט גלייך אָפּגעהאַקט

דאָס זיינען געווען פיינלעכע מינוטן פון געראַנגל צווישן דעם ווילן פון לעבן און דעם געוויסן. אַמשווערסטן איז געווען מיר און חנהן. די אַנדערע האָבן סוף כל סוף די פרוי נישט געזען און זיי האָבן זיך געקענט אויסמאָלן איר געשטאַלט אין געדאַנק ווי אַ געשטאַלט פון שונא. אָבער איך און חנה האָבן נישט געקענט אַנדערש טראַכטן וועגן איר ווי מיט רחמנות און מיטגעפיל. האָבן מיר דעריבער פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל נאָך צוואַרטן ביז אויפצומאָרגנס ביינאַכט: זאָלן אַנדערע אַרויסגיין צו איר — האָבן מיר געזאָגט — זאָלן זיי רעדן מיט איר, אפשר וועלן זיי זי דאָך באַווירקן אַראָפצוקומען צו אונדז אין בונקער אַריין; און דערווייל לאָמיר זיין גרייט ביי דער לאָך פון קאַנאַל, כדי צו קענען אַהין אַריינלויפן אין פאַל, ווען עפעס וועט געשען.

אַלע זיינען גלייך מסכים געווען, און מען האָט געשפירט, ווי ביי יעדן איז דערווייל אַראָפ ווי אַ שטיין פון האַרצן. די ווילדקייט און גרויזאַמקייט, פון וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעזען, האָבן צום גליק קיינעם פון אונדז נישט אָנגעשטעקט. און יעדער פון אונדז וואָלט אויסגעקליבן בעסער די שרעק פאַרן אייגענעם לעבן, ווי די פייניקונג פון געוויסן. אין אַזאַ געמיט האָט יעדער זיך אַריינגענורעט אויפן אָרט, וווּ ער איז געזעסן, און זיך געקליבן איינצושלאָפן. עס איז שוין אוודאי געווען נישט ווייט פון טאָג, און ס'איז געווען די העכסטע צייט, נאָך אַלע פאַסירונגען פון פאַרגאַנגענעם טאָג, זיך אַ ביסל אויסצורוען.

*

*   *

אַ דומפ שעפטשען מיט אַ פאַרשטיקט, געבראָכן קול האָט איבערגעריסן די שטילקייט פון דער נאַכט און נישט געלאָזט אונדז איינשלאָפן. „מיינע אָרעמע קינדער... פאַרוואָס האָב איך זיי איבערגעלאָזט אַליין...“ — האָט דאָס קול כסדר איבערגעחזרט אין אַ שטיל געפליסטער, ווי עס וואָלט גערעדט פון שלאָף.

דאָס האָט איגנאַץ זיך דערמאָנט אין זיינע זעקס קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין געטאָ. דאָס קול האָט פאָרגעזעצט מיט אַלץ מער געבראָכנקייט: „איך בין אַליין שולדיק אין אַלץ... איך האָב נישט געטראַכט... און צוליב מיר וועט איר איצט אַלע אומקומען... אויך דעמאָלט בין איך אַזוי אַנטלאָפן... זיך באַהאַלטן

אין אַ קעלער ווי דאָ... איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיט די זעקס קינדער..."

קיינער פון אונדז האָט זיך נישט אָפּגערופן. מיר האָבן בלויז אָנגעשטעלט אויף אים אונדזערע בליקן. און איגנאַץ, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַראָפּרעדן פון האַרצן, האָט זיך אויפגעזעצט, און האָט גענומען רעדן, מיט דער זעלבער שטים, ווי ווידער פאַר זיך אַליין:

„איך בין געבוירן געוואָרן אין וואַרשע... אַלע מיינע יאָרן שווער געאַרבעט... נאָך אַלס קינד שוין געמוזט העלפן דעם טאַטן צו דער פרנסה... אין זיין אַרבעט ווי אַ קיילער אין שעכטהויז...

ווען איך בין עלטער געוואָרן בין איך אָנגעקומען פאַר אַ געזעלן אין אַ יאַטקע, האָב שווער געאַרבעט, געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, געוואָלט עס זאָל זיך ענדיקן מיטן הונגער־לעבן... און דערנאָך, ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין רחלען, האָבן מיר ביידע, איך מיטן ווייב, געהאָרעוועט, זיך „דעראָביעט" צו אַן אייגענער יאַטקע..."

„דערנאָך זיינען געקומען די קינדער אויף דער וועלט... זעקס קינדער... פיר מיידלעך און צוויי יינגלעך... דער עלטסטער, יאָסעלע, וואָלט שוין היינט אַלט געווען פערצן יאָר..."

איגנאַץ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט:

„ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אין געטאָ... זאַלבע אַכט, צוזאַמען מיט מיין ווייב און מיינע זעקס קינדער, האָבן מיר געוווינט אין אַן ענגן צימער אויף דער מילאַ־גאַס... אײדער וואָס־ווען האָבן מיר גענומען הונגערן... כ'האָב ביסלעכווייז אַלץ אויספאַרקויפט, אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן אַלץ ערגער. איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן פון צער און ווייטיק, קוקנדיק אויף מיינע הונגעריקע קינדער... אָבער נאָך ערגער איז געווען, ווען איך פלעג אַרויסגיין אויף דער גאַס... אויפן ברוק האָבן זיך געוואַלגערט קליינע, אויסגעדאַרטע קינדער, מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך נאָך אַ שטיקל ברויט... זיי זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז זיי האָבן נישט געקענט מער שטיין אויף זייערע פיסלעך... איך פלעג דאַן געמען לויפן ווי אַ משוגענער צוריק אַהיים... ס'איז געווען די צייט פון די נאַצישע „אַקציעס" אין געטאָ, און איך האָב געקלערט, אַז טאָמער כאַפּט מען מיך און מען שיקט מיך אַוועק, וועלן מיינע קינדער האָבן דעם זעלבן גורל..."

אינגאַץ האָט זיך פּלוצים צעשריגן: „ווי האָב איך זיי געקענט לאָזן אַליין? ווי אַזוי?“. און ווי ער וואָלט געפּרוווט זוכן פאַר זיך אַליין אַן ענטפער, אַ פאַרענטפערונג, האָט ער שנעל גענומען רעדן:

„איך בין געוואָרן ווי צעטומלט פון זייערע ווילדע געשרייען... די עס־עס־לייט מיט זייערע מיטהעלפער האָבן מיך אין גאַנצן צעמישט... געווינלעך, ביי יעדער אַקציע אין געטאָ, פלעג איך שטענדיק קודם־כל זוכן צו ראַטעווען די קינדער... צענדליקער מאָל האָב איך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן מיינע קינדער אין אַ קעלער אָדער בוידעם. אָבער דאָס מאָל... עס איז געווען אין אַן אינדערפרי שוין אין אָנהייב 1943... די אַקציעס אויף כאַפּן יידן זיינען דאַן געווען אַלץ אָפטער... איך בין גראָד געווען אויף דער גאַס... געוואָלט שאַפן עפּעס עסן פאַר מיינע הונגעריקע קינדער... מיט אַ מאָל האָב איך דערזען ווי די עס־עס־לייט גיבן זיך אַ לאָז איבערן געטאָ... מיט זיי זיינען געווען אויך די אוקראַאינער אין גראַנאַט־מונדירן און די יידישע פּאָליציי... מיט ווילדע קולות האָבן זיי גענומען שלעפּן אַלץ, וואָס זיי האָבן געטראָפן... צו דעם זיינען צוגעקומען די געוואַלדן פון די פרויען, דאָס געוויין פון די קינדער... כ'בין געוואָרן אין גאַנצן צעמישט, כ'האָב פאַרגעסן אין אַלץ און גענומען לויפן ווי אַ באַנומענער... איך בין אַזוי אַריינגעלאָפן אין עפּעס אַ הויז, זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קעלער, זיך אַריינגעגראָבן אונטער אַ פאַס און געוואַרט... ווי לאַנג, ווייס איך אַליין נישט... ווען איך בין ענדלעך צוריק אַרויס אויף דער גאַס, איז דאָרט געווען טויט־שטיל... קיין לעבעדיקער נפש נישט געווען... מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ בין איך געלאָפן צו מיר אַהיים... איך האָב זי געטראָפן פּוסט... נישט געווען מער נישט מיין ווייב, נישט מיינע זעקס קינדער...“

אינגאַץ האָט ווידער גענומען יאָמערן:

„ניין! איך האָב זיי נישט געטאָרט לאָזן אַליין... איך וואָלט זיי אפשר געקענט ראַטעווען... איך האָב זיך אויפגעפירט נישט ווי אַ טאַטע... גאָטס קללה איז איצט אויף מיין קאָפּ... איך וועל דאָ דאַרפן אויסגיין אין פינצטערן בונקער... און איר צוזאַמען מיט מיר...“

ער האָט מיט פאַרצווייפלונג פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און זיך ביטער צעוויינט. די יונגע, צאַרטע הנה האָט זיך דערנענטערט צו

אים. זי האָט אים אַ גלעט געגעבן איבערן קאָפּ, און מיט אַ וואַ־רעמער, אָבער פעסטער שטים געזאָגט:

— ניין, איגנאַץ. נישט איר זייט שולדיק. און נישט קיינער פון אונדז גייז אין עפּעס שולדיק. איין שולדיקער איז דאָ: דאָס איז היטלער, און די אַלע, וואָס העלפן אים צו. און מיר מוזן לעבן. מיר דאַרפן אַלץ טאָן, כּדי צו דערלעבן זייער סוף.

אירע פעסטע ווערטער האָבן אים אַ ביסל באַרואיקט; זיי האָבן אויך אונדז אַלעמען צוגעגעבן מוט. עס גייט מיט אַ מאָל ווי אַ נייע קראַפט אַריין אין אונדז: מיר מוזן זיך דערהאַלטן ביים לעבן, זאָל עס זיין בלויז, כּדי צו זען זייער מפּלה! און מיט אָט דעם געדאַנק זיינען מיר אַלע איינגעשלאָפן.

ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געשלאָפן, ווייס איך נישט. אַ זאַלפּ פון מיטראַיעטן־קוילן פון גאַר־נאָענט האָט אונדז פּלוצים אויפ־געוועקט. מיר האָבן אַלע זיך גלייך געלאָזט צום קאַנאַל, זייענדיק זיכער, אַז מען האָט אויפגעדעקט אונדזער באַהעלטעניש און מען גייט אויף אונדז. אָבער די שיסעריי האָט באַלד אויפגעהערט און אַ גאַנצן טאָג דערנאָך איז געווען רואיק. מיר זיינען געבליבן ליגן אין דער שטיל, זיך נישט גערירט פון אָרט און זיך צוגעהיט צו געבן דעם מינדסטן שאָרך. ווען ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, זיינען איגנאַץ מיט יצחקן אַרויס זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן און פּרוון דערגיין די סיבה פון דער שיסעריי. זיי האָבן לאַנג נישט געדאַרפט זוכן: נישט ווייט פון אונדזער בונקער, נעבן דער וואַנט פון דעם האַלב־הרובן הויז, האָבן זיי געפונען טויטע די משוגענע פרוי מיט איר הונט. די פרוי איז זיכער אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי „צו אירע קינדער“, און די דייטשן האָבן זי באַמערקט און דערהרגעט, צוזאַמען מיטן הונט. דאָס שווערע פּראָבלעם, וואָס האָט אונדז געמאַטערט מיט אַ טאָג צוריק — וואָס צו טאָן מיט דער פרוי — איז אַזוי אַרום אויף אַן אומגעריכטן אופן געוואָרן פאַר אונדז געלייזט...

*

* *

פון פאַרטאָג אָן האָט אַ שטאַרקער האַרמאַטן־געקנאַל, וואָס האָט אויסגעזען צו קומען פון גאַר־נאָענט, אויפגעטרייסלט אונדזער בונקער. די שיסעריי איז — ווי ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט —

געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פּראַגע, און גאָר שנעל איז פון דאָרט געקומען דער ענטפער: אַן ענגלעכע שיסעריי פון האַרמאַטן, וועמענס קוילן זיינען געפאַלן זייער נאָענט פון אונדז. ס'האָט מער נישט געקענט זיין קיין ספק: מיר האָבן זיך געפונען צווישן צוויי פייערן. און טאַקע, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט אַן אָפּטייל פון דער דייטשער אַרטילעריע זיך אינסטאַלירט אויף פּלאַץ נאָווינאַרסקע, אפשר אַ הונדערט מעטער פון אונדזער בונקער. דאָס איז געווען אַ טייל פון היטלערס אַרטילעריע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פּרוּוון אָפּשטעלן דעם סאָוויעטישן פאָרויסמאַרש, און וואָס האָט טיילווייז זיך פאַרמאַסקירט צווישן די חורבות פון דער שטאָט. אויך די אַנדערע טיילן פון דער נאַצישער אַרמיי האָבן זיך גוט פאַרפעסטיקט אין דער שטאָט, און דער פראָנט האָט זיך איינגעשטעלט ביי דער ווייסל. אונדזער האָפענונג, אַז אָט־אָט קומט די סאָוויעטישע אַרמיי און באַפרייט אונדז, האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר פריצייטיק. ס'האָט נאָך געדויערט פיר חדשים ביז די סאָוועטן זיינען אַריין קיין וואַרשע און האָבן אונדז אויסגעלייזט.

דער איינגעשטעלטער פראָנט אין שכנות פון אונדזער בונ־קער און דער כסדרדיקער· אַרטילעריע־דועל פון ביידע זייטן האָט אונדז געשטעלט אין זייער אַ קריטישער לאַגע. די האַרמאַטן־קוילן האָבן, ערשטנס, אַ ליאַדע מינוט געקענט פאַלן אויפן בונקער און אים אויפרייסן. אחוץ דעם האָבן די דייטשע פּאָסטנס אונדז גע־קענט לייכטער אויפדעקן איצט, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון פראָנט. דאָס ערגסטע איז אָבער דערווייל געווען מיט עסן און טרינקען: ווי אַזוי זיך פאַרשאַפן עס אין די איצטיקע באַדינגונגען? כאַסקל, דער פאַרוואַלטער איבערן שפּייז, איז גע־וואָרן פינצטערער פון שעה צו שעה. ער איז בכלל געווען אַ גרוי־סער שווייגער, אָבער איצט האָט ער נאָך ווייניקער גערעדט ווי גע־ווינלעך. אויפן פינפטן טאָג האָט ער שטיל, צווישן די ציין, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן: „באַלד וועט שוין זיין דער לעצטער שלוק וואַסער... ס'לעצטע שטיקל צוקער...“ קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, נישט רעאַגירט מיט גאָרנישט, גלייך ווי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, וואָלט אונדז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. מיר זיינען אַלע געלעגן אַרום דעם לאָך, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל, גרייט צו לויפן אַהין אין פאַל פון אַ געפאַר. די נאַכט האָט דערווייל אָנ־

געהויבן צופאַלן און די שיסעריי איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. ביז זי האָט אין גאַנצן אויפגעהערט (אַזוי איז עס שפּע־טער געווען יעדע נאַכט). מיר זיינען אַלץ געלעגן שטיל, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. אָבער אַלע האָבן קענטיק געטראַכט פון זעלבן: ווי אַזוי בייקומען דעם הונגער און דורשט? ווי אַזוי זיך באַזאָרגן מיט אַ ביסל שפּייז און מיט וואַסער?

דער געדאַנק וועגן שאַפן שפּייז און וואַסער האָט אונדז אינ־גאַנצן פאַרנומען נישט בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן מער נישט געהאַט וואָס צו עסן און טרינקען, נאָר צוליב נאָך עפּעס: אויב אין די ערשטע פינף טעג האָבן מיר געגלויבט, אַז מיר וועלן זיין אין בונקער בלויז אַ קורצע צייט, האָבן מיר איצט פאַרשטאַנען, אַז עס קען אונדז דאָ אויסקומען צו פאַרבלייבן גאַנץ לאַנג. ווי אַזוי־זשע וועלן מיר קענען עקזיסטירן אָן עסנוואַרג, אָן וואַסער צו טרינקען? פאַרזונקענע אין אָט די געדאַנקען, האָבן מיר פּלוצלונג באַמערקט, ווי יצחק גיט זיך אַ הייב אויף און נעמט עפּעס זוכן. דערנאָך האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון אַ בלעכענעם בעקן, מיט וועלכן ער האָט שטיל זיך גענומען דראַפּען צום קאַנאַל אַריין.

— נאָך וואָס גייסטו מיטן בעקן אין קאַנאַל? — האָט אים איגנאַץ געפרעגט.

— איך גיי אָנשעפּן וואַסער צום טרינקען — האָט ער גע־ענטפערט.

— ביסט משוגע? — האָט שוין סאַמעק זיך אָפּגערופן — דאָס ברודנע וואַסער פון קאַנאַל, וואו עס ראַיען די שטשורעס, ווילסטו נעמען צום טרינקען?

יצחק האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַנאַל אַריין און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פולן בעקן וואַסער, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט ביידע הענט אין דער לופטן, כדי נישט צו פאַרלירן קיין טראָפּן.

— חיים — האָט ער צו מיר אַ געשריי געטאָן — נעם עס אַרויף!

און ער האָט מיר אונטערגעטראָגן דעם בעקן, און אַליין זיך גענומען צוריקשאַרן אין בונקער אַריין. ווען ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַ פאַרסאַפּעטער, האָט ער, רייבנדיק די הענט, מיט צו־פרידנקייט, אויסגערופן:

— וואַסער וועט שוין זיין! נישט געזאָרגט...

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. מען האָט געמיינט, אַז ער איז פּשוט אַראָפּ פון זינען. אָבער יצחק האָט פאַרגעזעצט:

— וואָס שווייגט איר אַלע? — איר מיינט, אַז איך בין משוגע? זיר האָט אַ טעות. איך בין מער ווי שטענדיק ביי מיינע קלאָרע געדאַנקען. דאָס וואַסער וועלן מיר אַדורכזייען דורך קוילן און מיר וועלן עס דערנאָך קענען רואיק טרינקען. איך ווייס וואָס איך רעד. איך האָב דאָך געלערנט מעדיצין. אַ ביסל קוילן האָבן מיר דאָ, און דאָס איבעריקע וועלן מיר זיך פאַרשאַפן. ווען עס וועט פינצ־טער ווערן, וועל איך זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן זוכן אַ ביסל האָלץ. וואָס פעלט דאָך נישט אויף די חורבות. דאָס האָלץ וועלן מיר ברע־נען און די קוילן וועלן מיר דערנאָך באַנוצן אויף דורכצוזייען דאָס וואַסער.

מיר זיינען געבליבן ווי פאַרגאַפטע. סאַמעק האָט דאַן אויס־געשריגן:

— אַ פּראַקטיקער איינפאַל. איך וועל מיטגיין מיט דיר ביי־נאַכט. בעתן אויפשטאַנד האָבן דאָך די מענטשן געלעבט אין די קעלערס און אַלץ מיטגענומען אַהין. האָט זיכער עפּעס דאָרט גע־מוזט בלייבן. די דייטשן האָבן דאָך נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און אויך דאָס פייער האָט נישט געקענט אַלץ פאַרצוקן. עפּעס איז זיכער געבליבן. איך בין אי־בערצייגט, אַז מיר וועלן געפינען גאָר נוצלעכע פאַר אונדז זאַכן און אפשר אויך אַ ביסל שפּייז...

דער יונגער, שוואַכער דאַניעל, האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף פון זיין פּלאַץ און גענומען רעדן אַ באַגייסטערטער:

— און איך, מיינט איר, וועל דאָ בלייבן זיצן? איך וועל אויך אַרויסגיין מיט אייך. בעתן אויפשטאַנד האָט מען אויסגע־גראָבן אונטערערדישע דורכגענג פון איין הויף צום צווייטן, און אויך אין די קעלערס האָט מען אויסגעהאַקט לעכער, כדי צו קענען זיין אין פאַרבינדונג מיט די אַנדערע. נישט איין מאָל בין איך אַזוי, דורך די לעכער און דורכגענג, געגאַנגען מיט אַנדערע פּוי־לישע יינגלעך, און געטראָגן אַמוניציע פון איין פּונקט צום צווייטן. מיר האָבן אַזוי אַרום אויסגעמיטן די גאַסן, וו עס האָבן זיך גע־קענט געפינען דייטשן. מיר האָבן שטענדיק אויף אַזאַ אופן פּינקט־

לעך באַזאָרגט דאָס געווער. איך וועל איצט דורכמאַכן דעם זעלבן וועג. איך וועל אפילו פירן. איך קען גוט דעם וועג...

מיר האָבן אַלע מיט אַ מאָל זיך געשפּירט געשטאַרקט און גע־מוטיקט, ווי אַ נייַ לעבן וואָלט זיך אַרייַנגעריסן אין אונדז. די יונגע, צאַרטע חנה האָט מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל דאָ בלייבן און זיך פאַרנעמען מיט דערווירט־שאַפט... ווען איר וועט עפּעס ברענגען, וועל איך עס צוגרייטן, אָפּ־קאָכן. איך האָב עס נאָך, אמת, קיין מאָל נישט געטאָן. אָבער איך וועל זיך שוין אויסלערנען...

אַלע האָבן שוין איצט געשמייכלט. די אַטמאָספער איז גע־וואָרן אַ לייכטע, אפילו אַ פריילעכע. מיר האָבן געוואַרט מיט אומ־געדולד אויף דער שפּעטער נאַכט, ווען מען וועט קענען אַרויסגיין. און דערווייַל האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ רעגולאַמין פאַר אונדזער בונקער־קאָלעקטיוו. ער קען זיך רעזומירן אין דריי קורצע פּונקטן:

1) אַ גאַנצן טאָג בלייבן שטיל, נישט רעדן, נישט באַוועגן זיך, כדי קיין שום גערויש זאָל נישט אַרויס אין דרויסן, ווו די דייטשן געפינען זיך אין שכנות. דער טאָג הייבט זיך אָן פאַר אונדז בייַנאַכט, ווען עס ווערט שטאַרק פינצטער;

2) די, וואָס גייען זוכן עסן אין דרויסן, דאַרפן אַלץ מיט־ברענגען אין בונקער פאַרן קאָלעקטיוו. וואָס זיי זאָלן נאָר נישט געפינען, טאָרן זיי נישט נעמען פאַר זיך אַליין. דאָס געהערט צו אַלעמען, און אַלע דאַרפן געניסן גלייַך דערפון. דאַניעל און חנה וועלן באַקומען אַ טאָפּלטע ראַציע צוליב זייער יונגן עלטער;

3) טאָמער פאַלט ווער אַריין אין די דייטשע הענט, זאָגט ער אויף קיין שום פאַל נישט אויס — אפילו, ווען מען זאָל אים אָנטאָן די גרעסטע יסורים און פּייניקונגען — ווו דער בונקער־געפינט זיך. דאָס איז אַ הייליקע שבועה, וואָס יעדער נעמט אויף זיך.

דער דאָזיקער קורצער רעגולאַמין האָט אונדז שפּעטער פיל געהאָלפן אויסצוהאַלטן אין די שווערסטע מאָמענטן, דאָס געפיל אַז יעדער פון אונדז איז נישט אַליין; אַז ער איז געבונדן מיט די אַנדערע אויף טויט און אויף לעבן; אַז עס זייַנען דאָ קעגנזייַטיקע פאַרפליכטונגען צווישן אונדז, האָט לייכטער געמאַכט אונדזער לעבן אונטער דער ערד.

ווען ס׳איז געוואָרן שפּעט נאַכט, האָט יצחק זיך אַ הייב געטאָן דער ערשטער און געזאָגט:

— און איצט לאָמיר גיין.

נאָך אים האָבן זיך אויפגעהויבן סאַמעק און דער יונגער דאַניעל, און האָבן זיך גענומען שאַרן צום אַרויסגאַנג. זיי זיינען געגאַנגען באָרוועס, כדי מען זאָל נישט הערן זייערע טריט. אינגאַנץ איז נאָך זייער אַרויסגיין געבליבן ביי דער עפענונג מיט אַן אָנגעשפּיצט אויער, כדי צו הערן, צי עס געשעט נישט עפּעס אין דרויסן. און מיר, די איבעריקע, זיינען געבליבן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט די אויגן געוואָנדן צום אַרויסגאַנג. אונדזערע הערצער האָבן געקלאַפּט, נישט־ווילנדיק, ווי אַ מין געבעט: זאָלן זיי נאָר וואָס שנעלער צוריקקומען... זאָלן מיר זיי זען לעבעדיקע צוריק אינעם בונקער...

אַ פּאָר מינוט זיינען אַזוי אַריבער אין שפּאַנונג, און פּלוצלונג האָט די שטילקייט איבערגעריסן אַ הילכיקער זאַלפּ פון אַ מיטראַיעט און גלייך נאָך דעם, אַ ביסל ווייטער, ווי אַן ענטפער, אַ צווייטער זאַלפּ — אָט אַזוי פינף מאָל. דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן. די הערצער האָבן זיך ביי אונדז ווי אָפּגעשטעלט. חנה האָט שטילערהייט געוויינט אין איר ווינקל. יחזקאל האָט, ווי זיין שטייגער איז, זיך אָפּגערופן מיט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער: „מיט אַזעלכע זאַלפּן האָבן זיי דערהרגעט מיין ווייב און די צוויי קינדער...״ איגנאַץ איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד ביי דער עפענונג און האָט נישט געוואָגט מער אויפצוהויבן דעם קאָפּ. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער נישט געפונען קיין ווערטער. כ׳האָב זיך נאָר שווייגנדיקערהייט אַרויפגעדראַפּעט צו דער עפענונג אויף איגנאַצס אָרט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. די חורבות אַרום האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. איך האָב געקוקט אויף דעם, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקער וואַרשע, און אין מוח זיינען מיר אַדורכגעלאָפן, ווי אַ פילם־לענטע, בילדער פון אַמאָל. אָט דאָ, אויפן זעלבן אָרט, איז דאָך געווען דאָס האַרץ פון דעם וואַרשעווער, אַזוי שפּרודלדיקן יידישן לעבן. אָט דאָרט, אַ ביסל ווייטער, ביים פּלאַץ מוראַנאָווסקי, האָב איך אַליין געוווינט, געאַרבעט, געקעמפט ווי טויזנטער און טויזנטער אַנדערע יידן. ווי לעבעדיק, ווי דאָס וואָלט

ערשט געהאַט געשען, זיינען מיר געקומען אויפֿן זכרון די פֿאַר־גאַנגענע יאָרן, מיין היים, מיין אַרבעט, מיינע אומלעגאַלע טרע־פֿונגען מיט די חברים. דערנאָך — די אַלע אומוואַנדלונגען ביז פֿראַנקרייך. און דאַן אוישוויץ און אונדזער צוריקקער, ווי אַ קאָ־מאַנדאָ פֿון דעפּאָרטירטע קיין וואַרשע. איך בין געווען פֿאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען, וואָס האָבן מיך אוועקגעטראָגן ווייט־ווייט. אַ גערויש פֿון אַראָפּגעשאָטענע שטיקלעך ציגל האָט מיך פּלוצ־לונג אויפֿגעוועקט, און — איך האָב דערזען, ווי יצחק און סאַמעק דראַפּען זיך פֿון צוויי פֿאַרשידענע זייטן אויפֿן באַרג גרוז און דער־נעענטערן זיך צום בונקער מיט פּעקלעך אין די הענט. איך האָב זיי געהאָלפֿן אַריינוואַרפֿן די געבראַכטע זאַכן און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי שוין ווידער געווען צווישן אונדז.

— און ווו איז דאַניעל? — האָבן מיר אַלע אין איין קול אויסגעשריגן.

— מיר ווייסן נישט... האָבן זיי שטיל געענטפֿערט — ווי נאָר מיר האָבן דערהערט די שיסעריי, האָבן מיר גענומען לויפֿן און זיינען אַריין אין אַ קעלער, דערנאָך אין אַ צווייטן, און ערשט דאַן האָבן מיר דערזען, אַז דאַניעל איז מיט אונדז נישטאָ.

אַלע זיינען געבליבן ווי פֿאַרגליווערט. קיינער האָט צו די פּעקלעך זיך נישט צוגערירט, און יצחק און סאַמעק האָבן אפילו נישט געזאָגט וואָס זיי האָבן דאָ געבראַכט אַרומגעוויקלט אין די שמאַטעס. יחזקאל האָט אַ זאָג געטאָן צווישן די ציין ווי צו זיך אַליין: „נאָך אַ קינד כמעט... נישט געדאַרפֿט אים לאָזן גיין...“ די שטימונג איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדערער זיך צעוויינגעצויגן אין דער הייך צו דער עפֿענונג, און צוגעלייגט דאָס אויער אין דער האָפֿענונג צו הערן דאַניעלס טריט. איצט איז דאָרט געשטאַנען איינגאַנץ און האָט געלויערט. מיט אַ מאָל איז ער אַראָפּגעשפּרונגען: „ער גייט... ער איז דאָ...“

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאַניעל זיך אַראָפּגעלאָזט אין בונ־קער מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם. ער האָט עס אַוועקגע־לייגט זייער פֿאָרזיכטיק, און איז אַליין אַוועקגעפֿאַלן אַ פֿאַרסאַ־פּעטער. מיר האָבן טיף אָפּגעאָטעמט און געוואַרט, ער זאָל קומען צו זיך. ער האָט דערנאָך אָנגעהויבן דערציילן:

— ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צום ערשטן קעלער, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בערגל ציגל, וואָס האָט זיך גענומען שיטן אונטער מיינע טריט. איך האָב גלייך דערנאָך דערהערט אַ זאַלפּ, גאָענט פון מיר, און איך בין שנעל אַראָפּגעלאָפן אין קע־לער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געשאָסן אַ וואַך־פּאָסטן, וואָס האָט דערהערט דאָס גערויש פון די צעשאָטענע ציגל. איך האָב זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און מיט אַן אָנגע־שטרענגטן געהער געוואַרט. איך האָב געמיינט, אַז אָט־אָט וועל איך דערהערן די סאָלדאַטסקע שריט, אָבער אחוץ די שיסערייען פון ווייטער און נאָך ווייטער איז גאָרנישט געקומען. איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַז דער וואַך־פּאָסטן לעבן דעם קעלער טאָר אוודאי נישט פאַרלאָזן זיין פּלאַץ און אַז די שיסערייען זיינען געווען בלויז צו אַלאַרמירן די אַנדערע. איך האָב נאָך אָפּגעוואַרט אַ ביסל און דערנאָך שטילערהייט אַריין אין אַ צווייטן קעלער, און פון דאָרט אין אַ דריטן און געפונען אָט דאָס פּעקעלע! דאָס איז אַ קאַרביט־לאָמפּ! איר הערט? — אַ קאַרביט־לאָמפּ, וואָס וועט אונדז געבן ליכט!...

און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, האָט ער צו־געגעבן:

— איך האָב זיך געזוימט אַ ביסל צו לאַנג... איך האָב גע־ווּסט, אַז איר זייט אומרואיק; אַז איר קלערט איבער... אָבער איך האָב געמוזט איבערוואַרטן די געפאַר, און איך האָב מורא גע־האַט צו גיין מיטן זעלבן וועג. בין איך געלאָפן פון קעלער צו קע־לער און אַרויסגעקומען פון דער צווייטער זייט גאַס...

— און מיר האָבן געפונען אַ ביסל רייז און קאַשע און פאַר־טיקע האָלץ־קוילן גלייך דורכצוזוכן דאָס וואַסער — האָט יצחק פריילעך זיך אָפּגערופן.

סאַמעק האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לאָמפּ ווי אַן אוצר. ער האָט אים גוט באַקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— ער איז נאָך גוט. ס'איז אַ גוטער סימן. מיר האָבן צום עלעם ערשטן געפונען ליכט...

יחזקאל האָט זיך דאַן גענומען איינריכטן דעם אויוון. ער האָט אַוועקגעלייגט צוויי ציגל איינעם לעבן אַנדערן און פון אויבן — צוויי שטיקלעך אייזן אויף צו קענען אַוועקשטעלן אַ טאָפּ. ער האָט

עם איינגעריכטעט ביי דער לאָך לעבן דעם קאַנאַל, כּדי דער רויך זאָל נישט בלייבן אין בונקער. הנה מיט יצחקן האָבן זיך געפּאָרעט ביים דורכזייען דאָס וואַסער, און דערנאָך גענומען אָפּקאָכן די געבראַכטע רייז. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר געגעסן אונדזער ערשטן מאָלצייט פאַר דער גאַנצער צייט. ווער האָט געקענט זיין אַזוי גליקלעך ווי מיר אין יענע מינוטן! איינגאַנץ האָט אפילו ביים עסן זיך שוין געוויצלט און האָט פאָרגעוואָרפן יצחקן, הלמאי ער האָט נישט געפונען קיין זאַלץ. „אַז מען גייט אַריין אין אַ נייער דירה — האָט ער געזאָגט — איז די ערשטע זאַך ביי יידן צו ברענגען זאַלץ“. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און אַזוי, פרייליך און לוסטיק, האָבן מיר פאַרבראַכט ביזן פרימאָרגן.

מיטן אָנקום פון טאָג האָט די שיסעריי זיך ווידער אָנגעהויבן. דאָס האָט אונדז דערמאָנט, אַז מיר מוזן מאַכן נאַכט. און באָטש אין יעדן פון אונדז איז נאָך געבליבן די מורא, אַז נאָכן אַלאַרם פון די וואַך-פּאָסטנס אין דער נאַכט, וועלן זיכער די דייטשן קומען בייטאָג דורכנישטערן די געגנט און זוכן ווער עס קען זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, האָט קיינער גאָרנישט גערעדט דערפון. מיר האָבן פאַרלאָשן די ליכט און צום ערשטן מאָל זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן צופרידענע.

קאַפּיטל דריי

פון אונדזערע פריערדיקע איבערלעבענישן, נאָך איידער מיר האָבן זיך פאַרגראָבן אינעם פינצטערן בונקער, פון אונדזער פּייני־פולער דערפאַרונג אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן מיר שוין גוט געוווסט, אַז דער מענטש קען אַריבערטראָגן פיל מער, ווי עס וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז ער קען זיך צוגע־וווינען צו אַזעלכע ליידן, וואָס וואָלטן אונדז אַלעמען פריער אויס־געזען ווי איבער די מענטשלעכע כוחות. די דערפאַרונג אינעם בונ־קער האָט עס ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט.

נאָך עטלעכע טעג זיין אין בונקער האָבן מיר קודם־כל זיך אַזוי צוגעוווינט צו דער אַרטילעריע־שיסעריי איבער אונדזערע קעפּ במשך פון גאַנצן טאָג, אַז די אויפרייסן, אפילו אין דער נאָענט פון בונקער, האָבן אונדז שוין נישט אויפגעוועקט פון שלאָף. פונקט אַזוי האָבן מיר זיך אויך צוגעוווינט צו שלאָפן אויף דער האַרטער, פייכטער, נאַקעטער ערד. צוערשט, ווען אַ שראַפּנעל פון אַ האַר־מאַט אָדער אַ באָמבע פון אַן אַדורכפליענדיקן עראָפּלאַן פלעגט פאַלן נאָענט צו אונדזער בונקער, האָט זיך אונדז גערדאַכט, אַז מיר וועלן פליען אין דער לופטן צוזאַמען מיט דער אויפגעריסענער ערד. אָבער שפּעטער, זעענדיק, אַז דאָס איז נישט געשען, פלעגן מיר זיך צוטוליען צו דער ערד מיט אַזאַ צופרידנקייט, אַז מיר האָבן בכלל נישט געשפּירט איר האַרטקייט און פלעגן גלייך ווידער אַנטשלאָפן ווערן.

דאַקעגן זיינען מיר געווען אויסערגעוויינלעך פילעווודיק צום נערוויש פון מענטשלעכע טריט. דער מינדסטער שאָרך פון דרויסן פלעגט דערגריין צו אונדזערע אויערן, און דער געהער אונדזערער איז געווען וואַך אפילו אין שלאָף. דאָס איז נישט געווען קיין ווונ־דער: די גרעסטע געפאַר איז דאָך פאַר אונדז געווען, אַנטדעקט צו

ווערן פון דרויסן. מיר האָבן דעריבער שטענדיק — ווי די הינט אין זייערע בודעס — געהאַט אָנגעשפּיצט די אויערן צו די גערוישן, וואָס זיינען געקומען פון דאָרט, און יעדער שאָרך פון מענטשלעכע טריט איז געווען פאַר אונדז ווי אַן אַלאַרם־סיגנאַל.

אַזאַ אַלאַרם־סיגנאַל האָבן מיר געהאַט גלייך אויף צומאָרגנס נאָך אונדזער עקספּעדיציע אין דרויסן צו זוכן אַ ביסל שפּייז. די ערשטע האָט עס דערהערט חנה, און זי האָט גלייך שטיל אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער אַריין סאַמועקן, וואָס איז געלעגן לעבן איר: „עפּעס הערט מען טריט איבער דער וואַנט...“ זי האָט קוים פאַרענדיקט דעם זאַץ, ווי מיר האָבן שוין אַלע דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון די טריט, וואָס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ דייטלעכער און פון אַלץ מער מענטשן. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז געקומען פון קעלער פון יענער זייט וואַנט פון אונדזער בונקער, אָבער גלייך האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס איז געשען אין אַ שכנותדיקן קעלער פונעם צווייטן דערנעבנדיקן הויף. צום אָפּקלאַנג פון די טריט זיינען שוין איצט געקומען אַנדערע גערוישן: אַ קלאַפּעריי, ווי מען וואָלט געוואָרפן זאַכן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן און אַ ווידערקול פון מענטשלעכע שטימען און פון גערוישן, וואָס מיר האָבן גענוי ניִשט געקענט הערן, אָבער דאָך דערקענט, אַז מען רעדט דאָרט אויף דייטש.

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר: די דייטשע פּאָסטנס האָבן זיכער געמאָלדן וועגן דעם גערויש פון טריט און פון פאַלנדיקן גרוז, וואָס זיי האָבן געהערט אין דער לעצטער נאַכט אין דער געגנט פון אונדזער בונקער, און איצט זוכט מען אַרום, צי עמעצער איז דאָ ניִשט צומאָל באַהאַלטן. דערווייל — האָבן מיר געטראַכט — זיינען זיי אין דעם דערנעבנדיקן קעלער, אָבער ווי נאָר זיי וועלן פאַרטיק ווערן, וועלן זיי זוכן ווייטער און וועלן אוודאי אויך צוקומען צו אונדז. יעדער קלאַפּ אין דער וואַנט פון די געוואָרפענע זאַכן אָדער סתם פון אַ ציגל, יעדער גערויש פון די טריט, יעדער ווידערקול פון די שוין גאַנץ נאָענטע שטימען האָט אונדז געזעצט אין די שלייפן; די הערצער האָבן געשלאָגן האַסטיק, די געדאַנקען זיינען געלאָפן ווי אין אַ געווירבל. איך —

און דאָס זעלבע אוודאי אויך די אַנדערע — האָבן שוין געזען אין געדאַנק, ווי זיי האַקן אויף די וואַנט פון אונדזער קעלער און וואַרפן זיך אויף אונדז ווי ווילדע חיות, שטשירענדיק מיט די ציין פון צופרידנקייט איבער זייער פאַנג — זיבן יידן מיט אַ מאָל!

געוויינלעך ווערט מען אין פאַל פון אַ געפאַר שטאַרק גע־שפּאַנט און גרייט צום קאַמף און מען זוכט מיט אַלע כוחות אַ מיטל זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפנדיק פון איר אָדער שטעלנדיק איר אַ ווידערשטאַנד. אָפטמאָל אָבער, ווען די געפאַר איז אַ פּלוצ־לונגדיקע, ווערט מען ווי באַטויבט און פּאַראַליזירט. און אַזוי איז עס געשען מיט אונדז. ווי פאַרשטיינערטע, ווי דאָס בלוט וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן אין אונדזערע אָדערן, זיינען מיר געבליבן ליגן נעבן דעם גרוב, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל, און קיין ריר נישט געטאָן מיט קיין אבר, נישט פּרובירט אפילו אַראָפּצולויפן אין קאַנאַל אַריין. איך האָב געפילט אַלץ מער, ווי עס נעמט מיך באַהערשן עפּעס אַ גלייכגילט צו אַלץ, און ווי דער אינסטינקט צום לעבן, אַנשטאָט צו ווערן שאַרפער צוליב דער געפאַר, ווערט נאָר אָפּגעטעמפּט, ווי דער ווילן וואָלט אין גאַנצן אָפּגענומען גע־וואָרן ביי מיר. איך האָב געפילט, ווי עפּעס אַן אינערלעך קול זאָגט צו מיר: גענוג געפּלאָגט צו ווערן, דער טויט איז שוין בעסער ווי אונדזער געפּייניקט לעבן...

אָבער די געשטאַלט פון די צעיושעטע עס־עס־לייט פון די געטאָס און לאַגערן, וואָס איז קיין מאָל נישט פאַרשוואונדן פון מיין זכרון, האָט מיך צוריקגעבראַכט צו מיין גלייכגעוויכט. איך האָב ווי געזען פאַר מיינע אויגן דעם פּרצוף פון קאָמענדאַנט, וואָס פירט אָן מיט די זוכענישן אַרום אונדזער בונקער, געזען, ווי אַזוי ער רייסט זיך אַריין מיט זיין צופרידן מערדעריש שמייכעלע און הייבט זיך אָן צו איזדיעקעווען איבער אונדז, בעת די אַנדערע סאָלדאַטן קייכן פון געלעכטער און שפּאָט. און איך האָב גענומען ציטערן פון צאָרן און פון האַס צו די רוצחים. „וואָס ליגן מיר דאָ און וואַרטן?" — האָב איך אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַן אויפגע־רעגטער שטים און גענומען גלייך זיך שאַרן צום קאַנאַל. אַלע האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט און זיינען אַראָפּ נאָך מיר. בלויז סאַמעק איז געבליבן אין אונטערערדישן דורכגאַנג, מיטן קאָפּ אין דער ריכ־טונג צום בונקער, כדי צו לויערן דאָרט ביז דער לעצטער מינוט.

דער טומל אין דרויסן איז דערווייל געוואָרן אַלץ גרעסער. מיר האָבן געהערט, ווי נאָך מענטשן קומען דאָרט צו און מיר האָבן שוין פיל דייטלעכער געקענט הערן די שטימען. מיט אַ מאָל האָט אָפּגעהילכט אַ געשריי פון צופרידנקייט פון צענדליקער מיילער, אַ מין הירזשענדיקער „הוראַ", און צוזאַמען דערמיט אויך אַ געבראַזג ווי פון צעבראָכענע פלעשער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די סאָלדאַטן האָבן אוודאי געפונען אין קעלער באַהאַלטענע קעסטלעך מיט וויין אָדער בראָנפן און דאָס האָט זיי אַזוי צעהיצט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן פאַרצוזעצן זייערע זוכענישן און זיך גענומען צום טרינקען. דער טומל האָט געדויערט שעהן לאַנג. אַלע מאָל זיינען — ווי ס'האָט זיך אונדז אויסגעוויזן — צוגעקומען נייע גרופּעס און האָבן זיך אָנגעשיכורט. צום סוף האָבן מיר געהערט, ווי עס קומט אָן אַ וואָגן און ווי ער פאָרט צוריק אַוועק נאָך אַ קורצן כאַראַקטעריסטישן געקלאַנג פון זיך אָנשלאָגנדיקע פלעשער. דאָס האָבן אוודאי די סאָלדאַטן צוגענומען מיט זיך די איבערגעבליבענע פלעשער, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אויסצוטרינקען אויפן אָרט. גלייך נאָך דעם איז טאַקע שטיל געוואָרן, און מיר האָבן זיך צוריק אַריינגעשאַרט אין בונקער.

מיר זיינען אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד ווי האַלב-טויטע און געבליבן ליגן שטיל, יעדער אין זיין ווינקל, יעדער אין געראַנגל מיט זיינע נערוון און אין דער מורא, אַז זיי זאָלן פּלאַצן אָדער בכלל נאָכלאָזן. ווי שטענדיק נאָך אַזאַ מין איבערלעבעניש — און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך — זיינען מיר געלעגן אָן כוחות, מער אויסגעמאַטערט ווי נאָך דער שווערסטער אַרבעט.

לאַנג האָט געדויערט דאָס שווייגן. ערשט גאָר פּאַמעלעך האָבן די מחשבות, וועלכע האָבן זיך געדרייט ווי דולע אין מוח, גענומען זיך באַרויקן. איינער נאָכן אַנדערן האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער. אָבער נאָך אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נישט גערעדט. דער ערשטער האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן דאַניעל. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן גאַנץ שטיל, כמעט געשעפּטשעט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— איך האָב אַדורכגעמאַכט יאָרן אין די לאַגערן. אויף יעדן שריט און טריט האָט מיך באַגלייט דער טויט. מען האָט זיך גע-

מוזט היטן, ווייל דער טויט האָט געקענט קומען פון אַלע זייטן, פון רעכטס, פון לינקס, פון פאָרנט, פון הינטן. יעדער פּאַרזען, יעדער אָפּלאָזן דעם געדאַנק אפילו אויף איין רגע האָט געקענט קאָסטן דאָס לעבן. און דאָך זיינען די נערוון נישט געוואָרן אַזוי אָנגעצויגן, אַזוי אָנגעשטרענגט ווי דאָ אין בונקער. מען קאָן דאָך דאָ משוגע ווערן.

די לעצטע ווערטער האָט ער מער אַרויסגעשריען ווי אַרויסגערעדט און פּלוצלונג האָט ער זיך צעוויינט.

— יאָ — האָט איינגאַין אונטערגעכאַפּט — מען וועט טאַקע דאָ משוגע ווערן.

— מען האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, וואָס אַזוינס אַ בונקער איז — האָט סאַמעק שטילערהייט צוגעגעבן.

— נאָר נישט אָפּלאָזן זיך — האָט איבערגעהאַקט מיט איין מאָל שאַרף חנה — אויב מען וועט זיך אַזוי אָפּלאָזן, וועלן מיר לאַנג נישט דערציען.

— חנה איז גערעכט — האָב איך איר צוגעהאָלפן — אוודאי איז אין אַ בונקער זייער שווער, נאָך שווערער ווי אין לאַגער און ווי אין געטאָ. דאָרט האָט יעדער מענטש אויסגענוצט זיין ענערגיע, זיין דענקען פאַר אויפהאַלטן זיך, פאַר נישט לאָזן זיך אומברענגען. ער האָט מיטגעלעבט מיט דער לעבעדיקער וועלט.

— אַ שיינע, לעבעדיקע וועלט איז דיר געווען אוישוויץ — האָט כאַסקל אַ זאָג געגעבן מיט זיינע אָפּגעהאַקטע ווערטער. — ס'איז זיכער געווען אַ טויטע וועלט, ווו יעדער פון אייך האָט געיואָרט אויף זיין ריי אומגעבראַכט צו ווערן.

— זאָל זיין אַ טויטע וועלט — האָב איך פאָרגעזעצט — אָבער מען איז אַרומגעגאַנגען אין אָט דער טויטער וועלט, מען האָט זיך באַוועגט און פון יענער זייט דראָטן האָסטו געזען אַ לעבעדיקע וועלט, האָסט זי כמעט אָנגעטאַפּט, האָסט זי געפילט, ביסט אין געדאַנק געווען מיט איר, געבענקט נאָך איר. דאָרט האָסטו נישט געקענט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, נאָר ווי אַזוי צו דערהאַלטן זיך און צו באַהעפטן זיך ווידער מיט איר. אפילו די, כאַסקל, וואָס דו ביסט געזעסן יאָרן לאַנג אין פּאַוויאַק. ביסט

געווען, האָט זיך געקענט דאַכטן, פאַרשלאָסן, אָבער גיין, דו ביסט באַרט געווען נאָענט צו דער לעבעדיקער וועלט. דער וועכטער, גייענדיק אויפן קאָרידאָר אַהין און צוריק, האָט דיר געמאַכט נאָ־ענט דעם דרויסן, האָט דיך פאַרבונדן מיט דער גאַס. ווען דער וועכטער האָט זיך געביטן און ס'איז געקומען אַ צווייטער, אַ פרי־שער, און ער האָט אַריינגעקוקט אין פענצטערל פון דער טיר, האָט ער דיר געבראַכט אַ גרוס פון אַ וועלט, וואָס לעבט, און אינס־טינקטיוו האָסטו געוואָלט זיין מיט איר. אָט דאָס האָט אויפגע־האַלטן דיין גלייכגעוויכט. דאַקעגן מיר דאָ, אין בונקער, מיר האָבן זיך אָפגעשלאָסן פון דער וועלט. מיר האָבן נישט קיין שום קאָנ־טאַקט מיט איר. ליגנדיק דאָ אַ גאַנצן טאָג אין דער פינצטער, מאָלן מיר זיך אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז חרוב אַזוי ווי דאָ איבער אונדזער בונקער, ווי די חורבות פון וואַרשע. און זי הערט אויף צו ווערן אַ זאַך, צו וועלכער מיר שטרעבן. במילא פאַרלירט דאָס לעבן זיין באַדייט און עס קען טאַקע דראָען משוגע צו ווערן, אויב...

— נו, וואָס דאַרף מען לויט דיר טאָן — איז יצחק אין כעס געוואָרן — אַז דו ווייסט אַזוי אַלצדינג?

— דאַרפסט זיך נישט בייזערן, יצחק — האָט חנה זיך אַריינ־געמישט — יעדערער קען זיך זאָגן דאָס, וואָס ער פאַרשטייט.

— וואָס מען דאַרף טאָן? קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אין דער וועלט, וועלכע עקזיסטירט דאָרט איבער דעם בונקער און איבער די חורבות פון וואַרשע. פאָרשטעלן זיך, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט אַ לעבעדיקע, אין וועלכער עס ווילט זיך לעבן, אַז מען טראַכט וועגן דעם, פילט מען אַז עס לוינט אַלץ צו טאָן, כדי צו באַהערשן זיך אַליין, כדי נישט אָפצולאָזן דעם ווילן, גובר זיין אַלע שוועריקייטן. אַזוי וועט עס אויך לייכטער זיין אַריבערצוטראָגן.

קיינער האָט מיר נישט געענטפערט, נאָר חנה האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן: — וואָס דו זאָגסט, איז ריכטיק. ס'איז אָבער זייער שווער.

גרויסע מענטשן זיינען שטענדיק ווי קליינע קינדער: אין מיטן פון גרעסטן געוויין, קענען זיי צוליב אַ צוקערל פון דער מאַמען אָנהויבן צו לאַכן. אַזוי זיינען אויך מיר געווען. צוליב די פּאָר

פרייסט־ווערטער זיינען מיר געוואָרן אַנדערש, האָבן מיר צוריק געפונען די האָפענונג. מען האָט אונדז געדאַרפט אויפמונטערן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אָט דער נאַכט זיינען מיר געבליבן אין בונקער, מיר האָבן אפילו קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. מיר האָבן מורא געהאַט, טאָמער האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט פּאָסטנס אין דער געגנט פון אונדזער בונקער, כדי צו ווייסן אויף זיכער, צי עמעצער באַהאַלט זיך דאָרט אָדער נישט. מיר האָבן נאָך אַ ישוב־הדעת באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין עטלעכע נעכט אין דרויסן, כדי צו פאַרשטאַרקן ביי די דייטשן דעם איינדרוק, אַז קיין שום מענטש איז נישטאָ צווישן די חורבות, אַז דאָס האָט זיך דעם דייטשן פּאָסטן בלויז אויסגעדאַכט. אַ ביסל קאַשע פון דעם, וואָס יצחק און סאַמעק האָבן געהאַט מיטגעבראַכט, איז נאָך געווען. האָבן מיר באַשלאָסן, די נאַכט זיך בכלל נישט צו באַוועגן, נישט צו קאָכן. ערשט אַ טאָג, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַ נאַכט שפּעטער, אויב אַלץ וועט בלייבן רואיק, וועט מען ווידער עסן עפּעס וואַרעמס. אונדזער „באַראַטונג" און די באַשלוסן, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, האָבן אונדז ווי באַרואיקט. דאָס גלייכגעוויכט אין בונקער איז צוריקגעשטעלט געוואָרן.

בכלל האָב איך און די פיר אַ האַלב חדשים, וואָס מיר זיינען געווען אין בונקער, זיך איבערצייגט, אַז דאָס באַטראַכטן פּראַקטישע, אוממיטלבאַרע ענינים, פאַרבונדן מיט אונדזער זיכערקייט, האָט אַלע מאָל געהאָלפן צוריקשטעלן דאָס גלייכגעוויכט און דאָס איז געווען דער עיקר. פאַרלירט נישט אַ מענטש דאָס גלייכגעוויכט, טראָגט ער אַריבער פאַרהעלטענישמעסיק לייכט די גרעסטע ליידן. אָבער דאָ איז טאַקע דער הונט באַגראָבן: ווי אַזוי נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, ווען אויפטרייסלונגען און שרעק זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. און שטענדיק נאָך אַן אויפטרייסלונג, פלעגט אונדז אַרומכאַפּן אַ שרעקלעכע נערוואָזיטעט. ביי אַ טייל האָט זי זיך אויסגעדריקט אין אַן אויפברויז פון נישט קענען איינליגן אויף אַן אָרט און ביי אַנדערע, פאַרקערט, אין אַ פולשטענדיקער אַפּאַטיע, ווי גאָרנישט וואָלט עקזיסטירט. זיי פלעגן ליגן און קוקן צום סופיט, נישט אַרויסריידן קיין וואָרט און אפילו קיינעם נישט זען.

צו אונדזער גליק האָט זיך אָבער שטענדיק געפונען איינער, וואָס האָט געגעבן די אַנדערע אַ מונטער־אויף און ס'איז געגנוג געווען, אַז עמעצער זאָל נאָר דערמאָנען, אויף וועלכן אָרט מיר געפינען זיך, אַז דאָ האָבן יידן געקעמפט, כדי דאָס גלייכגעוויכט ביי אונדז זאָל ווידער צוריקגעשטעלט ווערן. מיר זיינען אַזוי ווי באַהויכט געוואָרן פונעם גייסט פון די געטאָ־קעמפער, און מיר האָבן געפונען צוריק דעם גלויבן, דעם ווילן צו דערהאַלטן זיך. דער בונקער איז דערמאָלט, אין די רגעס, געוואָרן אויס בונקער, די פינצ־טערניש איז געוואָרן ליכטיק.

בלויז איבער איינעם האָבן מיר זיך שטאַרק געשראָקן, איבער יחזקאלן, איבער כאַפּקלען, ווי מיר פלעגן אים רופן. ער פלעגט שטענדיק שווייגן, בלויז צומאָל אַרויסמורמלען אַ פּאָר ווערטער און שטענדיק צום שלעכטן, אַט דאָס האָט אונדז געשראָקן.

ווער ווייס, וואָס אים דריקט אויפן האַרצן? פלעגן מיר אין דער שטיל זאָגן איינער צום אַנדערן. און נישט איין מאָל האָבן מיר געפּרובירט אים בעטן מיט גוטן, ער זאָל דערציילן, וואָס אים איז. יצחק האָט אפילו איין מאָל געפּרוווט זיך בייזערן אויף אים: „פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? מיר האָבן שוין כמעט אַלע דער־ציילט, נאָר דו קרעכצסט שטענדיק, זאָגסט אָפּגעהאַקטע ווערטער".

מען האָט אָבער גאָרנישט געקענט אַרויסקריגן פון אים. האָבן מיר אים אָפּגעלאָזט. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז אים וועלן מיר נישט לאָזן גיין זוכן עסן, ווייל ער קען אַ מאָל נישט קומען צוריק.

דריי טעג זיינען מיר אַזוי געלעגן זינט דעם אַלאַרם פון וואַך־פּאָסטן. ס'האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט געדויערט יאָרן. אַזוי לאַנגזאַם זיינען געקראָכן די טעג. קיין עסן איז שוין ווידער נישט געווען און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מען גייט ווידער אַרויס זוכן אין די קעלערן.

מיר זיינען געלעגן אין דער פינצטער און געוואַרט אויף דער אומקומענדיקער נאַכט. יעדערער פון אונדז איז געווען פול מיט אומגעדולד, און יעדערער האָט זיך געריסן אַרויסצוקריכן זוכן אין די קעלערן. הגם ס'איז געווען פאַרבונדן מיט גרעסטער לעבנסגע־

פֿאַר, מען האָט געקענט אויף יעדן אָרט אָנטרעפֿן אַ דייטשן פּאָסטן און דערשאָסן ווערן, האָט דאָך יעדערער געוואָלט גיין. ערשטנס, ווייל עס איז נויטיק געווען צו געפֿינען וואָס מער, טאָמער מאַכט זיך ווידער אַ געשעעניש, וואָס מען וועט מוזן ליגן און נישט קענען אַרויסגיין. און אויך דערפֿאַר, ווייל די נערוון זייגען געווען אָנגעשטרענגט און מען האָט געוואָלט אַנטלויפֿן כאָטש אויף אַ שעה אָדער צוויי פֿון בונקער, אפֿילו פֿאַרן פּרייז פֿון אַ גרעסערער געפֿאַר.

כאַסקל האָט גראָד קיין ספּעציעלע נערוואָזיטעט די לעצטע נאַכט נישט אַרויסגעוויזן. פֿאַרקערט. אַ מענטש מיט געשיקטע הענט האָט ער אַ נאַכט פֿריער, קיינעם נישט פֿרעגנדיק און גאָר נישט זאָגנדיק, גענומען מאַכן אַ קלאָזעט אין בונקער. פֿון אַלטע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿונען, האָט ער געמאַכט אַ שטיקל פֿאָרהאַנג, פֿאַרהאָנגען מיט דעם אַ ווינקל, גענומען אַן אַלטן בלעכענעם קובל אַרויפֿגעמאַכט אויף דעם אַ ברעטל, און מיט אַ מעסער אויסגעשניטן אַ לאָך אין דער מיט, כּדי מען זאָל קענען מאַכן אונדזער מענטשלעכן געברויך דאָ אין בונקער אין קובל און דערנאָך אים אַראָפּטראָגן און אויסגיסן אין קאַנאַל. ביז איצט האָט מען געדאַרפֿט לויפֿן יעדעס מאָל אין קאַנאַל, וואָס איז געווען זייער פֿיינלעך. ווען ער האָט געהאַט געענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל געוויצלט: „מיר האָבן שוין אַ דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן" און ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן גלייך מיט אַלעמען ביים אָנקומען פֿון טאָג.

מיר זייגען אַלע געשלאָפֿן, ווען אַ ווילד געשריי האָט פּלוצלונג איבערגעהאַקט די שטילקייט און אונדז אויפֿגעוועקט.

— שיסט מיך גלייך מיט זיי! שיסט מיך גלייך מיט זיי! דאָס געשריי איז געוואָרן העכער און שטאַרקער, אַ מאַן איז געלאָפֿן צום אַרויסגאַנג און זיך גענומען אַרויסציִען. דאָס איז געווען כאַסקל. שנעל זייגען אַלע צו אים צו און גענומען אים שלעפּן אויף צוריק. ער האָט מיט אַלע זייגע כּוחות זיך נישט געלאָזט און כּסדר געשריִען. אַ פּאָר גוטע פּעטש אין פּנים אַריין פֿון יצחקן האָט אים איינגעשטילט. מיר האָבן אים צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער. אַ לאַנגע ווײַלע האָט זיך פֿון זיין ווינקל נאָך געטראָגן אַ כליפּען און אַ שטיל שעפּטשען:

„צו וואָס לעב איך צו וואָס לעב איך?“ מיר האָבן זיך באַ־רואיקט און זיך צוריק אַוועקגעלייגט. איך האָב געטראַכט וועגן דעם אומגליק, וואָס כאַסקל האָט געקענט אויף אונדז ברענגען מיט זיין שרייען.

●

ווען ס'איז געוואָרן נאַכט און די שיסעריי האָט אויפגעהערט, וואָס האָט געהייסן, אַז פּאַר אונדז ווערט טאָג, האָט כאַסקל אונדז גענומען איבערבעטן: — „וואָס בין איך שולדיק — האָט ער זיך זוי געבעטן: — „איך וויים, אַז איך האָב געקענט ברענגען אויף אייך דעם טויט, אָבער איך האָב נישט געוווסט, וואָס מיט מיר טוט זיך“. — אין אויסגוס פון טרערן האָט אויף אַ מינוט איבער־געהאַקט זיין ריידן: „ווי אַזוי, האָב איך עס געקענט דערלאָזן, ווי אַזוי האָב איך געקענט דערלאָזן מיין טאָכטער מיט אַ היטלער־יונג“. גערעדט האָט ער ווי פּאַר זיך, פאַמעלעך, קיינעם נישט אָנ־געקוקט, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פאַרגעסן קיין איין וואָרט, ־די עס זאָל אים מער ווי טאָן.

— געווען בין איך אַ קעסל־מאַכער פאַרן קריג, — האָט ער פאַרגעזעצט — געהאַט האָב איך אין פּראַגע אַן אייגן פאַבריקל. און געוווינט אין וואַרשע אויף גענשע גאַס. ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג, איז מיין טאָכטער רוזשעלע אַלט געווען זעכצן יאָר. איך האָב אויך געהאַט אַ יינגל, יאָסעלע האָט ער געהייסן, דרייצן יאָר איז ער אַלט געווען. עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט. מיין טעכטערל איז געגאַנגען אין גימנאַזיע, געלערנט זיך זייער גוט. און שיין איז זי געווען, טאַקע ווי איר נאָמען, אַן אמתע בלום.

די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט זיך אָפּ־גערוט אַ ווײַלע און ווייטער גערעדט:

— ווען עס איז אַנטשטאַנען דער געטאָ, האָב איך געהאַט אַ ביסל געלט, האָב איך געמיינט, ווי אַ סך אַנדערע יידן, מען וועט זיך אַזוי אַדורככאַפּן, זאָל זיין אַ געטאָ, אָבער מען וועט אונדז דאָך נישט אויסהרגענען. פאַר געלט האָט מען נאָך אַלץ באַקומען און די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין געלט, האָבן געהונגערט. וואָס ווייטער איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. מיר האָבן גע־גומען הונגערן, כאָטש מיר האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל געלט. מען

האָט שוין נישט געקראָגן קיין שפּייז אפילו פאַר געלט. געוווינט האָבן מיר שוין זעקס פאַמיליעס אין צוויי שטובן. מען איז געלעגן איינער אויפן צווייטן און אַלע האָבן געהונגערט.

— די קינדער מיינע זיינען שוין געווען נישט צו דערקענען, דאַר, אויסגעמאַטערט. און שרה, מיין ווייב, האָט מיר אַלץ אָפטער דערמאָנט אין דער שטיל אַ נאָמען פון אַ פּאָליאַק. אפשר האָלט ער אונדז אויסבאַהאַלטן ביי אים אויף דער אַרישער זייט.

— איין מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן צו מיר אַ ביסל מיט אַ העכערער שטימע, אַז די קינדער האָבן אויך געהערט. כאַסקל, אפשר פּאַווליוק פון זשוראַוויע 14? ער האָט דאָך געאַרבעט מיט אונדז. דו פלעגסט דאָך אים פּאָלירן לעפל, גאָפל, מעסער אין דיין פאַבריק?

— איך וועל גיין צו אים, האָט יאָסעלע זיך אַ כאַפּ געגעבן. אַ סך קינדער כאַפּן זיך ביי טאָג אַרויס פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט און ברענגען אַריין עפּעס עסן. איך האָב אַליין געזען — האָט זיך יאָסעלע גענומען שווערן — ווען איך בין געשטאַנען ביים טויער פון געטאָ, ווי נאָך קלענערע קינדער פון מיר האָבן זיך אַדורכגעגנבעט. זיי האָבן אויסגענוצט די צייט, ווען מען האָט די מענטשן אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט דורכן טויער. איך וועל זיך אויך אַרויסגנבענען און גיין צו דעם פּאָליאַק, ווי דו זאָגסט, מאַמע, איך וועל אים בעטן אפשר וועט ער וועלן.

— מיין שרה האָט אַזש גענומען ציטערן און זיך אַרויסדרייען, אַז זי ווייס נישט, צי דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער אַדרעס. זי האָט מורא געהאַט אים צו לאָזן גיין, זי האָט גוט געוווּסט, אַז פון די אַלע קינדער, וואָס גנבענען זיך אַרויס אויף דער אַרישער זייט, קומען זייער ווייניק צוריק און ווען זיי וואָלטן געהאַט עלטערן, וואָלטן די מאַמעס זיי זיכער נישט געלאָזט אַרויסגיין. נאָר זייערע מאַמעס און טאַטעס זיינען שוין פון לאַנג נישטאָ, מען האָט זיי צוגענומען און ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען, ווייס קיינער נישט.

— אָבער אויף צומאָרגנס האָט יאָסעלע, קיינעם גאָרנישט זאָגנדיק, זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. קיינער האָט עס נישט באַמערקט. נאָר ווען מיר האָבן זיך אַ ווײַלע שפּעטער אַרומגעזען,

האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט דורכן טויער און איז אַוועק צום פּאָליאַק פּאַוולוק אויף זשוראַווע גאַס. אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן מיר געוואַרט אויף אים אין איין ציטערניש. מיין ווייב האָט געהאַלטן אין איין וויינען און שרייען און זיך געקלאַפּט קאָפּ אָן וואַנט. קיינער אין שטוב האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. ערשט אויף צומאָרגנס איז יאָסעלע אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין. ער איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען און איר אַריינגעזאָגט שטילערהייט: „יאָ, ער וועט אונדז נעמען פּאַוולוק, מיר זיינען געראַטעוועטע“. רוזשעלע, מיין טאָכטער, האָט אים גענומען קושן, אַ וועלט מיט פרייד איז געלעגן אויף די צוויי קינדער.

מיר זיינען געזעסן אַרום כאַסקלען און אים נישט איבערגעריסן מיט קיין איין וואָרט. און אפילו ווען מען פרעגט אים איצט עפּעס, וואָלט ער אויך נישט געהערט. ער איז איצט געווען ווייט דאָרט אין געטאָ, זיינע אויגן האָט ער געהאַלטן אָנגעשפּיצט אויף איין פּונקט. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז אים אַרט נישט, צי מיר הערן אים יאָ, צי נישט. ער האָט איצט גערעדט מיט זיך, מיט זיין ווייב און מיט זיינע קינדער:

— דאָס צוגרייטן זיך צום אַרויסגיין פון געטאָ האָט נישט פאַרנומען קיין סך צייט, ווייל מען האָט גאָרנישט נישט געקענט מיטנעמען. ס'זיינען דעמאָלט געווען ספּעציעלע מאַכערס, וועלכע האָבן פאַר געלט אַרויסגעפירט פון געטאָ. באַלד צומאָרגנס איז מיין רוזשעלע מיט יאָסעלען אַוועק אַהין און אַ טאָג שפּעטער איך און מיין שרה. פּאַוולוק האָט אונדז אויפגענומען זייער גוט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר אים באַלד אַוועקגעגעבן און פּאַוולוק האָט מיר געוויזן דאָס צימער, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר אונדז. געווען איז דאָס אַ צימערל אָן אַ פענצטער, ווי מען פלעגט אַריינגיין פון קיך. געוויינטלעך פלעגט עס דינען אויף אַוועקצולייגן קוילן און האָלץ אויף ווינטער און אַלטע זאַכן. דאָרט זיינען איצט געשטאַנען צוויי בעטלעך, איין בעטל פאַר מיר מיט יאָסעלען און דאָס צווייטע פאַר מיין שרהן מיט רוזשעלען. אין עק צימער איז געשטאַנען אַ טאַבורעטקע, וואָס האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ טישל, צוויי שעניקעס מיט שטרוי זיינען געלעגן אויף די בעטלעך און אויף יעדן בעטל אַ ליילעך מיט אַ קאָלדרע און

אַ קישעלע. ווען מיר ווען אַריין אין צימערל — האָט אונדז פּאַוו־ליוק דערקלערט — וועט אַ קיך־שענקל פֿאַרשטעלן די טיר און מען וועט פֿון אויסן גאָרנישט דערקענען.

— גייענדיק צוריק אין קאָרידאָר, כדי צו נעמען די עטלעכע הפצים, וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט אין צימערל אַריין, איז פּונקט די באַלעבאָסטע אַרויס פֿון עס־צימער און געלאָזט אָפֿן די טיר. כ'האָב, נישט ווילנדיק, געוואָרפֿן אַ בליק אַריין און פּונקט ווי מען וואָלט מיר אונטערגעהאַקט די פֿיס, האָב איך שוין ווייטער נישט געקענט גיין. איך האָב אָנגעהויבן אין גאַנצן צו ציטערן און אין קאָפּ האָט זיך מיר גענומען מישן, אַז כ'בין שיער נישט אַנידער־געפֿאַלן. כ'האָב דערזען פֿון דער ווייטן אויף דער וואַנט פֿון זייער עסצימער היטלערס בילד. ס'איז מיר דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק, אַז פּאַווליוק מוז זיין אַ פֿאָלקסדייטש. מיין צווייטער געדאַנק איז געווען, אַז ער האָט אונדז אַריינגענאַרט, כדי צו קענען צונעמען אונדזער געלט און אונדז איבערגעבן צו די דייטשן. אַזעלכע זאַכן פֿלעגן דעמאָלט אָפֿט פֿאָרקומען.

— כ'ווייס נישט ווי לאַנג כ'בין אַזוי געשטאַנען. ס'האָט זיך מיר געדאַכט — אַן אייביקייט. נאָר פּאַווליוק, וועלכער איז געגאַנ־גען הינטער מיר, האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איך בין שטיין געבליבן. ער האָט צוגעמאַכט די טיר, וואָס האָט געפֿירט אין עס־צימער, איך זאָל נישט זען דאָס בילד און אַ זאָג געגעבן צו מיר:

— „האָב נישט קיין מורא, עס וועט דיר גאָרנישט געשען".

און ווענדיק אונטערשטרייכן, אַז ער פֿאַרשטייט, וואָס איך טראַכט וועגן אים, האָט ער צוגעגעבן: „איך בין נישט אַזוי ווי די אַנדע־רע"... איך האָב עפּעס געוואָלט ענטפֿערן, זאָגן, נאָר די ווערטער זיינען מיר געבליבן שטיין אין האַלדז און כ'האָב נישט געקענט אַרויסברענגען קיין טאָן.

— מיט מיינע לעצטע כוחות האָב איך זיך צוריק דערשלעפּט צו אונדזער צימערל און כ'בין אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן אייזערנעם בעטל. עס האָט מיך גענומען מאַטערן אַ בענקשאַפֿט צוריק אין געטאָ אַריין צו אַלע יידן. עפּעס האָב איך מיך געפֿילט אין דער מינוט שולדיק לגבי אַלע יידן, וואָס איך בין אַנטלאָפֿן פֿון זיי זיך ראַטעווען אונטער די פֿליגלען פֿון היטלערס בילד. ס'זיינען מיר איצט אַזוי קלאָר געוואָרן די ווערטער פֿון מיין יינגערן ברודער,

אהרן, ווערטער, אויף וועלכע כ'האָב פריער נישט געלייגט קיין אַכט: „עס גרייט זיך, מיר וועלן זיך נישט לאָזן", פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן. און ווען איך האָב אים געזאָגט פאַר מיין אַוועקגיין פון געטאָ, ער זאָל זיין גרייט, ווייל איך וועל אים אויך אַרויסנעמען, האָט ער מיר געענטפערט: „גרייט בין איך, נאָר אַרויסגיין פון געטאָ וועל איך נישט". איצט האָבן אָט די אַלע ווערטער באַקומען עפּעס אַ באַדייטונג, אפשר גרייט מען צו עפּעס קעגן דייטש, האָט מיר גענומען עקבערן אין מיין מוח. מסתמא האָט מיין ברודער דאָס געמיינט, ווייל מיין ברודער אהרן איז שוין נישט איין מאָל געזעסן אין תפיסה נאָך פאַרן קריג, פאַר פּאָליטיק. און אויב יאָ, פאַרוואָס זשע בין איך אַוועק? — האָב איך מיר גענומען אַז'ש בייסן די ליפּן פאַר ווייטיק.

— אַז איך האָב אָבער געגעבן אַ קוק אויף מיינע צוויי קינדער, מיין איינציק פאַרמעגן, ווען כ'האָב געזען, ווי זייערע בעקעלעך האָבע געפלאַמט פאַר פרייד, וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ, האָב איך שוין פאַרגעסן אין אַלץ.

— ס'האָבן זיך גענומען ציען לאַנגע טעג און לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. און וואָס ווייטער האָב איך מיך טאַקע אַלץ מער איינגערצייגט, אַז דער באַלעבאָס מיינער, פּאַווליוק, טראַכט אונדז נישט צו טאָן קיין שלעכטס. איך מיט מיין ווייב האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו דעם לעבן אַזוי אין דעם צימערל, כאָטש עס איז געווען זייער שווער. אַרויסגיין אפילו אויף אַ קורצער צייט האָבן מיר נישט געקענט, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר די שכנים, טאָמער באַמערקן זיי. מיר זיינען אַזוי געלעגן דאָרט, געליטן און געהאָפט. פאַר די קינדער אָבער איז עס געווען אַ סך שווערער. באַזונדערס פאַר מיין טעכטערל רוזשעלע, אַ מיידל פון אַכצן יאָר, אין די ריכטיקע בליענדיקע יאָרן, ווען אַלץ דורשט נאָכן לעבן, ווען אַלץ ברויזט. עס איז איר געווען ענג אין דעם צימערל. זי איז געוואָרן שטאַרק נערוועז. אָפט פלעגט זי זיך אַוועקשטעלן ביי דער טיר, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיטן קיכשאַנק, צודריקן איר פּנים צו די ברעטער און זיך איינהערן, וואָס עס טוט זיך דאָרט פון יענער זייט. איך האָב געפילט, ווי זי וויל זיך אַרויסרייסן, און יעדער זיפץ אירער פלעגט מיר אַ זעץ טאָן אין קאָפּ.

— מיין טאָכטער האָט נישט געהאַט קיין טיפּיש יידישן אויס־

זען. אַ קיילעכדיק פּנים, און די האָר אויך אַ ביסל בלאָנד. פּויליש האָט זי געקענט גוט ווי דייטש אויך. מען האָט נישט געקענט דערקענען, אַז זי איז אַ יידישע. האָבן מיר זי גענומען אַרויסלאָזן אַ ביסל צום באַלעבאָס אין די צימערן, ווען אַ שכן וואָלט זי באַמערקט, האָט עס באַדאַרפט הייסן, אַז זי איז די באַלעבאַטימס אַ קוזינע פון די עוואַקואירטע געביטן. אויף רוזשעלען האָט דאָס געהאַט אַ גוטע ווירקונג. זי איז אין אַ קורצער צייט צוריק אויסגעלעבט געוואָרן. זי האָט זיך צעוואַקסן טאַקע ווי אַ בלום און איך מיט מיין ווייב פלעגן זיך קוים פאַרהיטן צו קוקן אויף איר.

— אָבער איין מאָל, איין מאָל (דאָ האָט זיך כאַסקל אָפּגעשטעלט. (מיר האָבן באַמערקט, ווי טרערן שטיקן אים) איין מאָל, ס'איז געווען אַ נאָכמיטאָג, איז מיין רוזשעלע אַריינגעקומען צו אונדז אין צימערל אַ פאַרדויכלטע און גענומען דערציילן, אַז איצט ביים מיטאָג, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעעפנט די טיר און אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק איז אַריין מיט אַ גרויסער פרייד און האָט זיך גענומען קושן מיט די באַלעבאַטים. „דאָס איז אונדזער זון", האָט די באַלעבאָסטע אַ זאָג געטאָן צו רוזשעלען, „ער קומט פון דייטשלאַנד, ער האָט דאָרט געמאַכט אַ קורס, אַ יוגנט־קורס".

„אַז ער האָט מיך דערזען — האָט רוזשעלע ווייטער דערציילט — האָט ער זיך געגעבן אַ פרעג ווער איך בין. דער פאָטער האָט גענומען שטאַמלען, נאָר די מוטער האָט אונטערגעכאַפּט: אַ קוזינקע. ער האָט זיך מיט מיר העפלעך באַגריסט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: אַ שיינע קוזינקע, אַ שיינע קוזינקע. ער איז אַריין מיט זיין פאָטער אין צווייטן צימער און ווען ער איז צוריק אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך גענומען גרייטן צום אַוועקגיין, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל, איך זאָל נישט אַוועקגיין, ער וועט באַלד צוריקקומען". און מיין רוזשקעלע האָט נאַאיוו צוגעגעבן: „די באַלעבאָסטע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זון איז זייער אַ גוטער און כאָטש איך בין אַ יידישע, דאַרף איך זיך נישט שרעקן. פאַרקערט, ער איז אַ גאַנצער אָנפירער ביי דער היטלער־יוגנט אין וואַרשע און דעריבער וועט מען ביי זיי קיין מאָל גאָר נישט זוכן".

— אין אירע אויגן האָב איך שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ פריילעכקייט. עס האָט מיר אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן. איר באַמערקונג, אַז ער איז אַ גוטער, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן.

ווען כ'האָב אַ קוק געגעבן אויף מיין שרהן, האָב איך באַלד דער־קענט, אַז אויך איר האַרץ זאָגט נישט אָן קיין גוטס.

— ווען מיר זיינען דעמאָלט געקומען אויפן זינען, געדענק איך נישט. נאָר איך געדענק איין זאַך: אַז איך בין געבליבן זיצן ווי צעמישט און איך האָב פּעסט אַרומגענומען יאָסעלען, וועלכער איז געזעסן אויפן בעטל לעבן מיר, אַרויפגעלייגט מיין קאָפּ אויף זיינעם און זיך צעוויינט. איך האָב דערפילט אין האַרצן אַזאַ שרעק, ווי כ'האָב עס נאָך קיין מאָל נישט געפילט. מיין רוזשעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אירע ווערטער האָבן אויף אונדז אַזוי שלעכט געווירקט און זי האָט אַזוי קינדעריש גענומען אונדז טרייסטן: „מען דאַרף נישט מורא האָבן“, האָט זי אונדז גענומען איבערצייגן, „איך האָב דערקענט אין אים, אַז מען דאַרף פאַר אים נישט מורא האָבן. ער וועט אונדז נישט אויסגעבן, ער זעט אויס זייער אַ גוטער און די מאַמע זיינע האָט מיר אויך פאַרזי־כערט. הערט אויף צו וויינען“ — האָט זי זיך גענומען בעטן און אַרומגענומען די מאַמען און זי גענומען גלעטן. מיין שרה האָט עפּעס גענומען שטאַמלען: „ניין, מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר אונדז, נאָר... נאָר...“ זי האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן, מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס איר האָט געדריקט; פאַרוואָס אַ מאַמע האָט מורא, ווען מען האָט אַן אַכצניאָריקע טאָכטער, אַ מיידל שיין ווי אַ בלום אין אַזאַ חיהשער וועלט.

— פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר און מיין ווייב דער אמתער גיהנום. דאָס ייִנגל איז שוין פון מיין טאָכטער נישט אָפּגעטראָטן. ווי נאָר ער פלעגט אַריינקומען, פלעגט ער אָנקלאַפּן צו אונדז. מיין טאָכטער, ווי נאָר זי פלעגט דערהערן זיין קלאַפּ, פלעגט אַזש אויפציטערן און פלעגט גלייך אַרויס צו אים.

— וואָס איך האָב איבערגעלעבט, מיינע מאַטערנישן, מיין ווייטיק, קאָן איך אייך נישט דערציילן. מיין ווייב האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט בלויז שטענדיק אונטערגעשטעלט די הענט, אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיי און געקוקט אַראָפּ אויף דער ערד. איך האָב געמיינט, אַז זי ווערט משוגע. איין מאָל האָב איך געפּרוּווט זאָגן מיין רוזשעלען: „אפשר דאַרף מען נישט, מיין טייער קינד, אַזוי זיצן מיט אים... ער איז יונג און דו ביסט יונג, גיי נישט אַרויס צו אים“. האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אַזעל־

כע בעטנדיקע אויגן: „האָב נישט קיין מורא, טאַטע“, און זי האָט זיך צעוויינט: „וואָס ווילסטו? זיצן אַזוי דאָ פאַרמאַכט, איך זאָל משוגע ווערן, וועט שוין זיין בעסער?“

— „אָבער ער איז דאָך פון דער היטלער־יוגנט“, — האָב איך זיך געבעטן ביי איר — „און דו ווייסט דאָך, וואָס זיי טוען מיט אונדז יידן?“.

— „ער איז נישט ווי אַלע אַנדערע“, האָט זי מיר געענטפערט, „ער איז אַ גוטער“.

— יאָ, איך בין געווען צו שוואַך און איך בין אַליין שולדיק, — האָט כאַסקל געמורמלט. אַ ווייַלע האָט ער געשוויגן. קיינער האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן דאָס שווייגן. דאַן האָט ער פאָרגע־זעצט:

— איין מאָל איז דאָס ייִנגל אַרייַנגעקומען צו אונדז אין צימער. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען. ער האָט געגומען דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. מען פירט פון דאָרט טעגלעך אַרויס מאַסן יידן. ער אַליין איז דאָרט נישט געווען, נאָר די געשרייען און די געוואַלדן פון געטאָ הערט מען וייט איבער דער מויער יעדן טאָג. מסתמא האָט ער עס אונדז דער־ציילט, כדי מיר זאָלן זיין צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך אַרויסגע־ראַטעוועט און מיר געפינען זיך אין אַ זיכערן אָרט. אוי — האָט כאַסקל פלוצלונג זיך צעשריען — אוי, ווי שטאַרק האָב איך גע־דאַרפט זיין, קוקנדיק אויף אים מיט זיין היטלער־אָפּצייכן אויף דער קלאַפּע. עס האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט אָננעמען אים ביים האַלדז און שטיקן, וואַרגן אים פאַר אַלע זיינע היטלעראָווצעס, וועלכע מאָרדן אונדזערע ברידער און שוועסטער. און ער אַליין וואָס טוט? ער העלפט דאָך אויך צו. נו, און מיין טאָכטער? האָב איך געגעבן אַ קוק אויף מיין רוזשקעלע, וועלכע איז געשטאַנען לעבן אים — וואָס וויל ער פון איר?

כאַסקל איז אויף אַ מינוט פלוצלונג אָוועקגעפאַלן, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ווידער האָט ער גע־מורמלט מיט אַ בימערן טאָן: פאַרוואָס בין איך געווען אַזוי שוואַך? פאַרוואָס?

— כמעט יעדן צווייטן זונטיק ביינאַכט — האָט ער ווייטער גענומען דערציילן — פלעגן פאָרקומען דאָ אין די שטובן הוליאַנ־

קעס פון די יוגנטלעכע היטלעריסטן. אויך דייטשע אָפיצירן פלעגן קומען אויף הוליאַנקעס. ווען זיי האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען, זיינען זייערע געוואַלדן און געשרייען דערגאַנגען צו אונדז אין צימערל אַריין. עס האָט אונדז באמת ווילד געמאַכט. און ווען מ'פלעג זיך דערמאָנען, אַז מיין טאָכטער, מיין רוזשעלע, איז דאָרט צווישן זיי, אַז זי מוז מיטהאַלטן און מיטמאַכן מיט זיי, האָב איך געוואָלט נעמען קלאַפּן אין טיר, נעמען שרייען: „הרגעט אונדז בעסער, נאָר פאַראומרייניקט נישט מיין טאָכטער“. איך מיט מיין ווייב פלעגן זיך צוהאַלטן איינער דעם אַנדערן און מיין יאָסעלע פלעגט אויף אונדז קוקן מיט שרעק ווי מיט אַ געבעט, אַז מיר זאָלן נישט שרייען.

כאַסקל האָט גענומען ריידן שטילער, ווי ער וואָלט זיך פאַר־ענטפערט פאַר אונדז:

— ווען איך פלעג געבן אַ קוק אויף מיינע קינדער, פלעג איך ווערן אַזוי שוואַך, אַז אַלע פלענער, וואָס איך האָב זיך געמאַכט אין קאָפּ, זיינען אַוועק. מער ווי איין מאָל פלעגן מיר, איך און מיין ווייב, אָפּזיצן האַלבע נעכט, וואַרטנדיק אַז מיין טאָכטער זאָל אַריינקומען שלאָפן. די באַלעבאַטים האָבן איר געוואָלט געבן אַן אָרט, וווּ צו שלאָפן ביי זיי אין שטוב, אָבער דאָס האָב איך שוין נישט דערלויבט. אין אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט בין איך מער ווי איין מאָל געווען גרייט אָדער אַוועקצולויפן פון דאַנען צוריק אין געטאָ, אָדער אונטערצינדן די שטוב מיט אַלעמען און מיט אַלץ.

— יאָ, איך בין געווען שוואַך. ווי נאָר איך האָב געגעבן אַ קוק אויף די קינדער, ווי זיי שלאָפן אַזוי רואיק, האָב איך אָן אַלץ פאַר־געסן. איך האָב מיר גענומען איינרעדן: נו, איז וואָס, אַז מיין רוזשעלע רעדט מיט האַנסן (אַזוי האָט ער געהייסן, דאָס יינגל). קיין שלעכטס טוט זי נישט און אפשר גאָר פאַרקערט, צוליב איר וועט ער גאָר ווערן בעסער און וועט קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן. אַבי איבערהאַלטן... אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג און די וואָכן. ביסלעכווייז האָט האַנס גענומען מיטנעמען מיין טאָכטער אין גאַס אַריין. זיין אָפּצייכן פון דער היטלער־יוגנט האָט געשיצט אויך זי. און שטענדיק ווען זי פלעגט צוריקקומען פון אַזאַ שפּאַ־ציר אין גאַס אויף דער פרייער לופט, איז זי געווען ווי אויפן

זיבעטן הימל. זי האָט אָבער געזען און פֿאַרשטאַנען אונדזער ווייטיק. און דעריבער פֿלעגט זי שטענדיק זאָגן: „האָט ניט קיין מורא, טראַכט ניט קיין שלעכטס, עס וועט גאָרניט געשען“.

— „אָבער ער האָט דיך ליב“ — האָט איין מאָל שוין מיין שרה זיך ניט געקענט איינהאַלטן — „און דו ביסט דאָך אויך יונג“ — און מיט אַ געוויין האָט זי צוגעגעבן: „און נאָך מיט וועמען? מיט אַ היטלער־יוגנטלעכן, דו, מיין טייער קינד?“

רוזשעלע איז אַרויסגעפֿאַלן דער מאַמען אויפֿן האַלדז און האָט זיך אויך שטאַרק צעוויינט. — „עס וועט גאָרניט ניט געשען“, האָט זי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און געהעשעט פֿון שטאַרק וויינען, כסדר איבערחזרנדיק בלויז די פּאָר ווערטער: „עס וועט גאָר ניט געשען“.

— יאָ, מיר האָבן איר געגלייבט. דאָס יינגל פֿלעגט אַלע מאָל דאַרפֿן אַוועקפֿאָרן אויף עטלעכע טעג און דאַן פֿלעגט מיין טאָכטער שוין מוזן בלייבן זיצן אין שטוב. אָבער אויך דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט, באַלד איז געוואָרן נאָך ערגער. כדי זי זאָל קענען זיך באַוועגן, אפֿילו ווען ער וועט ניט זיין און אויך צוליב דעם, וואָס זיינע חברים פֿלעגן איר פֿאַרהאַלטן, פֿאַרוואָס זי טרעט אויך ניט אַריין אין דער היטלער־יוגנט, האָט האַנס זי פֿאַרשריבן אין זיין גרופּע, וווּ ער איז געווען אַן אינסטרוקטאָר און האָט איר געגעבן אַ מיטגלידס־קאַרטע מיט אַן אָפּצייכן. איצט איז זי געווען אין גאַנצן פֿריי. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר פֿון דעם ניט געוווּסט, ווייל איידער זי פֿלעגט אַריינקומען צו אונדז אין צימער, פֿלעגט זי דעם אָפּצייכן אַראָפּנעמען.

— איין מאָל, שפּעט ביינאַכט, בין איך ווי שטענדיק געזעסן און געוואַרט, ביז מיין טאָכטער וועט אַריינקומען שלאָפֿן. רוזשעלע איז אַריינגעקומען, ווייזט אויס, אַ שטאַרק צעטראָגענע און האָט פֿאַרגעסן אַראָפּצונעמען דעם צייכן. כ'האָב דערזען דעם אָפּצייכן און האָב געגעבן אַ געשריי ווי ניט מיט מיין קול: „געוואַלד!“ מיין ווייב מיט יאָסעלען האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון מיין געשריי. כ'ווייס ניט וואָס עס איז מיט מיר פֿאָרגעקומען. כ'בין צוגעפֿאַלן צו מיין טאָכטער און האָב זי גענומען שלאָגן מיט אַלע מיינע כוחות. מיין ווייב מיטן זון האָבן געוואָלט מיר אָפּרייסן, האָב איך אויך זיי געשלאָגן. מיין טאָכטער האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

קיין דאָקומענטן האָט זי נישט געהאַט, האָט האַנס איר געמאַכט אַ קאַרטע פון זיין אָרגאַניזאַציע און געקראָגן דעם אַפּצייכן, כּדי זי זאָל נישט זיין פאַרדעכטיק ביי די אַנדערע. און אחוץ דעם האָט זי עס אויך געטאָן צוליב אונדז, ווייל איצט איז זי שוין זיכער, אַז מען וועט אונדז נישט אַנטדעקן. זי האָט גענומען וויינען און טענהן: וואָס פאַר אַ שלעכטס טוט זי, אַז זי וויל נאָר זיך און אונדז ראַטעווען. „איך בין נאָך יונג, איך וויל לעבן! איך וויל לעבן!" האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן — „איך טו נישט קיין שלעכטס". זי איז צוגעפאַלן צו מיר און מיך גענומען גלעטן: — „דו וועסט זען, טאַטעשי, מיר וועלן איבערלעבן, עס וועט אייביק נישט דויערן. דער אַפּצייכן וועט מיך נישט אַנדערש מאַכן. אַ סך יידן, יינגלעך און מיידלעך, באַהאַלטן זיך אויס דורך פאַרשידענע אַפּצייכנס, אַבי נאָר איבערצולעבן. איך טו נישט קיין שלעכטס, איך שווער דיר".

כאַסקל האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אונדז:

— קיין מענטש קען זיך אָבער נישט באַוואָרענען. פון דער זייט, וואָס דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין באַוואָרנט, קען ערשט רעכט קומען דאָס אומגליק. די דיסציפּלין אין דער יוגנט, וווּ מיין טאָכטער איז געווען אַ מיטגליד, איז געווען זייער אַ שטרענגע. יעדע וואָך האָט זי געמוזט גיין אויף זייערע פאַרזאַמלונגען. שיין איז זי געווען, האָט זי צוגעצויגן אַ סך פון זיי. האַנס פלעגט זי טאַקע באַשיצן, אָבער אייגער פון זיי האָט זי גענומען ערנסט פאַרפאָלגן און נישט איין מאָל זיינען אויסגעבראָכן קריגערייען און אפילו געשלעגן צווישן די ביידע. אין אָנהויב האָט זי עס אונדז נישט דערציילט, נישט געוואָלט אונדז אָנטאָן קיין עגמת נפש. אָבער שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן ערנסטער און עס איז געקומען גאַנץ אָפט צו געשלעגן צווישן האַנסן מיטן אַנדערן יינגל, האָט זי זיך אונדז אָנגעטרויט און דערציילט אַלץ: אַז שוין לאַנג, ווי מען האָט זי עטלעכע מאָל גערופן אין ביוראָ פון איר אָרגאַניזאַציע און עפּעס אַזוי אויסגעפרעגט נאָך אַ מאָל, פון וואַנען זי איז און ווי זי הייסט. אַז זי האָט געפרעגט האַנסן, וואָס דאָס קען באַדייטן, נאָר ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אויך דערציילט, אַז שוין עטלעכע מאָל האָבן האַנס און זי באַמערקט, ווי

דייטשע פּאָליציי דרייט זיך אַרום ביי זייער הויז, ווען זיי פּלעגן אַהיימקומען. און זי האָט דערציילט, אַז דער צווייטער יונגטלעכער, וואָס האָט זי פֿאַרפֿאָלגט און געמאַכט איר פֿאַרשלאָגן, האָט איר געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך נוקם זיין אָן איר, אויב זי וועט נישט נאָכגעבן זיין פֿאַרלאַנג.

— „איך האָב זיך די גאַנצע צייט געשראָקן, אַז דו וועסט ברענגען אַן אומגליק מיט דיין גיין דאָרט צו די באַנדיטן און דו האָסט טאַקע עס געבראַכט" — האָט מיין ווייב זיך צעוויינט — „יעדע מינוט קענען זיי קומען צו אונדז. מען דאַרף עפּעס טאָן. כאַסקל".

— רוזשעלע האָט אונדז גענומען טרייסטן. האַנס, וועלכער האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן אויף צוויי טעג, האָט איר געהאַט צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער קומט, וועט ער שוין געוויר ווערן וואָס עס קומט פֿאָר און אפֿשר וועט ער אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה געפֿינען אַן אָרט פֿאַר אונדז. אָבער אויף צומאָרגנס האָט שוין די פּאָליציי זיך געדרייט אַ גאַנצן טאָג אַרום שטוב. די באַלעבאָסטע און דער באַלעבאָס זיינען אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע. מיר זיינען געווען איינגעשלאָסן אין דעם צימערל, וואָס מען האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געעפֿנט, אפֿילו צום אַריינגעבן עסן. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. ביינאַכט איז מען באַפֿאַלן דאָס הויז. פּאָליציי, געסטאַפּאָ און זשאַנדאַרן האָבן באַלאַגערט די גאַנצע גאַס. זעקס געסטאַפּאָ־לייט מיטן ייִנגל, וואָס האָט פֿאַרפֿאָלגט מיין טאָכטער, זיינען אַריין אינעווייניק און גענומען זוכן און נישטערן. זיי האָבן אָבער אַזוי שנעל נישט געפֿונען, וואָס זיי האָבן געזוכט, און האָבן אָנגעהויבן צו שרייען און צו דראָען. מיר זיינען געזעסן אינעווייניק און אַלץ געהערט. מיר זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט אַלע פֿיר צוזאַמען, ביידע קינדער אין דער מיט. די קינדער האָבן זיך צוגעדריקט צו אונדז און געציטערט. איך האָב נאָר געבעטן, ס'זאָל גיך נעמען אַ סוף. איך האָב נישט געקענט צוקוקן, ווי די קינדער מאַטערן זיך. יעדעס מאָל, ווען די רוצחים זיינען אַריין אין קיך און אַן עפּן געגעבן דאָס קיכשענקל, וואָס האָט פֿאַרשטעלט אונדזער טיר, האָבן זיך די קינדער אַריינגעקניפּט מיט די פֿינגער אין אונדז אַריין. איך ווייס נישט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, נאָר עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז עס איז אַן אייביקייט. דאָס,

וואָס מיין טאַכטער איז נישט געווען איז שטוב, בעת די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זי געזען אַריינגיין, איז געווען פאַר זיי אַ באַשטעטיקונג, אַז אין שטוב איז פאַראַן אַ באַהעלטעניש. זיי האָבן גענומען האַקן די ווענט, צעברעכן טירן. איך ווייס נישט, צי ווער פון די אייגנטימער האָט אויסגעזאָגט אָדער נישט, נאָר פּלוצלונג האָבן עטלעכע מענטשן אָפּגערוקט דאָס שענקל, וואָס האָט פאַרשטעלט אונדזער טיר, און אַ שטאַרקער עלעקטרישער לאָמפּ האָט אַריינגעלויכטן און האָט אונדז פאַרבלענדט. אַ שפּאָטיש געלעכטער האָב איך דערהערט: „אָ, זי איז דאָ די יידישקע! דאָס האָב איך דיך שוין לאַנג אַנטדעקט, איך האָב דיר נאָכגעשפּירט" — האָט זיך באַרימט דער היטלער־יונגטלעכער.

מען האָט אונדז אַרויסגענומען און גענומען אַרויספירן אונטערן צופרידענעם געלעכטער פון די געסטאַפּאָ־לייט און אונטער אַ האָגל פון זידלערייען פון דעם היטלער־יונגטלעכן אויפן אַדרעס פון מיין טאָכטער. איך האָב אין גאַנצן נישט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר, איך האָב נישט געפילט קיין שרעק נאָר פאַרקערט עפּעס ווי אַ דערלייזונג פון אַ זאַך, וואָס האָט מיך געדריקט. איך האָב געפילט, אַז עס איז מיר געוואָרן לייכטער.

— אויפן וועג אין דער געסטאַפּאָ אַריין, אויף אַלייע שוכאַ, האָב איך ביידע קינדער געהאַלטן צוגעדריקט צו מיר. יאָסעלע האָט אפילו וויינען אויך נישט געקענט און רוזשעלע האָט כסדר געמורמלט: „איך בין שולדיק, איך בין שולדיק! אָבער איך האָב גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס".

מער האָב איך מיינע קינדער שוין נישט געזען. אין דער געסטאַפּאָ האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן נאָך דער אויספאָרשונג אין אַ באַזונדערן צימער און מיין פרוי מיט די קינדער אין אַן אַנדער אָרט. אויף צומאָרגנס האָט מען מיך איבערגעפירט אין פאַוויאַק אין תפיסה אַריין, ווייל זיי האָבן מיך נאָך געוואָלט אויסנוצן צוליב מיין פאַך.

— מיין פרוי מיט די קינדער האָבן זיי דערשאָסן — האָט באַסקל נאָך אַ ווײַלע שווייגן שטיל צוגעגעבן און פּלוצלונג זיך צעיאָמערט אויפן קול:

— פאַרוואָס האָבן זיי אויך מיך נישט דערשאָסן מיט זיי צוזאַמען!...

ער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד אין גאַנצן אָן כוחות און כסדר געמורמלט עטלעכע ווערטער, וועלכע מיר האָבן צוערשט נישט פאַרשטאַנען. נאָך אַ ווײַלע ערשט איז עס דערגאַנגען צו אונ־דזער געהער:

— זי איז געשטאָרבן ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער... זי איז געשטאָרבן ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער...

קאַפּיטל פֿיר

דאָס מאָל זיינען מיר אַרויס ביינאַכט זאַלבעפֿערט: יצחק, איגנאַץ, דאַניעל און איך. מיר זיינען, פֿאַרשטייט זיך, נישט געגאַנגען אַלע אין איין ריכטונג, נאָר האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט: יצחק און איגנאַץ אין איין זייט; דאַניעל און איך אין אַ צווייטער זייט. דאָס סאַמע ערגסטע איז געווען גלייך ביי די ערשטע טריט, ביים אַראָפּקריכן פֿונעם באַרג ציגל און גרוז, וואָס האָט צוגעדעקט אונדזער בונקער: ביי יעדן טראָט האָבן זיך געשאָטן שטיקלעך גרוז און דער ווידערקול פֿון די פֿאַלנדיקע האָט אין דער שטילקייט געקענט דערגרייכן ביז צו דייטשע פּאָסטנס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די חרובע געגנט. ערשט ווען מיר זיינען אַראָפּ פֿונעם באַרג און זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ חורבה און פֿון דאָרט אין אַ קעלער, האָבן מיר אָפּגעאָטעמט אַ ביסל פֿרייער. דאָס האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן אַזוי האַסטיק און האָט אָנגענומען דעם נאָרמאַלן ריטם; די שרעק איז כמעט ווי פֿאַרשוווּנדן. דאָ, אין די קעלערן, האָבן מיר זיך געשפּירט פֿיל זיכערער. זיי זיינען געוואָרן פֿאַר אונדז ווי עפּעס אייגנס, און עס האָט זיך אונדז שטענדיק געדאַכט, אַז דאָ וועלן מיר קיינעם נישט טרעפֿן, אחוץ שטשורעס, וואָס פֿאָרען זיך ביי אַ האַנט אָדער אַ פֿוס פֿון פֿאַרשאָטענע טויטע קערפּערס, וועמענס איינצלנע אברים האָבן ווי אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די בערגלעך גרוז. אין דער אמתן איז אויך דאָ געווען גרויס די געפֿאַר, ווייל קריכנדיק אַזוי פֿון איין קעלער צום צווייטן, האָט מען געקענט אַריינקריכן צום מלאך המוות אין פּיסק אַריין. אָבער די נויטווענדיקייט צו געפֿינען עסנוואַרג, און טאַקע וואָס מער, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן אין אַלץ פֿאַרגעסן און אפילו נישט געשפּירט די געפֿאַר.

די עקספּעדיציע צו די קעלערן, וואָס מען פֿלעגט געוויינלעך

מאַכן זאַלבעצווייט, איז מער־ווייניקער פאָרגעקומען אַזוי: יעדער האָט געהאַט מיט זיך שוועבעלעך און אַ שטיקל ליכט (מיר האָבן גלייך אין די ערשטע טעג געפונען אַ גאַנץ פעקל ליכט), און ווען מען פלעגט אַריינקומען אין עפּעס אַ קעלער, פלעגט איינער אָנצינדן אַ שוועבעלע, כדי צו זען, צי דאָרט איז עפּעס פאַראַן אָדער ער איז פוסט, צי גאָר פאַרברענט. אין ערשטן פאַל האָט מען אָנגעצונדן די ליכט, וואָס איינער האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט, כדי עס זאָל נישט אַרויסלויכטן אין דרויסן דורך דעם פענצטערל פון קעלער, און דער אַנדערער האָט גענישטערט און מיטגענומען אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אין צווייטן פאַל פלעגט מען קריכן ווייטער צו אַן אַנדער קעלער.

ווען איך בין אַריין מיט דאַניעלן אין דעם ערשטן בעסטן קעלער, האָבן מיר דאָרט גלייך אַנטדעקט אַן אוצר: זאַלץ. דאָס איז אמת געווען נישט קיין ריכטיקער זאַלץ, נאָר בלויז פאַרטרוקנטע זאַלץ־שטיקער צוזאַמענגעמישט מיט שופּן פון פיש, וואָס מיר האָבן געפונען אויפן דנאָ פון אַ פעסל פון הערינג (אין פוילן האָט מען עס גערופן לאַק). אָבער פאַר אונדז איז עס געווען איינע פון די ווערטפולסטע זאַכן. מיר האָבן ביידע גלייכצייטיק אויסגערופן מיט אַנטציקונג: זאַלץ! און אונדזערע פנימער האָבן אַזש געפלאַמט פון פרייד. מיר האָבן מער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסזאָגן. מיר האָבן נאָר זיך אָנגעקוקט און זיך צעקושט. מיר האָבן דאַן, גלייך אויפן אָרט, עס אַ לעק געטאָן און דערפילט אַלע טעמען.

זיך צוקוקנדיק גענויער צום קעלער, האָבן מיר באַמערקט, אַז ער האָט נישט קיין שום פענצטערל. מיר האָבן אויך נישט געפונען קיין שום סימן, אַז מענטשן זיינען דאָ געווען אין דער צייט פון אויפשטאַנד. מיר האָבן, דאַקעגן, געזען אַן אויפפאַלנדיקע זאַך: דאָס אַנטקעגנדיקע ווענטל איז געווען אין גאַנצן פאַרשטעלט דורך אַ באַרג זאָרגפעליק־אָנגעשאָטענע קוילן, וואָס איז דערגאַנגען ביזן סופית. עס האָט קלאָר אויסגעזען, ווי די קוילן וואָלטן ספּעציעל געוואָרן אָנגעשאָטן, כדי צו באַהאַלטן דאָס ווענטל, און מיר זיינען געווען זיכער, אַז הינטער אָט דעם ווענטל געפינט זיך אַ צווייט קעלער־שטיבל, ווו עס ליגט אפשר באַהאַלטן עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן. מיר האָבן גענומען אַוועקשאַרן די קוילן פון איין ווינקל און

האָבן שנעל אַנטדעקט אַ לאָך, וואָס האָט טאַקע באַשטעטיקט אונדזער השערה וועגן אַ צווייט קעלער־צימערל. כדי צו זען, וואָס דאָרט איז פֿאַראַן, האָט דאַניעל זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אַריינגעשטעקט די האַנט מיט דער ליכט אין לאָך און זיך צוגערוקט דערנאָך מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריטער, און אַ דערשטיקט געשריי האָט זיך אים אַרויסגעריסן פֿון האַלדז. „וואָס איז? וואָס האָסטו געזען?“ — בין איך צוגעפֿאַלן צו אים. אָבער דאַניעל האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן קיין וואָרט, גלייך ווי די ווערטער וואָלטן געבליבן דערשטיקט אין זיין האַלדז. צום סוף האָט ער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף דער לאָך, און האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט: „טויטע ייִדן...“

מיר האָבן גלייך זיך ווידער גענומען אַוועקשאַרן די קוילן ביז מיר האָבן געקענט אַרומנעמען מיט אונדזער בליק דאָס גאַנצע קעלער־צימערל. אַ גרויליק בילד האָט זיך דאַן אַנטפּלעקט פֿאַר אונדזערע אויגן: מענטשלעכע גלידער האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, צעפּרעסענע טיילווייז (אוודאי פֿון שטשורעס) און צוזאַמענגעמישט מיט צעריסענע בגדים פֿון אַ ספּעציפֿישן ייִדישלעכן אויסזען. אין עטלעכע ערטער איז דער באָדן געווען פֿאַנאַנדערגעגראָבן, און די לעבער האָבן אויפֿגעדעקט טיילן פֿון קערפּערס, פֿאַרשאָטענע מיט ערד. דאָס האָבן אוודאי די שטשורעס אויסגעגראָבן אָט די לעבער, ווען זיי האָבן דערשפּירט דעם ריח פֿון די פֿריש־דערהרגעטע ייִדן.

מיר זיינען געבליבן ווי פֿאַרגליווערטע אויפֿן אָרט. איך האָב זיך פּרובירט פֿאָרשטעלן די בלוטיקע דראַמע, וועלכע האָט זיך דאָ פֿאַרלאָפֿן. איך האָב געזען פֿאַר די אויגן ייִדן פֿון געטאָ, וואָס עטלעכע פּאָליאַקן האָבן דאָ אַהערגעבראַכט פֿאַר געלט מיטן צוזאָג זיי צו ראַטעווען. איך האָב געזען זייערע שמייכלענדיקע פּנימער, ווען זיי זיינען בשלום אָנגעקומען אַהער. ווי גליקלעך זיינען זיי געווען, אַראָפּגייענדיק אין אָט דעם קעלער, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין זייער רעטונג! זיי האָבן זיך אוודאי צעקושט פֿון צופֿרידנקייט. און אפֿשר איז עס גאָר געווען איין גרויסע משפּחה מיט פֿיל קינדער? אין דעם פֿאַל האָט זייער פֿרייד געדאַרפֿט זיין נאָך גרעסער, ווייל די גאַנצע משפּחה האָט באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון געטאָ... אָבער באַלד האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער זייערע קעפּ די

האַק פון מערדער. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי זיי וואַרפן זיך אויף די יידן. איך האָב ווי געהערט די געשרייען פון די באַפאַלענע יידן, זייערע פאַרצווייפלטע רופן נאָך הילף, זייערע געבעטן רחמנות צו האָבן אויף די קינדער. אָבער ס'איז געווען אומזיסט: דאָס רוצישע האַרץ איז נישט ווייכער געוואָרן, די האַק האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, דאָס בלוט האָט געשפּריצט, און די ערשט־גליקלעכע יידן זיינען פאַרפייניקטע, צעקאַליעטשעטע געבליבן אויפן באָדן, וואָס איז געווען זייער האָפענונג און איז איצט געוואָרן זייער קבר.

דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען און איך בין שיער נישט אַנידערגעפאַלן. דאַניעל איז געשטאַנען לעבן מיר און האָט געציטערט. נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָבן מיר גענומען צוויי העלצער, וואָס זיינען געלעגן אין אַ זייט, און האָבן אָנגעהויבן אַריינצושאַרן די גלידער אין די לעכער פון באָדן, און דערנאָך אַלץ צוגעדעקט מיט ערד. דאָס איז געווען דער לעצטער כבוד, וואָס מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן. מיר האָבן גלייך נאָך דעם זיך שטילערהייט אַרויסגעשלייכט פון קעלער.

ערשט דאַן האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין זייער שפּעט און אַז עס קען קיין רייד נישט זיין וועגן גיין זוכן אין אַנדערע קעלערן. מיר האָבן זיך גערדאַרפט באַגנוגענען מיטן ביסל זאַלץ, וואָס מיר האָבן געפונען אין דעם פעסל פון הערינג. אָבער דאָס, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געווען פאַר אונדז אַן אוצר, האָט איצט געדריקט אויף אונדזער געמיט ווי אַ שווערע משא. און אַזוי, דערדריקטע, האַלב־טויטע האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צו אונדזער בונקער.

ווען מיר האָבן זיך אַריינגעשאַרט אינעווייניק, זיינען שוין יצחק און איגנאַץ דאָרט געווען צוריק. זיי האָבן געהאַט מער מזל פון אונדז. זיי האָבן געפונען ווערטפולע זאַכן: אַ קליין זעקל מיט אַ פּאָר קילאָ מעל, אַ ביסל פערל־גרויפּן און אַ ביסל בעבלעך. אַלע זיינען געווען פריילעך. אויסגעזעצט אַרום דעם פייער, אויף וועלכן עס האָט זיך געקאָכט דער טאָפּ. אַ פאַרע האָט געזעצט פון אים און דער ריח פון פערל־קאַשע האָט געררייצט די נאָז. אַלץ איז געווען פאַרטיק און מען האָט בלויז געוואַרט אויף אונדז. חנה האָט טאַקע, גלייך ווי זי האָט אונדז נאָר דערזען,

געגומען גרייטן צום עסן. אַז אמתע אידיליע האָט איצט געהערשט אין בונקער. איך האָב געגעבן אַ קוק אויף דאַניעלן און ער אויף מיר, און מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען אויפן וווּנק: יאָ, מען טאָר נישט איצט דערציילן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין קעלער. מיר האָבן דעריבער ביידע געשוויגן און אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערשט מאָל צו רעדן וועגן דעם. דאַניעל האָט, דאַכטן, באַוויזן דעם זאַלץ־אוצר, וואָס מיר האָבן געפונען, און ס'איז געוואָרן נאָך פרייליכער און הייטערער ווי פריער. סאַמעק האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַנטציקונג:

— אַה, אונדזער איצטיקער מיטאָג איז עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס. זיכער נישט ערגער ווי אין האָטעל בריסטאָל...

— דעם האָטעל בריסטאָל — האָט אונטערגעכאַפּט איג־נאַץ — קען איך נישט. איך האָב דאָרט קיין מאָל נישט געגעסן און בין דאָרט אפילו קיין מאָל נישט געווען. אָבער איין זאַך ווייס איך אויף זיכער: די פּערל־קאַשע וועט אונדז היינט שמעקן בע־סער ווי דאָס עסן פון האָטעל בריסטאָל פאַר וועמען נישט איז פון זיינע קליענטן.

די שטימונג האָט אַזוי אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט בעתן עסן. יעדער איינער האָט זיך געוויצלט אויף זיין שטייגער. איגנאַץ האָט מיט אַן ערנסטער מינע פאַרזיכערט, אַז ער האָט געפונען אַ גוטן ביין ביי אים אין שיסל — מסתמא אַ דערמאָנונג פון זיין פריערדיקער היים. יצחק, דאַקעגן, האָט אויסגעפונען, אַז דאָס, וואָס ער האַלט אין עסן, איז גאָרנישט קיין פּערל־קאַשע, נאָר אַ שבתדיק קוגעלע, געגוי אַזאַ ווי זיין מאַמע פלעגט מאַכן. דאָס לעבן האָט קענטיק געגומען די אויבערהאַנט.

איך האָב געגעבן אַ קוק אויפן „טיש“, אַרום וועלכן מיר אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט, און אויך אויף דער גאַנצער „דירה“ — דעם פינצטערן בונקער, מיט דער שמוציקער ערד, מיט די מאָומדיקע שאָטנס פון דער מאָגערער שיין פון דער ליכט, וואָס האָט געברענט אין אַ ווינקל, מיטן שכנותדיקן קאַנאַל, פון וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן שטיקנדיקע ריחות, און איך האָב זיך געטראַכט: וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט עס שטעלט מיט זיך פאָר דער אינסטינקט פון לעבן, בפרט, ווען ער איז געפּאָרט מיט אַ קלאָרן באַוווּסטזיין און מיט אַ גוטער

מאָראַל! עס איז געווען די קלענסטע באַפרידיקונג, און גלייך הערט מען אויף צו זען די שווידערלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע מען געפינט זיך און מען ווערט אפילו פריילעך. די האָפענונג לעבט גלייך ווידער אויף. נאָך מער: אפילו די אַלטע געוווינהייטן פון דעם פריערדיקן לעבן אויף דער פריי קומען צוריק אויף. אָט, למשל, זיצט דער יונגער דאַניעל א שטאַרק־צופרידענער און קוקט אויף חנהן מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן, אַז אָט־אָט — דאַכט זיך — וועט ער איר אַריינשעפּטשען אין אויער די זעלבע ווערטער, וואָס ער וואָלט איר געזאָגט, ווען ער געפינט זיך מיט איר ערגעץ־ווו אינעם שענסטן פּאַרק. און אָט ענדערט זיך פּלוצים זיין פּנים, ווען סאַמעק דערנעענטערט זיך צו חנהן און לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר אַקסל. אַ גרימאַסע אויף זיין געזיכט זאָגט עדות וועגן דעם שטאָך, וואָס ער האָט דערפילט אין האַרצן. יאָ, דאָס לעבן מיט אַלע זיינע געוווינהייטן, מיט אַלע קאָמפּליקאַציעס האָט זיך אַריינגעריסן אין בונקער גופא.

אַז סאַמעק און חנה ליבן זיך, האָבן מיר שוין געוווּסט גלייך פון ערשטן טאָג. זייער ליבע האָט אוודאי זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן אַריינגיין אין בונקער, און דאָ, אין בונקער, האָט זי זיך מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט. אָבער אַז אויך דאַניעל איז נישט גלייכגילטיק צו חנהן, האָבן מיר די לעצטע פּאָר טעג באַמערקט דורך זיין גאַנצער באַנעמונג. מיר האָבן עס אפשר באמערקט מער ווי ער אַליין, ווייל הגם ער איז געווען הויך־געוואַקסיק און גוט אַנטוויקלט, איז ער נאָך געבליבן אַ ביסל קינדיש. אָבער זיינע אַכצן יאָר האָבן געטאָן דאָס זייעריקע, און די שטענדיקע אָנוועזנהייט פון דער שיינער, שלאַנקער ניינצן־יאָריקער חנה האָט אויפגעוועקט אין אים געפילן, וואָס ער האָט נאָך אפשר אַליין געווּסט נישט געזאָגט. נישט איין מאָל איז ער געבליבן ליגן גאַנצע טעג און נעכט, צו קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר געקוקט שטאַר אויפן סופיט און שווער געאָטעמט. אַלץ צוזאַמען האָט זיך אוודאי צוזאַמענגעמישט אין זיין געמיט: די אייגענע ליידן, וואָס ער האָט שוין באַוויזן דורכצומאַכן אין זיין אַזוי קורצן לעבן, דער פּיין פון זיינע עלטערן און די בענקשאַפט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך זיכער אַליין נישט באַגריפן. קיינער האָט אים נישט געפרעגט וואָס אים איז, כדי נישט צו דערצערענען

אים מיט עפּעס אַז איבעריק וואָרט. אָפּטמאָל פּלעגט ער, אגב, אַרויסגיין פון בונקער, זיך אַריינשאַרן אין קאַנאַל און שפּאַצירן דאָרט לאַנגע שעהן פאַרטראַכט, צוהערנדיק זיך צום ווידערקול פון די אייגענע טריט.

דאָס שפּאַצירן אין קאַנאַל איז בכלל געוואָרן ביי אונדז אַ געוווינהייט פאַר אַלעמען. דאָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער אָנגענומענער צייט־פאַרטרייב, דאָס בעסטע מיטל צו צעשטרייען זיך אַ ביסל און צו באַרואיקן די נערוון. און ס'איז אויך קיין וווּנדער נישט. דער סדר פון אונדזער לעבן אין בונקער איז, נעמלעך, ביסלעכווייז געוואָרן גאַנץ רעגולער. ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער אין דרויסן און ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז ביי אונדז געוואָרן טאָג און מען האָט זיך גענומען גרייטן אַרויסצוקריכן פון בונקער, כדי צו זוכן עסן אין די קעלערן פון די חרובע הייזער. געוויינלעך פלעגן אַרויסגיין פיר פון אונדז. חנה מיט צוויי אַנדערע פלעגן בלייבן אינעווייניק אויף צוצוגרייטן דאָס עסן און אָפּצוזייען דאָס וואַסער. אַרום צוויי ביינאַכט, אויב ס'איז נאָר נישט געווען קיין שטערונג, זיינען די פיר געווען צוריק און מיר פלעגן זיך גרייטן צו אונדזער מיטאָג. די אָנטיילנעמער אין די ביינאַכטיקע עקספּעדיציעס האָבן דערווייל אָפּגעגעבן אַ שטיקל באַריכט, דערציילט, וואָס זיי האָבן באַמערקט אין דרויסן, ווי אַזוי די קעלערן זעען אויס א״וו. וואָרום מען דאַרף וויסן, אַז יעדער קעלער האָט אויסגעזען אַנדערש, געהאַט זיין געשיכטע, זיינע אייגנאַרטיקע סימנים, וואָס האָבן געוויזן, וועלכער מין מענטשן עס האָבן דאָרט געלעבט. לויט די שפּייז, און אָפּט אויך לויט די מלבושים און וועש, וואָס מיר האָבן דאָרט געפונען, האָבן מיר לייכט געקענט אורטיילן, צו וואָס פאַר אַ שיכט די באַלעבאַטים פונעם קעלער האָבן געהערט. עס זיינען אויך געווען חרובע קעלערן, צעשטערטע פון באָמבעס אָדער פאַרברענטע פון פייער, וואָס האָבן דערציילט בלויז וועגן פאַרגעקומענע קאַמפן, וועגן פאַרביטערטן ווידערשטאַנד, וועגן העלדישע אויפטועז פון די גערודפטע און פאַרשקלאַפטע מענטשן. מיט דער צייט האָבן מיר אין די ביינאַכטיקע עקספּעדיציעס זיך געמוזט אַוועקלאָזן אַלץ ווייטער פון בונקער, ווייל די צאָל חרובע קעלערן איז געווען אַ גרויסע, און די גאַנצע קעלערן זיינען אָפּט געווען ליידיק. מיר

פלעגן דעריבער מאַכן סימנים אויף די באַזונדערע קעלערן, כדי נישט צו גיין אין זיי אומזיסט און אויך כדי לייכטער צו טרעפן אויף צוריק. אָפטמאָל פלעגט אונדז אָבער דאָך אויסקומען אַריינצוקומען אין פוסטע קעלערן. דאָס איז געווען דאַן, ווען עפּעס אין דרויסן האָט אונדז אויסגעזען פאַרדעכטיקט, און מיר האָבן זיך שנעל געמוזט באַהאַלטן, אָדער גאָר פּשוט, ווען מיר פלעגן צוליב אַ נישט פאָרזיכטיקן טריט אויף אַ בערגל גרוז זיך אַראָפּשיטן צוזאַמען מיט די שטיקלעך ציגל אין עפּעס אַ קעלער אַריין. נאָך אַזעלכע עקספּעדיציעס פלעגט זיך פּשוט בענקען נאָך אַ שפּאַציר אָן שרעק, אָן שטרויכלונגען, און דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אין קאַנאַל.

אין משך פון אונדזערע טעג, דאָס הייסט דאַן, ווען אין דרויסן איז געווען נאַכט, פלעגט יעדעס מאָל אַן אַנדערער זיך אַראָפּלאָזן אין קאַנאַל אויף אַזאַ שפּאַציר. דער געבוי פון קאַנאַל איז געווען ווי אין דרויסן די גאַסן. עס איז געווען אַ הויפּט־קאַנאַל, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דער הויפּט־גאַס, און זייטיקע קאַנאַלן און קאַנאַלעכלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער די גאַסן און געסלעך. דער הויפּט־קאַנאַל איז געווען אַזוי ברייט און הויך, אַז מען האָט דאָרט געקענט שפּאַצירן באַקוועם, און אפילו עטלעכע מענטשן מיט אַ מאָל. די זייטיקע קאַנאַלן און קאַנאַלעכלעך זיינען אָפט געווען אַזוי שמאָל און דערהויפּט אַזוי נידעריק, אַז מען האָט זיך דאָרט נישט געקענט אויפשטעלן און אין געוויסע ערטער אפילו נישט אויפזעצן. די דאָזיקע אַלע קליינע קאַנאַלן האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דעם הויפּט־קאַנאַל, וועלכער האָט פון זיין זייט געפירט ביז צו דער ווייסל. עס איז אויך דאָרט געווען אַ קרייץ־וועג, וווּ די צוזאַמענגעטראָפענע קאַנאַלן האָבן געשאַפן אַ מין פּלאַץ, פונקט ווי די גאַסן אין דער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז נאָכן דערדריקן דעם אויפשטאַנד און נאָכן פאַרטרייבן פון דער חרובער וואַרשע די פאַרבליבענע באַפעלקערונג, איז דער צופלוס פון וואַסער און פון אומרייניקייטן אין קאַנאַל געוואָרן אַלץ קלענער. ממילא איז אויך דאָס וואַסער אין קאַנאַל שטאַרק געפאַלן אַזוי, אַז נאָענט פון אונדזער בונקער, דערהויפּט ביים קרייץ־וועג, האָט מען ביסלעכווייז געקענט געפינען אַלץ מער טרוקענע ערטער.

איין מאָל איז יחזקאל דער שוויגער אַראָפּ אין קאַנאַל „כאַפּן אַ ביסל לופט“, ווי מען האָט עס אָנגערופן ביי אונדז איראָניש. עס איז אַריבער אפשר אַ שעה צי צוויי. און מיר האָבן מיט אַ מאָל דערהערט דעם אָפּהילך פון זיינע טריט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין בונקער מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי מען וואָלט אים נאָכגעיאָגט. מיר זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערט, וואָרום אין פאַל מ'פאַלט אין אַזאַ ... טון קאַנאַל, וואָלטן מיר געווען פאַרלוירן, גישט האָבנדיק מער, וווהין צו אַנטלויפן. דערווייל איז יחזקאל אַריינגעקראָכן אין בונקער אַ פאַרסאָפּעטער און האָט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם אויסגעשריגן: „וואַסער! וואַסער!“. מיר האָבן אין ערשטן מאָמענט געמיינט, אַז ס'איז אים גישט גוט געוואָרן און ער וויל אַ ביסל וואַסער. אָבער יחזקאל האָט מיט אומגעדולד אָפּגעשטויסן דאָס ביסל צוגעטראָגענע וואַסער און האָט פאַרגעזעצט מיט זיין פאַרסאָפּעטער שטימע: „ניין, ניין, גישט דאָס... איך האָב געפונען וואַסער... אַ קוואַל מיט ריינעם וואַסער...“ מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען, וואָרום ווי קומט ריין קוואַל־וואַסער אינעם פאַרפעסטעטן קאַנאַל... אָבער יחזקאל האָט, נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, געגומען דערציילן:

— איך האָב זיך געמיטלעך שפּאַצירט אין קאַנאַל, האַלטנדיק זיך כסדר מיט דער האַנט אין דער וואַנט. מיט אַ מאָל איז געוואָרן אוים וואַנט. מיין האַנט האָט מער גאָרנישט אָנגעטראָפן און איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערזען, אַז איך געפין זיך אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, וווּ די פאַרשידענע קלענערע קאַנאַלן האָבן זיך געקרייצט. אויף איין אָרט — האָב איך באַמערקט — איז שוין אין גאַנצן טרוקן. בין איך דאָרט צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. ס'איז אַזוי גוט געווען אויף אָט דעם טרוקענעם אָרט, נאָר דאָ האָב איך פּלוצים דערהערט דעם אייגנאַרטיקן גערויש פון אַ טריפנדיקער פליסיקייט. איך האָב זיך צוגערוקט נעענטער צום אָרט, פון וואַנען ס'איז געקומען דער גערויש, און האָב דייטלעכער געהערט דאָס טריפן פון וואַסער. איך האָב דאַן אָנגעצונדן נאָך אַ שוועבעלע, וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן פון

דער ביינאַכטיקער עקספּעדיציע, און האָב דערזען, ווי האַרט ביי דער וואַנט ריזלט, טראָפּן נאָך טראָפּן, ריין קוואַל־וואַסער, וואָס האָט אוודאי זינט פיל יאָרן געזוכט אַן אַרויסגאַנג און האָט עס ערשט דערגרייכט דורך אַ קליין לעכל אין שמוציקן קאַנאַל. איך האָב פון אָנהייב מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט און געבליבן שטיין ווי אַ צעמישטער. הגם איך בין נישט קיין גלויביקער, האָט עס מיר אַ ווײַלע אויסגעזען ווי עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער נס. איך האָב דאַן, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס וואָס איך זע, איז נישט קיין האַלוצינאַציע, אָנגערירט מיט דער האַנט דאָס טריפּנ־דיקע וואַסער און — האָב האַסטיק, אין איין אָטעם, גענומען לויפן צו אייך אָנצוזאָגן די בשורה.

און כאַסקל האָט פאַרענדיקט:

— קומט אדרבא מיט מיר, קומט און איר וועט אליין זען...

בעלנים צו גיין מיט כאַסקלען זיינען מיר אַלע געווען. אָבער עטלעכע פון אונדז האָבן געמוזט בלייבן אין בונקער. זיינען דע־ריבער אַוועק מיט אים דריי: יצחק, דאַניעל און איך.

כאַסקל איז געגאַנגען פאָרויס, יצחק הינטער אים, איך און דאַניעל נאָך זיי. יצחק האָט אַלץ געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן קוואַל־וואַסער איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן און אַז דאָס האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט כאַסקלען. ער איז אויך געווען ברוגז, הלמאי כאַסקל האָט אַלעמען איבערגעשראָקן מיט זיין הילכיקן לויפן אין קאַנאַל. ער האָט דעריבער בייז געמורמלט הינטער כאַסקלס פּלייצע:

— דו גלויבסט אין ניסים, זע איך. פאַרוואָס איז אָבער קיין שום נס נישט געשען, ווען די באַנדיטן האָבן געמאָרדעט מיליאָנען מענטשן, דערונטער אַזויפיל קינדער? וואָלטן טאַקע באמת געקענט געשען ניסים, וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט פּאַסירן אין די געטאָס און אין די מאָרד־לאַגערן...

כאַסקל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען פאָרויס און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי מיר זיינען אָנגעקומען. יצחק האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, זי דערנעענטערט צום אָרט, כאַסקל האָט אָנגעוויזן און — מיר האָבן אַלע דערזען, ווי טראָפּנס וואַסער רינען איינער נאָכן אַנדערן פון אַ קליין לעכן אין דער וואַנט. זיי זיינען געווען אפשר נישט גרעסער ווי די טרערן,

וואָס האָבן פון פרייד זיך געגומען קייקלען פון אונדזערע אויגן. אָבער פאַר אונדז זיינען זיי געווען ווי אַ קוואַל, ווי אַ ברונעם, וואָרום פון די טראָפּנס וועלן דאָך קענען ווערן עמערס גאַנצע, און דאָס האָט באַדייט, אַז מיר וועלן קענען אויף ווייטער טרינקען ריין וואַסער און נישט זיין אויסגעשטעלט אויף שווערע קראַנקייטן צוליבן דורכגעזייטן וואַסער פון שמוציקן קאַנאַל.

מיר זיינען אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי פאַרגאַפטע. נאָר באַלד האָט יצחק זיך אַ בויג געטאָן צו דער ערד, געגומען מיט די הענט שטיקער בלאָטע און געמאַכט א גריבל, כדי די טראָפּנס זאָלן זיך דאָרט אָנזאַמלען. מיר האָבן אַלע זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם גריבל, זיך צוגעקוקט, ווי די טראָפּנס גיסן זיך דאָרט אַריין איינער נאָכן אנדערן און ווי עס שאַפט זיך ביסלעכווייז אַ קאַלוזשקע ריין קוואַל־וואַסער. די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס לשון איז ווי אָפּגענומען געוואָרן ביי אונדז.

דאַניעל האָט דער ערשטער געמאַכט אַ באַוועגונג. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געגומען שנעל גיין צוריק אין בונקער, כדי אַהערצוברענגען דאָס טעפּעלע און דעם עמער, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאַט. צוריקגעקומען איז ער אָבער נישט אַליין: איגנאַץ, הנה און סאַמעק זיינען מיטגעגאַנגען מיט אים; זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען דאָס וווּנדער. דאַניעל האָט אויך נישט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך אַ ביסל ריינעם זאַמד, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, און ער האָט עס אַרויפגעלייגט אויף דער בלאָטע רונד אַרום. מיר האָבן דערנאָך געדולדיק געוואַרט און דאָס טריפן פון וואַסער איז געווען ווי די שענסטע מוזיק פאַר אונדזערע אויערן. ווען ס'איז ענדלעך פול געוואָרן דאָס ערשטע טעפּעלע, האָט יעדער פאַרזוכט אַ ביסעלע, באַלעקנדיק זיך מיטן וואַסער ווי מיטן בעסטן געטראַנק. מיר האָבן אָבער געפילט נישט בלויז דעם טעם פון גע־טראַנק, נאָר ממש אַן אָטעם פון לעבן, ווייל ריין וואַסער צום טרינ־קען און צו קאָכן, איז געווען פאַר אונדז ממש אַ לעבנס־פראַגע.

סאַמעק האָט דער ערשטער געגומען רעדן:

— ווען איך וואָלט געווען א פרומער — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך געגלויבט, אַז גאָט האָט אונדז צוגעשיקט ספּעציעל אָט דעם קוואַל, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען לייכטער ראַטעווען.

— איך — האָט איגנאַץ זיך אָפּגערופֿן — בין פֿריער יאָ געווען אַ גלויביקער. איך בין אַפֿילו אַלע שבת געגאַנגען דאַווענען. אָבער נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזען אין געטאָ, איז שווער צו גלויבן אין גאָט און אין זיינע ניסים. אויב שוין יאָ ראַטעווען, וואָלט ער קודם געדאַרפֿט עס טאָן פֿאַר מיינע קינדער.

יצחק האָט אונטערגעכאַפּט דעם שמועס:

— עס דערמאָנט זיך מיר — האָט ער אָנגעהויבן — ווי מיין טאַטע פֿלעגט אַמאָל לערנען מיט מיר חומש אַלע שבת. צוקומענדיק צו דער מעשה מיטן שטיין, וואָס משה האָט אַ קלאַפּ געטאָן און ס'האָט גענומען פֿליסן וואַסער, האָט מיין טאַטע געזאָגט, אַז דאָס איז איינער פֿון די ניסים, וואָס זיינען געשען מיט די יידן אין מדבר, נאָכן אַרויסגיין פֿון מצרים. איך האָב שפּעטער פֿאַרשטאַנען, אַז אַפֿילו ווען אָט די מעשה מיטן שטיין וואָלט טאַקע געהאַט געשען, הייסט עס נאָך נישט, אַז ס'איז געווען אַ נס. עס האָט געקענט פּשוט פּאַסירן, אַז אונטערן שטיין איז געווען אַ קוואַל און אַז פֿונעם קלאַפּ האָט דער שטיין זיך אַ ביסל גערירט, מאַכנדיק פּלאַץ פֿאַרן וואַסער אַרויסצושפּריצן. מיין טאַטע האָט אָבער געגלויבט, אַז ס'איז א נס פֿון הימל. אויך אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט ער נאָך געוואַרט אויפֿן נס, וואָס זאָל אים ראַטעווען, אים מיט דער משפּחה. אָבער דער נס איז נישט געשען, און מיין טאַטע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן...

מיר האָבן זיך געקליבן אַלע צוריקצוגיין אין בונקער, אָבער כאַסקל האָט נישט געוואָלט מיטגיין. ער האָט נישט אַנדערש, נאָר געוואָלט בלייבן ביי זיין קוואַל.

— איך מוז נאָך — האָט ער געזאָגט — אָנפֿילן דעם עמער מיט וואַסער. ביז טאָג האָבן מיר נאָך אַ פֿיר-פֿינף שעה. וועל איך דאָ שוין אַזוי צושטיין. אויב נישט קיין גאַנצן עמער, וועל איך אָבער אַ האַלבן זיכער מיטברענגען.

דאַניעל האָט זיך פֿאַרגעלייגט צו בלייבן מיט אים, און מיר, די אַנדערע, האָבן זיך גענומען גיין. מיט אַ מאָל זיינען מיר אַלע געוואָרן אויפֿגעציטערט: אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ הוסט, וואָס האָט אויסגעזען צו קומען פֿון דער וויט, אָבער זיכער פֿון קאַנאַל, האָט זיך דייטלעך דערהערט. יצחק האָט שנעל פֿאַרלאָשן די ליכט. מיר אַלע זיינען געבליבן שטיין מיט אַ פֿאַרהאַקטן אָטעם און אָנגעשפּיצטע

אויערן. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז דעם מינדסטן שאָרך וואָלט מען געקענט הערן. אָבער מען האָט מער גאָרנישט געהערט.

— עס האָט זיך אונדז אפשר אויסגעדאַכט — האָט איגנאַץ דער ערשטער אַ שעפּטשע געטאָן.

ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבן אין אַ שטילן געמורמל, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— עס קען דאָך נישט זיין, אַז אַלעמען זאָל זיך אויסדאַכטן דאָס זעלביקע...

איגנאַץ האָט פּאקטיש אויסגעדריקט דאָס, וואָס יעדער פון אונדז האָט געטראכט פאַר זיך. יאָ, ווען בלויז איינער וואָלט געהערט דעם הוסט, וואָלט מען געקענט קלערן, אַז ס׳האָט זיך אים אפשר אויסגעדאַכט. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אונדז אַלעמען זאָל זיך אויסדאַכטן די זעלבע זאַך?...

פאַראומערטע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צום בונקער, איבערלאָזנדיקביים קוואַל כאַסקלען און דאַניעלן. שטיל און פאָרזיכטיק, כדי נישט צו מאַכן דעם מינדסטן גערויש, האָבן מיר זיך געשאַרט ביי דער וואנט פון קאַנאַל, און מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט זיינען מיר אַריינגעקראָכן אין בונקער. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. יעדער אין זיין ווינקל איז געווען פאַרזונקען אין זיינע אייגענע מחשבות און ווי פאַרשלאָסן פאַר די אַנדערע — הגם די מחשבות זיינען ביי אַלעמען געווען די זעלבע. דער הוסט, וואָס מיר האָבן געהערט אין קאַנאַל, האָט אונדז אַלעמען געהאַלטן אין שפּאַנונג. ער איז קיינעם נישט ארויס פון קאָפּ און האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין אונדזערע אויערן. יעדן האָט זיך געדאַכט, אז ער הערט נאָך איצט זיין ווידערקול, און איין פראגע האָט אַלעמען געמאַטערט: ווען קען דאָס זיין? וואָס פאַר אַ נייע געפאַר באַדראָט אונדז איצט — דאָס מאָל נישט פון דרויסן, נאָר פון אונטער דער ערד?

מיר זיינען אַזוי געלעגן א שטיקל צייט אין אַ טויטער שטילקייט, ווי מיר האָבן פּלוצים דערהערט אַ שאָרך פון דער זייט פון קאַנאַל, האַרט ביים בונקער, און גלייך דערנאָך דעם כאַראַקטעריסטישן גערויש פון אריינדראַפּען זיך אין בונקער דורך דעם אונטערערדישן אַריינגאַנג. דאָס זיינען געווען כאַסקל און דאַניעל. ווי נאָר

זיי האָבן זיך באַוויזן פאַר אונדז, האָבן זיי גלייך גענומען מאַכן סימנים, אַז מיר זאָלן נישט רעדן. כאַסקל האָט אין איין האַנט געהאַלטן דעם עמער מיטן ביסל וואַסער, וואָס ער האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געהאָלפן אַרויפצוקריכן אין בונקער אַריין. דאַניעל איז אַ שטאַרק בלאַסער געקראָכן נאָך אים. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי קומען נישט מיט קיין גוטע בשורות. כאַסקל האָט דאָך געזאָלט בלייבן מיט דאַניעלן ביים וואַסער ביז באַגינען. וואָס־זשע האָט זיי צוריקגעבראַכט אַזוי פרי? דאָס האָט דאַניעל אונדז גענומען דערציילן.

— קורץ נאָך דעם, ווי איר זייט אַוועקגעגאַנגען — האָט ער אָנגעהויבן — האָב איך ווידער דערהערט פון דער ווייטנס דעם זעלבן הוסט, וואָס מיר האָבן אַלע געהערט. איך בין געוואָרן אויפגעציטערט און זיך געגעבן אַ כאַפ אָן אין כאַסקלען. „וואָס איז?“— האָט ער מיר רואיק געפרעגט. איך האָב אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט. ער איז געווען ווי פריער אַריינגעטאָן אין אָנזאַמלען דאָס וואַסער און אין אָפהיטן, אַז קיין איין טראָפן זאָל, חלילה, נישט פאַרפאַלן ווערן. זיין פנים האָט געשיינט, זיינע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט, קוקנדיק, ווי די טראָפנס קייקלען זיך און פילן אָלץ מער אָן דאָס טעפעלע. איך האָב דאַן אַ קלער געטאָן: אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט? אפשר האָט זיך מיר געדאַכט? אפשר האָט מיר אין די אויערן אָפגעקלונגען דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געהערט? איך האָב דעריבער, אַ פאַרשעמטער אַ ביסל, געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט. כאַסקל האָט דערווייל ווייטער זיך פאַרנומען מיט אָנזאַמלען די טראָפנס וואַסער. ער האָט עס געטאָן ווי אַ הייליקע אַרבעט און האָט מיר נישט צוגעלאָזט אפילו אָנצושעפן קיין איין טעפעלע, ווי ער וואָלט ווען די גאַנצע מצווה האָבן פאַר זיך.

דאַניעל האָט אָפגעכאַפט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט:

— מיט אַמאָל האָט עפעס שטאַרק אָפגעהילכט. דאָס איז געקומען פון דעם זעלבן אָרט ווי פריער דער הוסט. עס האָט אויסגעזען, ווי עפעס וואָלט אַראָפגעפאַלן אין קאַנאַל. דאָס מאָל האָט שוין כאַסקל אויך דערהערט. דער געהילך איז געווען אַזוי דייטלעך אַז מיר האָבן זיך אָנגעכאַפט איינער אין אנדערן און אויסגעלאָשן די ליכט.

כּאַסקל האָט איבערגעהאַקט דאַניעלן.

— נו, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? איך האָב אַ נעם געטאָן דעם עמער אין איין האַנט, אָנגעכאַפּט דאַניעלן אונטערן אָרעם מיט דער צווייטער האַנט און זיך געלאָזט צוריק צום בונקער. נאָך גוט, וואָס דאַניעל איז נישט געווען אַליין. ער האָט אויסגעזען ווי צעמישט... און דעם אמת געזאָגט איז געווען פון וואָס. איצט בין איך זיכער, אַז עפּעס איז דאָרט פאַראַן אויף יענער זייט קאַנאַל.

קיינער האָט מער נישט גערעדט. קיינער האָט גאָרנישט צוגע־גבן, גאָרנישט איבערגעפרעגט. די נייע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, איז פאַר יעדן פון אונדז געווען אינגאַנצן קלאָר, און די דאָזיקע קלאָרקייט האָט אונדז שטאַרק צעטרייסלט. זי האָט אונדז צעטרייסלט נישט בלויז צוליב דער ערנסטקייט פון דער גע־פאַר, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זי האָט איבערגעדרייט אַלע אונדזע־רע פּלענער און צונישט געמאַכט אַלע חשבונות. ביז איצט האָבן מיר געהאַלטן, אַז די סכנות קענען פאַר אונדז קומען נאָר פון דרויסן, פונעם אויבערשטן אריינגאַנג צום בונקער. דער קאַנאַל דאַקעגן — האָבן מיר געמיינט — איז דאָס זיכערסטע אָרט זיך צו ראַטעווען, אין פאַל ווען דער אַריינגאַנג צום בונקער זאָל אַנטדעקט ווערן. ווייזט זיך מיט אַמאָל אַרויס, אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט: דווקא פון קאַנאַל לויערט די סכנה, און די דאָזיקע סכנה איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס פון איר איז נישטאָ ווו צו אַנטלויפן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער פינצטערניש פון בונקער, ווו מיר האָבן גלייך נאָכן צוריקקום פון כּאַסקלען און דאַ־ניעל אויסגעלאָשן דאָס ליכטל, האָט יעדער פון אונדז געזוכט אַן ענטפער אויף די מאַטערנדיקע פראַגן, וואָס זיינען אָנגעלאָפן איינע נאָך די אַנדערע און געבוירערט אַן אויפהער אין מוח: וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט אונדז ברענגען דער מאָרגן? ווער זיינען עס די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין יענער זייט קאַנאַל? צי זיינען עס נישט צומאָל קיין דייטשן, וועלכע זיינען אַריין דורך עפּעס אַן עפענונג, כּדי צו זען, צי עמיצער באַהאַלט זיך דאָרט נישט אויס? און אפשר זיינען זיי געפאַלן אויף אונדזערע שפּורן און זיינען בכיוון אַריין דורך אַ צווייטן עק קאַנאַל, כּדי אָפּצושניידן אונדז יעדע מעג־לעכקייט צו אַנטלויפן? אָדער זוכן זיי גאָר אויסצונוצן אַ מאָמענט, ווען מיר וועלן אַלע שלאָפן, כּדי אונדז צו כאַפּן לעבעדיקערהייט?

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געקענט געבן קיין ענטפער אויף אָט די אַלע פראַגן, און די דאָזיקע אומזיכערקייט, אָט דאָס מאָדנע געפיל, אַז מען שטייט פאַר אַ גרויסער סכנה, וואָס איז אי גאָר נאָענט, ממש מיט די פינגער אָנצוטאַפּן, אי געהיימגישפול, פאַרבאָרגן — האָט געשאַפן ביי אונדז אַ געדריקטע אַטמאָספער און אַ געוויסע נערוואָזיטעט, וואָס האָט אונדז אין די ערשטע מינוטן ווי פאַראַליזירט. איגנאַץ האָט כסדר זיך איבער־געזעצט פון איין אָרט אויפן אַנדערן, און דאָס האָט — ווי מיר האָבן עס שוין געוווסט — באַדייט, אַז ער איז זייער דענערווירט. חנה, וועלכע האָט זיך נאָך נישט געלייגט, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, און סאַמעק האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו איר, כדי זי אונטערצוהאַלטן. אַלע אַנדערע האָבן אין דער אָדער יענער פאָרם אַרויסגעוויזן זייער שווערן געמיט און גרויסן אומרו. ווי אַנ־דערש איז געווען ביי אונדז די שטימונג ערשט מיט אַ צוויי שעה צוריק, ווען מיר זיינען אַלע געווען ביי די טריפנדיקע טראָפּנס קוואַל־וואַסער! מיר האָבן דאַן דורכגעלעבט מינוטן פון אַזאַ פרייד, פון אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז מיר האָבן אַלץ געזען אין ראָזע פאַרבן. איצט האָבן מיר איבערגעלעבט פונקט דאָס פאַרקערטע. אַנטדעקנ־דיק די געפאַר דווקא אין אַז אָרט, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַרן זיכערסטן, זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ מין פאַרצווייפלונג. אַלץ האָט אונדז אויסגעזען שוואַרץ, דראָענדיק, אויסזיכטלאָז. דער קאָנ־טראַסט צווישן אָט די געפילן אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט האָט אונדז ווי צעשמעטערט. מיר האָבן זיך געפילט ווי פאַרלוירן, און זיינען געבליבן ליגן אַפּאַטיש. אין אונדזער גרויסער צערודע־רונג האָבן מיר אַפילו פאַרגעסן אַוועקצושטעלן אַ וואַך־פּאָסטן ביי דער לאָך פון קאַנאַל, כדי צו היטן דעם בונקער און זען, צי עס קומט נישט ווער אָן.

אויפגעריסן פון אָט דער פאַרגליווערטקייט האָט אונדז אַ דונערדיקער געקנאַל פון אַרטילעריע־שיסעריי. דאָס האָט אָנגע־זאָגט, אַז אין דרויסן איז שוין טאָג און אַז ביי אונדז דאַרף זיך איצט אָנהויבן די נאַכט. יצחק איז דער ערשטער אַראָפּ אין אונ־טערערדישן דורכגאַנג. ער איז צוגעקראָכן ביז צו דער לאָך פון קאַנאַל, און האָט זיך דאָרט געשטעלט אויף וואַך. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מען האָט דערווייל געקענט טאָן ביז ביינאַכט. אָבער

שלאָפֿן האָט שוין קיינער נישט געקענט. מיר זיינען געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און האָבן יעדער ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל געטראַכט פֿונעם זעלבן. פֿון צייט צו צייט האָבן מיר מיט אומרו געוואָרפֿן א בליק צו דער עפֿענונג, וואָס האָט געפֿירט צום קאַנאַל. ביי יעדן מינדסטן שאָרך, האָבן מיר פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם, און עס האָט זיך אונדז כסדר געדאַכט, אז אַט־אַט גייט מען צו אונדז. מיר האָבן אַלע געטראַכט, אז מען טאָר נישט ווייטער בלייבן אַזוי־אַ, פּאַסיוו, אַפּהענטיק. מיר האָבן געפֿילט, אז מען מוז עפּעס טאָן פֿאַר אונדזער פֿאַרטיידיקונג. אָבער וואָס צו טאָן האָט דערוויל קיינער נישט געוווּסט.

די שיסעריי אין דרויסן איז דערווייל ווייטער אָנגעגאַנגען און איז אַפֿילו געוואָרן א סך שטאַרקער ווי געווינלעך. דער האַרמאַטן־דועל האָט געקנאַלט אָן אויפֿהער, און מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז עס האָט אונדז אזש אונטערגעהויבן פֿון אָרט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נאָך מער פֿאַרגרעסערט די נערוואָזיטעט אין בונקער. כאַסקל האָט אין אַ געווויסן מאָמענט, ווי נישט מיט זיין אייגן קול, גענומען מורמלען צו זיך אַליין:

— זאָל שוין נעמען א סוף... איך קען נישט מער... זאָל שוין ליבערשט פֿאַלן אויף אונדז אַ באָמבע און אונדז באַגראָבן אין בונקער אויף אייביק... גענוג... גענוג... איך קען נישט מער... מיר וועלן סיי ווי סיי, דאָ נישט קענען אויסהאַלטן... באַלד וועלן זיי אונדז באַפֿאַלן פֿון דער זייט פֿון קאַנאַל...

אַן אויפֿרייס פֿון א סנאַריאַד, וואָס איז געפֿאַלן האַרט ביי אונדזער בונקער, האָט איבערגעריסן כאַסקלען אין מיטן זיינע רייד. דער אויפֿרייס איז געווען אַזאַ מעכטיקער, אַז די ערד אַרום אונדז האָט זיך א טרייסל געטאָן. סאַמעק האָט גלייך אַ זאָג געטאָן:

— אָט האָסטו דיר, כאַסקל, מיט דיין בעטן האָסטו שיער נישט אַריינגעשלעפּט דעם סנאַריאַד אין בונקער אַריין. עס האָט קיין סך נישט געפֿעלט. איין מעטער נעענטער, און עס וואָלט פֿון אונדז שוין גאָרנישט געבליבן. אָבער מיר זיינען נאָך יונג, מיר ווילן לעבן, מיר האָבן נאָך כלל נישט געלעבט...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך סאַמעק כמעט ווי צעשריגן. ער איז, אמת, נישט געווען קיין גלויביקער, און ער האָט נישט מורא געהאַט, אז כאַסקלס ווונטש זאָל קענען מקוים ווערן. עס האָט

אָבער אַרויסגעשריגן פון אים די מורא פאַר די געפאַרן, וואָס האָבן אין האַזיקן מאָמענט געשוועבט איבער אונדז: פון איין זייט דער קאַנאַל, פון וועלכן עס האָט א ליאַדע מינוט — האָבן מיר גע־גלויבט — געקענט קומען אַן איבערפאַל אויף אונדז; פון דער אַנדערער זייט די שיסעריי אין דרויסן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו אונדז, איך האָב געפרוווט באַרואיקן אַ ביסל סאַמעקן:

— ווערסט נאָך לעבן — האָב איך געזאָגט. — מיר אַלע וועלן נאָך לעבן. אַוודאי זייט איר נאָך זייער יונג דו, חנה און דאַניעל, און ס'איז קיין וואונדער נישט אייער דראַנג צום לעבן. אָבער יעדער איינער, צי ער איז יינגער צי עלטער, האָט דעם ווילן צו לעבן, און בפרט איצט, ווען מיר וועלן קענען אינגיכן זען דעם סוף פון די מערדער, וואָס האָבן אויסגעשאָכטן אַזויפיל מענטשן.

— ביסט גערעכט — האָט איגנאַץ זיך אָפגערופן. נישט איינ־מאָל טראַכט איך: צו וואָס?... וואָס קען איך שוין דערוואַרטן, אַפילו, ווען איך וועל איבערלעבן דעם קריג און ווערן פריי? וואָס וועט מיר דאַן קענען פאַרבייטן מיין פרוי מיט די קינדער, וואָס די באַנדיטן האָבן אומגעבראַכט? צו וואָס־זשע קעמף איך אַזוי און אַמפער זיך פאַר לעבן? דאָס לעבן האָט זיך דאָך איינגעטלעד פון לאַנג שוין געענדיקט פאַר מיר — נאָך דעמאָלט, ווען איך בין אין געטאָ צוריקגעקומען צו מיר אַהיים און קיינעם מער דאָרט נישט געטראָפן. אָבער די שנאה, וואָס איך טראָג אין האַרצן צו די מער־דער פון אַזויפיל מיליאָנען מענטשן, און די נקמה צוזוזען מיט די אייגענע אויגן זייער סוף גיבן מיר צו מוט און כוח, צו לעבן און קעמפן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען רוקן נעענטער צום קאַנאַל. ער האָט געביילט זיינע פויסטן און האָט כמעט ווי אויסגעשריגן מיט אַ דומפער שטימע:

— זאָלן זיי נאָר קומען! זאָלן זיי פרוון! קיין לעבעדיקן וועלן זיי מיך נישט נעמען, זיי וועלן טייער באַצאָלן פאַר מיין פעל. איי־דער איך וועל שטאַרבן, וועל איך נקמה נעמען פאַר אלץ, פאַר אַלץ!

נאָך אַ מינוט שטילשווייגן האָט זיך ווידער דערהערט — זייער שטיל — איגנאַצעס קול:

— דעמאָלט, דעמאָלט, ווען איך בין געקומען צולויפן פון מיין באַהעלטעניש אין שטוב אַריין און איך האָב דערזען, אַז מען האָט מיר צוגענומען מיין פרוי מיט די זעקס קינדער, דעמאָלט האָב איך טאַקע נישט געוואָלט מער לעבן. איך האָב געוואָלט מיטגיין מיט זיי, מיט מיין פרוי און קינדער. איך בין אַרויס פון שטוב, גענומען לויפן, זוכן, אפשר וועל איך נאָך טרעפן, ווי מען פירט זיי און איך וועל מיטגיין מיט זיי... די גאַסן פון געטאָ, וווּ מען האָט יענעם טאָג געכאַפּט ייִדן, זיינען געווען ליידיק, ווי שטענדיק באַלד נאָך אַן אַקציע. איך בין געגאַנגען פון גאַס צו גאַס און אין די אויערן האָט מיר געקלונגען דאָס קול און די געוויינען פון מיינע קינדער. כ׳בין געלאָפן ווייטער און ווייטער... געזען האָב איך גאָרנישט, איך בין געווען ווי משוגע און קיין זאַך האָט מיך נישט געשראָקן. עפּעס האָב איך יאָ געזען אַ סך מענטשן ביי א טויער, אויך פּאָליציי, אָבער כ׳האָב געשפּרייזט ווייטער. וואָס האָב איך שוין געהאַט וואָס מורא צו האָבן? איך בין אַדורך דורך זיי און ווייטער אַוועק, ביז אַ טומל פון גייענדיקע מענטשן האָט מיך צוריק געבראַכט צום באַוווסטזיין. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז איך בין אויף אַ גאַס אויסער דער געטאָ. ווי אַזוי בין איך אַדורך דעם געטאָ־טויער, ווי אַזוי מען האָט מיך נישט פאַרהאַלטן, ווייס איך ביזן היינטיקן טאָג נישט. איך האָב ווייטער מאַרשירט, נישט ווייסנדיק וווהין. עפּעס איז מיר פאָרגעקומען אַלץ אַזוי מאָדנע טאַקע, ווי איך וואָלט געקומען פון יענער וועלט. דאָ איז דאָס לעבן געגאַנגען נאָרמאַל. די געוועלבער זיינען געווען אָפן, מענטשן זיינען אַריין און אַרויס צוריק מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם, די טראַמוואַיען זיינען געפאָרן, טאַטעס און מאַמעס זיינען געגאַנגען אויף די טראָטואַרן און געפירט קינדער ביי די הענט. און איך בין דאָ אַרומגעגאַנגען, דאַכט זיך, אַזאַ מענטש ווי זיי. פּונקט ווי זיי. מיט הענט, מיט פּיס, מיט א פּנים. אָבער פאָרט נישט ווי זיי. ווי איך וואָלט געווען עפּעס נאָר אַן אַנדער באַשעפעניש, וואָס קיינער פון אָט די אַלע פאַרבייגייער קען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איך בין און וואָס עס טוט זיך דאָ ביי מיר. עפּעס א מוראדיקער דרוק איז געלעגן אויף מיין מאַרד, מיין האַרץ, אַלע מיינע אברים. כ׳בין געגאַנגען און געגאַנגען ווי אַ מאַשין, און האָב אַליין נישט באַמערקט, ווי כ׳בין אַרויף אויף דער לעשנע־גאַס. פאַר מיר איז

געשטאַנען אַ געמויערטע וואַנט, וואָס האָט צעטיילט די גאַס אויף צווייען. זי איז געווען אַזוי הויך, אַז מען האָט נישט געקענט זי אַריבערגיין. ס׳האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין מוח: פון יענער זייט מויער איז די געטאָ. דאָרט איז טויט און פאַרניכטונג... דאָ, פון דער זייט, קוים עטלעכע מעטער ווייטער, לעבן און ווינען מענטשן, קינדערלעך לויפן אַרויס פון הויף, שפּילן זיך, זינגען, טאַנצן. און דאָרט, אויף יענער זייט מויער, כאַפּט מען די קינדער אַזוי ווי הינטלעך און מען וואַרפט זיי אַריין אין וואַגאָנען, אַוועקצופירן זיי טויטן.

— כ׳האָב גאָרנישט געהאַט מיט זיך, נישט קיין געלט, נישט קיין שום ווערטזאַך. איך האָב נאָך דעם טאָג נישט געהאַט געגעסן, אָבער איך בין נישט געווען הונגעריק. ווי איך וועל שלאָפן, האָב איך אַפילו נישט געטראַכט, מיין לעבן איז סיי ווי סיי געווען געענדיקט. און אַזוי בין איך געגאַנגען ווייטער און ווייטער, ביז איך האָב זיך פאַרקערעוועט אויף דער זשעלאַזנע גאַס... פּלוצלונג האָב איך דערזען, ווי דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע מיטראַיעטן שטעלן אָפּ יעדן אַדורכגייער, באַטאַפּן יעדן, צי ער האָט גאָרנישט און דערנאָך מוז מען ווייזן די פּאַפּירן. ווי נאָר איך האָב דאָס דערזען, האָב איך זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ הינערפּלעט. עפּעס וואָס האָט מיר געגעבן אַ שטויס. כ׳בין געוואָרן ווי ווילד! נישט איבערלייגנדיק אַפילו, האָב איך זיך געגעבן אַ דריי אויס אויף צוריק און בין אַריין אין ערשטן הויף, וואָס כ׳האָב דערזען, אויפגעעפנט די ערשטע טיר, וואָס כ׳האָב באַגעגנט, און בין אַריין...

איך האָב זיך געפונען אין אַן אָרעם קליין צימערל, ווו ס׳איז געזעסן אַן אַלטע פרוי. זיך נישט אויפהויבנדיק פון אָרט און, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, גאַנץ רואיק האָט זי מיר אַ פרעג געגעבן, צו וועמען איך דאַרף. כ׳האָב נישט גענוי פאַרשטאַנען וואָס זי וויל, אַפילו נישט געהערט וואָס זי רעדט און וואָס איך ענטפער. כ׳האָב בלויז אַרויסגעשטאַמלט:

— איך בין אַ ייד...

מער האָב איך נישט געקענט זאָגן. די אַלטיטשקע איז געבליבן אַ ווײלע שטום זיצן, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעפירט צו אַ שטול און מיר געזאָגט, כ׳זאָל זיך אַנידערזעצן. דאָ! איז זי מיט קליינע, דראָבנע טריטע-

לעך, נאָך אַלץ שווייגנדיק, צוגעגאַנגען צו דער טיר, אראָפּגענומען פון אַ טשוואָק אַ באַנד שליסלען, אַרויסגעגאַנגען און פאַרשלאָסן די טיר פון אויסנווייניק...

— כ'בין געבליבן אַליין, פאַרשלאָסן, אין אַ פרעמדער וווינונג. אָבער ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל אייך נישט פאָרקומען (איגנאַץ האָט אונדז אלעמען אָנגעקוקט) כ'האָב אין אָט דעם מאָמענט גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געטראַכט. כ'בין געווען גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס קען דאָ ווייטער געשען. כ'בין געווען כמעט צופרידן — אויב דאָס וואָרט קען פּאַסן צו מיין העמאָלטיקער לאַגע — צו זיין אַליין.

וואָס מער אָבער מיינע נערוון האָבן זיך באַרואיקט, אַלץ אומרואיקער זיינען געוואָרן מיינע מחשבות. כ'האָב אָנגעהויבן שפּירן אַ שרעק און פּלוצלונג האָט מיך פאַרפלייצט אַ מין רחמנות אויף זיך אַליין. כ'האָב אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין מיר, נאָר כ'האָב מיט איין מאָל צוריק באַקומען אַ ווילן צום לעבן. און פּלוצלונג האָב איך דערשפּירט ווי אַ שטאָך אין האַרץ: אפשר איז זי אַרויס זוכן דייטשן... איבערגעבן זיי דעם געפאַנגענעם, וואָס האָט זיך איר אַליין אריינגעגליטשט אין די הענט אריין? אפשר וועט זי נאָך היינט קענען זיך אָנשיכורן מיט די צוויי ליטער בראָנפן, וואָס די דייטשן פלעגן געבן פאַר אויס־געבן זיי אַ לעבעדיקן ייד? מיט יעדער מינוט האָט מיך דער געדאַנק באַהערשט אַלץ מער און מער. דאָס קען גאָרנישט אַנדערש זיין, ווייל צוואָס האָט זי פאַרשלאָסן די טיר? דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּן אַלץ האַסטיקער. כ'האָב געפילט, ווי עס רוקט זיך אָן אויף מיר אַן אומגעהויערע געפאַר. און כ'האָב פיבערדיק געזוכט אַ מיטל, ווי פון איר זיך צו ראַטעווען.

כ'האָב גענומען זיך אַרומקוקן. כ'בין מסתמא געווען אין דער וווינונג פון דער סטרוזשקע. אויף די ווענט האָב איך דערזען הענגען פאַרשידענע איקאָנעס, הייליקע בילדער, קרעלן. אַ שוואכע האָפענונג איז אויפגעקומען אין מיר. אַן אַלטע פרוי, אַזאַ גלויביקע, וועט נישט גיין אויסליווערן אַ מענטשן צום טויט, האָב איך גע־זאָגט צו זיך אַליין. נאָר אפשר, האָב איך צוריק געגעבן אַ טראַכט, ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אויפן בילד מיטן געקרייציקטן יעזוס אויף דער וואַנט, אפשר גאָר פאַרקערט: אפשר איז די אַלטע פרוי

גאָר געגאַנגען טאָן אַ מצווה דורך איבערגעבן אַ יידן צום טויט? אפשר טראַכט זי, זאָל זיין איינער ווייניקער, וואָס ברענגט שלעכטס אויף דער וועלט? אין יענע מינוטן האָב איך נישט געקענט רואיק טראַכטן, מאַכן לאַנגע חקירות. כ׳האָב געוווּסט, אַז דורות לאַנג האָט מען דאָ אין פּוילן געפּרעדיקט האַס צו יידן, אריינגעקלאַפּט אין די מוחות, אַז זיי האָבן געקרייציקט קריסטוסן, אַז אַלץ וואָס געשעט שלעכטס ערגעץ־ווו, קומט דורך יידן, אַז אַפילו דעם קריג האָבן אויך זיי אַרויסגערופן. זיכער זיינען מיר געקומען אויפן געדאַנק אויך די פּוילישע מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, העלפנדיק יידן. כ׳האָב זיך געקלאַמערט אינעם דאָזיקן געדאַנק. אפשר, אפשר איז אויך די אלטיטשקע איינע פון זיי?... כ׳האָב זיך דערמאָנט אַפילו, ווי אָרעמע פּוילישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרשטעלט פאר יידן און זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ, כדי צו ברענגען טרייסט און הילף. אָבער וויפל זיינען זיי געווען? — איז מיר ווידער באַפאַלן די פאַרצווייפלונג — א קליינע צאָל. ווי קען איך גאָר רעכענען, אַז כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף איינעם פון זיי? איך טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַ נס. מען דאַרף עפּעס טאָן גלייך, תיכף, אַנישט וועט זיין צו שפּעט... אָבער וואָס?

די געדאַנקען האָבן זיך בליצשנעל געטראָגן דורכן מוח, איין זאַך איז מיר געווען קלאָר: זיך לאָזן נעמען אָט אַזוי אָן ווידער־שטאַנד וועל איך נישט. כ׳האָב מיט אַ מאָל דערשפּירט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט. מיט די בליקן האָב איך גענומען אַרומנישטערן אין שטוב אין די ווינקלען א זאך, מיט וואָס איך זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן.

אַ האַק, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן קיכל, האָט מיר אַ שפּרונג געטאָן אין די אויגן אַריין. עס איז געווען דאָס העקל, מיט וועלכן די אַלטיטשקע פלעגט צעהאַקן א פּאָר שטיקלעך האָלץ צו מאַכן פייער. און ווי גיך איך האָב געגעבן אַ קוק אויפן העקל, זיינען שוין ווייטער מיינע אויגן נישט געגאַנגען. איך האָב זיך ממש אַריינגעגעסן אין דעם העקל און מער נישט געקענט אַראָפּ־לאָזן פון אים דעם בליק. ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער. טאָקע שטאַרבן, אָבער נישט לייכט וועל איך זיי אַוועקגעבן מיין לעבן.

איך בין אויפגעשטאַנען פון בענקל, ווי איך בין געזעסן, און זיך צוגערוקט צום ווינקל, גענומען דאָס העקל אין האַנט אריין

און האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט לעבן דער טיר, כדי איך זאָל נישט זיין פונקט אַנטקעגן, ווען מען וועט זי עפענען, נאָר פון דער זייט, איך זאָל קענען זיך בעסער פאַרטיידיקן.

— אַזוי בין איך געשטאַנען און האָב געוואַרט... און ווי מאָדנע עס זאָל ביי אייך נישט אויסזען, קיין שום מורא, קיין שום שרעק האָב איך שוין דעמאָלט נישט געפילט. איין געדאַנק האָט מיך אין גאַנצן אויסגעפילט: צו לאָזן באַצאָלן מיין לעבן וואָס טייערער.

שטייענדיק אַזוי אָנגעשטרענגט מיטן געהער צום דרויסן, האָב איך דערהערט טריט, אָבער פון איין מענטשן, און גלייך האָט מען גענומען אויפשליסן די טיר. איך בין געווען אַזוי איבערראַשט, אַז איך האָב כמעט ווי נישט באַמערקט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און די אַלטיטשקע איז אַריינגעקומען מיט אַ קליין פעקעלע אין די הענט. איך האָב נישט אַרויסגעלאָזט דאָס העקל פון די הענט, נאָר כ'האָב גאָרנישט געשפירט, אַז איך האַלט עפעס.

די אַלטיטשקע האָט דערזען ווי איך שטיי מיטן העקל אין די הענט. זי האָט אַ שמייכל געגעבן און געזאָגט: „נו, לייג אַוועק דאָס העקל און קום בעסער עפעס עסן... דו האָסט דאָך זיכער היינט נאָך נישט געגעסן“.

— פאַרשעמט פאַר זיך אַליין בין איך צוגעגאַנגען צום טישל און זיך אַוועקגעזעצט. די אַלטיטשקע האָט זיך געפאָרעט ביים אויסזוכן אַ שטיקל ציבעלע צום ברויט. זי האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן טישל, מיך מאָדנע אַזוי אָנגעקוקט און געזאָגט: „איך פאַרשטיי, דו האָסט געטראַכט, אַז איך בין געגאַנגען דיך איבערצוגעבן צו די דייטשן. ניין, מיין קינד, נישט אַלע זיינען אַזעלכע, ווי דו טראַכסט. די, וואָס טוען עס, גאָט וועט זיי שטראָפן. קענסט זיין רואיק. כ'וועל דיך נישט אויסגעבן און נישט אַרויסטרייבן. כ'וועל דיך זען צו האַלטן, ביז גאָט וועט העלפן און וועט אונדז אַלעמען אויסלייזן פון די טייוולאָנים“.

*

* *

איינגאַנצעס דערציילונג איז געוואָרן איבערגעריסן מיט יצחקס אַריינקומען. פון דער לאָך ביים קאַנאַל, וו ער האָט געהאַלטן וואַך, איז ער האַסטיק דורכגעקראָכן דעם אונטערערדישן אַריינגאַנג, אַריין אין בונקער און אַרויסגעשעפטשעט, אַז ער האָט ווידער

דערהערט פּאַרדעכטיקע קלאַנגען ווייט אין קאַנאַל. מיר זיינען אַלע געווען ווי געליימט, נישט קענענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט. דערנאָך האָבן מיר שטומערהייט, איינער נאָכן אַנדערן, זיך גענומען צוריקן צום אונטערערדישן אַריינגאַנג, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל, און געוואַרט, גרייט צום קאַמף.

טיף אין האַרצן האָט ביי יעדן פון אונדז דאָך נאָך געטליעט אַ פלעמל פון האָפענונג, און ווען חנה האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן: „אויב עס דויערט שוין אַזוי לאַנג, און קיינער קומט אונדז נישט זוכן, איז אפשר זיינען דאָס בכלל נישט קיין דייטשן, נאָר באַהאַלטענע ווי מיר אין אַ בונקער מיט אַן עפענונג צום קאַנאַל?“ האָבן מיר אַלע אין דעם זיך אָנגעכאַפּט ווי אין אַ רעטונגברעט. יאָ, אפשר זיינען עס טאַקע באַהאַלטענע? אפשר האָבן זיי מורא פאַר אונדז, פונקט ווי מיר האָבן מורא פאַר זיי? און אפשר זיינען עס פאַליאַקן אויפשטענדלער, וואָס האָבן נישט געוואָלט דעם לעצטן טאָג פון אויפשטאַנד זיך מעלדן צו די דייטשן? אָדער אפשר גאָר יידן? — די דאָזיקע אַלע השערות האָבן אונדז געבויערט אין געדאַנק און אונדז מער נישט אָפּגעלאָזן.

עס האָט אַזוי געדויערט, ביז די שיסעריי האָט אויפגעהערט אין דרויסן, דאָס הייסט ביז עס איז געוואָרן נאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן מער נישט געקענט בלייבן אין אומזיכערקייט. מיר האָבן געמוזט דערגיין, ווער עס געפינט זיך דאָרט, אין צווייטן עק פון קאַנאַל, ווייל אַנישט וואָלט אונדז אויסגעקומען צו לעבן אין כסדרדיקער שפּאַנונג, אין שטענדיקער שרעק, אויפציטערנדיק ביי יעדן מינדעסטן שאָרך, נישט קענענדיק מער זיך באַוועגן און פאַרציכטנדיק אויפן געפונענעם וואַסער. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין, אָפּזאָגנדיק זיך די נאַכט צו זוכן עסן אין די חורבות, נאָר אָנשטאָט דעם — אויפצודעקן דאָס רעטעניש, ווער עס האַלט זיך אויף יענער זייט קאַנאַל.

אין דער עקספּעדיציע האָבן אָנטייל גענומען דריי פון אונדז: יצחק, דאַניעל און איך. יצחק איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַ ליכט אין דער האַנט. איך און דאַניעל הינטער אים. אונדזערע טריט האָבן אָפּגעקלונגען הויך אין קאַנאַל נאָך העכער — האָט זיך אונדז געדאַכט — ווי געוויינלעך. מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיינען מיר געגאַנגען אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך מיט אַ טאָג

פריער געטראָגן דער הוסט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו אַן אָרט, וואָס האָט לויט אונדזער חשבון שוין געדאַרפט זיין גאָר נאָענט צום געזוכטן, געהיימנישפולן ווינקל. מיר האָבן זיך דאַן אָפּגעשטעלט, און יצחק האָט רויִק אויסגעשריגן אויף פויליש: „קטאָ טאַם?“ (ווער איז דאָרט?).

מיר זיינען א ווײַלע געבליבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. מיר האָבן אַזוי אָנגעשפּיצט דעם געהער, אַז דעם מינדעסטן שאָרך וואָלטן מיר געקענט דערהערן. אָבער קיין שום ענטפער איז נישט געקומען. יצחק האָט דאַן צום צווייטן מאָל אויסגעשריגן: „ענטפערט אונדז, מיר זיינען יידן!. אַ פּאָר סעקונדעס איז נאָך אַלץ געווען שטיל, אָבער באַלד האָבן זיך דערהערט שריט, און אַ ליכט, וואָס איז ווי געקומען פון אַ זייטיקן קאַנאַל, האָט זיך דערנענטערט צו אונדז.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן, אין דער שטאָק־פינצטערניש פון קאַנאַל, נישט געקענט זען דעם מענטשן, וואָס האָט זי געטראָגן. אָבער מיר האָבן גלייך דערהערט זיין שטימע: „סוואָיע“ (אייגענע) — האָט ער הויך אויסגעשריען.

מיר האָבן האַסטיק זיך דערנענטערט צו אים און פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ בלאַס, מיד פּנים. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע שטום און נישט געקענט אַרויסזאָגן קיין וואָרט, ווי דער אָטעם וואָלט זיך אונדז פאַרהאַקט. אָבער באַלד האָט אַ צופרידענער שמייכל זיך באַוויזן אויף זיין פּנים און אויך מיר האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. אָט אַזאַ איז געווען אונדזער ערשטע באַגריסונג. מיר האָבן אַלע שנעל צוריקבאַקומען דאָס לשון. און דער מאַן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, האָט זיך אָפּגערופן:

— איך הייס יוזעף. צוזאַמען מיט מיר זיינען פאַראַן דריי. מיר זיינען פּאָליאַקן. קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזן, וווּ מיר זיינען. ס'איז גאָר נאָענט פון דאַנען.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין פאָרויס און מיר נאָך אים. מיר זיינען שנעל צוגעקומען צו אַ מין פּלאַץ, וווּ די זייטיקע קאַנאַלן האָבן זיך געקרייצט. יוזעף האָט אונדז צוגעפירט צו אַ ווינקל פון אַ זייטיקן קאַנאַל און האָט אויסגערופן: „אָט דאָס איז אונדזער וווינונג, און דאָ זיינען מיינע דריי חברים“.

מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט און צעקושט. מיר האָבן מיט אַמאָל דערפילט אַ מאָדנע נאָענטקייט און וואַרעמקייט צו די מענטשן, און מיר האָבן באַמערקט, אַז דעם זעלבן געפיל האָבן זיי צו אונדז. עס איז נישט געווען קיין פראַגע פון וועלכער עם איז מהיצה צווישן אונדז. מיר זיינען נישט געווען ייִדן אָדער קריסטן, נאָר אַלע צוזאַמען געפּלאָגטע פון דעם זעלבן שונא, און אָנגעהעריקע צו איין וועלט — אַ וועלט אַן אונטערערדישע, וואָס קיינער אַנט נישט וועגן איר, און קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט איר אַחוץ שטשורעס, וואָס לויפן פאַרביי מיט אַ קוויטש.

מיר האָבן געכאַפּט אַ בליק אויף זייער „וווינונג“ און אונדזערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די ברעטער, וואָס זיינען דאָרט געווען איינגעריכטעט כמעט ווי נאַרעס צום שלאָפן. יוזעף האָט עס באַמערקט און גענומען דערציילן:

— דאָס אַלץ האָבן מיר צוגעגרייט, נאָך איידער דער אויפשטאַנד איז געווען פאַרענדיקט. מיר האָבן געקעמפט זינט דעם סאַמע אָנהייב. דאָס איז געווען אין דער אַלטשטאָט (סטאַרע מיאַסטאָ), וואָס האָט די ערשטע פאַריאָגט דעם דייטש. אין משך פון די דאָזיקע קאַמפּס-טעג איז שוין נישט איינמאָל אונדז אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיטן קאַנאַל אַלס באַהעלטעניש. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף, האָבן מיר שוין באַשלאָסן אַראָפּצוגיין אויף לענגער אין קאַנאַל, כדי נישט צו זען מער קיין דייטש פאַר די אויגן. אין די לעצטע צוויי טעג האָבן מיר עס צוגעגרייט אָט די ברעטער און אויך אַ ביסל שפּייז. דערנאָך, אין דער סאַמע לעצטער מינוט, זיינען מיר דאָ אַראָפּ דורך אַן עפענונג, וואָס געפינט זיך ווייטלעך פון דאַנען, און פון דאָרט האָבן מיר זיך דערשלעפּט ביז אַהער.

יוזעף האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווייטער גערעדט:

— פון אָנהייב איז אונדז דאָ געווען זייער שווער. אַלץ איז געווען פאַרגאָסן מיטן קאַנאַל-וואַסער, וואָס איז דערגאַנגען ביז נאָענט צו אונדזערע ברעטער. עס איז ממש אוממעגלעך געווען צו מאַכן אַ טריט אין דער טרוקן, און בלויז זיצנדיק אָדער ליגנדיק אויף די ברעטער האָבן מיר געקענט אויסמיידן דאָס וואַסער. היינט איז שוין גוט. כמעט אַלץ אַרום איז שוין טרוקן, אַחוץ אינעם הויפּט-קאַנאַל, וואָס נעמט אויף דאָס אָפּפליסנדיקע וואַסער פון די

זייטיקע קאַנאַלן. אָט די אַלע זייטיקע קאַנאַלן אַנטשפּרעכן די גאַסן אויבן. איך קען זיי זייער גוט, ווייל איך האָב דאָ געווינט דערנעבן, אויף דער פּרעטאַ=גאַס. אַחוץ דעם בין איך אַליין אַ קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער און איך האָב דאָ געאַרבעט לאַנגע יאָרן. בקיצור, כל=זמן ס'איז געווען אַ ביסל לעבן אויבן, אין די אַלע גאַסן, איז געפלאָסן וואַסער אונטן, אין די קאַנאַלן. זינט, אָבער, די גאַסן זיינען אין גאַנצן חרוב, און עס קומט נישט צו מער קיין נײַ וואַסער, האָט ביסלעכווייז גענומען אַלץ מער טריקענען אין די קלענערע קאַנאַלן. אָט דאָ, אַרום אונדז, איז שוין איצט אַזוי טרוקן, אַז מיר קענען שוין נישט בלויז זיך פריי באַוועגן, נאָר אַפילו זיך אויסציען אויף דער ערד. צוויי פון אונדז שלאָפן טאַקע אויף דער ערד, און ס'איז אונדז איצט גרוימער ווי פריער.

יוזעף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, געגעבן אַ טיפן זיפץ, און פאַרגעזעצט:

— און דאָך וועלן מיר מוזן פון דאַנען אַוועקגיין. ווען מיר זיינען דאָ אַראָפּ, האָבן מיר געגלויבט, אַז באַלד וועלן קומען די רוסן און אונדז באַפרייען. אָבער עס פאַרציט זיך לענגער, ווי מיר האָבן געמיינט און מיר וועלן מוזן אַרויסגיין פון דאַנען. דאָס ביסל עסן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט, גייט אונדז אויס. דאָס וואַסער אויך. די נעץ פון קאַנאַל דרינגט אַריין ביז צו די ביינער. אַזוי, אַז לאַנג וועלן מיר דאָ נישט קענען אויסהאַלטן. אָט נעמט דעם הוסטער אונדזערן. קאַזשיק הייסט ער. זיין פנים איז שוין געל, אַז אויב ער וועט דאָ בלייבן אונטער דר'ערד, וועט ער קיינמאָל זיך נישט אויסהיילן. סיידן, אַז ער וויל דווקא צוגרייטן אַ גוטן מאָלצייט פאַר די שטשורעס...

די לעצטע ווערטער האָט יוזעף אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ קאָמישער מינע און אין אַזאַ טאָן, אַז מיר האָבן אַלע זיך פונאַנדערגעלאַכט און קאַזשיק אַליין אויך. פונעם לאַכן האָט טאַקע קאַזשיק באַלד זיך ווידער שטאַרק צעהוסט.

— אָט ער, קאַזשיק, האָט עס זיכער מיט זיין הוסטן אייך אַהער געבראַכט, האַ, נישט אמת? — האָט יוזעף זיך אָפּגערופן.

איך האָב דערקענט, אַז זיי זיינען אַלע זייער צופרידן פון אונדזער קומען צו זיי. אויך איך האָב דערפילט אַ שטאַרקע פריינד=

שאַפּט צו זיי. אין אַזעלכע באַדינגונגען באַפרייענדעט מען זיך שנעל און שטאַרק.

— און איר? — האָט יצחק אַ פרעג געטאָן — צי האָט איר נישט באַמערקט די גאַנצע צייט, אַז אַנדערע ווי איר געפינען זיך דאָ, אין קאַנאַל?

— זיכער האָבן מיר באַמערקט — האָבן זיי זיך אָפּגערופן, שוין עטלעכע מיט אַ מאָל — אָבער נישט אין סאַמע אָנהויב. די ערשטע טעג איז דער שטראָם פון וואַסער צום הויפּט־קאַנאַל געווען אַזוי שטאַרק, אַז אחוץ דעם גערויש פונעם פליסנדיקן וואַסער האָבן מיר גאָרנישט געהערט, בפרט, אַז מיר האָבן זיך געפונען אַביסל אָן אַ זייט. אָבער זינט עטלעכע טעג האָבן מיר שוין געהערט דעם קלאַנג פון טריט און אַפילו פון רעדן, כאָטש מיר האָבן נישט געקענט אויפכאַפּן, וואָס מען האָט גערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אונדז זייער שטאַרק איבערגעשראָקן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זיינען דייטשן, וועלכע זיינען געקומען זוכן באַהאַלטענע אויפשטענדלער, און מיר האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. מיר האָבן זיך בלויז צוגעגרייט אויפצונעמען זיי מיט די אייזנס, וואָס מיר האָבן דאָ אין ווינקל. דאָ אין קאַנאַל, ווען מען שטייט אַזוי באַהאַלטן אָן אַ זייט, איז פיל ווירקזאַמער צו געבן יענעם אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַן אייזן איידער צו שיסן. נעכטן ביינאַכט זיינען מיר שוין געווען כמעט ווי זיכער, אַז מען האָט אונדז אַנטדעקט. מיר האָבן דאָס מאָל געהערט טריט נישט בלויז פון איין מענטשן, נאָך אויך — נאָך דעם — טריט פון אַ סך. עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט געווען אַ גאַנצע באַוועגונג. מיר האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, געוואָלט הערן, צי מען רעדט און וואָס מען רעדט. אין דעם האָט, אָבער, קאַזשיק אַ הוסט געטאָן — דער אָרעמער קאַזשיק האָט זיך מער שוין נישט געקענט איינהאַלטן — און מיר האָבן דערהערט, ווי די טריט דערווייטערן זיך. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער, געמיינט, אַז מיר זיינען געראַטעוועט.

קאַזשיק האָט זיך ווידער שטאַרק צעהוסט, איבעררייסנדיק יוזעפן אין מיטן זיין רעדן. ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט יוזעף פאָרגעזעצט:

— יאָ, מיר האָבן געקלערט, אַז ס'איז נישט נייטיק מער צו שטיין אויף דער וואַך, און זיך שוין געקליבן צו גיין שלאָפן. אָבער

פּלוצים האָבן מיר, ווידער פֿון זעלבן ווינקל, דערהערט אַן אַנדער מין קלאַנג — נישט פֿון טריט, נאָר ווי מען וואָלט מיט עפּעס גע־קראַצט די ערד. דערצו האָבן מיר גלייכצייטיק באַמערקט פֿון דער ווייטנס אַ שוואַכן אָפּשיין פֿון אַ בלאַס ליכט. דאָס מאָל זייַנען מיר שוין אין גאַנצן געווען זיכער, אַז עס גרייט זיך עפּעס קעגן אונדז. מיר האָבן אַפֿילו געמיינט, אַז מען וויל אונדז אַרומרינגלען פֿון ביידע זייטן קאַנאַל און אַז דאָס איז טאַקע געווען דער זין פֿון די אָפּגייענדיקע טריט. „זיי דערווייטערן זיך פֿון איין זייט, און וועלן באַלד זיך דערנענטערן פֿון דער צווייטער זייט" — האָבן מיר געקלערט. אָבער ווען קאַזשיק האָט מיט אַמאָל זיך ווידער צעהוסט, און דערצו איז אים נאָך עפּעס אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט און װאָס אָפּגעקלונגען װױיך אין דער שטילקייט פֿון קאַנאַל — האָבן מיר באַמערקט, ווי ס'איז דאָרט פּלוצים פֿינצטער געוואָרן, און דערהערט גלייכצייטיק, ווי טריט פֿון איין מענטשן דערווייטערן זיך שנעל, אין אַ געלויף. איצט זייַנען מיר שוין געבליבן אין גאַנצן ווי צעמישט. „וואָס באַדייט אָט דאָס אומזיניקע געלויף אַהין און צוריק?" — האָבן מיר געקלערט. „צי זייַנען עס דייטשן, אָדער טייוולאָנים?" פֿאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע נאַכט האָבן מיר שוין נישט אָנגעצונדן אונדזער לעמפּל, ווי מיר פֿלעגן עס טאָן געוויינלעך אַלע נאַכט. מיר זייַנען געבליבן אין דער פֿינצטער און געוואַרט.

יוזעף האָט אונדז דערביי געוויזן דאָס לעמפּל, אַרומגעהילט מיט אַ דיק פּאַפּיר, וואָס האָט געדינט ווי אַן אַבאַזשור.

— מיטן דאָזיקן „אַבאַזשור" — האָט ער געזאָגט — איז נישטאָ די געפֿאַר, אַז מען זאָל זען דאָס ליכט פֿון דער ווייטנס. בלויז האַרט לעבן לעמפּל קען מען קוים זען. אָדער די לעצטע נאַכט האָבן מיר אַפֿילו מיטן אַבאַזשור מורא געהאַט אָנצוצינדן דאָס לעמפּל.

יוזעף האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרטראַכטער. ער האָט דערנאָך אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף יצחקס אַקסל און אויסגעשריגן מיט אַ ביטערן שמייכל:

— „פּשיאַקרעוו"! נאָך ווייניק שרעק האָבן מיר פֿאַר די דייטשן. דאַרפֿן מיר נאָך מורא האָבן אויך איינע פֿאַר די אַנדערע...

עס איז דערווייל געוואָרן שפּעט, שוין נאָענט פֿון פֿרימאָרגן, און מיר האָבן געמוזט שנעל לויפֿן צוריק איידער עס ווערט נאָך

טאָג. מיר האָבן אויך געוואָלט וואָס שנעלער אָנזאָגן די פֿאַרבליבענע אין בונקער, אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן... מיר האָבן דעריבער אין קורצן דערציילט אונדזערע נייע חברים פֿון קאַנאַל אונדזער אייגענע געשיכטע, און דערנאָך זיך געזעגנט. מיר האָבן פֿאַרן אַוועקגיין זיי איינגעלאַדן צו קומען צו אונדז אין בונקער און צו פֿייערן צוזאַמען, ביי אַ מאָלצייט, אונדזער נייע באַקאַנטשאַפֿט. „מיר וועלן צוזאַמען זיך פֿרייען אויף צו להכעיס די מערדער, וועלכע גייען אפֿשר איצט איבער אונדזערע קעפּ און ווילן אונדז אומברענגען“ — האָבן מיר זיי געזאָגט:

זיי האָבן די איינלאַדונג מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען. קאַזשיק האָט זיך אַפֿילו שוין געוויצלט, אַז ער וועט מער נישט הוסטן, כּדי אונדז נישט איבערצושרעקן. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט ביז אויף צומאָרגנס ביינאַכט און זיינען צוריקגעגאַנגען...

די שטימונג אויף אונדזער צוריקוועג איז געווען אַזאַ פֿריילעכע, אַז מיר האָבן בכלל נישט געפֿילט, דאָס מיר געפֿינען זיך אין אַ שמוציקן עיפּושדיקן אונטערערדישן קאַנאַל. מיר זיינען שנעל צוגעקומען צו דער עפֿענונג פֿון בונקער, וווּ איגנאַץ האָט געהאַלטן די וואַך.

— נו, — האָט ער מיט אומגעדולד אויסגעשריגן — ווער איז דאָרט? זאָג שנעל!

מיר האָבן מיט האַלבע ווערטער באַפֿרידיקט זיין נייגיר, און צוזאַמען מיט אים זיך צוריק אַריינגעדראַפּעט אין בונקער, כּדי צו דערציילן באריכות וועגן אונדזער אַנטדעקונג. דאַניעל איז דער ערשטער צוגעלאָפֿן צו הנהן, און מיט פֿרייד איר גענומען שנעלשנעל איבערגעבן וועגן אונדזער עקספּעדיציע. איר געזיכט האָט אויפֿגעלויכטן, אירע אויגן האָבן געשיינט פֿון שמחה און אַ צופֿרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. דאַניעל האָט געקוקט אויף איר און מיטגעשמייכלט. אויך אַלע אַנדערע — צוהערנדיק זיך צו דאַניעלס ווערטער און דערנאָך צו דעם, וואָס יצחק און איך האָבן צוגעגעבן — האָבן אויסגעזען, ווי די פֿנימער וואָלטן אין גאַנצן זיך געענדערט ביי זיי. חנה האָט צוזאַמען מיט סאַמעקן גענומען צוגרייטן אין איילעניש עפּעס צום עסן, וויל עס איז שוין געווען זייער שפּעט און דערנאָך האָבן מיר אַלע זיך געלייגט שלאָפֿן גליקלעכע, פֿריידיקע, קלערנדיק וועגן דער איבערגעגאַנגענער געפֿאַר און וועגן דעם יום־טוב פֿון מאָרגן.

קאַפּיטל פינף

ווען יוזעף איז אויף צומאָרגנס ביינאַכט דער ערשטער אַריינגעקראָכן צו אונדז אין בונקער, הינטער דאַניעלן, וואָס איז געגאַנגען זיי רופן און ווייזן דעם וועג, און נאָך אים די איבעריקע דריי, זיינען די ערשטע ווערטער יוזעפס געווען: „גאָט אין הימל, איר זעגט דאָך ווי אין אַ פּאַלאַץ". און באמת האָט אונדזער בונקער די נאַכט אויסגעזען יום־טובדיק. כאַסקל איז נישט אַרויס מיט די אַנדערע זוכן אין די קעלערן, ער האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט. אָבער ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון אונדזער געווײנלעכער עקספּעדיציע, איז אַ שמאָל טישל געשטאַנען צוגערוקט לעבן דעם קליינעם שטיקל אָרט, וואָס איז נאָך געווען פריי לעבן דער וואַנט און לעבן טישל — אַ באַנק!

כאַסקל האָט נישט ליב געהאַט צו זאָגן פריער, וואָס ער וועט טאָן. פון די ברעטער, וואָס ער פלעגט אַראָפּשלעפּן אין בונקער אַריין אויף צו מאַכן פייער, האָט ער איצט געמאַכט דאָס טישל מיט דער באַנק. מיט אַ שטיין האָט ער אַרויסגעהאַקט די טשוועקעס פון די ברעטער, צונויפגעקלאַפּט צוויי ברעטער צוזאַמען אין דער ברייט און פון ביידע זייטן אונטערגעשטעלט נאָך צו צוויי ברעטער, צוגעקלאַפּט יענע צוויי אויף זיי און פאַרטיק איז געווען אַ טיש. דאָס זעלבע האָט ער געמאַכט, כדי צו פאַבריצירן אַ באַנק. צום ערשטן מאָל, זינט מיר זיינען געווען אין בונקער, האָט כאַסקל זיך אַ וויצל געטאָן: — „מילא, ווען מען איז אַליין, איז גוט ווי עס איז. אָבער, אַז עס קומען געסט, מוז מען דאָך מאַכן שיין". מיר זיינען אַלע געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג, אַז מען האָט שיער נישט פאַרגעסן, ווו מיר זיינען. הנה איז געווען פאַררויטלט, דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, טאַקע ווי ביי אַן אמתער באַלעבאָסטע, וואָס דערוואַרט געסט און וואָלט געוואָלט, אַז דאָס עסן זאָל גוט

געראָטן און געפּעלן ווערן די געסט. סאַמעק האָט זיך געדרייט אַרום הנהן אויך אַנדערש ווי שטענדיק, מער אויפגעלייגט און מיט אַ ליבלעכן שמייכל איר צוגעהאָלפן. נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זיינען געווען אַזוי צופרידן פון דעם צוזאַמענטרעף מיט די מענטשן: במשך פון דער קורצער צייט פון אונדזער בונ־קער־לעבן האָבן מיר זיך שוין געהאַט צוגעוווינט נישט צו שרעקן זיך פאַר די אַלע זאַכן, פאַר וועלכע מען שרעקט זיך געוויינטלעך אויף דער פריי. מיר זיינען געקראָכן אין דער פינצטער אין די חורבות, אין די קעלערן און קאַנאַלן. מיר זיינען געוואָרן היימיש מיט די שטשורעס, סיי מיט די פון קאַנאַל, וואָס פלעגן צו אונדז אַריינשפּרינגען דורך דער לאָך און אויך מיט די שטשורעס, וואָס מיר פלעגן אָנטרעפן אויף די חורבות ביי אונדזערע נאַכט־עקספּע־דיציעס, ווי זיי פלעגן זיך פאָרען מיט די טויטע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט. דאָקעגן אָבער פלעגט דער מינדסטער שאָרך פון אַ מענטש אונדז לאָזן אויפציטערן, ווייל סתם מענטשן זיינען דאָך דאָ נישט געווען און האָבן נישט געקענט זיין. נאָר דייטשן האָבן דאָ געקענט זיין. ווען מיר האָבן נאָר דערשפּירט מיט אַ טאָג פריער סימנים פון לעבעדיקע מענטשן אין קאַנאַל, האָבן מיר זיי אין גע־דאַנק שוין געזען ווי רוצחים, וואָס לויערן אויף אונדז. מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן אונדזער פרייד, ווען אַנשטאָט דעם האָבן מיר גאָר געטראָפן מענטשן. אמתע מענטשן ווי מיר, וואָס האָבן גע־קעמפט מיט געוועור קעגן דעם זעלבן שונא ווי מיר. די שמחה איז געווען גרויס און דער צוזאַמענטרעף ממש אַ יום־טובדיקער. מיר האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן געשפּירט צו זיי אַ פריינדשאַפט, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט פון תמיד אָן. מיר האָבן אַפילו קיין טראַכט נישט געגעבן, אַז מיר זיינען יידן און זיי קריסטן.

דאַניעל האָט קיין פּויליש נישט געקענט, נאָר דער גליקלעכער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זיי שוין אַלץ געזאָגט. יוזעף איז געווען דער באַרעדעוודיקסטער פון זיי. דאָס האָט ער פאָרגעשטעלט יעדערן פון זיינע חברים, אָנגערופן מיטן נאָמען און גלייך צוגעגעבן אַ קליינע ביאָגראַפיע: „אָט דער קליינער הייסט וואָזשניאַק, אַ סטאָליער, געוווינט דאָ נישט ווייט מיט אַ מוטער. זיין מוטער איז געהרגעט געוואָרן בעתן אויפשטאַנד דורך אַ באָמבאַרדירונג. און דער הויבער, הייסט אַנטעק, ער האָט געאַרבעט אין פעלד צו־

זאַמען מיט זיין פּאַטער אין אַ דאָרף לעבן וואַרשע, ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט אַ קינד, און איז געקומען העלפן אַרויסטרייבן דעם דייטש. און דער, וועלכער האָט געהוסט, הייסט קאַזשיק, ער זעט אויס עפּעס צו זיין אַן אינטעליגענט". לאַכנדיק האָט יוזעף צוגעגעבן: „נאָר אַראַנק אים לעבן מיר אַלע. ער האַלט זיך אין איין „מאָדליען" (דאַווענען), נו, זאָל ער בעטן, וויפל ער וויל, אָבער געהאָלפן שלאָגן דעם דייטש האָט ער גוט".

חנה, ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע, האָט געבעטן אַלע זיך אויסצוזעצן, ווי מען קען נאָר און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער יום־טוב. פאַר יעדן איינעם האָט חנה צוגעגרייט אַ פּלעצל, וואָס זי האָט געמאַכט פון אַ ביסל געפונענער מעל, פאַרמישט מיט אַ ביסל וואַסער און געבאַקן אויף אַן אָנגעגליטן ציגל. דערנאָך האָט חנה אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ טאָפּ זופּ, וואָס איז באַשטאַנען פון הייסן וואַסער, וווּ ס'זיינען אַרומגעשווומען אַ פּאָר פאַרפל פונעם זעלבן טייג ווי די פּלעצלעך. די פאַרע איז זיך צעגאַנגען איבערן בונקער און אָנגעפילט די לופט מיט היימישקייט. חנה האָט זיך באַרימט מיט דעם, וואָס דאָס וואַסער פון דער זופּ איז שוין פון קוואַל, וועלכן מען האָט נעכטן געפונען, ריין קוואַל־וואַסער. מען האָט זיך געווונטשן אַ גיכע באַפרייאונג און דער געדאַנק איז גע־לאָפן אין דער ריכטונג פון יענער זייט ווייסל קיין פראַגע, ווו די רויטע אַרמיי איז שוין געווען און פון וואַנען ס'האָט געקענט קומען אונדזער באַפרייונג.

יוזעף האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט: „אוי, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — אַזאַ יום־טוב אָן אַ ביסל בראָנפן?" „מיר וועלן זיך אָפּנעמען, — האָט יצחק אונטערגעכאַפּט, — ווען מיר וועלן אַרויס פון דאַנען, וועלן מיר זיך דאָס ערשטע אָנטרינקען ביז צום שיכור ווערן". „יאָ, טאַקע אָנשיכורן זיך" — האָט איגנאַץ אַ זאָג געגעבן, — „טאַקע אָנשיכורן זיך, כדי נישט משוגע צו ווערן פון דעם חורבן, וואָס מיר וועלן טרעפן".

„היינט איז יום־טוב", האָט חנה אים געענטפערט, כמעט מיט כעס, וואָס מען פאַרשטערט איר די שמחה. „לאָמיר איין נאַכט נישט קלערן וועגן דער וועלט, וואָס איז איבער אונדז. לאָמיר היינט זיין צופרידן, וואָס מיר זיינען דאָ. ווייל ווער ווייס, ווי לאַנג מיר וועלן דאָ נאָך מוזן בלייבן און וואָס אונדז דערוואַרט נאָך".

מיר האָבן אָנגעהויבן זופּן די הייסע זופּ און יוזעף האָט געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטן חנהן פֿאַר דער גוטער מאָלצייט. הנה האָט זיך אַ ביסל פֿאַררויטלט און איז געווען זייער צופֿרידן. אויך מיר אַלע זייַנען געווען זייער אויפֿגעלייגט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ משפּחה וואָלט זיך דאָ צוזאַמען גענומען פֿראַווען אַ פֿייערונג.

די שטימונג איז געווען אַ געמיטלעכע, וואָלט איך געזאָגט. דער גאַנצער בונקער איז געווען אָנגעפּילט מיט געלעכטער און פֿרייד. די זופּ און דאָס פֿלעצל האָבן זייער גוט געשמעקט. די פֿייערלעכקייט איז געווען צו דערקענען אויף יעדערנס געזיכט. לאַנג, לאַנג זייַנען מיר אַזוי געזעסן צוגערוקט איינער צום אַנדערן און האָבן זיך גוט צוגעהערט צו די דערציילונגען פֿון אונדזערע געסט וועגן אויפֿשטאַנד און וועגן די קאַמפֿן. און כאָטש פֿאַר אונדז איז עס נישט געווען קיין נייעס, ווייל מיר אַלע האָבן עס אַדורכגעמאַכט, איז אָבער דאָך ביי יעדערן עס פֿאָרגעקומען אויף אַן אַנדערן אופֿן און יעדערער האָט אַנדערש געפּילט. מיר האָבן אַזוי אַרום נאָך אַ מאָל דורכגעלעבט אין רעיון די דאָזיקע צייט.

דער קליינער וואָזשניאַק האָט, דערציילנדיק וועגן די קאַמפֿן, געמאַכט אַזעלכע זשעסטן מיט די הענט, מיטן גאַנצן קערפּער, ווי ער וואָלט איצט נאָך אַ מאָל אַלץ אַדורכגעלעבט און געפּילט.

— ווען איך מיט מיין גרופּע האָבן דאָס ערשטע מאָל אָנגעגריפֿן אַ דייטשן פּאָסטן לעבן אונדז, אויף בּרעסע־גאַס, אַרום פֿינף אַזייגער פֿאַרנאַכט דעם 1־טן אויגוסט — דוכט זיך, עס איז געווען אַ דינסטיק — זייַנען זיי געוואָרן אַזוי צעמישט די שוואַבן, אַז זיי האָבן כמעט ווי קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט. אַ טייל זייַנען אַנטלאָפֿן און מסתמא אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון אַן אַנדער גרופּע, וואָס איז געווען נישט ווייט פֿון אונדז, ווייל דער אויפֿשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין דער זעלבער צייט אין גאַנץ וואַרשע. אַ סך דייטשן האָבן זיך גלייך אונטערגעגעבן און באַלד האָט מען שוין פֿון אַלע זייטן גענומען פֿירן די פּריצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. טייל מענטשן זייַנען אַרויסגעלאָפֿן אויף די גאַסן זען, וואָס דאָ קומט פֿאָר. עטלעכע האָבן זיך דערשראָקן און זיך פֿאַרמאַכט אין די שטובן. אַנדערע האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין אויפֿשטאַנד. איך בין געווען זיכער, אַז מיר זייַנען שוין פּטור געוואָרן פֿון די דייטשן, די באַפֿעלקערונג איז אַרויס אין גאַס און

גענומען אונדז העלפן בויען באַריקאַדן איבער אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער ווייסל, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז דאָרט איז נאָך דאָ אַ סך דייטשע מיליטער און זיי קענען אונדז אָנגרייפן מיט טאַנקען. מיין גרופע האָט מען דערנאָך געהאַט אַוועקגעשיקט אויף ראָג שעראַקאָווסקע און פון דאָרטן, מיט נאָך אנדערע גרופן, האָבן מיר זיך געגרייט אָנצופאלן ביינאַכט אויפן דאַנציקער וואָקזאַל. ביים ערשטן מאָל איז עס נישט געלונגען. די געמויערטע וואַנט, וועלכע האָט ארומגעצוימט די יידישע געטאָ, איז געווען אויסער דער שעראַקאָווסקע גאַס, זי איז אַדורכגעגאַנגען אין מיטן פון דער באָניפאַטערסקע גאַס, וואָס איז געווען צוהעלפט אין געטאָ און צוהעלפט, דער טייל, וו עס איז געווען דער שפיטאָל פאַר משוגעים, אויף דער אַרישער זייט. ווען איך בין צוגעקומען צום ראָג שעראַקאָווסקע איז מען שוין געווען ביי דער געטאָ־וואַנט. יידן זיינען שוין לאַנג דאָ נישט געווען און אַלץ איז געווען חרוב. פון די שטיינער און ציגל האָבן מיר אויפגעבויט באַריקאַדן. די ערשטע נאַכט איז געווען רואיק. אויף צו מאָרגנס זיינען אַלץ מער און מער גאַסן שוין געווען אין אונדזער האַנט. די באַפעלקערונג האָט געיובלט פון פרייד, אָרקעסטערס זיינען געגאַנגען דורך די גאַסן און האָבן געשפילט, מען האָט געשפירט, אַז וואַרשע האָט אָפגעאָטעמט פריי.

— ביינאַכט, גאָר שפעט ביינאַכט, נאָך אַ גאַנצן טאָג צוגרייטן זיך, האָבן מיר גענומען זיך דערנעענטערן פון א סך זייטן צום דאַנציקער וואָקזאַל. מיר זיינען שוין געווען נאָענט, אָבער פלוצלונג איז געעפנט געוואָרן אויף אונדז פון א סך זייטן א שטאַרקע שיסעריי, וועלכע האָט נישט געלאָזט אונדז צוקומען צום וואָקזאַל גופא. נאָך אַ פאָר שעה קעמפן האָבן מיר זיך געמוזט צוריקציען מיט פאַרלוסטן. אָבער ס'איז געווען מאָדנע: ווען מיר זיינען אָפגעטראָטן, האָבן די דייטשן אונדז נישט נאָכגעיאָגט. עס איז אונדז געוואָרן שפעטער קלאָר, אַז דאָרט ביי דער ווייסל האָבן זיי זיך צוגעגרייט נישט אָפצוטרעטן, נאָר פאַרקערט אָנצוגרייפן.

— די פרייד פון דער באַפעלקערונג האָט נישט לאַנג געדויערט, — האָט יוזעף אים איבערגעהאַקט. אויפן פערטן טאָג האָבן זיי געוויזן וואָס זיי קענען. דורך אַעראָפלאַנען האָבן זיי אראָפגעוואָרפן בלעטלעך, אַז מיר זאָלן זיך אונטערגעבן. מיר האָבן

נאַטירלעך נישט געפּאָלגט, שוין אַזוי לאַנג האָבן מיר געהאַט אויסגעקוקט אויף דער שעה פון באַפרייאונג. אויפן פינפטן טאָג האָבן זיי געוואָרפן נאָך אַמאָל פלוג־בלעטלעך, מען זאָל זיך אונ־טערגעבן. דערביי האָבן זיי אָנגעוואָנדן זייער אַלט אויסגעפּרוווט מיטל פון אָנרייצן איין טייל אויפן צווייטן. אין ספּעציעלע פלוג־בלעטלעך, געוואָרפן פון אַעראָפּלאַנען, האָבן זיי, צוזאַמען מיט דער דראָאונג פון רעפּרעסיעס, גערופן די פוילישע באַפעלקערונג, זי זאָל זיך נישט לאָזן פירן פון די יידן און קאָמוניסטן, וועלכע זיינען איצט אַרויס פון לאַגער און פירן אָן מיטן אויפשטאַנד. דאָס מאָל האָט זיך קיינער נישט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע. יאָ, מיר האָבן טאַקע געזען די יידן, וועלכע זיינען אַרויס פון לאַגער אין זייערע קליידער. אין אַט די אַרעסטאַנטסקע פּאַסן־קליידער האָבן זיי זיך טאַקע געשלאָגן ביי אונדזער זייט ווי גבורים און זיינען אומגעקומען ווי העלדן.

קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט פון אונטערגעבן זיך — האָט וואָזשניאַק אַזש אַ געשריי געגעבן, — נו, האָבן זיי אָנגע־הויבן באָמבאַרדירן וואַרשע און חרוב מאַכן די שטאָט, צו אַלער־ערשט אונדזער אַלט־שטאָט.

— איין מאָל, — וואָזשניאַק האָט גענומען ריידן שטילער, — איין מאָל בין איך געקומען צו לויפן אין שטוב, נאָך אַ באָמבאַר־דירונג זען וואָס מיט מיין מאַמען איז געשען, האָב איך שוין גע־טראָפן דאָס הויז איינגעלייגט מיט אַלע מענטשן צוזאַמען. אויך מיין מאַמע איז געווען צווישן זיי.

ער האָט זיך אָפּגעדרייט אין אַ זייט און שנעל, מיר זאָלן נישט באַמערקן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט צעשטערן די שמחה, אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס איז אַראָפּגערונען אויף זיין פּנים. ער האָט פּרובירט שמייכלען, אָבער די שטימונג איז שוין געווען פאַרדאָרבן. עס איז גענוג געווען צו דערמאָנען עס מיט איין וואָרט — און טויזנטער מאַמעס זיינען אַריין צו אונדז אין בונקער, האָבן זיך אוועקגעשטעלט פאַר אונדזערע אויגן. דער בונקער איז צוריק גע־וואָרן בונקער מיט זיין חושכדיקן אויסזען.

כ'איז געווען שוין זייער שפּעט, דער טאָג האָט שוין געדאַרפט באַלד אָנקומען און יוזעף און זיינע חברים האָבן זיך גענומען גרייטן צום אַוועקגיין. זיי האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס די צייט

איז אַדורכגעלאָפֿן אַזוי שנעל. זיי האָבן נאָך אַ סך צו דערציילן וועגן די קאַמפֿן.

— מאָרגן וועלן מיר קומען נאָך אַ מאָל, — האָט וואָזשניאַק אַ זאָג געגעבן, מיר ווייסן שוין דעם וועג.

יצחק האָט זיי אָנגעבאָטן, זיי זאָלן בלייבן מיט אונדז, ס'איז טאַקע נישטאָ קיין סך אָרט, נאָר מען וועט זיך צוזאַמענרוקן. זיי האָבן שטאַרק געדאַנקט, נאָר זיך אָפּגעזאָגט צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, ס'איז טאַקע נישט געווען קיין פֿריי אָרט ביי אונדז און אַ ביסל האָבן זיי אויך מורא געהאַט פֿאַר די באָמבאַרדירונגען פֿון די האַרמאַט-באָמבעס, וואָס האָבן געקענט פֿאַלן יעדן טאָג אויף אונדזער בונקער און אים אויפֿרייסן. דאָרט, אין קאַנאַל, איז געווען זיכערער. זיי האָבן אויך געזוכט אַ וועג זיך אַרויסצורייסן פֿון וואַרשע אין אַ וואָסער נישט איז דאָרף דערנעבן. זיי זיינען דאָך געווען פּאָליאַקן. אויב ס'וואָלט זיי געלונגען זיך אַרויסצורייסן פֿון שטאָט, וואָלטן זיי מער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט אונדז, איינציקווייז אַראָפּגעקראָכן אין אונטערערדישן אַדורכגאַנג און פֿון דאָרט דורך דער לאָך אין קאַנאַל אַריין. נאָר איינער איז געבליבן מיט אונדז, קאַזשיק. אים האָבן מיר נישט געלאָזן צוריקגיין אין קאַנאַל. ער האָט געהוסט און לאַנג וואָלט ער דאָרט נישט אויסגעהאַלטן. מיר האָבן אים געמאַכט אַ שטיקל אָרט אויף דער ערד, ער האָט זיך גלייך אַוועקגעלייגט, האָט זיך צוגעהאַלטן דאָס מויל און פֿאַרשטיקט געהוסט.

אַ שטאַרקע שיסעריי פֿון דער הויך האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך לייגן, אַז עס איז שוין טאָג. מיר האָבן פֿאַרלאָשן דעם קאַרביט-לאָמפּ און זיך אַוועקגעלייגט יעדערער אויף זיין אָרט, פֿאַרזונקען אין פֿאַרשיידענע געדאַנקען. קיינער איז עפּעס נישט געשלאָפֿן נאָך דער נאַכט. איגנאַץ איז באַפֿאַלן אַ מורא מער ווי שטענדיק און ווען מען האָט דערהערט רוישן אַעראָפּלאַנען, איז ער אַזש אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין געלעגער, זיך אַ הויב געטאָן און געבליבן זיצן. ווען דער גערויש איז צוגעקומען שוין גאָר נאָענט, איז ער צוריק אַוועקגעפֿאַלן און זיך גענומען איינגראָבן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַהעלטעניש אין דער ערד. דאָס האָט יוזעף, נישט ווילנדיק, אים אַזוי איבערגעשראָקן מיט זיין באַמערקונג,

אַז דאָ קען אראָפּפאַלן אַ באָמבע און אויפרייסן דעם בונקער מיט אַלעמען צוזאַמען.

חנה האָט זיך געדרייט אויף איר געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. מסתמא האָט זי געטראַכט וועגן איר מאַמען. ווען וואָזשניאַק האָט דערציילט, ווי אַזוי זיין מאַמע איז אומגעקומען, האָט מען באַמערקט, ווי איר געזיכט האָט זיך גלייך געענדערט. דאָס שמייכל, וואָס האָט די גאַנצע צייט באַשיינט איר שיינעם פּנים, איז פאַרשוווּנדן, זי איז געוואָרן בלאַס. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר אייגענער מאַמען, פון וועלכער זי האָט נישט געווסט, וווּ זי איז אַהינגעקומען. זי האָט זי פאַרלוירן ביים אַריינגיין אין בונקער. אפשר איז איר מאַמע אויך געפאַלן אַ קרבן פון אַ באָמבאַרדירונג ווי וואָזשניאַקס מוטער. אין בונקער איז געגוג געווען איין וואָרט פון עמעצן, אָדער אַפילו אַן אָנדייטונג אויף עפּעס, ס'זאָל פון דער גרעסטער פרייליכקייט, ווי דאָס פלעגט צומאָל טרעפן אין אַ רגע פון פאַרגעסנקייט, אונדז תיכף צוריקפירן צום אמתן צושטאַנד, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. אַזוי איז עס געווען איצט מיט חנהן. איידער מיר האָבן זיך געלייגט, און כל זמן די געסט זיינען נאָך געווען, האָט זי זיך צוריקגעהאַלטן, זי האָט זיך אַ ביסל געשעמט. איצט אָבער אין דער פינצטער האָט חנה זיך גענומען דרייען אויף איר געלעגער און ביי יעדן שאָס אין דרויסן האָט זי אויפגעציטערט. אפשר האָט זי געזוכט איר מאַמען לעבן זיך, זי זאָל איר באַשיצן. אַ שטיל פאַרשטיקט געוויין האָט זיך גענומען טראָגן פון איר געלעגער. זי האָט זיך באַמיט צו וויינען וואָס שטילער. און אין דער פינצטערניש פון בונקער האָט עס נאָך מער פאַרשטאַרקט די טרויעריקייט.

איך בין זייער לאַנג געלעגן און האָב זיך צוגעהערט צו דער שיסעריי, וואָס איז אָנגעגאַנגען דעם טאָג זייער שטאַרק, און בין שפּעט איינגעשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין חנה אַרומגעגאַנגען און האָט זיך געגרייט צו מאַכן אַ ביסל וואַרעם וואַסער פאַר קאַזשיקן, וועמען דער הוסט האָט שטאַרק געמאַטערט. מען האָט אויף איר גאָרנישט דערקענט, וואָס זי האָט היינט אַדורכגעלעבט. איר פּנים איז געווען רואיק און זי האָט צוריקגעפונען איר געוויינטלעכן שמייכל. ווי אַלע מאָל האָט זי אַרויסבאַגלייט די אלנאכטלעכע עקספּעדיציע אין דרויסן מיט אַ

ברכה, מיר זאָלן צוריקקומען בשלום. דאָס איז שוין געוואָרן ביי איר אַ מין טראַדיציע. ווייל קיין נאַכט, ווען מיר פּלעגן אַרומ זוכן אין די קעלערן, איז מען נישט געווען זיכער, צי מען וועט צוריקקומען.

איך און כאַסקל זיינען אַראָפּ אין קאַנאַל נעמען וואַסער פון דעם קוואַל. „דאָסמאָל האָב איך מער פאַרגעניגן, ווייל איך וועל דאָרט זיין, וויפל שעה מען וועט נאָר דאַרפן און וועל ברענגען אַ גאַנצן קובל וואַסער" האָט כאַסקל אַ זאָג געגעבן ביים אַראָפּגיין. „מען וועט זיך אַ ביסל אָפּוואַשן פאַר דער גאַנצער צייט".

— זעט נאָר, צו געפינען אַ שטיקל זייף, — האָב איך אָנגעזאָגט יצחקן, וועלכער האָט זיך גענומען אַראָפּציען מיט דאַניעלן און נאָך זיי סאַמעק מיט איגנאַצן. קאַזשיק איז געבליבן מיט הנהן.

דאָס שטיין אין קאַנאַל שעהן לאַנג און וואַרטן אויף די טראָפּנס וואַסער, וואָס פלעגן אַראָפּרינען פון דעם קליינעם לעבעלע, איז פאַר מיר געווען די פיינלעכסטע צייט, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין בונקער. אַלץ איז געגאַנגען אויף די נערוון: דאָס שטיין אויף איין אָרט און די פינצטערניש, וואָס האָט זיך געשטופּט פון דער ווייטנס מיט אַזאַ געדיכטקייט, אַז עס האָט אַזש געזעצט אין די אויגן; דער ווייטער גערויש פונעם פליסנדיקן וואַסער. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, ווי גאַנצע כוואַליעס וואַלטן געגאַנגען, דער עכאָ האָט ממש געקענט פאַרטויבן. אָבער יעדערער פון אונדז האָט עס געמוזט מאַכן לויט דער רייע און ביסלעכווייז האָט מען זיך צו דעם אויך צוגעוווינט.

ווען איך מיט כאַסקלען זיינען געקומען צוריק מיטן וואַסער, איז שוין געווען זייער שפּעט. יצחק מיט דאַניעלן האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון דער עקספּעדיציע, זיי זיינען אויך נישט געקומען מיט ליידיקן. קיין עסנוואַרג האָבן זיי טאַקע נישט געבראַכט, נאָר אַ פּעקל האָבן זיי געפונען אין אַ קעלער, וואָס איז געווען פאַרשאָטן מיט אַראָפּגעפאַלענע ציגל און גרוז. ווען זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט דאָס פּעקל, האָבן זיי אַזש אויפגעשריען: אַ פּעקל מיט וועש, העמדער און גאַטקעס. קיין בעסערן אוצר האָבן זיי שוין נישט געקענט געפינען. זיי זיינען שוין ווייטער נישט געגאַנגען נאָר גלייך געקומען צוריק אין בונקער.

בכלל פּלעגן מיר דעמאָלט אין דער ערשטער צייט זיך באַגנוגענען מיט אַבי וואָס. ווי נאָר מען האָט עפּעס געפונען, איז מען שוין ווייטער נישט געקראָכן, ווייל מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן דאָך געמיינט, אַז יעדן טאָג וועט זיך אָנהויבן די אָפּענסיווע און אויב מיר וועלן נישט אומקומען אין די קאַמפּן, וואָס עס האָט זיכער געקענט טרעפן, וועלן מיר ווערן פריי.

מיר זיינען געווען אין אַ גוטער שטימונג. וואַסער האָבן מיר געבראַכט. „נאָכן עסן, — האָט חנה געזאָגט, — וואַש איך זיך אַרום און יעדערער טוט זיך אָן אַ נײַ העמד. איר וועט אויסזען ווי די פּרינצן" — האָט זי זיך צעלאַכט און גענומען צוגרייטן דאָס עסן.

אָבער באַלד איז די גוטע שטימונג פאַרשוווּנדן. מיט יעדער מינוט איז די אָנגעשטרענגטקייט געוואָרן שטאַרקער: סאַמעק און איגנאַץ, וואָס זיינען אויך געווען אַוועק. אויף אַן עקספּעדיציע, זיינען נאָך נישט געווען צוריק. קיינער האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער יעדערער האָט שוין עפּעס געטראַכט. ערשט האַרט פאַרטאָג, ווען מיר זיינען שוין כמעט ווי זיכער געווען, אַז עס איז מיט זיי עפּעס געשען, האָט חנה, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער לאָך פון אַרויסגאַנג און געוואַרט, צי סאַמעק קומט נישט, דערהערט, ווי מען דראַפּעט זיך אַרויף אויפן באַרג צו אונדזער בונקער. זי האָט אויסגעשריען: זיי גייען! און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין בונקער און פריי געמאַכט די עפענונג, זיי זאָלן קענען אַריינקריכן. זיי זיינען געקומען פאַרמאַטערטע, קוים וואָס זיי זיינען געקראָכן, די פּנימער אויסגעשמירט מיט שטויב און בלאָטע, אַז ס'איז שווער געווען זיי צו דערקענען.

— מיר זיינען שוין געגאַנגען צוריק, האָט סאַמעק אָנגעהויבן צו דערציילן, און שוין געווען נישט ווייט פון דאַנען, מיר האָבן אויך געהאַט געפונען גאַנץ גוטע זאַכן: באָבעלער, אַ ביסל קאַרטאָפל. אוי, האָב איך געזאָגט צו איגנאַצן וועט היינט זיין אַן עסן אַ מחיה, איך האָב זייער ליב קאַרטאָפל. מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט פון אַ הויף, וואָס מיר האָבן געוואָלט דורך אים אַדורכגיין טריט. זיי האָבן זיך גענומען דערנענטערן. מיר האָבן דערהערט ווערטער: דייטש... דאָס זיינען געווען צוויי וואַך־סאָלדאַטן.

בליץ־שנעל זיינען מיר געלאָפן צוריק און זיינען אַריין אין אַ צווייטן הויף, געוואָלט אַריינלויפן אין אַ חורבה זיך צו באַהאַלטן. נאָר ווי גיך מיר זיינען אַריין אין דעם חרובן הויז און אַרויף אויף אַ בערגל מיט ציגל און גרוז, וואָס איז געלעגן אין דער מיט, האָט זיך עס געגעבן א שיט אַראָפּ און מיר זיינען ביידע שוין געלעגן אונטן, טיף אין אַ קעלער אין שטיקער ציגל און גרוז האָבן זיך גענומען שיטן אויף אונדז. מיר האָבן זיך שרעקלעך דערשראָקן, צי די דייטשע פּאָסטנס האָבן נישט דערהערט דעם גערויש און וועלן באַלד דאָ צוקומען אונדז זוכן.

— מיר זיינען אַזוי געלעגן און האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. צום גליק האָבן זיי, ווייזט אויס, גאָרנישט געהערט. מיר האָבן שוין געוואָלט נעמען גיין צוריק, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ גייע צרה. מיר האָבן נישט געקענט צוריק אַרויסקריכן. ווייזט אויס, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלן א באָמבע און געמאַכט אַזאַ טיפן גרוב. — מיר האָבן געמיינט, אַז דאָ וועלן מיר שוין בלייבן ליגן און מער נישט אַרויס פון דאַנען, האָט איגנאַץ איבערגעהאַקט סאמעקן. מיר האָבן זיך גענומען דראַפּען מיט די הענט אויף די ווענט און זיינען צוריק אַראָפּגעפאַלן. איין מאָל, צוויי מאָל, אָבער נאָך לאַנגע מאַטערנישן זיינען מיר פאָרט אַרויס. נאָר די קאַרטאָפל האָבן מיר נישט געקענט ראַטעווען.

— אבי איר זייט דאָ, — האָט חנה אַ זאָג געטאָן און זיך גענומען פּאָרען אַרום סאַמעקן, העלפן אים זיך אָפּרייניקן. מיר האָבן זיך געזעצט עסן.

חנה איז געווען גליקלעך. איר פּנים האָט געפלאַמט פון פרייד, זי איז געווען זייער באַרעדעוודיק ביים עסן. אַ מאָדנע מיידל איז די חנה געווען. אין אַלגעמיין אַזאַ צוגעלאָזטע, אַ האַר־ציקע צו יעדערן פון אונדז, זייער אַ פאַרשטענדלעכע, אַן אָפּטי־מיסטקע, ווי מיר פלעגן זי רופן. נאָר מיילמאָל, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין איר מאַמען, פלעגט זי ווערן טרויעריק, אָבער זי האָט עס קיין מאָל נישט געוואָלט אַרויסווייזן, כדי נישט אָנצו־שטעקן דעם גאַנצן בונקער. אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זי זיך אַנידערלייגן, צומאַכן די אויגן און מאַכן זיך שלאָפנדיק. איצט אָבער, נאָך דעם ווי סאַמעק איז צוריקגעקומען, איז חנה געוואָרן שפּילעוודיק ווי אַ קינד און האָט גענומען דערציילן פון אירע קינ־

דער־יאָרן. זי איז געווען זייער צופרידן, אַז מיר האָבן זי אויס־געהערט. דאָס פּנים אירס האָט געלויכטן, די אויגן זיינען געוואָרן פריילעכע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זיך איצט אַרויסרייסן פון בונקער אין אירע רחבותדיקע צימערן אין לאָדזש אויף זשע־ראָמסקי־גאַס נומער 27, וווּ זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן און וווּ זי האָט געקענט באַפרידיקן אַלע קאַפּריזן פון אַ רייכער טאָכטער. מיר זיינען געזעסן און אויסגעהערט אירע דער־ציילונגען. נישט נאָר איר, אונדז אַלעמען האָט עס גוט געטאָן.

— אַז מען איז אַן איינציקע טאָכטער און ביי רייכע עלטערן דערצו, איז מען גוט קאַפּריזנע, — האָט זי לאַכנדיק גענומען דערציילן. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ וועבעריי־פאַבריק, בין איך דערצויגן געוואָרן אין גרויס לוקסוס. אויסער מיין מוטער, וועלכע האָט שטענדיק געוואַכט איבער מיר, האָב איך געהאַט אַ ספּע־ציעלע גוווערנאַנטקע און זינט איך בין צום שכל געקומען, האָט מיר קיין זאַך נישט געפעלט. קיין יידיש האָט מען ביי אונדז אין שטוב נישט גערעדט. אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָט מען מיך אַוועקגעגעבן אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע, וווּ איך האָב געטראָפן הברטעס פון די זעלבע קרייזן ווי איך. געלערנט האָב איך זיך גוט, געלייענט א סך און צו פערצן יאָר בין איך שוין געווען אַ גאַנצע פּאַניענקע, ווי די דינסט און די גוווערנאַנטקע פלעגן מיך רופן. געוווּסט האָב איך זייער א סך זאַכן, אויסער וועגן יידן... דאָס הייסט, עפּעס האָב איך יאָ געוווּסט, אַז מיר האָבן אין דער משפּחה יידן. איך האָב אויך געזען יידן, אָבער איך האָב זיי געזען עפּעס ווי פון דער וויטנס. עפּעס ווי זיי וואָלטן געווען ערגעץ אַנדערש, אָבער נישט ביי אונדז. אַפילו ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך גענומען פאַרשטאַרקן אין פּוילן, גאָר באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, איז עס נאָך אַלץ צו מיר נישט דערגאַנגען. ערשט שפּעטער בין איך פון אַלץ געוווּיר געוואָרן. מיינע עלטערן האָבן געהאַלטן, אַז אַ קינד דאַרף נישט וויסן פון אַזעלכע זאַכן. צו וואָס? זיי האָבן זיכער געמיינט, אַז דאָס אַלץ וועט סתם פון זיך אַליין פאַרשווינדן, אָדער, אַז נישט זיי מיינט מען און זייער הנהלע וועט דערפון קיין מאָל נישט ליידן.

הנה האָט געגעבן א דריי אויס דעם קאָפּ צו סאמעקן, וועל־כער איז געזעסן נעבן איר, אויף אַ מינוט זיך אָפּגעשטעלט, אַ

שמייכל געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אַן אָנגענעמע זאַך, ווייזט אויס, און ווייטער פֿאָרגעזעצט: איין מאָל, אַראָפּלויפֿנדיק אַזוי, איך בין שוין דעמלט געווען אַ ביסל עלטער, האָב איך פֿאַרטשעפּעט אַ ייִנגל, ער איז אומגעפֿאַלן און דער ראַניצע איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון אונטערן אָרעם. ער איז געווען עלטער פֿון מיר. איך האָב זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז ער האָט זיך צעקלאַפּט. האָב איך מיר אָפּגעשטעלט און גענומען זיך פֿאַרענטפֿערן. ער האָט מיך אָנגעקוקט און אַ שמייכל געגעבן: — „עס שאַדט נישט, אַז מען איז יונג דאַרף מען שטיפֿן, לאַכן, ווייל מען ווייסט נישט וואָס עס קען זיין שפּעטער“. ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ערנסטקייט, אַז איך האָב לאַנג געטראַכט דערפֿון. און דאָס ייִנגל, וועמען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַט געזען, איז מיר עפּעס היימיש געוואָרן. עטלעכע טעג, אַהיימקומענדיק פֿון דער שול און גייענדיק אויף די שטיגן, האָב איך זיך אַלע מאָל אומגעקוקט, צי מען גייט נישט הינטער מיר. כ׳האָב כסדר געטראַכט וועגן אים. איך האָב זיך אַליין געמאַכט פֿאָרוורפֿן, נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. דאָס ייִנגל איז מיר נישט אַרויס פֿון זינען.

— איין מאָל בין איך אַרויס אויף אונדזער באַלקאָן און געכאַפּט אַ בליק אויפֿן אַרום. פּונקט אַנטקעגן מיר, אויפֿן דריטן שטאָק אויף אַ באַלקאָן, איז געזעסן דאָס ייִנגל. ווען ער האָט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן פֿון ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן, האָט זיך זיין בליק אָנגעטראָפֿן מיט מיינעם. איך האָב זיך ווי פֿאַרשעמט און דאָס האַרץ מיינס האָט גענומען קלאַפּן שטאַרקער. דאָס ייִנגל האָט גענומען ריידן צו מיר און איך האָב אים געענטפֿערט. די מאַמע האָט דערהערט אין שטוב, אַז איך רייד צו וועמען איז זי אַרויסגעקומען אויפֿן באַלקאָן. — חנהלע, צו וועמען רעדסטו?“ — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן. איך האָב זיך פֿאַרשעמט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן...

חנה האָט זיך צעלאַכט.

— איר ווייסט, ווער דאָס ייִנגל איז געווען, — האָט זי זיך געווענדט צו אונדז, — אָט איז ער דאָ, דאָ. סאַמעק איז עס געווען. — חנה האָט זיך נענטער צוגערוקט צו סאַמעקן, וועלכער האָט זי אַרומגענומען און איר אַ קוש געגעבן.

דאַניעל, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון איר דערציילן געקוקט חנהן אין די אויגן אַריין, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף דאַניעלן און דערנאָך אויף חנהן איך האָב געטראַכט, אַז חנה האָט זייער גוט געטאָן, וואָס זי האָט דערציילט נאָך פון איר ליבע צו סאַמועלן, כדי נישט איבערצולאָזן קיין שום אילוזיע ביי דאַניעלן. איגנאַץ, וועלכער האָט געוואכט ביים אַרויסגאַנג, האָט געהייסן זיך צוגרייטן צום אַוועקלייגן זיך, ווייל עס הויבט שוין אָן צו טאָגן און אַ נייער טאָג מיט נייע געפאַרן קומט אָן.

*　　*

*

צו די אַלע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף אונדז אין בונקער פון אַלע זייטן און יעדע מינוט, פון אַנטדעקט ווערן דורך די דייטשן ביזן אויפגעריסן ווערן דורך באָמבעס פון האַרמאַטן־רועלן, וועלכע פלעגן פאָרקומען יעדן טאָג פון ביידע זייטן; פון נישט האָבן צו עסן; פון קראַנק ווערן דורך שמוץ, דורך ליגן אויף דער ערד און דורכן גערוך, וואָס פלעגט קומען פון קאַנאַל און פון די מתים, וועלכע זיינען געלעגן אונטער אַלע חורבות, צו דעם אַלעם האָבן מיר נאָך געהאַט נאָך אַן אָנשיקעניש — פליגן. איך האָב אַמאָל געלערנט, אַז יעדע באַשעפעניש, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן, איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער וועלט. אַפילו ווערעמלעך זיינען נויטיק, קען זיין, אַז פליגן האָבן אויך זייער נויטיקייט, איך וויים נישט. נאָר אַפילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל זיי דאַרפן האָבן, זיינען זיי געווען פאַר אונדז אין בונקער אַ גרויסע צרה. מער ווי איין מאָל זיינען מיר געווען ממש פאַרצווייפלט צוליב זיי. זיי האָבן אַרומגעזשומעט ביי אונדז אין בונקער גאַנצע מחנות און זיי זיינען געווען שטאַרקער פון אונדז אויב זיי האָבן אונדז נישט באַזיגט, האָבן זיי אונדז אָבער אָנגעטאָן געברענטע צרות. אַוודאי איז עס געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז זיי זאָלן זיין און זיי זאָלן זיך מערן. עס איז דאָך געווען זומער, און מיר זיינען געלעגן אין שמוץ און לעבן קאַנאַל. ליגנדיק ביי טאָג אין דער פינצטער, פלעגט מען הערן אין בונקער אַזאַ זשומעריי פון די פליגן, אַז ס'פלעגט אַזש אָנכאַפּן אַן אימה. און ווי נאָר מען פלעגט אָנצינדן פייער, פלעגן זיי אונדז באַפאַלן און

בייסן אַזוי ווי הייישעריקן. זיי פלעגן אַריין אין די אויערן, אין די נאָזלעכער, שיער נישט אין מויל. מען האָט געמוזט כסדר קעמפן קעגן זיי. אמערגסטן איז געווען ביים עסן. מען האָט געמוזט מיט איין האַנט פאכן אויף דער שיסל, כדי נישט צוצולאָזן די פליגן אין עסן און מיט דער אַנדער האַנט אָפטרייבן זיי פון פנים. אַזוי האָט מען געגעסן. עס האָט געמאַכט נערוועז ביז צום וויינען. יעדערער פון אונדז האָט אָנגענומען פארשיידענע מיטלען, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן זיי און די דאָזיקע מיטלען זיינען צומאָל געווען אַזוי אויסטערליש, האָבן אונדז געגעבן אַזאַ קאָמישן אויסזען, אַז־ווי טראַגיש דאָס איז אַלץ נישט געווען — פלעגן מיר אָפט לאַכן ביז צו טרערן איבער די משונהדיקע איינפאַלן אונדזערע. ווי מען זעט, איז גישטאָ קיין צרה, ס'זאָל פון איר נישט אַרויסקומען כאָטש אַ פיצל גוטס, ווייל יעדע געלעגנהייט צום לאַכן איז אין בונקער געווען אַ ביז גאָר טייערע און אָנגעלייגטע זאַך. מיר האָבן נייטיק געהאַט דאָס לאַכן, שיער נישט וויניקער ווי עסן און טרינקען.

איגנאַץ האָט זיך אַרומגעבונדן דעם גאַנצן קאָפּ און דעם פנים מיט אַ שמאַטע, אויסגעשניטן צוויי קליינע לעכעלעך פאַר די אויגן און אַ לאָך פאַר נאָז און מויל, ער זאָל קענען אָטעמען. אַזוי פלעגט ער אַרומגיין. זיין אויסזען האָט געמוזט אַרויסרופן אַ געלעכטער. מיר האָבן אויך געמוזט לאַכן, זעענדיק, ווי כאַסקל שטייט, אויך מיט א שמאַטע אין דער האַנט, און יאָגט די פליגן צוריק אין קאַנאַל אַריין, מיט אַזאַ אויסדרוק אויפן פנים, ווי ער וואָלט זיך בעטן ביי זיי: „ווייניק צרות האָבן מיר, דאַרפט איר אויך אונדז אָנטאָן צרות“. נאָכן שטיין אַזוי אַ גאַנצע ווילע, ווען נישט די שמאַטע, נישט די תחנונים פלעגן נישט העלפן, פלעגט ער אריינגיין אין כעס און נעמען שילטן מיט טויטע קללות. הנה פלעגט מיט אַ שמייכל זאָגן צו כאַסקלען: — די פליגן פאַרשטייען נישט קיין יידיש, פאַניע כאַסקל. אַלע און כאַסקל גופא — פלעגן לאַכן.

אָבער גאַנץ אָפט האָט זיך געוואָלט וויינען פון אויפרעגונג. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מיטלען קעגן די פליגן. איין מאָל האָבן מיר פרובירט אַ גענעראַל־אָנגריף: אַלע ציזאַמען מיט איין מאָל האָבן מיר גענומען זיי אַרייניאָגן אין אונטערערדישן דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיי גאַנץ לאַנג געטריבן, האָבן מיר צוגעדעקט מיט אַ שמאַטע די

עפענונג, זיי זאָלן נישט קענען אַריין צוריק. אָבער לאַנג האָבן מיר נישט געקענט אַזוי [illegible] פאַרמאַכט. עס האָט גענומען אויספעלן לופט און מען האָט געמוזט צוריק עפענען. תיכף האָבן [illegible] די פליגן אַריינגעריסן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזאַ זשומעריי, אַז מיר האָבן זיך פשוט דערשראָקן. יאָ, זיי האָבן זיך תמיד אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון אונדז און מער ווי איין מאָל האָבן מיר געמוזט פאַרלעשן דאָס פייער און זיצן אין דער פינצטער, כדי צו קענען זיך אַ ביסל אָפּרוען פון זיי. איגנאַצן האָט דער טאָג־טעגלעכער קאַמף קעגן די פליגן אַפילו אינספּירירט צו דיכטונג און ער האָט אויף שטיקלעך פּאַפּיר אָנגעשריבן אַ גאַנצע פּאָעמע אין פערזן. איין מאָל ביים עסן האָט ער אונדז פאָרגעלייענט די פּאָעמע, אין וועלכער ער האָט זיין גאַנצן צער און צאָרן, זיין גאַנצן ווייטיק קעגן די נאַצישע מערדער אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון האַס און כעס קעגן די פליגן. (כ'האָב די פּאָעמע באַהאַלטן ווי אַן אָנדענקען, אַ הייליקן אָנדענקען ביי אַלע מיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען, ביז איך בין געקומען אַהיים ווו זי איז מיר, ליידער, פאַרלוירן געגאַנגען. איך באַדויער שטאַרק, וואָס איך קען זי דאָ נישט אַריינגעבן. זי איז געווען אָנגעשריבן פּרימיטיוו, אָבער מיט אַ סך געפיל און האַרץ).

ערשט שפּעטער, מיטן אָנקומען פון די קעלטן, האָבן די פליגן גענומען ביסלעכווייז פאַרשווינדן און מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

די „באַפעלקערונג“ פון בונקער איז איצט גרעסער געוואָרן מיט נאָך אַ מענטשן. דעם ערשטן טאָג, ווען קאַזשיק איז אָנגעקומען צו אונדז, האָט ער כמעט ווי נישט גענומען קיין אָנטייל, נישט אין אונדזערע געשפּרעכן, נישט אין אונדזערע באַשעפטיקונגען. ער האָט נאָר געקוקט אויף אונדז מיט אַנדערע אויגן, ווי פון אייגעם, וואָס איז נאָך אין אַזאַ געזעלשאַפט קיין מאָל נישט געווען און זי נישט געקענט. אין זיין בליק איז אַפילו געווען אַ טראָפּן שרעק, וואָלט איך געזאָגט. כ'האָב געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געווען געזונט, וואָלט ער מסתמא נישט געבליבן מיט אונדז, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה. ליגן ווייטער אין קאַנאַל האָט ער נישט געקענט, ער וואָלט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, זיין הוסטן האָט עדות געזאָגט אויף דעם. איז ער אַזוי געלעגן מיט אונדז אויף דער

ערד און אונדז באַטראַכט. מיר האָבן זיך באַמיט וואָס מער צו רעדן אויף פויליש, כדי ער זאָל פאַרשטיין וואָס מירריידן. לויט זיין באַנעמונג האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיט קיין יידן קיין מאָל נישט געלעבט און אפשר זיי בכלל נישט געקענט און צוליב דעם זיינען מיר נישט צוגעשטאַנען צו אים מיט קיין סך פראַגן. מיר האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיך צו אונדז צוגעווינען אויך מיר האָבן אים כסדר באַטראַכט אַזוי פון דער זייט. לויט זיינע מאַניערן און האַלטונג האָט ער אויסגעזען ווי אַן אינטעלעקטועלער, זיין שפּראַך איז געווען פון א געבילדעטן. די חברים זיינע פון קאַנאַל האָבן אויף אים געזאָגט: עפּעס אַ מאָדנער מענטש, דערציילט גאָרנישט פון זיך. זיי האָבן זיך אַפילו געוויצלט אויף זיין חשבון, אַז ער האַלט נאָר אין איין מתפלל זיין אַזוי ווי אַ גלח. ער האָט מיטגעלאַכט און אויף זייערע וויצן גאָרנישט געענטפערט. ווען נישט אַ צופאַל וואָלטן מיר אפשר קיין מאָל נישט געוווסט. ווער ער איז און וואָס זיין באַשעפטיקונג איז געווען.

דאָס איז געווען אין אַן אָוונט. מיר האָבן זיך גענומען צוגרייטן צו אונדזער נאַכטלעכער עקספּעדיציע: גיין אין דרויסן זוכן עסן, צראָפּגיין אין קאַנאַל נאָך די טראָפּנס וואַסער. קאַזשיק האָט זיך גענומען אויפהויבן. ס'איז אים שווער אָנגעקומען. דעם פּאַלטן, מיט וועלכן ער האָט זיך צוגעדעקט, האָט ער אראָפּגערוקט פון זיך, זיך אויפגעשטעלט און גענומען דעם פּאַלטן איינלייגן, כדי אַוועקצולייגן אים אָן אַ זייט. דורך אַ פאַרזען האָט ער אים גענומען פאַרקערט און פון בוזים־קעשענע פון זיין מאַנטל איז אַרויסגעפאַלן אַ בריוויטאַש. זי האָט זיך אויפגעעפנט און אַלץ, וואָס איז געווען אין אים, האָט זיך אויסגעשאָטן. מיר האָבן באַמערקט, אַז צווישן פאַרשידענע פּאַפּירלעך האָט זיך געפונען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מענטשן אין א סוטאַנע פון אַ גלח. קאַזשיק האָט שנעל גענומען אויפקלייבן די זאַכן, אָבער ער האָט באַמערקט, אַז מיר האָבן שוין געהאַט געזען די פאָטאָגראַפיע. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָבן מיר געזען, ווי זיין פּנים איז רויט און ער האָט אויף אונדז געקוקט מיט פאַרשעמטע אויגן און אַפילו מיט שרעק. די ערשטע מינוט האָט קיינער נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. אַזוי זיינען מיר געווען דערשטוינט. א גלח, ווי קומט ער אַהער?

— דאָ בין איך נישט קיין גלח, האָט קאַזשיק דער ערשטער איבערגעהאַקט די שטילקייט. דאָ בין איך גלייך מיט אייך, א מענטש, וואָס באַהאַלט זיך פאַרן זעלבן שונא.

אין קאַזשיקס רייד האָבן מיר דערקענט, אַז ער האָט אַ ביסל מורא פאַר אונדז.

— און אַז אַ גלח איז וואָס? האָט יצחק אים געגעבן אַ זאָג. דאַרפסט נישט מורא האָבן, ווייל מיר זיינען יידן, מיר האָבן אויך גייסטלעכע און מיר טאָלערירן אַלע גייסטלעכע, אַ קריסט צי א ייד.

— ניין, האָט זיך קאַזשיק גענומען פאַרענטפערן. איך האָב נישט דאָס געמיינט, איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז דאָ וויל איך זיין גלייך מיט אַלע, מיטגיין מיט אייך, העלפן זוכן עסן און אַלץ, וואָס מען וועט דאַרפן טאָן.

— דערווייל זענט איר נישט געזונט, האָט אים חנה גע-ענטפערט, אינסטינקטיוו איבערגייענדיק פון דו אויף איר.

קאַזשיק האָט גלייך באַמערקט און פּראָטעסטירט: ער פאַר-לאַנגט, מען זאָל אים רופן ווייטער קאַזשיק נישט קאַזשימיעזש... ווי ער האָט פאַקטיש געהייסן, און מען זאָל אים דוצן, בכלל באַ-האַנדלען אַזוי ווי יעדן אַנדערן פון אונדז.

לאַנג שמועסן האָבן מיר איצט נישט געקענט. יעדע מינוט פון דער נאַכט איז געווען טייער. כאַסקל האָט גענומען דעם קובל און איז אראָפּ אין קאַנאַל אָננעמען די טראָפּנס וואַסער פון קוואַל, עס זאָל זיין מיט וואָס צו מאַכן עסן. סאַמעק מיט איגנאַצן האָבן זיך גענומען אַרויסציִען אין דרויסן אַרויס דורך דער עפענונג צו גיין זוכן אין די קעלערן און דאַניעל מיט יצחקן האָבן זיך געגרייט אַרויסצוציִען זיך נאָך זיי.

איך בין דאָס מאָל געבליבן מיט חנהן העלפן איר מאַכן עסן. קאַזשיק האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט, צוגעדעקט זיך מיט זיין מאַנטל, געסאָפּעט און שטיל געהוסט. איך האָב גאָרנישט גערעדט צו אים, כאָטש פרעגן האָט זיך געוואָלט א סך: ווי אַזוי ער קומט אַהער, וואָס האָט אים באַוווגן און וואָס טראַכט ער וועגן יידן. זיין דערשראָקנקייט, ווען מיר זיינען געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז א גלח, האָט אין מיר אַרויסגערופן א חשד, אַז ער פילט זיך נישט אין גאַנצן ריין בנוגע יידן. נאָר איך האָב אויסגעמיטן דערווייל וואָס נישט-איז צו פרעגן, ביז אַלע וועלן זיין. אגב האָט די גאַנצע

צייט, אַלע חדשים, וואָס מיר זיינען געווען אין בונקער, שטענדיק געהערשט עפּעס אַ מין נישט־געשריבן געזעץ: ווי נאָר עטלעכע פון אונדז פּלעגן זיך אַרויסלאָזן אויף די געפערלעכע עקספּעדיציעס אין די קעלערן צו זוכן עסן, פלעגן די איבעריקע אין בונקער בלייבן זיצן שטיל און כמעט נישט רעדן איינער צום צווייטן. מיר זיינען געווען מיט די, וואָס האָבן זיך געפונען אין דרויסן. מען פלעגט בלייבן זיצן און וואַרטן. דערפאַר ווען אַלע זיינען געקומען צוריק, האָט יעדערן אַרומגענומען אַ פרייד, אויף די געזיכטער האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שמייכל און מען האָט זיך גענומען דערציילן, ווי אַזוי עס איז דורכגעגאַנגען.

ווען איגנאַץ איז דעם אָוונט געקומען פון דער עקספּעדיציע, איז זיין ערשטע פראַגע געווען, וואָס מאַכט דער גלח. ער האָט געמלדעט, עפּעס געפונען קעגן זיין הוסט. און ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ שמאַטע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, און זיך צעשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט זיין געפינס.

— איר זעט, ליפּאַוון טיי האָב איך געפונען, עס איז גוט פאַר אַ הוסט.

מען מוז זאָגן, אַז באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן האָט איגנאַץ זיך אַממייַנסטן געהאַט צוגעבונדן צום גלח. אויך מיר אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן זיך באַמיט אים צו לאָזן פילן, אַז ער זאָל זיך נישט שפּירן דאָ ווי קיין פרעמדער.

ווען מיר זיינען אַ ווײַלע שפּעטער אַלע געזעסן ביים עסן, האָט די פריינדלעכע אַטמאָספער גענומען ווירקן אויך אויפן גלח און בּיסלעכווייז האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט.

— מיט יידן בין איך קיין מאָל נישט געווען נאָענט און קיין מאָל קיין שום פאַרבינדונג נישט געהאַט מיט זיי. — האָט ער גענומען דערציילן, זיצנדיק מיט אונדז ביים עסן. ער האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געטראַכט פון וואָס אָנצוהויבן. — אַליין שטאַם איך פון פּויערים, מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף לעבן טרעבלינקע. מיינע עלטערן האָבן באַאַרבעט די פעלדער, וואָס מיר האָבן געהאַט. מיר זיינען נישט געווען אָרעם. מיר זיינען געווען פיר קינדער, איך בין געווען דער יינגסטער. אונדזער שטוב איז געווען אַ פרומע, קאַטוילישע גלויביקע. ווען איך האָב אַ מאָל געזאָגט צו מיינע עלטערן, אַז איך וויל ווערן אַ גלח, זיינען זיי געווען זייער

צופרידן. אין אַ דאָרף, ביי אַ פויערישע פאַמיליע איז דאָס אַ גרויסער יחוס. גייענדיק אין גימנאַזיע און שפּעטער אין סעמינאַר אין וואַרשע, האָב איך זיך מיט קיין שום זאַכן נישט פאַרנומען, נאָר שטענדיק געווען פאַרטאָן מיטן לערנען. אַז עס עקזיסטירן יידן, האָב איך פאַרשטענדלעך געוווסט, אָבער מיך האָט קיין שום זאַך נישט אינטערעסירט, נאָר די רעליגיע. די יידישע רעליגיע האָב איך געקענט און אפילו געלערנט אַ מאָל אַ ביסל העברעאיש. אָבער יידן אַלס מענטשן, לעבעדיקע יידן האָב איך נישט געקענט. איך האָב געהאַט נאָר איין ציל: צו ווערן אַ גלח. שפּעטער ערשט, ווען איך האָב באַקומען אַ פּאַראַפיע לעבן לאָדזש אין אַנדזשעיעוו און איך האָב איבערגענומען מיינע פונקציעס, האָב איך זיך ערשט גענומען באַשעפטיקן און אינטערעסירן מיטן רעאַלן לעבן. איך האָב זיך גענומען באַשעפטיקן מיט אַלץ, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין מיין פּאַראַפיע און אַפילו מיט פּראָבלעמען, וואָס איז אָנגעגאַנגען גאַנץ פּוילן און אויך דער גאַנצער וועלט.

— און יידישע פּראָבלעמען האָבן דיך גאָרנישט פאַראינטערעסירט? — האָט יצחק אים אַ פרעג געגעבן, — און פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק אין דער לעצטער צייט, האָסטו גאָרנישט געהערט? יצחקס פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אין זייער אַן איידעלן טאָן.

קאַזשיק האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט: — ווען איז דען נישט געווען קיין רדיפות אויף יידן? די גאַנצע געשיכטע אייראָפּע איז דאָך פול מיט פאַרפאָלגונגען, וואַנדערונגען און פּאָגראָמען. דער אמת געזאָגט — האָט זיך קאַזשיק געוואָנדן צו יצחקן — פאַרן קריג האָב איך זיך מיטן פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם נישט פאַראינטערעסירט. ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, בין איך קיין מאָל נאָענט מיט יידן נישט געווען. איך האָב נישט געקענט קיין יידן. נאַטירלעך פלעג איך זען יידן אויף די גאַסן פון וואַרשע און לאָדזש, ווו איך בין געווען אָפט, אָבער דאָס איז געווען אַלץ. געקענט האָב איך זיי פאָרט נישט. און כדי צו זיין אויפריכטיק, קען זיין, אַז ווען איך האָב אַ מאָל געלייענט וועגן אַרויסטרעטונגען קעגן יידן, האָב איך אפשר געטראַכט: אויב מען פאַרפאָלגט זיי שטענדיק, איז אפשר דאַרף מען זיי פאַרפאָלגן, אפשר איז טאַקע דאָ פאַר וואָס.

קאַזשיק האָט אָנגעהויבן ריידן לאַנגזאַמער, ווי ער וואָלט גע־מאָסטן יעדעס וואָרט, וואָס ער גייט אַרויסזאָגן.

— איך וויל, איר זאָלט מיר פאַרשטיין, — האָט ער פאַר־געזעצט — אין מיין פאַרשטעלונג וועגן יידן, האָב איך קיין יידן נישט פיינט געהאַט. ווי אַ פרומער קאַטאָליק האָב איך קיינעם נישט געקענט פיינט האָבן, איך טאָר דאָך נישט, עס איז דאָך אַ פאַרברעכן. אָבער איך האָב זיי אויך נישט ליב געהאַט.

די לעצטע ווערטער זיינע: „אָבער אויך נישט ליב געהאַט“, האָבן אויף אונדז געווירקט זייער שטאַרק. און פאַרט — ביי דער גאַנצער ווירקונג, וואָס עס קענען האָבן אַזעלכע ווערטער אין אַזעל־כע באַדינגונגען, האָבן מיר אָבער נישט דערפילט קיין שנאה צו אים. מיר האָבן אים נישט פיינט געקראָגן, ווייל ער איז געווען אויפריכטיק.

— איך בין נישט געווען דער איינציקער, — האָט ער ווי גענומען זיך פאַרענטפערן, זעענדיק די ווירקונג, וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אונדז, — אַ סך, אַ גאַנץ גרויסער טייל ביי אונדז זיינען געווען ווי איך. נישט ליב געהאַט קיין יידן אָן אַ פאַר־וואָס, נישט ווייסנדיק אַפילו פאַרוואָס, אָבער אויך נישט געטאָן קיין שלעכטס קיין יידן, נישט מיטגעהאָלפן דעם אַנטיסעמיטיזם.

— עס זיינען אָבער דאָ צייטן, — האָב איך אים איבערגע־ריסן — צייטן, ווי צום ביישפּיל אין דעם קריג, וואָס שוין דאָס נישט ליב האָבן הייסט אויך שלעכטס טאָן. דאָס נישט העלפן די יידן, האָט דאָך געמאַכט לייכטער דעם דייטש זיי צו פאַרניכטן.

— דאָס איז ריכטיק, האָט מיר קאַזשיק געענטפערט. — אָבער דאָס האָב איך ערשט פאַרשטאַנען אַ ביסל שפּעטער און שוין צו שפּעט. ווען דער דייטש איז צו אונדז אַריין און עס זיינען דערגאַנגען צו אונדז די ידיעות וועגן שטאַרקע רדיפות אויף יידן אין לאָדזש, ווען מען האָט אונדז דערציילט, אַז מען נעמט ביי זיי אַלץ צו, אַז זיי טאָרן זיך נישט באַוועגן גלייך מיט אַלעמען, אַז מען הרגעט זיי, האָב איך וואָס אַן אמת איז עפּעס יאָ געפילט, נאָר עס איז געווען בלויז אַ רחמנות־געפיל. ווען איך האָב געפּרעדיקט יעדן זונטיק אין קלויסטער ביים גאָטעסדינסט, האָב איך שטענדיק דער־מאָנט, אַז מען דאַרף זיין גוט איינער צום צווייטן, אַז מען דאַרף

רחמנות האָבן אויף די, וועלכע לײַדן אַזוי פיל אין דעם קריג. אָבער מער ווי מיטגעפיל האָב איך נישט געהאַט.

— אַוודאי, וואָלטן אַלע פּאָליאַקן כאָטש געהאַט מיטגעפיל מיט די ייִדן, וואָלט אויך שוין געווען גוט. אָבער אַ סך האָבן דאָך מיטגעהאָלפן הרגענען ייִדן, — האָט כאַסקל אַ זאָג געגעבן ווי פאַר זיך.

— לאָז זיין גענוג אויף הײַנט, — האָט חנה זיך גענומען בעטן, דערזעענדיק אויף אונדזערע פּנימער די אויפגערעגטקייט.

איך האָב חנהן באַרואיקט, אַז כאַסקל מיינט נישט אָנצוגרייפן קאַזשיקן, נאָר די, וועלכע האָבן אַזוי שלעכט געהאַנדלט קעגן ייִדן.

—אמת, קאַזשיק? האָב איך זיך געוואָנדן צו אים.

— יאָ, איך פאַרשטיי, אַז כאַסקל מיינט נישט מיך פערזענלעך. איך פאַרשטיי אויך, אַז דורך מיר ווילט איר טאַקע פרעגן ביי אַלע פּאָליאַקן, פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט? פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי פיל געהאָלפן פאַרניכטן די ייִדן, וועלכע האָבן דאָ דורות־לאַנג געלעבט, געשאַפן, געהאָלפן אַנטוויקלען, רייך מאַכן דאָס לאַנד? און אפילו די בעסטע פון אונדז האָבן געהאַט בלויז מיטגעפיל און בלויז גאָר אַ קליינער טייל האָט אייך געהאָלפן. איך קען אייך אויף דעם נישט ענטפערן, — האָט קאַזשיק זייער ערנסט אַ זאָג געגעבן, שוין מיט אַ ביסל אַן אויפגערעגטן טאָן.

דער גאַנצער געשפּרעך האָט אָנגעהויבן צו ווערן שווער.

— לאָמיר דאָס אָפּלייגן אויף דער צייט, ווען מיר וועלן אַרויס פון דאַנען, — האָט סאַמעק אַ זאָג געגעבן און זיך גענומען אויפ־שטעלן.

קאַזשיק האָט אונדז גענומען איבערצייגן, אַז זיין אויפגערעגט־קייט איז נישט קעגן אונדז און כדי צו בייטן די טעמע, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי אַזוי ער איז געקומען צום אויפשטאַנד.

— איין מאָל, זייענדיק אין שליחות פון מיין פּאַראַפּיע אין לאָדזש און גייענדיק אויף דער נאַרוטאָוויטשע־גאַס, האָב איך דער־זען אַ געלויף: באַוואָפנטע דייטשן האָבן אַראָפּגעיאָגט די מענטשן פון די טראָטואַרן. באַלד האָב איך דערזען, ווי פיר מענטשן גייען אין מיטן גאַס, די הענט געשלאָסן אין קייטן, באַוואַכט אַרום און אַרום דורך דייטשן מיט מיטראַיעטן. ווען זיי זיינען אַדורך, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, ווער זיי זיינען און וו מען פירט זיי? מען

האָט מיר אָנגעקוקט, ווי כ'וואָלט געווען עפּעס אַ מאָדנע בריאה: וואָס הייסט, איר ווייסט נישט? אַלע מאָל פירט מען אַזוי פּוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע קעמפן פאַרבאַהאַלטענערהייט קעגן דייטש. זיי וועלן שוין נישט צוריקקומען. מען צעשיסט זיי אַלעמען. ווען איך בין צוריקגעקומען צו מיר, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַלץ, וואָס כ'האָב געזען און געהערט. און זונטיק נאָכן געבעט, ווען כ'האָב גענומען פּריידיקן, האָב איך שוין נישט בלויז מיטלייד צו די ליידנדיקע געפּריידיקט, נאָר אויך עפּעס אַנדערש. כ'האָב, הגם נישט דירעקט, אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז מען דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן אַט אַזוי ווי יענע, וועלכע איך האָב געזען פירן. זינט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף אַלע פּראָבלעמען, שוין נישט נאָר פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. באַלד האָב איך זיך באַקענט מיט נאָך מענטשן, וועלכע האָבן אויך, אונטער מיין ווירקונג, געוואָלט עפּעס טאָן קעגן דייטש. אַזוי איז עס געגאַנגען ביזן יאָר 1944, ווען איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון מיין דאָרף, ווייל מען האָט מיר גענומען שטאַרק נאָכשפּיאָנירן. איך בין געקומען קיין וואַרשע, האָב אויסגעטאָן די סוטאַנע און געוואָרן אַ קעמפער. בעתן אויפשטאַנד בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע אויף דער קאָזשלע-גאַס, אָבער כ'האָב געקעמפט אויף אַ סך פּונקטן.

קאַזשיק איז ווי אויפגעלעבט געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די קעמפער פון אויפשטאַנד. ער האָט געוווּסט וועגן אויפשטאַנד זייער אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן און מיט אַלע איינצלהייטן. מען האָט אָבער געמוזט איבעררייסן דאָס דערציילן און עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. דער ערשטער שאָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עס איז שוין טאָג און מיר מוזן מאַכן נאַכט.

קאַפּיטל זעקס

דער אָנטייל פון יידן אין אויפשטאַנד פון באַר־קאָמאַראָווסקי און די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו די יידישע מיטקעמפער האָט מיך מער ווי איין מאָל נישט געלאָזן שלאָפן. יעדעס מאָל ווען כ'האָב וועגן דעם געטראַכט, זיינען מיר ווי א פילם־לענטע אַדורכגעגאַנגען די אַלע בילדער פון הערֲאָאיזם, וועלכן ס'האָבן געהאַט אַרויסגעוויזן די אויסגעמאַטערטע יידן. נאָך לאַנגע יאָרן פון פּיין אין די לאַגערן און באַהעלטענישן האָבן זיי צוריק געפונען זייער מענטשלעכן שטאָלץ און זיינען געגאַנגען דרייסט און באַוווסט אַוועקצוגעבן זייער לעבן אין די קאַמפן קעגן שונא. אַזעלכע בילדער האָב איך אַ סך געזען. כ'האָב אָבער אויך געזען, ווי יידן, יידישע קעמפער, זיינען געפאַלן דורך דער האַנט פון די אייגענע מיטקעמפער נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען יידן. אָט דאָס־אָ פלעגט ביי מיר צומאָל אַרויסרופן אַזאַ שטימונג, אַז די געפילן פון ברידערלעכקייט, וואָס איך האָב געהאַט צו די אַלע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געקעמפט אין דעם אויפשטאַנד קעגן דייטש, זיינען צומאָל אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אַוודאי האָב איך געשפּירט, אַז עס איז נישט ריכטיק פון מיר אַזוי צו טראַכטן. איז דאָך די מערהייט, די גרעסטע מערהייט פון די קעמפער געווען לאָיאַל צו יידן און אַפילו פריינדלעך צו זיי, און די, וועלכע האָבן געהרגעט יידן, זיינען געווען אַ קליינע צאָל. אָבער אין דער לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען דאָ אין בונקער, האָט אַזאַ דערמאָנונג באַזונדערס שטאַרק געווייטיקט. און כסדר איז פאַר מיין געמיט געשטאַנען די פראַגע: פאַרוואָס? מיט אַלע כוחות פלעג איך פון זיך יאָגן די אַלע זכרונות, וואָס האָבן געקענט ווייטאָן. מיטן אַריינקומען אָבער פון קאַזשיקן, דעם גלח, און קודם־כל זינט יענער נאַכט, ווען ער האָט אַזוי אויפריכטיק און ערלעך

דערציילט זיין באַציאונג צו יידן, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגלט די באַציאונג פון א גרויסן טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, האָט די דאָזיקע פראגע מיך באַזונדערס גענומען עקבערן. אין די שלאָפלאָזע שעהען, ווען כ'בין געלעגן אויף דער ערד אין פינצטערן בונקער, האָבן כסדר זיך איבערגעחזרט אין מיין דמיון די געשעעגישן פון די גאָר נאָענטע וואָכן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד און ווען הונדערטער יידן, געבראַכטע פון לאַגערן קיין וואַרשע און הונדערטער אַנדערע, וועלכע זיינען אַרויס פון די באַהעלטענישן, האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף.

געווען איז עס אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד אויף מלאָווסקע=גאַס. מיר זיינען א גאַנצן טאָג, צוזאַמען מיט אַלעמען, געווען אויף די גאַסן, האָבן געבויט באַריקאַדעס און נישט געלאָזן די דייטשן צוריק דעראָבערן אונדזערע פּאָזיציעס, וועלכע זיי פלעגן פּרווון אָנגרייפן נאָכן באָמבאַרדירן די געגנט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון לאַנגע יאָרן לאַגער, פון קלעפּ און הונגער, האָבן מיר געאַרבעט און זיינען נישט געבליבן הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע.

איין מאָל אין אַן אָוונט, ס'איז געווען אפשר עלף אַזייגער ביינאַכט, זיינען מיר געלעגן אין אַ הויף אויף דער מלאַווסקע=גאַס. אַ גרויסער הויף, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען א סך יידן, וועלכע זיינען נאָך נישט געווען צוגעטיילט צו קיין קאַמף=פונקטן. אָנגעמאַטערטע פון אַ גאַנצן טאָג בויען באַריקאַדעס, איז מען געלעגן און געדרעמלט. פלוצלונג איז אָנגעקומען אַן עלטסטער, איך געדענק נישט זיין גראַד, מען האָט אַלעמען אויפגעוועקט און דער עלטסטער האָט אַ זאָג געטאָן: איך דאַרף האָבן צוועלף מענטשן פאַר זייער א געפערלעכער מיסיע. גערעדט האָט ער שטיל, ווי ער וואָלט געציילט זיינע ווערטער: „צוועלף מענטשן. איך וויל נישט באַשטימען, ווער' עס זאָל גיין. איך וויל פרייוויליקע“.

צוועלף יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט, יאָ, צוועלף יידן, איך בין אויך געווען צווישן זיי. מיר האָבן זיך שטיל אַרויסגעשלייכט פון הויף, געשאַרט זיך ביי די ווענט איבער געסלעך, וואָס מיר האָבן נישט געוווסט, ווי זיי הייסן, און זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם עלטסטן. מיר האָבן דערקענט, אז מיר גייען אין דער ריכטונג צו דער ווייסל.

עטלעכע מאָל זיינען מיר באַשאָסן געוואָרן פון פענצטער, הינטער וועלכע ס'זיינען געווען באַהאַלטן דייטשן. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאַכט. דער עלטסטער האָט אונדז אָפּגעשטעלט ביי אַ ראָג פון אַ גאַס, פון דער ווייטנס האָט זיך געזען אַ ליידיקער פּלאַץ, וועלכער האָט געפירט צו דער ווייסל. אין לעצטן הויז פון דער גאַס זיינען געווען צוגעגרייטע לאָפּעטעס, רידלען און אַנדערע מכשירים ווי אויך צוויי גרויסע מאַשין־געווער.

— אָט דאָ אונטער דער גאַס אויפן פּלאַץ, וואָס גייט צו דער ווייסל, האָט ער געזאָגט, מוז געמאַכט ווערן אַ טראַנשייע און אין דער הויך דאַרף זי זיין פאַרמאַסקירט ווי אַ באַריקאַדע. צוויי פון אייך זאָלן זיך שטעלן פון ביידע זייטן מיט די מאַשין־געווער און די אַנדערע צען זאָלן נעמען גראָבן און מאַכן די טראַנשייע: פאַרגעסט נישט, — האָט ער געזאָגט, — אַז נישט ווייט פון דאַנען, אַנטקעגן אונדז זיינען די דייטשן. זיי קענען אייך באַשיסן און זיי קענען צו־קומען נאָענט און אייך באַפאַלן. צוליב דעם דאַרף עס געמאַכט ווערן זייער פאָרזיכטיק און שטיל, אָבער אויך זייער שנעל. ביז עס וועט אָנהויבן צו טאָגן מוז עס זיין פאַרטיק.

צען אויסגעמאַטערטע יידן האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך אַ נעם געטאָן צו די רידלען און לאָפּעטעס און גענומען רייסן שטי־קער פון דער ערד מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער עלטסטער; דער פּאָליאַק איז געשטאַנען און האָט באַוואונדערט, ווי קומט עס צו די מענטשן, וועלכע זיינען איצט ערשט אַרויסגעקומען פון לאַגערן, פון געטאָס, אויסגעמאַטערטע פון הונגער און קלעפּ, אַזאַ מין כוח. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין פיזישער כוח, נאָר אַ מאָראַלישע שטאַרקייט. אַ שטאַרקער ווילן פון קאַמף קעגן די נאַציס. מיר האָבן אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט דעם גאַנצן הייסן באַגער, מיט וועלכן יעדערער פון אונדז האָט געהאָפט און געוואַרט אויף אַזאַ מאָמענט.

נאָך איידער ס'איז געוואָרן טאָג, איז די אָקאָפּע מיט דער באַריקאַדע אין דער הויך געווען גרייט אויפצונעמען די גרופּע קעמפער, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשלאָגן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געריסן דורך דאַנען צו דער אַלטשטאָט. ווען דער עלטסטער האָט אונדז, מיטן טאָג צו גלייך געהאַט צוריקגעפירט אויף מלאַווסקע,

האָט ער אַ זאָג געגעבן צום פּאָרוטשניק, וועלכער האָט קאָמאַנדירט מיט דעם פּונקט: — „זיי זיינען העלדן“. יעדערן פון אונדז האָט ער געדריקט די האַנט ביים אַוועקגיין. און מיר, די צוועלף, זיינען פון מידקייט אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד הינטער אַ וואַנט און זיינען איינגעשלאָפן ווי צופרידענע קינדער.

און קוים איז דאָס בילד פאַרשוווּנדן, איז תיכף פאַר מיינע אויגן אין אינעם הושך פון בונקער אַנטשטאַנען אַ צווייט בילד: געווען איז דאָס ערגעץ ביי דער אָקאָפּאָווע-גאַס. מיר זיינען געווען אין אַ געביידע, וווּ ס'האָט זיכער געמוזט זיין אַ שולע. אויפן הויף און פאָרנט, אַרויסגערוקט צו דער גאַס, וועלכע האָט געפירט צו אַ וועג, האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסע באַריקאַדע און נישט געלאָזט די דייטשן אַדורכגיין צו ברענגען פאַרשטאַרקונגען. דערקענט האָבן מיר, אַז דער פּונקט איז פאַר זיי זייער וויכטיק, ווייל זיי האָבן אים שטאַרק אָנגעגריפן און נישט געלאָזט אונדז צו רו. עטלעכע טעג האָבן מיר געהאַלטן דעם פּונקט, כאָטש ביי זייער שווערע באַדינגונגען. מיר זיינען געווען צוויי און פערציק קעמפער, צווישן זיי זעקס, פון וועמען כ'האָב געוווּסט, אַז זיי זיינען יידן.

איין מאָל, עס איז געווען באַלד אין דער פרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אָנגריף פון די דייטשן מיט אן אימפּעט, אן אויסערגעוויינטלעכער שטאַרקייט נאָך מער ווי שטענדיק. ליגנדיק הינטער דער באַריקאַדע, האָבן מיר געזען, ווי אַן אָפּטיילונג דייטשן מיט מאַשין-פּיסטוילן נעמט זיך דערנעענטערן צו אונדז, געשיצט דורך אַ שיסעריי פון הינטער זיי, געצילט צו אונדזער פּונקט. אָפּטרעטן אויף צוריק האָבן מיר נישט געקענט, ווייל זיי וואָלטן אונדז אַלע אויסגעהרגעט. מיר זיינען געווען אין זייער אַ קריטישער לאַגע. דער לייטענאַנט, וואָס האָט אונדז קאָמאַנדירט, האָט נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אונטערגעבן זיך. די דייטשן האָבן דעמאָלט נישט אַלע געפאַנגענע געהרגעט, כדי צו ווייזן, אַז זיי זיינען הומאַניטאַר און אַז מען זאָל זיך אונטערגעבן. אָבער וואָס אונדז יידן דערוואַרט, האָבן מיר געוווּסט און יעדערער פון אונדז איז געווען אַנטשלאָסן נישט צו לאָזן זיך נעמען לעבעדיקערהייט. איידער אָבער מיר האָבן זיך באַוויזן צו אָריענטירן וואָס צו טאָן, האָט איינער פון דער גרופּע זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ געשריי זיך אַ לאָז געגעבן פאָרויס איבער דער באַריקאַדע אַנטקעגן די דייטשן, שיסנדיק

פון זיין מאַשין־פּיסטויל (די מאַשין־פּיסטוילן פון פּוילישער אויסאַרבעטונג האָבן זייער גוט געצילט). מיר, די זעקס יידן, האָבן זיך געגעבן אַ ריס נאָך אים און אויך גענומען שיסן און לויפן פאָרויס. אַלע אַנדערע האָבן זיך אָנגעשטעקט פון אונדז און זיינען אַרויס מיט אַזאַ שטורעם, אַז די דייטשן האָבן זיך דערשראָקן און גענומען זיך צוריקציען צו זייערע פאַרפעסטיקונגען. דער לייטענאַנט האָט אויסגענוצט די לאַגע און געגעבן אַ באַפעל זיך צוריקצוציען. מיר האָבן שנעל פאַרלאָזט דעם פונקט, מיטנעמענדיק מיט זיך דריי טויטע און פינף שווער פאַרווונדעטע, דערונטער צוויי טויטע און איין פאַרווונדעטער ייד.

מיר האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו דער אַלטשטאָט און זיינען צוגעקומען צום שטאַב, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דלוגע־גאַס, איך געדענק נישט דעם נומער, נאָר עס איז געווען אַ גרויסער הויף. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט, עס איז צוגעקומען אַ העכערער אָפיציר און דער לייטענאַנט האָט אים איבערגעגעבן אַ ראַפּאָרט וועגן דער העלדישקייט פון סטאַניסלאַוו זשעלאַזאָ, דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַ וואָרף געגעבן קעגן די דייטשן. ערשט דאַן בין איך געוווירן געוואָרן, אַז אויך ער איז אַ ייד און באַלד האָט ער גופא מיר דערציילט, ווער ער איז.

ער איז געווען אַ וואַרשעווער, האָט געוווינט אויף גזשיבאָווסקעגאַס, פאַרן קריג האָט ער געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. ער איז איצט געווען זעקס און דרייסיק יאָר אַלט, אַ שלאָסער־אַרבעטער פון באַרוף. געווען אין געטאָ. „אין 1942 — האָט ער מיר דערציילט — בין איך אַריינגעטראָטן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע צום קאַמף קעגן דייטש. ווען די אויסזידלונגען און די אַקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן אין געטאָ פון טאָג צו טאָג, איז זיין פרוי, אַדאַנק אַן אַלטער באַקאַנטשאַפט פון פאַרן קריג מיט אַ פּוילישער פרוי, געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען מיט די קינדער פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט. איך בין דערנאָך אויך אַריבער אַהין. מיר האָבן געלעבט ביי דער פּוילישער פרוי. אַ געווויסע צייט זיינען מיר נישט אַרויס פון שטוב, מיר האָבן מורא געהאַט פאַר די שכנים. אָבער דאָס געלט איז ביי אונדז אויסגעגאַנגען און די פרוי האָט נישט געקענט אונדז מער געבן צו עסן, זי איז געווען אָרעם, און איך בין אַרויס זוכן אַרבעט. מיין אויסזען,

זעט איר דאָך, איז נישט קיין יידישער און איך האָב געטראָגן אַרבעט, שלאָסער האָבן דעמאָלט אויסגעפעלט, איך בין אָנגעגאַנגען פאַר אַ פּאָליאַק, אַן אַנטלאָפענעם פון געפאַנגענשאַפט. מיין באַלעבאָס האָט מיר געמאַכט פּאַפּירן אויף אַ פּוילישן נאָמען און אַזוי בין איך טאַקע אָנגעגאַנגען פאַר די שכנים און אויך פאַר דער סטרוזשקע פון הויף, וווּ איך האָב געוווינט מיט מיין פרוי און קינדער. מיר האָבן געמיינט, אַז מען וועט שוין אַזוי אַדורכלעבן דעם קריג. דאָס האָט געדויערט מער ווי אַ יאָר. צו דער אַרבעט פלעג איך גיין אַלע טאָג דורך אַן אַנדער וועג, כדי קיינער זאָל נישט וויסן, וווּ איך אַרבעט.

— צומאָל אָבער, קומענדיק פון דער אַרבעט, פלעג איך בלייבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. מיין פרוי פלעגט באַלד דערפילן, וואָס מיט מיר איז, אַז איך לייד נאָך אַלץ, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ, האָב פאַרלאָזט די קעמפער און אַליין זיך באַהאַלטן. פלעגט זי מיך נעמען טרייסטן: — „און ווען מיר בלייבן אין געטאָ, וואָס וואָלט שוין געווען? מיר וואָלטן שוין געווען טויט ווי די אַנדערע. טו נאָר אַ קוק אויף די קינדער, אַז מען וועט לעבן און זיי וועלן גרויס ווערן, וועלן זיי פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט און דו און איך וועלן נאָך אויך קענען עפּעס אויפטאָן“.

איך דערמאָן זיך נאָך, ווי ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען ער האָט עס אַלץ דערציילט, ווי ער וואָלט ערשט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט יענע צייט.

— איין מאָל אָבער, קומענדיק פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, האָב איך געטראָפן לעבן טויער די סטרוזשקע, וועלכע האָט מיר געמאַכט אַ סימן, איך זאָל נישט אַריינגיין אין הויף. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פענצטער פון אַ געשעפט, ווי כ'וואָלט בלומרשט באַקוקט די סחורה, וואָס דאָרט ליגט. די סטרוזשקע איז צוגעקומען צו מיר נעענטער און מיר געזאָגט, אַז די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען אַלעמען פון שטוב און כ'זאָל נישט גיין צוריק אין הויף, ווייל אפשר וואַרט מען דאָרט אויף מיר אָפּ. וואָס איך האָב אַדורכגעלעבט אין די מינוטן, קען איך נישט דערציילן. די געדאַנקען און פלענער זיינען געפלויגן איינער נאָכן אַנדערן. דאָס איז שוין געווען נאָכן געטאָ=אויפשטאַנד. צוריקגיין אין געטאָ איז שוין נישט געווען ווו. איך האָב זיך געבלאָנקעט דורך די גאַסן, אַרומגעגאַנגען לעבן

געשטאָ־מויער און פאר מיינע אויגן זיינען ווידער אַדורך די געשטאָ־קעמפער, די העלדן און איך האָב מיך געשעמט פאר זיך אַליין. איך בין א פחדן, האָב איך געטראַכט, כ'האָב מורא געהאַט צו קעמפן, נאָר אַנטלאָפן זיך ראַטעווען, איך בין געווען אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. אָבער אין געדאַנק זיינען מיר אַדורך די קינדער, איך האָב דאָך געוואָלט ראַטעווען די קינדער און וועלכער טאַטע וואָלט עס נישט געטאָן? ניין, איך וועל נאָך קעמפן, האָב איך זיך געטראַכט, און דאָס איז געווען מיין גאַנצער באַגער.

— איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט, ווו איך האָב געאַרבעט און נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, בין איך שוין געווען צוגעגרייט צו די געשעענישן. איך האָב נאָך נישט געוווּסט, וועלכע. איינער, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר, האָט מיך אַריינגענומען אין זיין גרופּע. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד. אָבער אינעם ערשטן טאָג פון דעם צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן ביים אויסברוך פון אויפשטאַנד האָב איך אונטערגע־שטראָכן מיין יידישקייט. געהאַט דאָס געפיל, אַז די אָנוועזנהייט פון יידן אין קאַמף קעגן דייטש איז אַ חוב. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אויך אַנדערע יידן פון לאַגער און פון באַהעלטע־נישן וועלן קומען אָנטיילנעמען אין די קאַמפן. און אַט, ווען כ'האָב געהערט, אַז דער לייטענאַנט האָלט ביים אונטערגעבן זיך, האָב איך פאַר זיך געזען די העלדן פון געטאָ, וועלכע זיינען אין די ברענענ־דיקע פלאַמען געשטאַנען און געשאָסן ביז צו דער לעצטער מינוט. כ'האָב נישט געטראַכט, צי עמעצער וועט מיט מיר גיין צי נישט. כ'בין אַרויס דער ערשטער און נאָך מיר איר, אַלע יידן און דערנאָך אַלע. מיר געבן אונדזער ביישטייער אין אַלע קאַמפן!...

ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, ער האָט אין דעם מאָמענט זיכער געטראַכט וועגן די טויטע, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אין דער שלאַכט און צווישן וועלכע ס'זיינען געווען אויך יידן. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריק געכאַפּט און גענומען ריידן מיט ברען וועגן די ווייטערדיקע קאַמפן און וועגן דער וועלט, וואָס וועט זיך נעמען בויען נאָכן קריג. ליידער האָט אָט דער קעמפער און ייד נישט דער־לעבט דעם סוף פון קריג. אין די ווייטערדיקע קאַמפן איז ער גע־פאַלן ווי אַ העלד.

ער איז נישט געווען דער איינציקער ייִדישער שלאַכטמאַן, וועלכן איך האָב געזען קעמפֿן אין דעם אויפֿשטאַנד מיט אַן איבערגעגעבנקייט און פֿאַלן אין קאַמף נישט מיט קיין פּאַרדרוס, נאָר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: אָנהויבנדיק פֿון דעם פֿיר און צוואַנציק יאָריקן יונגנמאַן פֿון בעלגיע, וועלכער איז געפֿאַלן לעבן מיר אויף אַ באַריקאַדע אויף פֿאָקאָרנע־גאַס, ביז צו די הונדערטער ייִדן פֿון לאַגער, אָנגעטאָן נאָך אין די לאַגער־קליידער, וועלכע זיינען געפֿאַלן אין אַלע עקן פֿון וואַרשע.

איך האָב זיך געדרייט אויף מיין געלעגער און עס האָט מיך גענומען דריקן ביים האַרצן. איך האָב זיך כסדר ווידער געפֿרעגט: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס אַזאַ באַציונג? אָט טאַקע פֿון אַזעלכע ווי אונדזער גלח, וואָס זיין אויפֿריכטיקייט האָט מיך איבערצייגט אין זיין ערלעכקייט. אָבער פֿאַרוואָס? דאָס האָט מיך גענומען אַזוי מאַטערן, אַז אַלע שלעכטע איבערלעבונגען, אַלע בילדער, וועלכע איך האָב געזען בעת די קאַמפֿן אין דער באַציונג פֿון פּאָליאַקן צו ייִדן, האָבן גענומען אַדורכשוועבן פֿאַר די אויגן פֿון אָנהויב ביזן סוף, אָן אַ סדר. איך בין געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און כ'האָב זיי ממש געזען פֿאַר זיך, ווי כ'וואָלט טאַקע באמת געקוקט אויף זיי.

אָט זע איך נאָך די געשטאַלט פֿונעם ייִד, וועלכן כ'האָב געטראָפֿן אויך אויף מלאַווסקע־גאַס. מיר זיינען דאָרט געווען אין אַ גרויסן דורכגאַנג־הויף, ווו אַלץ איז געווען אַזוי צעהאַקט, אַז מען האָט פֿון דאָרט געקענט אַריינגיין אין אַן אַנדער הויף און אַפֿילו אין אַנדערע גאַסן. איין מאָל, שטייענדיק מיט מיין פּאָרוטשניק און נאָך עטלעכע קעמפֿער אין טויער פֿון הויף, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט הינטער אונדז אַ זאַלפּ פֿון אַן אויטאָמאַט. מיר האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי אַ מענטש האָט זיך גענומען דרייען אין קראַמפֿן און איז האַסטיק געפֿאַלן אויף דער ערד און ווי אַ צווייטער טוט זיך רואיק אָן דעם אויטאָמאַט אויף דער פּלייצע, קוקט זיך אַפֿילו נישט אום אויף דעם אַוועקגעפֿאַלענעם, ווייזט אויס, ער איז געווען זיכער, אַז מיטן שאָס האָט ער גוט געטראָפֿן אין ציל און יענער וועט שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. ער שפּרייזט רואיק, ווי ער וואָלט דערשאָסן אַ פֿויגל, אָדער אַ קראָליק, אין דער ריכטונג צו אונדז. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדז און גענומען פֿאַרבייגיין, האָט ער סאַלוטירט דעם פּאָרוטשניק, שמייכלענדיק אַזוי

אַ זאָג געטאָן: „פּסיאַ קרעוו טאָ ביל זשיד“ (דאָס איז געווען אַ ייִד) און זיך געגאַנגען ווייטער. דער פּאָרוטשניק האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און דערזעענדיק אויף מיין פּנים, וואָס איך לעב איבער, האָט ער אַ זאָג געגעבן, ווי צו פאַרענטפערן זיך פאַר מיר, פאַר זיין נישט רעאַגירן. — „וואָס קען איך טאָן, ער איז נישט פון מיין אָפּטיילונג, קען איך גאָרנישט טאָן“. אפשר האָט ער טאַקע נישט געקענט און ער אַליין, דער פּאָרוטשניק, האָט טאַקע אויך קיין מאָל נישט געהרגעט קיין ייִדן, אָבער ליב געהאַט קיין ייִדן האָט ער אויך נישט, ער איז אויך געווען פון די זעלבע, ווי אונדזער גלח.

איך בין צוגעגאַנגען צום דערשאָסענעם ייִד. ס'איז געווען אַ מענטש איבער די פערציקער, אַ הויכער פעסט־געבויטער. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און די גרימאַסע פון זיין פּנים האָט אויסגעדריקט דעם ווייטיק, וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע לעצטע מינוטן, ווען אים האָט דערהרגעט נישט דער שונא, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט אים אין אויפשטאַנד, נאָר דער, וועמען ער האָט געהאָלפן פאַר זיינעם אַ פריינד, אַז געהרגעט האָט אים דער, פון וועלכן ער האָט געמיינט, אַז קעמפנדיק צוזאַמען מיט אים און אפשר פאַר אים, פאַר זיין לאַנד, וייל דער ייִד איז נאָר אפשר גע־ווען פון פראַנקרייך אָדער פון בעלגיע, איז ער שוין געוואָרן זיין ברודער, האָט ער שוין אויסגעקויפט די „זינד“, וואָס ער איז אַ ייִד. נאָר ווייזט אויס, אַז זיין אַ ייִד איז אַזאַ שטאַרקע זינד, אַז מען קען זיך נישט אויסקויפן.

איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן, צוגעמאַכט אים די אויגן. און מער ווי מיט אַ קללה פאַר די אַלע, וואָס פלעגן און וואָרצלען איין די שנאה, דעם האַס צו אונדז ייִדן, האָב איך מיין פּראָטעסט נישט געקענט אויסדריקן. וויל מיר אַליין האָט אויך געקענט טרעפן דאָס זעלבע, אפשר באַלד, אפשר מאָרגן, ווער האָט געקענט וויסן?

כ'האָב זיך אויפגעהויבן און געוואָרפן אַ בליק אויפן אַרום, אויף דער חרובער וואַרשע. אַלץ אַרום מיר איז געווען חרוב, צע־שטערט און פול מיט טויטע מענטשן; דאָס קרעכצן פון די פאַר־וואונדעטע האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. וואָלט איך געווען אַ גלויביקער, וואָלט איך אין יענעם מאָמענט געזאָגט, אַז גאָט האָט געשטראָפט וואַרשע און מאַכט עס חרוב צוליב דער זינד פון אָט די כוליגאַנעס, וועמען ס'זיינען נאָך געווען ווייניק די אומגעבראַכטע

מיליאָנען יידן און וואָס האָבן נאָך געהרגעט אָט די איינצלנע יידן, וועלכע וואָלטן אפשר געבליבן לעבן און דערלעבט די באַפרייאונג.

* *
*

ווער ווייסט, ווי לאַנג כ'האָב זיך אַרומגעוואָרפן אויף מיין שטיקל געלעגער, טרייבנדיק פון זיך אָט די אַלע בילדער פון די זיבן וואָכן, וואָס איך האָב אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד, אָבער איך האָב נישט געקענט זיי אַוועקטרייבן. איך בין מער נישט געווען אין בונקער, כ'בין ווידער געווען דאָרטן אויף די ברענענדיקע וואַרשעווער גאַסן, אויף די באַריקאַדעס פון אויפשטאַנד...

אָט בין איך ווידער אויף מיאַדאָווע=גאַס, נאָך אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד. מיר בויען באַריקאַדעס, אַלץ איז מאָביליזירט, מען רייסט שטיינער פון ברוק, מען שלעפּט טירן, אַלטע אייזנס, יעדערער לויפט העלפן. פון קראָקעווער פאָרשטאָט, זאָגט מען, גייען דייטשן. מען טאָר זיי נישט דורכלאָזן. די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַרום: פרויען, מענער, קינדער, אָן אונטערשייד וואָס זיי האָבן געטראַכט, צי זיי האָבן יאָ געוואָלט דעם אויפשטאַנד צי נישט, אַלע זיינען אין דעם מאָמענט איינס: מען דאַרף שלאָגן דעם דייטש. אַלע אַרבעטן און די באַריקאַדעס וואַקסן אַלץ העכער. מיר, די באַפרייטע יידן פון לאַגער, אין אונדזערע געשטרייפטע לאַגער=קליידער, לויפן, שלעפּן און טראָגן די שווערסטע משא מיט אַזוי פיל ברען, מיט אַזוי פיל אימפּעט. מיט אונדזערע קליידער זיינען מיר דאָ געווען דער סימבאָל פון שקלאַפעריי, וועלכע רייסט זיך צו פרייהייט. די גאַנצע באַפעלקערונג אַרום נעמט אונדז אויף מיט סימפּאַטיע. פון אַלע זייטן הויבן אָן אָנצוקומען פון די פאַרשידענע פּונקטן גרופּעס קעמפער. ווען די שיסעריי דערנעענטערט זיך, לויפן די פרויען און מענער, וואָס האָבן נישט קיין געווער, אין די דערבייאיקע קעלערס, די מיט געווער לייגן זיך הינטער די באַריקאַדעס און עפענען אַ פייער אויף די אָנקומענדיקע דייטשן. פון דאָרט איז דאָס פייער זייער שטאַרק; די קוילן הויבן אָן צו פאַלן אויף אונדזערע באַריקאַדעס. שוין זיינען דאָ די ערשטע פאַרוואונדעטע, וועלכע מען טראָגט אַוועק און אָט בלייבן ליגן אויך טויטע. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט

צווינגען מיר די דייטשן זיך צוריקצוציען. עס פּלאַקערט אויף אַ פרייד פון נצחון, הגם פון אַלע זייטן ליגן נאָך פאַרווונדעטע און טויטע און צווישן די טויטע זעען זיך באַזונדערס אָן די מיט די לאַגער=קליידער.

מיט מיר צוזאַמען אויף דער באַריקאַדע איז געווען נאָך אַ ייד פון פראַנקרייך, געהייסן האָט ער דוד עדעלמאַן. ער איז העלדיש געפאַלן אין די ווייטערדיקע קאַמפן. געווען איז ער מיט מיר צוזאַמען אין אוישוויץ און אויך אין וואַרשע. איצט זיינען מיר ביידע גלייך צו צו זען, צי ווער פון אונדזערע פון לאַגער איז פאַרווונדעט אָדער טויט. אינעם קאַמף האָבן זיך געהאַט באַטייליקט עטלעכע און צוואַנציק מאַן אין לאַגער=קליידונג. אָבער איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן צוצוגיין צו דעם אָרט, ווו זיי זיינען געלעגן, האָבן מיר דערהערט געשרייען: „זשידזשי, זשידזשי, פּסיאַ קרעוו!“ און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א שאָס און נאָך אים אַ צווייטער און צוויי יידן אָנגעטאָן אין לאַגער=קליידער זיינען אַוועקגעפאַלן. לעבן זיי זיינען געשטאַנען צוויי מענער מיט רעוואָלווערן און געשריען: „מיר דאַרפן נישט קיין יידן! אַלע דאַרף מען אויסהרגענען“ זיי האָבן גענומען זוכן נאָך אַנדערע יידן. אין אונדז האָט עס אַ ברען געטאָן. מיר האָבן געוואָלט צו צו זיי, זיינען זיי אָבער אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אונדז כמעט ווי מיט געוואַלד אַריינגענומען אין אַ דערבייאיק הויז. אויך די אַנדערע יידן זיינען אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם געיעג, וואָס די צוויי, און מיט זיי נאָך מערערע, האָבן אָנגעהויבן אויף די באַריקאַדעס גופא צו הרגענען יידן. לאַנג נאָך האָבן די געשרייען פון די כוליגאַנעס: „אַ טויט די יידן“ זיך צוזאַמענגעמישט מיט די פרייד=געשרייען און דעם יובל איבערן פאַריאָגן דעם דייטש.

באַלד נאָך דעם האָט מען אונדז געביטן דעם אָנטועכץ, מען זאָל נישט דערקענען, אַז מיר זיינען יידן. ווען מיר זיינען דערנאָך אַרויס פון דאָרטן און האָבן גענומען גיין צו אונדזער פּונקט אויף מלאַווסקע=גאַס, האָב איך פון אַלע זייטן געזען וואָלקנס רויך זיך אַרויסרייסן פון די ברענענדיקע הייזער. באַטויבנדיקע קלעפּ פון אומפאַלנדיקע ווענט האבן אונדז דערמאָנט אין אונדזער אלטער לעגענדע פון אומקום פון סדום. מיין חבר האָט געזאָגט צו מיר:

„געדענקסט, אין חומש ווערט דערציילט וועגן סדום? מסתמא האָט עס דאָרט געמוזט אויסזען אַזוי ווי דאָ. און ווער ווייסט, — האָט ער פאַרענדיקט — צי דערוואַרט נישט וואַרשע און אפשר גאַנץ פוילן די זעלבע שטראָף וואָס סדום, ווייל געגוג פאַרברעכנס זיינען דאָ באַגאַנגען געוואָרן לגבי יידן, אויסער די דייטשע פאַרברעכנס. און דאָס ערגסטע, וואָס וויטיקט אין אָט די מינוטן, איז דאָס, אַז אַפילו ווען מען פייערט אַ זיג, אַ נצחון געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס פייערן עס מיט יידיש בלוט“.

— ביסט גערעכט — האָב איך געענטפערט: אָבער פאַרגעס נישט, אַז דאָרט אין סדום, ווי עס דערציילט אונדז דער חומש, האָט גאָט געוואָלט ראַטעווען די שטאָט, אויב אַפילו ס'וואָלט דאָרט געווען איין צדיק. „...האָט זיך אברהם אבינו אַוועקגעשטעלט פאַר גאָט און גענומען בעטן: ווי אַזוי קענסטו אומברענגען אַלע, עס זיינען טאַקע דאָ שלעכטע, זינדיקע, אָבער עס זיינען דאָך דאָרט פאַראַן אַ פאָר גוטע אויך, פאַרוואָס דאַרפן זיי ליידן? האָט אים גאָט באַרואיקט, ווען עס וואָלטן בלויז געווען צען צדיקים, וואָלט איך די שטאָט נישט חרוב געמאַכט. און אויב עס זיינען דאָ ניין גוטע, האָט זיך אברהם איינגעשפּאַרט, וואָס־זשע זיינען די ניין שולדיק? ניין, האָט אים גאָט פאַרזיכערט, ווען עס וואָלטן געווען אכט אָדער זיבן און אפילו ווייניקער, וואָלט איך עס נישט געטאָן, אָבער עס איז קיין איינער נישטאָ צווישן זיי“. דאָ אָבער איז דאָך נישט אַזוי, נישט אַלע זיינען האָך ווי די, וואָס האָבן געשריען „אַ טויט די יידן!“, דו טאָרסט נישט פאַרגעסן די, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן זיך ראַטעווען און אַזוי פיל אַנדערע. און כ'האָב אים דערמאָנט: געדענקסט ווען מיר זיינען געקומען פון אוישוויץ קיין וואַרשע? געדענקסט, ווי איך בין געווען קראַנק אויף מאַלאַריע, וואָס כ'האָב געהאַט מיטגעבראַכט פון דאָרט?

— אוודאי געדענק איך, די גריכן האָבן עס אַהין געבראַכט.

— טאָ הער־זשע. געאַרבעט האָב איך דעמאָלט אין אַ קאָמאַנדע, וואָס האָט געהייסן בויהויף אויף פּראַגע. יעדן טאָג פלעגן מיר פאָרן מיט אַן אָפענעם קאַמיאָן. פערציק מענטשן זיינען מיר געווען אין דער קאָמאַנדע. ביי אונדזער אָנקומען קיין וואַרשע, ווי די באַפעלקערונג האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין יידן, האָט דאָס

דורכפֿאָרן פֿון אונדז, אָנגעטאָנענע אין די לאַגער=קליידער, דורך די וואַרשעווער גאַסן פֿון גענשע ביז פֿראַגע אַרויסגערופֿן זייער אַ גרויסע סענסאַציע. מער ווי איין מאָל האָבן מיר באַמערקט סאָלידאַריטעט=אויסדרוקן לגבי אונדז פֿון געווויסע מענטשן אויף דער גאַס, טייל האָבן עס אויסגעדריקט דורך אַ באַגריסונג און טייל דורך אַ שמייכל צו אונדז. אַזעלכע סאָלידאַריטעט=סימנים האָבן מיר שוין נישט געזען זינט יאָרן, בעת וועלכע מיר האָבן נאָר געהערט געשרייען און געשפּירט קלעפּ. איז דאָס געווען טאַקע אַ גרויסע זאַך. איין מאָל אַפֿילו, איך געדענק עס ווי איצט, איז געווען אַ פֿאַל, וואָס האָט אונדז שטאַרק איבערראַשט: מיר זיינען געפֿאָרן דורך אַ גאַס, וווּ אויפֿן טראָטואַר זיינען געשטאַנען אַ סך פֿרויען און יינגלעך מיט קוישלעך צום פֿאַרקויפֿן פּרוכטן און ברויט. די באַוועגונג איז דאָרט געווען זייער אַ גרויסע און דער קאָמיאָן האָט זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע און נישט געקענט אַדורכפֿאָרן. מיר, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און געקוקט אויפֿן עסן און די פּרוכטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די קוישלעך, האָט דאָס האַרץ אַזש פֿאַרקלעמט פֿון ווייטיק, ווייל הונגעריק זיינען מיר דאָך שטענדיק געווען. די אויגן אונדזערע האָבן ממש זיך אַריינגעביסן אין די קוישלעך אַריין. אַ פּויליש יינגל, וועלכער שטייט מיר נאָך פֿאַר די אויגן, נישט שטאַרק געוויקסיק, אפשר פֿערצן יאָר אַלט, אָרעם אָנגעטאָן, איז פּונקט געשטאַנען קעגן אונדז מיט א קויש, אין וועלכן ס׳איז געלעגן אַ ביסל קליינע עפּעלעך. דאָס יינגל האָט אַ קוק געגעבן אויף אונדז און נאָך א פּאָר סעקונדעס טראַכטן האָט ער א כאַפּ געגעבן דאָס קוישל מיט די עפּעלעך און עס אַרויפֿגעוואָרפֿן צו אונדז, דערנאָך האָט ער גענומען אַרומלויפֿן צו אַלע יינגלעך אַרום און באַלד האָבן זיך גענומען שיטן פֿון אַלע זייטן אויף אונדזער פּלאַטפֿאָרמע ברויט און פּרוכטן. אין דער ערשטער מינוט האָבן די עס=עס=לייט, וואָס זיינען אויך געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און אונדז געהיט, זיך נישט געכאַפּט. זיי אַליין זיינען דערשטוינט געוואָרן פֿון דער פּלוצלונגדיקער סאָלידאַריטעט, אָבער באַלד האָבן זיי גענומען שרייען און אויסגעשטעלט די ביקסן צום שיסן, אויב מען וועט ווייטער וואַרפֿן, און גענומען אונדז שלאָגן, פֿאַרוואָס מיר האָבן עס גענומען. נאָר עס האָט אונדז נישט ווי־

געטאָן. מיר האָבן אויך נישט געקוקט אויף די עס־עס. מיט זשעסטן האָבן מיר אויסגעדריקט אונדזער דאַנקבאַרקייט.

כ'האָב דעמאָלט נאָך לאַנג גערעדט צו מיין חבר, אים דער־ציילט, ווי אַזוי כ'בין געבליבן לעבן, נישט געקוקט אויף מיין שווערער מאַלאַריע־קראַנקייט. איצט, ליגנדיק אין פינצטערן בונ־קער איז דאָס ווידער אַלץ לעבעדיק געוואָרן אין מיין זכרון. ווידער האָב איך געשפּירט דאָס געפּיל פון רירונג, וואָס האָט מיך אַרומ־גענומען דעמאָלט, ווען די יינגלעך האָבן גענומען וואַרפן זייערע קוישלעך עסנוואַרג. אין יענע טעג איז אַזאַ זשעסט פון סאָלידאַרי־טעט געווען פאַר מיר ממש אַ גליק.

גראד דעמאָלט איז געווען פאַר מיר איינער פון די שווערסטע מאָמענטן אין מיין גאַנצן לאַגער־לעבן. כ'בין געווען זיכער, אַז די טעג מיינע זיינען געציילטע. די קראַנקייט האָט זיך ביי מיר פון טאָג צו טאָג פאַרשטאַרקט. איך האָב געהאַט יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט גרויסע היץ. במשך פון אַ האַלבער שעה האָט מיך געוואָרפן, ווי מען זאָגט אין קדחת, אַזוי שטאַרק, אַז אויב איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אין אַ באַוועגלעכער זאַך, האָט זיך עס מיטגעוואָרפן מיט מיר. עסן האָב איך שוין גאָרנישט געקענט, אַפילו דאָס שטיקל ברויט האָב איך אַוועקגעגעבן, נאָר בלויז אויסגעטרונקען דאָס ביסל זופּ. די פּיס האָבן מיר גענומען געשוואָלן ווערן. צו דער אַרבעט האָב איך געמוזט גיין. מיינע חברים פלעגן מיך אונטערהאַלטן און אויך מיטהעלפן אין דער אַרבעט. ווייל די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, פירן טאַטשקעס מיט קוילן, אָפּלאָדן וואַגאָנען ברעטער. אַריינגיין צום דייטשן דאָקטער אין לאַגער, ער זאָל מיר עפּעס געבן צו דער קרענק, האָב איך נישט געקענט. ווען מען פלעגט אַריינגיין צום דאָקטער מיט אַזאַ קרענק, האָט ער זייער פיין אויפגענומען, גערעדט צו דיר אַפילו מיט רחמנות און מיטגעפיל: „איך בין דאָך דאָ, כדי צו מילדערן די ווייטיקן פון קראַנקן", — פלעגט ער זאָגן אַזוי איידל. „אַט וועל איך דיר מאַכן אַן איינשפּריצונג, פון וועלכער אַלע ווייטיקן וועלן אַוועקגיין". ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. אַן איינשפּריצונג פון פּעטראָל גלייך אין האַרצן פלעגט ער מאַכן. בלויז עטלעכע סעקונדן האָט ביי אים געדויערט צו טויטן אַ מענטש.

איין מאָל אַן אינדערפרי, אַריינקומענדיק אויף דעם בויהויף, וווּ מיר האָבן געאַרבעט, האָט אונדז דער קאַפּאָ, ווי געוויינטלעך,

אויסגעשטעלט און געוואָלט נעמען באַשטימען יעדערן זיין ארבעט, האָט מען אים פון ביוראָ געמאָלדן, אַז מען דאַרף היינט באַשטימען איינעם צו אַ נייער אַרבעט, ארויסנעמען וואַפנע פון א גרוב, וואָס האָט זיך געפונען אין עק בויהויף און אויפלאָדן עס אויף אַ פור, מיט וועלכער אַ פוילישער איינוווינער פון וואַרשע איז געקומען עס נעמען. דער קאַפאָ האָט אָנגעקוקט אונדז אַלעמען און האָט מיך אויסגעקליבן. וואָס די ארבעט באַדייט, האָב איך געוווסט. אַלס יינגל אַמאָל אין פוילן האָב איך דאָס געזען אין א דאָרף. עס איז אַ גרויסע פירקאַנטיקע גרוב, טיף געגראָבן, ווו ס'ווערט אַריינגעשאָטן די וואַפנע, געמישט מיט וואסער און מיט כעמישע שטאָפן. דאָס ווערט אַזוי לאַנג געמישט, ביז עס ווערט ווי אַ טייג. אַרויסגענומען האָט מען עס פון גרוב מיט זייער פרימיטיווע מיטלען: א דרענגל מיט פון הינטן אַ האַטשיק ,אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעטאָן אַ קובל. מען פלעגט אָנשעפן מיט דעם קובל די וואַפנע און אַריינגיסן אין אַ וואָגן, וואָס איז געווען געמאַכט ווי אַ קאַסטן ספעציעל פאַר דעם. גענוצט האָט מען דאָס צו בוי-אַרבעט.

דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. און גייענדיק צו דעם אָנגעוויזענעם אָרט, האָב איך זיך געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך קענען מאַכן אַזאַ שווערע אַרבעט מיט מיינע געשוואָלענע פיס און מיט די הענט, מיט וועלכע כ'האָב קוים געקענט באַוועגן. לאַנג טראַכטן האָב איך נישט באַדאַרפט. באַלד האָב איך דערהערט אַ געשריי אויף פויליש: „שנעלער, הינטישער זשיד! וואָס שלעפסטו זיך ווי אַ קאַטשקע, שנעלער קום!“ און פון דערווייטנס האָב איך דערזען לעבן גרוב שטיין אַ פערד און וואָגן. דערנעבן אַ יונגערמאַן, אפשר עטלעכע און דרייסיק יאָר אַלט, מיט אַ בייטש אין דער האַנט, וואָס האַלט אין איין שרייען. מען האָט געהערט פון דער ווייטנס שוין, ווי ער שרייט און שיט אויס דעם גאַנצן לעקסיקאָן פון זידל-ווערטער אויף יידן. כ'האָב זיך גוט דערשראָקן, אָבער העלפן האָב איך מיר נישט געקענט, שנעלער גיין ווי איך בין געגאַנגען, האָב איך אויך נישט געקענט און ווען איך בין צוגעקומען נאָענט צו אים, האָט זיך די זידלעריי אויף מיין אַדרעס נאָך מער פאַרשטאַרקט. ער האָט אויפגעהויבן די בייטש, ווי ער וואָלט זי גלייך געוואָלט אראָפלאָזן אויף מיר. (יעדערער האָט דעמאָלט געהאַט רעכט צו שלאָגן יידן).

— איך בין קראַנק, — האָב איך געפּרובירט אים זאָגן, גע־מיינט, אַז איך וועל אַרויסרופן ביי אים רחמנות. אָבער ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך נאָך מער צעשריען:

— טאָ פּגר, וועט זיין מיט נאָך אַ ייד ווייניקער, עס וועט גאָרנישט שאַטן, איר וועט אַלע פּגרן.

אָבער אַרויסזאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן, צי קיינער גייט נישט אַהער, און אַוועקוואַרפנדיק די בייטש האָט ער אַ זאָג געגעבן אין דער שטיל:

— מיינסט, אַז איך זע נישט, אַז דו ביסט קראַנק? און ווען דו וואָלסט נישט געווען קראַנק, וואָלסטו דען יאָ געקענט מאַכן אַזאַ שווערע אַרבעט ביי אייער צושטאַנד? האָב נישט קיין מורא, איך שריי, כדי די באַנדיטן זאָלן האָבן צוטרוי צו מיר, קיינער זאָל דאָ אַהער נישט צוקומען.

איידער כ'האָב נאָך באַוויזן וואָס צו זאָגן, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם הראַנג מיטן קובל און גענומען שעפּן פון גרוב די וואַפּנע און עס גיסן אין וואָגן אַריין. „און דו, האָט ער מיר צוגעוואָרפן — קוק, צי קיינער גייט נישט“.

— איך בין געבליבן שטיין און קיין וואָרט נישט געקענט אויסריידן, אַזוי האָט געווירקט אויף מיר זיין איבערגאַנג פון חיה צו מענטש, טרערן זיינען מיר אַזש געקומען אין די אויגן. ער האָט געוואָרפן די קובלעס וואַפּנע אין וואָגן אַריין און מיך געטרייסט: „וועסט זען, מען וועט זיי איבערלעבן. יאָ, זייער סוף איז שוין נאָענט. ווייסט, זיי ליידן מפּלות איינע נאָך די אַנדערע, אַלץ שטייט אויף קעגן זיי. דו אַליין, — האָט ער מיר גענומען איינריידן, — ווי אַ פריינד, „דו אַליין וועסט נאָך געזונט ווערן און וועסט נאָך אויך דערלעבן זייער סוף“.

איך האָב אים אָנגעקוקט און אַלץ אין אים איז מיר געוואָרן אַזוי ליב, אַזוי היימיש, זיינע אויגן האָבן אַזוי ליבלעך געשמייכלט צו מיר, זיין פּנים איז געווען אַזוי פריינדלעך.

ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און ווי מיט אַ פּרעטענזיע צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב דיך אַפילו נישט געפרעגט, אויף וואָס דו ביסט קראַנק. אפשר וועל איך דיר קענען מיט עפּעס העלפן.

— איך בין קראַנק אויף מאַלאַריע. — האָב איך אים געזאָגט.

— אַ, — האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ, זייער אַ ביטערע קרענק, שווער צו קריגן היינט אין וואַרשע אַ וואַסער נישט איז רפואה און בפרט נאָך כינין. — ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּלייצע מיך צו באַרואיקן: — זאָרג נישט, איך וועל אַלץ טאָן, דיר צו פאַרשאַפן כינין. מאָרגן אינדערפרי זאָלסטו זען ווייטער צו קומען צו מיר אַרבעטן, אפשר וועל איך שוין דאָס האָבן פאַר דיר.

ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן נאָך אַ מאָל אין אַלע זייטן, צי קיינער פון די קאַפּאָס אָדער דייטשן גייען נישט אהער און האָט זיך אויסגעדרייט צו די דראָטן. אויף יענער זייט פון די דראָטן, מיט וועלכע ס'איז געווען אַרומגעצוימט דער בויהויף, וו מיר האָבן געאַרבעט, זיינען אַ סך פּוילישע אַרבעטער געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. עס זיינען דאָרט געווען אַ סך אונטערנעמונגען. מיר האָבן טאַקע באַמערקט, אַז יעדן פאַרנאַכט פלעגן פון דאָרטן אַרויסגיין גרויסע פּאַרטיעס אַרבעטער. ווען ער האָט דערזען, אַז פון יענער זייט דראָטן נעמט זיך דערנעענטערן אַ מענטש אין אונדזער ריכטונג, האָט ער מיר אַריינגעגעבן דעם קובל מיט דער וואַפּנע אין האַנט אריין: — „האַלט דאָס, דאַרפסט נישט אַרבעטן, נאָר האַלטן". אַליין האָט ער זיך גענומען פאָרען ביי דער טאָרבע, וו ס'איז געלעגן דאָס עסן פאַרן פערד. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקלע, פאַרשטעקט אין די הויזן און גענומען גיין יענעם אַנטקעגן צו די דראָטן, נאָך אַ מאָל זיך אומגעקוקט, צי קיינער גייט נישט און נאָך שנעלער זיך גענומען דערנעענטערן צו די דראָטן. יענער פון דער אַנדער זייט האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע. ער האָט יענעם שנעל איבערגעגעבן דאָס פּעקלע און שנעל געקומען צו מיר צוריק. זיין פּנים האָט געשמייכלט פאַר פרייד. ער האָט אַרויסגענומען זיין מאָגערן פרישטיק און אַ זאָג געטאָן:

— נו, איצט מעג איך שוין עפּעס עסן. — ער האָט מיר אויך געוואָלט געבן, איך האָב אים געדאַנקט, איך האָב נישט געקענט עסן. ביים עסן האָט ער מיר נאָך אַ פרעג געטאָן, שוין לאַכנדיק:

— נו, איצט האָסטו שוין נישט קיין מורא פאַר מיר, האַ? יאָ, איך בין נישט דער איינציקער. עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן געהאָלפן יידן.

איך האָב אים געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן — „אָבער פאַרוואָס — האָב איך אים געפרעגט — האָסטו נישט מורא געהאַט

פאַר מיר, ווען דו ביסט געגאַנגען איבערגעבן דאָס פּעקעלע צו די חברים פון יענער זייט?" ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, אָנגענומען מיין האַנט, וועלכע האָט שטאַרק געפיבערט. — דאָס פּעקעלע איז דאָך געווען באַשטימט צו קעמפן קעגן אונדזער ביידנס שונא.

ווען ער האָט נאָך אַ פּאָר שעה געגומען אַוועקפאָרן מיטן וואָגן, האָב איך שוין אַלץ געוווסט: ער איז אַן אַרבעטער, פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט ער געהערט צו אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. אויך איצט שטעלט ער איין זיין לעבן אַלע טאָג אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט, צי דורך פירן אַ פור מיט וואָפנע, אָדער דורך פאַרטיילן געהיימע בלעטלעך. ער וועט אויך, ווען ס'וועט קומען די שעה, גיין אויף די באַריקאַדעס. ביים סוף האָט ער מיר אָנגעזאָגט עטלעכע מאָל:

„— זע צו טאָן אַלץ, אַז מאָרגן זאָלסטו אהערקומען צו דער אַרבעט". נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיקל וועג האָט ער אַ געשריי געטאָן צו מיר: איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, איך הייס סטאַך! סטאַך הייס איך, אויף ווידערזען מאָרגן!

איך האָב אים אָנגעקוקט און געגלויבט, אַז מאָרגן, אויב איך וועל נאָך לעבן, וועט סטאַך עפּעס ברענגען צו לינדערן מיין קראַנקייט, איך בין געווען זיכער אין דעם.

אויף צומאָרגנס האָב איך זיך אַליין געמאָלדן צו דער אַרבעט און ווען איך בין געגאַנגען צו אים, האָט מיך שוין זיין שרייען מער נישט געשראָקן. ווי נאָר כ'האָב זיך דערנעענטערט צו אים, האָט ער מיט אַ שמחה מיר אָנגעזאָגט די נייעס, אַז ער האָט פאַר מיר פינף טאַבלעטקעס כינין. עס איז נישט אָנגעקומען אזוי לייכט, האָט ער מיר דערציילט, ער איז אויסגעלאָפן האַלב וואַרשע און ערשט אין אָוונט האָט ער עס קוים געקראָגן, אָבער נישט וויכטיק, האָט ער זיך צעלאַכט, אַבי ער האָט עס געקראָגן.

פערצן טעג נאָכאַנאַנד האָב איך אזוי געטראָפן סטאַכן יעדן טאָג, און יעדן טאָג האָט ער מיר געבראַכט עפּעס אַנדערש. אַ מאָל צום טרינקען, אַ מאָל עפּעס עסן. ער האָט זיך זייער געפרייט, ווען ער האָט מיך געטראָפן יעדעס מאָל אַלץ בעסער און בעסער.

„— נו, האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דו וועסט ווערן געזונט" — אזוי איז געווען יעדן אינדערפרי זיין גוטמאָרגן. יעדן טאָג פלעגט אויך פון יענער זייט דראָטן אַרויסקומען אַ צווייטער

סטאך, אָדער א יאנעק און ביידע פלעגן זיך טרעפן ביי די דראָטן און זיך עפּעס זאָגן אָדער עפּעס איבערגעבן. איך בין שוין כמעט געווען ווי געזונט, נישט געהאט מער קיין אָנפאלן, אָבער געווען נאָך זייער אָפּגעשוואכט און קוים געגאנגען. איין מאָל, ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו סטאכן, האָט ער זיך גענומען פּאָרן ביים וואָגן, פון וואנען ער האָט ארויסגענומען א פּעקל איינגעוויקלט אין שמאטעס. ער האָט שנעל אויפגעוויקלט די שמאטעס און האָט מיר דערלאנגט א טשוהונענעם טעפּל, וואָס איז נאָך געווען הייס, זאָרגפעליק צוגעדעקט מיט א דעקל. איך האָב אויפגעעפנט און א פּארע פון הייסער מילך מיט פארפל האָט מיר א שלאָג גע־געבן אין פּנים אריין. וואָס כ׳האָב געפילט ביים עסן דעם דאָ־זיקן מאכל, קען איך נישט איבערגעבן. סטאך איז געשטאנען, האָט געקוקט, ווי איך שלינג און געקליבן נחת.

אָבער קיין לאנגע צייט איז סטאך נישט געקומען, בלויז א פּאָר וואָכן. מער האָב איך אים שוין נישט געזען. ווער ווייסט? אפשר איז ער אדורכגעפאלן? כ׳האָב כסדר געטראכט וועגן אים. ווען איך פלעג דערנאָך זען מענטשן טאָן שלעכטס, טויטן, מאָרדן און כ׳פלעג מורא האָבן אריינצופאלן אין פארצווייפלונג, איז פאר מיינע אויגן ארויסגעשוווּמען סטאך מיט זיין לאכעדיקן פּנים, ווי ער האָט מיר דערלאנגט דאָס טעפּל מיט מיליכיקע פארפל; צי דאָס יינגל, וועלכער האָט דער ערשטער ארויפגעווארפן דאָס קוישל מיט עפּל אויף אונדזער וואָגן, צי די סטאכס, וועלכע האָבן זיך געשארט צו די דראָטן צופּצונעמען די פּאפּירלעך; צי די געשטאלט פון דער אלטער סטרוזשקע, וועלכע האָט געראטעוועט איגנאצן, וואָס ליגט אָט איצט לעבן דעם גלח. זי האָב איך נישט געקענט, אָבער כ׳האָב זי מיר פאָרגעשטעלט; צי א סך אנדערע, וועלכע זיינען געווען ווי זי. אוודאי, נישט גענוג צאָלרייך זיינען זיי געווען, אָבער דאָך גענוג, אז דאָס גאנצע לאנד זאָל נישט האָבן דעם זעלבן סוף ווי ווארשע.

קאַפּיטל זיבן

כ'בין מסתמא טיף איינגעשלאָפֿן. ווען כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט שוין כאַסקל זיך געדרייט אויף זיין געלעגער, צוהערנדיק זיך, צי די שיסעריי הערט אויף און ער קען זיך שוין נעמען צו זיין טאָג־טעגלעכער, ריכטיקער נאכט־נעכטלעכער ארבעט: גיין אָנשעפּן וואסער פון קוואל.

ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און עפּעס געבורטשעט פֿאר זיך מיט אָפּגעהאקטע ווערטער. מיר האָבן געוווּסט, אז זינט א פּאָר טעג דריקט אויף זיין געמיט א גרויסע מורא: צי עס פֿארשטאָפּט זיך נישט דער קוואל און צי מיר וועלן נישט אלע בלייבן אָן וואסער.

די דאָזיקע מורא האָט געדריקט אויף אונדז אלעמען, זינט דעם כאסקל האָט אונדז אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אז דאָס וואסער רינט נישט מער אזוי רעגולער, טראָפּן נאָך טראָפּן, נאָר האקט זיך איבער כסדר אויף עטלעכע סעקונדעס. אָבער אויף קיינעם האָט עס נישט געהאט אזא דערדריקנדיקע ווירקונג ווי אויף כאסקלען. ער האָט זיך עפּעס געפֿילט געבונדן מיטן קוואל. ווען ער איז שעהן לאנג אָפּגעשטאנען אין קאנאל, ווארטנדיק, ביז די טראָפּנס וועלן אָנפֿילן דעם קובל, האָט זיין הארץ געקלאפּט אין זעלבן ריטעם ווי די טראָפּנס און ווען דאָס וואסער האָט זיך גענומען איבערהאקן, איז אויך זיין הארץ שיער נישט געבליבן שטיין.

איצט האָט ער זיך אויפֿגעהויבן א ביסל פֿריער, כדי אראָפּצוגיין זען, ווי ס'האלט מיטן וואסער. ער האָט גענומען דעם קובל מיטן טעפּעלע, די שוועבעלעך מיטן ליכט און זיך אראָפּגעלאָזט אין אונטערערדישן דורכגאנג, כדי אריינצוקריכן אין קא־

נאל. מיר אלע האָבן זיך גענומען אויפהויבן, כּדי זיך צוצוגרייטן יעדערער צו זיין עובדה.

פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט, ווי כּאַסקל קריכט צוריק. מיר זיינען געבליבן זיצן מיט א פאַרהאַלטענעם אָטעם. אַזאַ אומדערוואַרטער צוריקקער האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. א פּאָר סעקונדעס שפּעטער האָט אין דער עפענונג זיך באַוויזן כּאַסקלס קאָפּ. זיין פּנים איז ביים שיין פון לאָמפּ דערשינען ווי פאַרגליווערט פון שרעק.

— שאַ, שטיל. פאַרלעשט תּיכּף דעם לאָמפּ!

שעפּטשענדיק האָט ער אונדז דערציילט, אַז שטייענדיק דאָרט ביים וואַסער, האָט ער געהערט טריט הינטער אים, נישט קיין רעגלמעסיקע טריט, נאָר אָפּגעהאַקטע: טריט און גלייך דערנאָך שטיל, טריט און דערנאָך שטיל. ער האָט געכאַפּט דעם קובל און שטיל זיך גענומען רוקן דאָ אַהער צו דער לאָך, כּדי צו קענען זיך אַריינכאַפּן צו אונדז. ער האָט אָבער דערזען פון הינטער אים א שיין, אַזוי ווי פון אן עלעקטרישן לאָמפּ אָנגעשטעלט אויף אים. ער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן און איז געבליבן שטיין ביי דער וואַנט, מען זאָל אים נישט באַמערקן. דאָס ליכט איז נאָך געווען געגנוג ווייט. ווען ס'איז ווידער פינצטער געוואָרן, האָט ער זיך געשאַרט ביי דער וואַנט און אַריינגעקראָכן אין לאָך.

יצחק און איך האָבן זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערערדישן דורכגאַנג, צוגעקראָכן צו דער לאָך, וואָס פירט אין קאַנאַל אַריין, און גענומען זיך איינהערן, צי מען גייט טאַקע.

א פּאָר מינוט זיינען מיר אַזוי געלעגן און גאָרנישט געהערט. איך האָב געטראַכט, אַז ס'האָט זיך אפשר כּאַסקלען אויסגעדוכט. ער איז שטענדיק געווען באַהערשט דורך א געפיל, אַז מען וועט אים כאַפּן. אָבער באַלד זיינען מיר געבליבן ליגן פאַרציטערטע: א שיין פון ליכט האָט א בליץ געגעבן דורך דער לאָך פון קאַנאַל און איז פאַרלאָשן געוואָרן. און גלייך האָבן זיך דערהערט טריט פון עטלעכע מענטשן. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. ס'האָט אונדז א זעץ געגעבן אין מוח. איצט איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז מען גייט נאָך אונדז. וואָס טאָן? האָט גענומען ווילד זיך דרייען אין געדאַנק. מער ווי וואַרטן אויף דער

לעצטער מינוט און נישט לאָזן זיך נעמען לעבעדיקע, האָבן מיר נישט געקענט.

ווען איך טראַכט היינט צוריק וועגן די דאָזיקע רגעס, איז פאר מיר קלאָר, אז אפילו דעמאָלט, אין מאָמענט פון גרעסטער געפאר, נישט געקוקט אויף אונדזער פארצווייפלונג און שרעקלעכער אויפרעגונג — האָט פאָרט געלעבט אין אונדז עפּעס א פונק פון האָפענונג. כ'האָב עס בכלל געלערנט פון אלע מיינע איבערלעבונגען, אז ס'איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל אין די שווערסטע מאָמענטן אפילו שלום מאכן מיט זיין געדאנק, אז ס'איז געקומען זיין לעצטע מינוט, אז ס'איז נישטאָ מער קיין רעטונג. שטענדיק בלייבט נאָך ביי אים א געדאנק, צי א שמיץ פון א געדאנק, אז עס קען נאָך עפּעס געשען, אז ס'קען נאָך פון ערגעץ־ווו, אויף א וועלכן נישט איז אופן קומען א הילף. דער מעכטיקער ווילן צום לעבן לאָזט אויפקומען אזעלכע געדאנקען, ווי אומלאָגיש זיי זאָלן נישט זיין. ער פּאַקט אים פונאַנדער, אָט דעם פונק פון האָפענונג, אַן וועלכן ס'וואָלט אונדז טאקע נישט מעגלעך געווען אויסצוהאלטן אזוי פיל געפארן, אזוי פיל שרעק, אזוי פיל איבערלעבונגען.

די דאָזיקע אלע רעפלעקסיעס זיינען מיר, נאטירלעך, געקומען ערשט שפּעטער, לאחר המעשה, אין מאָמענט, ווען מיר זיינען געלעגן מיט פארהאקטן אָטעם ביי דער לאך פון קאנאל, זיינען אונדז קיין פילאָזאָפישע באטראכטונגען נישט געלעגן אין זינען. מיר זיינען געווען געשפּאנט ביז צום צעפּלאצן. ווייל אויב אין פאל פון א געפאר מצד דעם הויף, האָבן מיר נאָך געהאט א לעצטן אויסוועג, דורכן קאנאל, איז אָבער נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט פון אנטרינען, אויב די געפאר האָט געדראָט פון דער זייט פון קאנאל. אין אזא פאל האָט מען בלויז געקענט צוזאמענבייסן די ציין, זיך באַמיען צו באַהערשן די נערוון און צו... וואַרטן.

די טריט אין קאַנאַל האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צו אונדז. שטארקער און שטארקער האָט געהילכט זייער טעמפּער אָפּקלאַנג פון די ווענט פונעם קאנאל. די שיין פון ליכט איז אויפגעבליצט אלץ אָפטער און בולטער. מיט איין מאָל, ווען די טריט זיינען שוין געווען גאַנץ נאָענט, האָבן זיי זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און די ליכט, וואָס האָט געגעבן א שיין דורכן לאָך, האָט

זיך נישט פאַרלאָשן, נאָר א דריי געגעבן, אין גאַנצן אָנגעשטעלט אויף דער לאַך און זיך מער נישט באַוועגט. זיי האָבן באַמערקט די לאַך, וואָס איז געוועזן אויסגעהאַקט. ווי לאַנג דאָס האָט גע־רויערט, געדענק איך נישט. אפשר סעקונדעס, נאָר איך געדענק, ווי יצחק האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ און אין זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט א געשריי:

— כּטאָ טאַם! (ווער איז דאָרט) אין פּויליש, מיר האָבן תּיכּף ביידע אויסגעשריגן אויפן קול, אויך אין פּויליש:

— סוואָיע! (אייגענע).

— אַרויסקריכן! איז געקומען באַלד א באַפעל. אויב נישט שיסט מען אַריין.

דאָס, וואָס דער באַפעל איז געווען נישט אין דייטש נאָר אין פּויליש, האָט אונדז א ביסל באַרויִקט. מיר האָבן גענומען אַ־רויסקריכן, צוערשט יצחק, דערנאָך איך.

א גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ איז געווען אָנגעשטעלט אויף אונדז און האָט אונדז פאַרבלענדט. מיר האָבן גאָרנישט געזען ביז די מענטשן האָבן זיך דערנעענטערט. ווען זיי זיינען שוין גע־ווען לעבן אונדז, האָט דער, וואָס האָט געהאַלטן דעם עלעקטרישן לאָמפּ, אים געגעבן א דריי אַוועק אָן א זייט, און מיר האָבן דער־זען דריי מענטשן איינער הינטערן אַנדערן, מיט מאַשין־פּיסטוילן, וועלכע האָבן געצילט אין אונדז, אין די הענט. זיי האָבן געטראָגן פּוילישע מיליטערישע היטלען און גומענע קליידער, צוגעפּאַסט צום גיין אין קאַנאַל. אויף די אַרבל האָבן זיי געהאַט אַרעמבענ־דער מיט אַן אויפשריפט „א.ק.“.

איינער פון זיי האָט אונדז א פרעג געטאָן:

— ווער זייט איר? וואָס טוט איר דאָ?

— מיר זיינען יידן — האָט יצחק א זאָג געטאָן און אויף־שנעל צוגעגעבן: מיר האָבן אַנטלויפן געגנומען אין אויפשטאַנד און איצט באַהאַלטן מיר זיך אין א בונקער אָט דאָ.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. דער, וואָס האָט ביי אונדז געפרעגט, ווער מיר זיינען, ווייזט אויס אַן עלטערער, האָט א זאָג געגעבן שוין מיט א שמייכל:

— איר האָט אונדז איבערגעשראָקן. — זיי האָבן אראָפּגע־לאָזט די מאַשין־פּיסטױלן און זיי אױפגעהאָנגען אױף די פּלײ־צעס. דער עלטסטער האָט פאַרגעזעצט:

— מיר האָבן געזען די לאָך פון דער ווייטנס, אדאנק דער ליכט, וואָס מיר האָבן געוואָרפן. האָבן מיר אָנגעהויבן צו גיין לאנגזאם, נאָך נישט געווען זיכער. ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָ־ענט און גוט געזען, אז די לאָך איז אויסגעהאקט און פירט ערגעץ וואוהין, האָבן מיר געמיינט, אז דאָרט זיינען דאָ דייטשן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געווארט א מינוט. גוט וואָס איר האָט א־רויסגעשטעקט די קעפּ, אנישט וואָלטן מיר שטילערהייט צוגע־גאנגען און אריינגעוואָרפן א גראנאט. איר זענט אליין? האָט ער צום סוף א פרעג געטאָן.

— מיר זיינען אכט מענטשן, האָב איך זיי געענטפערט.

— און ווי אזוי האלט איר דאָ אויס? האָט ער געפרעגט און צוגעגעבן, אז ער באדויערט שטארק, וואָס ער האָט גאָרנישט אונדז צו געבן. נאָך א קורצן שמועס האָט ער זיך געוואָנדן צו אונדז מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— הערט זיך איין, מיר זיינען פון זשאָליבאָזש, דאָרט גייט דער אויפשטאנד נאָך ווייטער. מיר גייען דאָ אויף אויסשפיר ביז צו דער זייט פון דער ווייסל, זען וואָס דאָרט איז, וואָס פאר א קראפט האָבן דאָרט די דייטשן, דעם גאנצן וועג מאכן מיר דורכן קאנאל, ווייל אויבן זיינען דאָ דייטשן. אין א פּאָר שעה ארום וועלן מיר גיין צוריק, אויב איר ווילט, קענט איר דאן מיט אונדז מיטגיין. אמת, ווי לאנג מיר וועלן נאָך קענען ווייטער קעמפן, ווי לאַנג דער אויפשטאַנד וועט דויערן, ווייס איך נישט. און דער וועג דורכן קאנאל איז אויך זייער א שווערער.

די אויפשטענדלער זיינען אוועק ווייטער. און מיר זיינען אריינגעקראָכן צוריק אין בונקער. די אנדערע האָבן שוין געוווסט, אז דאָס זיינען נישט קיין דייטשן, זיי האָבן געהערט אונדזער גע־שפּרעך אין פּויליש און מיר האָבן זיי איבערגעגעבן דעם פּאָר־שלאג פון מיטגיין מיט זיי. קיינער האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. די שטימונג איז געווען א געשפּאנטע. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ס'איז נישט געווען אזוי לייכט צו דעצידירן. זייערע ווערטער: „ווי לאנג מיר וועלן נאָך האלטן, ווייסן מיר

נישט", האָט געדריקט שווער אויף אונדזער געמיט. און וואָס וועט זיין דערנאָך, ווו וועלן מיר גיין? האָט יעדערער ביי זיך געפרעגט.

כ'האָב באשלאָסן מיטצוגיין מיט זיי. באהעפטן זיך מיט א לע־בעדיקער וועלט, ארויס פון דעם קבר, דאָס האָט מיך אזוי געלאָקט, אז איך האָב נישט געקענט און געוואָלט קלערן, וואָס שפעטער וועט זיין. אָבער זאָגן עס האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב קיי־נעם נישט געוואָלט באווירקן, יעדערער דארף מאַן אזוי ווי ער פארשטייט, האָב איך געטראכט.

די צייט האָט געיאָגט, זיי וועלן באלד צוריקקערן און דער־נאָך וועט זיין צו שפעט. די שטילקייט פון אלעמען האָט אָנגע־יאָגט א שרעק אין בונקער. נאָך א געווויסער צייט האָט איינאיין דער ערשטער א זאָג געטאָן:

— איך בלייב, איך האָב מער נישט קיין כוח צו גאָרנישט, זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין.

און ווי נאָר איינאיין האָט געמאכט דעם אָנהויב, האָט באלד כאסקל, ווי זיין שטייגער איז מיט אָפגעהאקטע ווערטער, געזאָגט:

— איך גלויב קיינעם נישט. (ס'איז געווען אַן אָנדייטונג אויף די פאָליאקן).

יצחק האָט שטיל געזאָגט ווי צו זיך אליין:

— דאָ שטארבן און דאָרטן שטארבן, צו וואָס מאכן אַ איבעריקן וועג?

הנה האָט א קוק געגעבן אויף סאמעקן מיט פרעגנדיקע אויגן: וואָס זאָגסטו?

— דו וועסט נישט דערגיין — האָט סאמעק א זאָג געטאָן און ביידע האָבן אראָפגעלאָזט די קעפּ.

— איך וואָלט געגאנגען, האָט קאזשיק דער גלח געזאָגט און באלד זיך פארהוסט, נאָר ווי קען איך?

איך האָב גאָרנישט געזאָגט נאָר גענומען זיך צוגרייטן צום גיין. ארויפגעצויגן די שקארפעטן איבער די הויזן און גוט צו־געבונדן מיט א שטריקל, צוגעבונדן די שיך, אז זיי זאָלן נישט אראָפפאלן, די מארינארקע ארייגעשטופּט אין די הויזן און גוט צוגעגארטלט מיטן פאסיק, וויל ס'האָט געקענט אויסקומען צו גיין זייער טיף אין וואסער און אין בלאָטע.

ווען דאַניעל האָט דערזען, ווי איך גרייט זיך אוועקצוגיין, האָט ער זיך אויך גענומען גרייטן מיטצוגיין. ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרענטפערן פאַר די אַנדערע, האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— איך בין מיט חיימען געווען אין לאַגער און דאָ אויך די גאַנצע צייט, ער איז אַזוי ווי מיין טאַטע... אַז ער גייט, גיי איך אויך...

אַלע זיינען געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די אַט־מאָספער איז איצט געוואָרן נאָך שווערער ווי פריער, עס האָט יעדערן געדריקט ביים האַרצן פון ווייטיק.

— איך וויל אייך נישט אָפּריידן פון גיין, ווייל מען ווייס נישט, אפשר איז עס טאַקע בעסער, נאָר איר וועט אונדז פעלן. אַזוי זיך איינגעלעבט ווי איין פאַמיליע און איצט עפּעס פיל איך, ווי צוויי נאָענטע פאַרלאָזן אונדז אויף אייביק...

— יאָ, — האָט איגנאַץ אַזש ווי נישט געקענט אַרויס־רייידן, — איך פיל שוין די בענקשאַפט.

יצחק האָט אונדז אָנגעקוקט און שטיל אָנגעהויבן צו רעדן: ערשט ווען איר גייט אוועק, וויל איך אייך טאַקע זאָגן דאָס, וואָס איך האָב שוין לאַנג געקלערט. אין די ערשטע טעג פון אונדזער אַריינגיין אין בונקער האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אונ־דזער גורל, פאַר זיך אַליין. ווייל ווען אַ גרופּע מענטשן פון פאַר־שיידענע כאַראַקטערן און פון פאַרשיידענעם עלטער, מיט פאַרשיי־דענע אַנשויאונגען ווערן געצוווּנגען דורך סיבות נישט אָפּהענגיקע פון זיי צו לעבן צוזאַמען אַ געוויסע צייט און דערצו אין אונדזערע שווערע, אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, קענען זיין צווייערליי אויסווירקונגען אויף זיי. עס קען זיך אַריינכאַפּן אַ געוויסער אומ־צוטרוי פון נישט קענען זיך פאַרטראָגן איינער דעם צווייטן און כמילא שאַפט זיך אַ שנאה. עס הויבט אָן נישט צו געפעלן, וואָס יענער טוט, וואָס יענער רעדט, די שטימונג ווערט נאָך מער אָנ־געשטרענגט און דאָס קען ברענגען צום אונטערגאַנג פון זיך אַליין. ביי אונדז אָבער אין בונקער, האָט יצחק פאַרענדיקט, איז געווען די צווייטע אויסווירקונג: צוטרוי פון איינעם צום צווייטן, אַ מיטגעפיל איינער פאַרן אַנדערן און ממילא האָט זיך געשאַפן דאָ דער ווילן פון פאַרלייכטערן איינער דעם צווייטן, און יעדער דינט אָפּ דעם אַנדערן מיט גלייכן. עס הערשט ביי אונדז אַ פאַרשטענ־

דיקונג און דאָס האָט אונדז פאַרלייכטערט אויסצוהאַלטן. מיר האָבן זיך ליב געקראָגן און איבער דעם איז אַזוי שווער זיך מיט אייך צו צעשיידן.

איך בין געזעסן און אין האַרצן האָט מיר גענאָגט אַ ווייטיק צו פאַרלאָזן די, וועלכע איך האָב טאַקע ליב באַקומען. איך האָב געפילט, אַז אויב דאָס וועט נאָך לאַנג דויערן, וועל איך מער נישט זיין בכוח אַוועקצוגיין, אַזוי האָט מיך שוין גענומען נאָגן אַ בענקשאַפט צו זיי. איך האָב אָנגעהויבן צו פילן אינעווייניק אַ מין פאָרוואורף צו זיך אַליין, פאַרוואָס איך גיי אַוועק, אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען דער ווילן: כאָטש נאָך אַ מאָל זען אַ לעבע־דיקע וועלט. נישט קיין בונקער און אַ קאַנאַל מיט שמוץ און שטשורעס, נאָר אַ וועלט מיט אַ הימל און טרעטן אויף אַן ערד, וווּ מענטשן גייען. דאָס האָט מיר געצויגן און נישט געלאָזט מיך זיך אונטערגעבן.

מיר האָבן דערהערט קריכן אין אונטערערדישן אַדורכגאַנג, דאָס זיינען די דריי פּאָליאַקן יוזעף, אַנטעק און וואַזשניאַק, גע־קומען זיך געזעגענען. זיי זיינען אויך באַמערקט געוואָרן פון דעם פּאַטרול און האָבן אויך באַשלאָסן מיטצוגיין מיט אים, זיי האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ וועג פון קענען אַרויס.

מען האָט זיך גענומען געזעגענען. דער פּאַטרול איז געווען שוין צוריקגעקומען און געשטאַנען אונטן און געוואַרט. מען האָט געמוזט זיך צעאיילן, ווייל מען האָט נאָך געוואָלט באַווייזן ביז טאָג אָנצוקומען קיין זשאָליבאָזש, און די פינף קילאָמעטער, וואָס מיר האָבן געהאַט צו מאַכן אין קאַנאַל, דויערן זייער לאַנג.

חנה האָט זיך באַמיט נישט צו וויינען ביים געזעגענען זיך, אָבער די טרערן האָבן פּאָרט געשטופּט זיך פון אירע אויגן און זי האָט זיי נישט געקענט איינהאַלטן, לאַנג האָבן מיר זיך גע־קושט מיט אַלעמען. דער גלח האָט זיך איבערגעצלמט און גע־נומען מתפּלל זיין. דאַניעלן האָט דאָס פּנים געפלאַמט ווי פייער, ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. ער האָט געקוקט אויף חנהן מיט אַזעלכע אויגן, וואָס רעדן מער ווי ווערטער.

איגנאַץ האָט זיך דער לעצטער געזעגנט און מיר אַריינגע־דריקט אין האַנט אַ שטיקל קאַלך. — מאַך דיר סימנים, — האָט ער מיר געזאָגט, אפשר וועסטו דאַרפן קומען צוריק.

— איינס קאָן איך אייך נאָר זאָגן — זיינען געווען אונדזערע לעצטע ווערטער: אויב דאָרט וועלן זיין בעסערע באדינגונגען, וועלן מיר קומען נאָך אייך. זיי האָבן אונדז געגלויבט.

איינציקווייז האָבן מיר זיך גענומען אראָפּלאָזן אין אונטערערדישן אדורכגאנג און גענומען קריכן צו דער עפענונג ארויסצוגיין אין קאנאל. דאניעל איז אראָפּ דער לעצטער, ס'איז אים שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון דאָרט.

ווען אלע זיינען אריין אין קאנאל און זיך אויסגעשטעלט איינער הינטערן אנדערן, האָט דער פירער פון פּאטרול, א סערזשאנט פון ראנג, מיך געפרעגט, ווו זיינען די אנדערע. ווען איך האָב אים געזאָגט, אז די איבעריקע בלייבן, האָט ער א הויב געטאָן מיט די אקסלען און א זאָג געגעבן: „אפשר טוען זיי בעסער“.

ער האָט אונדז אלעמען איבערגעגעבן די אָנווייזונגען, וואָס ער האָט געהאט באקומען, ווי אזוי צו האלטן זיך אויפן וועג: נישט שטארק קלאפּן מיט די פיס, כדי מען זאָל נישט הערן דאָס גיין, נישט ארויסריידן קיין איין וואָרט און ווען מיר וועלן פארבייגיין אן עפענונג, וואָס גייט ארויס אין דרויסן און איז צוגעדעקט מיט א קלאפּע, דארפן זיין די טריט זייער, זייער, שטיל. ווייל ביי יעדער קלאפּע קענען שטיין דייטשע פּאָסטנס, וועלכע קענען אונדז באמערקן. אין די ערטער, ווו דאָס וואסער און די בלאָטע וועט זיין טיפער, זאָל מען זיך אָנהאלטן מיט איין האנט איינער אָן צווייטן און מיט דער אנדער האנט ביי דער וואנט, ווייל דער שטראָם איז זייער שטארק אין געוויסע ערטער, באזונדערס נעענטער צו זשאָליבאָזש.

ווען ער האָט געענדיקט געבן די פאראָרדענונגען, האָט ער געפרעגט, צי מען איז גרייט צו גיין. איך האָב אוועקגעשטעלט דאניעלן פאַר מיר, כדי איך זאָל אים קענען האַלטן און מיר האָבן אָנגעהויבן מארשירן. געגאנגען זיינען מיר זייער לאנגזאם. ערשטנס, ווייל מען האָט נישט געטאָרט קלאפּן מיט די פיס און אז מען גייט לאנגזאם, הערט זיך עס ווייניקער. נאָר דער עיקר צוליב א צווייטע סיבה: ווי נאָר מיר זיינען אָפּגעגאנגען א פּאָר הונדערט מעטער, האָט דאָס וואסער און דער שמוץ אָנגעהויבן צו ווערן טיפער און מען האָט שנעל נישט געקענט גיין, ווייל מיר זיינען געגאנגען כסדר קעגן שטראָם. דאָס וואסער איז געפלאָסן כסדר

קעגן אונדז און האָט אונדז געשטופט אויף צוריק. מען האָט זיך געדארפט גוט אָנשטרענגען צו מאכן א טראָט פאָרויס. געגאנגען זיינען מיר אין דער פינצטער, כאָטש דער ערשטער, וועלכער האָט אונדז געפירט, האָט געהאט אן עלעקטרישן לאָמפ, נאָר ער האָט מורא געהאט אים אָנצוצינדן, טאָמער באמערקט מען אויבן די ליכט. בלויז פון צייט צו צייט, ווען מיר זיינען געווען צווישן איין עפענונג און דער אנדערער, האָט ער אָנגעצונדן דעם לאָמפ, כדי צו זען, צי מיר זיינען אלע דאָ.

די פינצטערניש אין קאנאל איז נישט אזוי ווי אין דער הויך, אפילו נישט ווי אויף א פעלד און נישט ווי אין קיין וואלד. אין דער הויך מעג זיין די שטארקסטע פינצטערניש, געוויינט מען זיך נאָך א פאָר מינוט צו און מען קען עפעס זען, ווייל ס'איז דאָ א געוויסע ליכטיקייט פון הימל און פון האָריזאָנט ארום. אנדערש איז אין קאנאל, וואָס איז א קיילעכדיקע רער פון צעמענט, פארמאכט פון אלע זייטן. אז מען איז אינעווייניק, איז די פינצטערניש אזא, וואָס מען קען זי ממש אָנטאַפן מיט דער האנט. מיר דוכט זיך, אז אָט אזא פינצערניש דארף זיין ביי א בלינדן. ס'איז מיר טאַקע געווען לייכטער צו גיין מיט פארמאכטע אויגן ווי מיט אָפענע, ווייל מיט אָפענע אויגן האָב איך געהאט דעם איינדרוק, ווי כ'וואָלט געווען בליגד. ביי פארמאכטע אויגן איז די פינצטערניש געווען עפעס מער נאטירלעך און דאָס גיין דעריבער לייכטער.

וואָס ווייטער מיר זיינען אָפגעגאנגען, אלץ ווייניקער האָט מען געהערט דעם אָפקלאנג פון אונדזערע טריט, ווייל עס איז געוואָרן טיפער און ערטערווייז האָט דאָס וואסער דערגרייכט ביז איבער די קני. דער איינציקער קלאנג איז געווען די פלוסקעריי פון וואסער ביים איבערהאקן דעם שטראָם מיט אונדזערע פיס און דער אימפעטיקער גערויש, מיט וועלכן דאָס וואסער האָט זיך געשטויסן אין ביידע זייטן פון אונדז. עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מיר וואָלטן נישט געגאנגען נאָר געשווומען. דער גערויש האָט געהאקט אין די שלייפן. א שטארקע היץ האָט ארומגעכאפט דעם גאנצן קערפער. ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן איז מיר אנטקעגנגעקומען אזא פינצטערער אָפגרונט, אז עס האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס איך זינק אלץ טיפער און טיפער, ביז דער אָפגרונט וועט אונדז אלעמען צודעקן אויף אייביק.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהן, עס האָט זיך געדוכט, אז עס איז אַן אייביקייט און די כוחות זיינען געוואָרן אלץ שוואַכער און שוואכער. ביי יעדן קרייצוועג, וו פון עטלעכע גאסן האָבן זיך געגומען אריינגיסן קאַנאַלן, האָט זיך אונדזער פירער אָפּגעשטעלט, אַנגעצונדן זיין לאָמפּ און מיט אים געקירעוועט אונדז אין דעם מיטעלן, אין דעם הויפּט־קאַנאַל. ביי יעדן קרייצוועג האָב איך געמאכט א גרויסן צייכן מיטן ווייסן שטיק קאלך אויף דער וואנט, עס זאָל מיר דינען ווי א צייכן, אויב כ'וועל דארפן גיין צוריק.

נאָכן אָפּגיין אפשר א צוויי שעה, זיינען דאַניעל און איך געווען שוין אין גאנצן אויסגעמאטערט און עס האָט שוין קיין סך נישט געפעלט, אז ער זאָל אוועקפאלן דאָ אין וואסער אין שמוץ.

מיר זיינען שוין דעמאָלט געווען איבער דריי וואָכן אין בונקער, האָבן מיר שוין קיין סך כוחות נישט געהאט און די פּאָר שעה גיין איבער די קני אין וואסער און בלאָטע קעגן שטראָם האָבן אונדז אין גאנצן אויסגעשעפּט. דאָס געוויכט פון אונדזערע מלבושים, וועלכע זיינען געוואָרן אדורכגעווייקט און שווער, האָט געצויגן דעם גאנצן קערפּער אין וואסער אריין.

דער סערזשאַנט, וועלכער איז געגאנגען פון פאָרנט, האָט, ווייזט אויס, זיך דערמאָנט אָן אונדז, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און געהייסן זיך אוועקשטעלן ביי דער וואנט א ביסל זיך אָפּרוען. מיר האָבן זיך גוט אָנגעהאלטן איינער אין אנדערן און פעסט צוגעדריקט זיך צו דער וואנט, אז דאָס וואסער זאָל אונדז נישט אוועקטראָגן.

— האלט אייך, האָט דער סערזשאנט א זאָג געטאָן, נאָך א העלפט וועג און מיר וועלן זיין אָנגעקומען. און ער האָט א לויכט געטאָן מיטן לאָמפּ אין דער ריכטונג, וו מען דאַרף גיין. די שיין פון לאָמפּ איז געפאלן ווייט אין קאנאל, וו עס האָבן זיך געשטופּט כוואליעס וואסער, אויסגעמישט מיט שמוץ און בלאָטע, וואָס זיינען מיט אימפּעט און גערויש געגאנגען אויף אונדז.

איך האָב א קוק געגעבן אויף דאַניעלן, וועלכער האָט זיך געהאלטן אין מיר, און איך האָב זיך דערמאָנט די ווערטער פון סערזשאנט וועגן יענע, וואָס זיינען געבליבן: „אפשר טוען זיי בעסער?“ עס איז שוין ביי מיר גאָרנישט געווען קיין צווייפל, אז זיי האָבן גוט געטאָן, וואָס זיי זיינען נישט געגאנגען, ווייל אָנצוקומען אהין,

קיין זשאָליבאָזש, האָב איך מער נישט געגלויבט. צוגלייך מיט דער דערשעפונג איז אויך געקומען די פארצווייפלונג. דער געדאַנק, אז איך וועל נישט דערגיין, האָט געגומען אריינדרינגען אין מיר אַלץ מער און מער. ווען די סערזשאַנט האָט א זאָג געגעבן ווייטער צו גיין, בין איך שוין נישט געגאַנגען, נאָר איך האָב זיך געשלעפּט. דער יונגער דאַניעל האָט דערפילט דורך מיין האַנט, וואָס איך האָב געהאַלטן אויף אים, אז איך גיי שוין קוים, האָט ער אָנגעכאַפּט מיי־נע ביידע הענט און זיי אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. אַזוי האָט ער מיך מיטגעשלעפּט.

אָבער נאָך א פּאָר מינוט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אַזוי אַרום וועל איך אויך אים מיטשלעפּן צום אָפּגרונט און איך האָב מיך צוריק געפּונען. איך האָב מיט געוואַלד פאַריאָגט דעם געדאַנק פון פאַרצווייפלונג און איך האָב זיך אַליין גענומען מאַכן פאָרווורפן: אַזוי פיל יאָרן דורכגעמאַכט אין די לאַגערן און נאָך אַנדערע גע־מוטשערט און ביים סאַמע סוף פאַרצווייפלען? ניין און ניין!

מיין פרוי מיט מיינע צוויי זין, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין פראַנקרייך, זיינען מיט א מאָל מיר אַנטקעגנגעקומען מיט א שמייכל און פרייד אויפצונעמען מיך, ווען איך וועל אַהיים קומען. און מיט א מאָל איז די שוואַכקייט אַוועק פון מיר און איך האָב אין גאַנצן שוין נישט געפילט קיין שווערקייט און קיין מידקייט. עס איז זיך מיר געגאַנגען אַזוי לייכט, אַז אַפילו ווען נאָענט פון זשאָליבאָזש האָט דאָס וואַסער אויף איין אָרט מיר דערגרייכט ביז איבער דער ברוסט, און ס'איז געווען זייער שווער צו גיין, אָבער איך האָב קיין שום שרעק נישט געפילט, די האָפענונג האָט מיר געגעבן די זי־כערקייט, אַז איך וועל אָנקומען.

קליינע פייערלעך פון א סך לעמפּלעך האָבן זיך באַוויזן פון דער ווייטנס, דאָס האָט די וואַך פון זשאָליבאָזש אָפּגעוואַרט דעם פּאַטרול. אָבער דערזעענדיק אונדז גיין צוזאַמען מיטן פּאַטרול האָט זיך דאָרטן דערהערט א באַפעל:

— שטיין בלייבן!

זיי האָבן אונדז מורא געהאַט צוצולאָזן צו זיי. דאַניעל האָט שווער געסאַפּעט, ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו מיר, האָט א שמייכל געגעבן, אָבער אויך ער האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— ווִיסלאָ! האָט דער פּאַטרול אַ זאָג געגעבן דעם פּאַראָל. מען האָט אים געענטפערט און געהייסן ווייטער מאַרשירן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום עק פון קאנאל און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך ארויפדראַפּען דורך דער עפענונג אין דרויסן, בין איך געבליבן ליגן און האָב שוין מער נישט געקענט גיין.

צוויי זעלנער האָבן מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיך אונטערגעהאלטן. כדי איך זאָל קענען מיטהאלטן מיט די איבעריקע אריינצוגיין אין א דערנעבנדיקן הויז.

מיר זיינען אריין אינעווייניק אין א גרויסער שטוב, פול מיט טירן, וואָס האָבן געפירט אין א סך צימערן. איך האָב פארשטאַנען, אז דאָ מוז זיין דער שטאַב פון דער געגנט זשאָליבאָזש. באלד האָט זיך געעפנט א טיר, פון וועלכער ס'איז ארויסגעגאַנגען אַן אָפיציר, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, א קליינער מיט אַן איידעלן פּנים, אויף וועלכן מען האָט דערקענט, אז ער איז אן אינטעלעקטועלער. הינטער אים איז געגאנגען איינער פון פּאטרול, וועלכער האָט אונדז געבראכט, דאָס איז ער טאַקע באלד ביי אונדזער אָנקומען אריין צו אים מעלדן, אז ער האָט דאָ געבראכט יידן. דער אָפיציר האָט א מאָמענט באטראכט אונדזער אויסזען, וועלכער איז געווען א שרעקלעכער, דאָס אַנטאָן איז געווען אויסגעווייקט פון וואסער, די פּנימער אויסגעבלייכטע פון לאַגער, פון די קאמפן און פון ליגן אין בונקער, און דערצו זיינען מיר געווען פארשפּריצט מיט בלאָטע, אזא אויסזען האָט געקענט דערשרעקן.

ער האָט אונדז שטיל געפרעגט, פון וואנען גיבן מיר גענומען זיך אין בונקער און פון וואנען מיר קומען:

— פון פאריז, האָב איך א זאָג געגעבן און פון אוישוויענטשים. דער אָפיציר האָט גלייך געהייסן רופן עפּעס א פרוי. באלד איז פון א צימער ארויס א פרוי אין די פערציקער יאָרן און איז צוגעקומען צו אונדז מיט א שמייכל. זי האָט א זאָג געטאָן אין א גוטן פראנצויזיש:

— קומט מיט מיר, דאָס ערשטע דארפט איר זיך ארומוואשן און איבערטאָן זיך. דערנאָך וועלן מיר שוין שמועסן, ווער איר זייט.

ביים אוועקגיין האָט איר דער אָפיציר געזאָגט, אז ווען מיר וועלן זיך אויסרוען און אויסשלאָפן, עס איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאכט, זאָל זי אונדז ברענגען צו אים.

די פרוי האָט אונדז אריינגעפירט אין א דערבייאיקער געביידע, דאָרט זיינען געווען זעלנער, וואָס האָבן געזוכט פון א גאַנצן טאָג קעמפן. מען האָט אונדז אריינגעפירט אין א באָד־צימער. מיר האָבן אראָפּגעוואָרפן דאָס אָנטועכץ, זיך גוט אויסגעוואַשן. כ'ווייס נישט, צי א מענטש קען פילן א גרעסערן תענוג, ווי דער, וועלכן מיר האָבן געשפּירט. די פרוי האָט אונדז אריינגעגעבן נייע וועש צום אָנטאָן. זי האָט גענומען אונדזערע בגדים, אויסגעוואַשן און זיי אויסגעלייגט אויסצוטריקענען, דערנאָך האָט זי אונדז אריינגעפירט אין א צימער און מיר האָבן דערזען... א בעט מיט א מאַטראַץ. מיר זיינען אַרויפגעפאַלן אויף אים. ווען זי האָט א פּאָר מינוט שפּעטער אונדז געבראַכט הייסע קאַווע מיט עסן, האָט זי אונדז שוין געדאַרפט גוט טרייסלען, כדי מיר זאָלן זיך אויפוועקן. אַזוי האַסטיק זיינען מיר שוין געשלאָפן. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אונדזער בעט און דערציילט, אז זי האָט זיך געלערנט עטלעכע יאָר אין פּאַריז און זי איז טאַקע דאָ א לערערין פון פראַנצויזיש און זינגט דעם אויפשטאַנד העלפט זי דאָ מיט. זי האָט נישט געלאָזט אונדז קיין סך דערציילן. — איך ווייס, זאָגט זי אַלץ, איך קען אוישוויץ, איך האָב דאָרט א זון, — האָט זי שטיל צוגעגעבן און טרערן האָבן גע־נומען רינען איבער איר פּנים. איך האָב געקענט די געטאָ אין וואַר־שע אויך. נו, רוט זיך דערווייל אויס, און מאָרגן וועלן מיר שוין וועגן אַלץ רעדן, אויב.... זי האָט נישט פאַרענדיקט וואָס. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, אז אויב מען וועט דערלעבן ביז מאָרגן. נאָר מיר האָבן שוין נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם, מיר זיינען אַוועקגעפאַלן אויפן מאַטראַץ און גלייך איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט אונדז אויף צו מאָרגנס אויפגעוועקט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. די קאַמפן אין זשאָליבאָזש זיינען שוין געגאַנ־גען צום סוף. די דייטשן האָבן שוין כמעט נישט מער באָמבאַרדירט דאָס אָרט. מען האָט געשפּירט, אז דער לעצטער פלאַקער פונעם אויפשטאַנד האַלט ביים אויסלעשן זיך. די עטלעכע גרופּעס, וועל־כע האָבן געקעמפט אין זשאָליבאָזש, האָבן נישט אויפגעגעבן זייער קאַמף באַלד נאָכן אונטערגעבן זיך פון באָר־קאָמאָראָווסקי, זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן, אָבער אויך זיי זיינען שוין געווען אין אונ־טערהאַנדלונגען וועגן אויפגעבן די שלאַכט.

ווען מיר זיינען באלד נאָך אונדזער אויפשטיין ארייננעפירט געוואָרן אין ביוראָ פון שטאב, האָט דער זעלבער אָפיציר, וועלכער האָט אונדז נעכטן באטראכט, נאָך איידער ער האָט אונדז עפּעס געפרעגט, אונדז גלייך א זאָג געגעבן:

— איר האָט שלעכט געטאָן, וואָס איר זייט געקומען אהער... איך פארשטיי אייך גוט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — אז דאָרט אין בונקער איז זייער שלעכט, אָבער דאָ וועלן מיר שוין לאנג נישט האלטן זיך, אפשר נאָך א טאָג אָדער צוויי און וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן? אין זיין ריידן האָט געקלונגען א פארביטערונג. מען האָט גלייך דערקענט, אז דאָס איז אן ערלעכער מענטש, א הייסער פּוילישער פּאטריאָט, א שונא פון דייטש. אָן שום כוונות און פאָראורטיילן, איז ער צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד און ער איז געווען זייער שטארק פארביטערט אויף זיין אויסגאנג, וועלכער האָט, ווי ער האָט געזען, זיך געענדיקט מיט חורבות און מיט אזוי פיל קרבנות. יעדן טאָג האָבן זיי געהאָפט — האָט ער אונדז דערציילט — אז ס׳וועט קומען הילף. זיי האָבן געמיינט, אז ביז יענער צייט וועלן די רוסן אָנהויבן אן אָפענסיווע. ווייזט זיך אָבער ארויס, אז זיי קענען נאָך נישט. אן אָפּטיילונג פון פּוילישע זעלנער, וועלכע קעמפן ביי דער זייט פון די רוסן, האָבן זיך געפּרוווט אדורכרייסן צו אונדז דורך דער ווייסל, נישט ווייט פון דאַנעץ, איז זי צעקלאפּט געוואָרן. אחוץ עטלעכע זיינען זיי אלע אומגעקומען. אן אעראָפּלאַן האָט בייטאכט פּאראשוטירט פאר אונדז אמוניציע. האָבן די דייטשן דאָס אלץ פארכאפּט און צוגענומען. די דייטשן האָבן געבראכט גרויסע שטארקע כוחות צו דער ווייסל און זיך דאָ פארפעסטיקט. ווער ווייס, וואָס פאר א שווערע קאמפן, דועלן, וועלן דאָ נאָך פאָרקומען און ווי לאנג דאָס וועט נאָך געדויערן.

דער אָפיציר האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער און גערעדט ווי צו זיך אליין.

— מיר מוזן זיך אונטערגעבן, מיר האָבן שוין גאָרנישט, נישט קיין געווער און נישט קיין עסן, מען קען נישט לאָזן שטארבן קיין מענטשן פאר גאָרנישט.

איך האָב אים אָנגעקוקט און אליין זיך געוואונדערט, ווי ריכטיק ער שאצט אָפּ די לאגע. זיין שטעלונג האָט זיך אויך שטארק אונטערשיידט פון דער איינשטעלונג ביי אנדערע אויפשטענדלערישע

אָפּיצירן, וועלכע איך האָב באגעגנט אין די קאמפּן אין דער אלטשטאָט און אויף די באריקאדעס. יענע אָנשטאָט צו העצן קעגן די דייטשן האָבן אָפּט געפּרובירט אויפהעצן די באפעלקערונג קעגן דער רויטער ארמיי, וועלכע איז געווען נאָענט. זיי האָבן געזאָגט, אז די רויטע ארמיי קומט זיי נישט צו הילף, ווייל זי וויל, אז עס זאָלן אויסגעהרגעט ווערן מער פּאָליאקן. מער ווי איין מאָל זיינען אפילו פאָרגעקומען קריגערייען און אפילו געשלעגן צווישן זיי און אנדערע אויפשטענדלער, פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען ארויס אין גאס און האָבן אָנטיילגענומען אין אויפשטאנד אָן שום כוונות, נישט ווילנדיק וויסן די הינטערקוליסן־פּאָליטיק פון די, וועלכע האָבן דעם אויפשטאנד ארויסגערופן. דאָס פאָלק פון ווארשע איז טאקע ארויס ערלעך זיך שלאָגן און ארויסטרייבן דעם דייטש.

מיט א מאָל האָט זיך דער אָפיציר אָפּגעשטעלט, געטראכט א ווייַלע, איז נעענטער צוגעקומען צו אונדז און ווי ער וואָלט געוואָלט כאָטש אויף א רגע פארגעסן דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, וואָס האָט אים וויי געטאָן, האָט ער גענומען אונדז אויספרעגן וועגן אוישוויץ, וועגן ווארשעווער לאגער און וועגן פראנקרייך, ווו ער איז געווען אמאָל אויף א באזוך. פאריז איז אים שטענדיק געבליבן אין זכרון.

נאָך דעם ווי איך האָב אים אלץ דערציילט, האָט ער זיך פארבראכט און א פרעג געגעבן:

— וואָס רעכנט איר צו טאָן ווייטער? און האָט גלייך אליין געענטפערט: — איך וואָלט אייך געראָטן צוריק צו גיין צו אייער בונקער. דאָרט איז כאָטש דאָ א שאנס צו בלייבן לעבן. אָבער דאָ, ווען די דייטשן וועלן צוריקקומען, האָט איר קיין שום שאנסן נישט. איר זענט דאָך יידן און דערצו נאָך מיט נומערן פון אוישוויץ אויף די אָרעמס. בלייבט דאַן כל זמן מיר זיינען נאָך דאָ, כדי איר זאָלט קומען אביסל צו די כוחות; ווייל אין דעם צושטאנד אין וועלכן איר זייט איצט, וועט איר צוריק אהין נישט דערגיין. רוט זיך אָפּ. איר וועט דאָ בלייבן ביז צו דער לעצטער מינוט. איך וועל אייך שוין זאָגן, ווען איר דארפט צוריק ארייַנגיין אין קאנאל און אוועק אין אייער בונקער. דאָס איז אייער איינציקער שאנס.

— יאָ, אונדזער איינציקער שאנס צו שטארבן א ביסל שפּעטער. — האָב איך אים געענטפערט.

ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט...

דריי טעג זיינען מיר דאָרט געווען. מיר האָבן געגעסן און גע־שלאָפן צוזאמען מיט די אויפשטענדלער. זיי האָבן אונדז פריינד־לעך אויפגענומען, זיך געטיילט מיט אונדז מיט דעם, וואָס זיי האָבן געהאט, אונדז דערציילט וועגן זיך. ס'זיינען געווען דאָרט כל המי־נים מענטשן, פון פארשידענעם שטאנד און פארשידענעם עלטער: באיאָרטע פאמיליען־פאָטערס און יינגלעך, וואָס זיינען אויסגע־וואקסן ערשט אין די מלחמה־יאָרן. די שטימונג ביי אלעמען איז גע־ווען א געדריקטע. זיי האָבן געוווסט, אז די טעג פונעם אויפשטאנד זיינען געציילטע. א גרענעצלאָזער ווייטיק און א פארביטערונג האָט זיך געשפירט אין אלע זייערע רייד, אין זייער אויסזען, אין זייער באנעמונג. נישט אזוי צוליב דעם, וואָס זיי דארפן זיך באלד אריינ־געבן אין געפאנגענשאפט (די אונטערהאנדלונגען מיט די דייטשן זיינען טאקע געגאנגען וועגן דעם, מען זאָל אנערקענען און באהאנד־לען די אויפשטענדלער ווי קריגס־געפאנגענע) נאָר דער עיקר צוליבן פארשפילטן אויפשטאַנד. זיי האָבן זיך נישט געפילט ווי פשוטע סאָלדאַטן, נאָר ווי יעדער איינער וואָלט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פארן גאנצן אויפשטאנד. ס'זיינען אויך פאָרגעקומען אָפטע דיסקוסיעס. צי האָט מען בכלל געדארפט אָנהייבן דעם אויפשטאנד, צי נישט. די מיינונגען זיינען געווען געטיילטע.

קיין גרויסע קאמפן זיינען שוין נישט פאָרגעקומען, אָבער פאָרט פלעגן יעדן טאָג זיין עטלעכע טויטע און פארוווּנדעטע ביי קליינע איבערשיסונגען, צי דורך צופעליקע באָמבעס, וואָס די דייטשן פלעגן אראָפּוואַרפן. און טאקע דאָס האָט אונדז באזונדערס פארווונדערט און גערירט: נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן געוווסט, אז דער אויפשטאנד איז שוין א פארשפילטער און זייער ווידערשטאנד האָט נישט מער קיין באדייטונג פארן אלגעמיינעם אויסגאנג פונעם קאמף האָבן א סך פון זיי נאָך ביז צו דער לעצטער מינוט זיך געריסן אין שלאכט. ווען ס'פלעגט אריינקומען אן אָפיציר און מעלדן, אז ער דארף האָבן א גרופע פאר א באריקאדע, אָדער פאר א וואָסער נישט־איז זאַך, פלעגן זיך תיכף מעלדן פרייוויליקע. עטלעכע האָבן אויך געזוכט מיטלען, ווי אזוי ארויסצובאקומען זיך פון דער ארומרינגלונג און צו אנטלויפן אין די ארומיקע דער־פער. אָבער די מיינסטן זיינען געווען רעזיגנירט און האָבן געוואַרט,

ביז די דייטשן וועלן קומען פארנעמען דאָס אָרט און אָוועקפירן די אויפשטענדלער אין געפאנגענשאפט.

מיר האָבן אזא ברירה נישט געהאט. אונדז האָבן די דייטשן נישט געטאָרט דאָ געפינען. פאר אונדז איז נישט געווען קיין גע־פאנגענשאפט — נאָר דער טויט. מיר האָבן געגעסן, זיינען געשלאָפן. אָבער ווי ס'איז אונדז געווען אויפן הארצן, קען איך נישט באַ־שרייבן. צוריקגיין אין בונקער נאָך דעם, ווי מיר האָבן ווידער דער־זען די ליכטיקע שיין, געווען ווי מענטשן גלייך, זיך געפילט זויבער, נישט מער געליטן פון שמוץ, פון שטשורעס, פון הונגער, פון דורשט. אפשר זיינען די איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג געווען צו שטארקע, צו פיל אויף איין מאָל. מיר זיינען ארומגעגאנגען אזוי ווי באטויבטע, נישט געקאָנט קיין סך טראכטן, די מחשבות האָבן זיך געמישט ביי אונדז. איין זאך אָבער האָבן מיר געוווּסט: דער אָפי־ציר איז געווען גערעכט. אונדזער איינציקער שאנס צו בלייבן לעבן איז געווען דער בונקער. קיין אנדער אָרט וווּ צו גיין האָבן מיר נישט געהאט.

דעם דריטן טאָג פארנאכט האָט מען אונדז געהייסן זיך צו־גרייטן צום אוועקגיין. דער אָפיציר איז ארויסגעגאנגען פון זיין ביוּ־ראָ אין באגלייטונג פון אנדערע צוויי אָפיצירן. זיי האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט און די פרוי, די לערערין פון פראנצויזיש, מיט נאָך דריי זעלנער האָבן אונדז באגלייט ביזן קאנאל.

מיר האָבן זיך באוועגט ווי פריטשמעליעט, ווי אויטאָמאטן. אין קאָפ האָט זיך געדרייט ווי א ראָד. ווי באנג איז געווען צו פאר־לאָזן די שיין פון טאָג און זיך פארזינקען אין עפושדיקן חושך פון די קאנאלן. אָבער פון דער אנדער זייט האָבן מיר געוווּסט, אז די דייטשן דארפן א ליאדע מינוט דאָ אָנקומען און ס'האָט שוין אונדז געבאנגט וואָס גיכער צו זיין אוועק, צו געפינען זיך ווידער אין שויץ טאָקע פון אָט דעם פינצטערן, עיפּושדיקן קאנאל... ווען מיר זיינען אָבער צוגעקומען צום קאנאל־ארייגאנג, זיינען בכלל אָט די אלע סתירותדיקע געפילן ווי צוריקגעטרעטן אין הינטערגרונט. די שווערע לעבנס־געפערלעכע מי, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדז, האָט תיכף ארויסגעשטויסן אלע אנדערע מחשבות. קודם־כל האָט מען איצט געמוזט זיך ווידער דורכשטופּן דורכן וואסער, דורכן חושך, דורך דער שרעקלעכער אָנשטרענגונג, כדי ווידער צוצוקומען צום בונקער.

אונדזערע באגלייטער האָבן אונדז מיטגעגעבן אויפן וועג צוויי פּעקלעך מיט עסן, ציגארעטן און אן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל. מיר זיינען אריין אין קאנאל אויך דורך א לאָך אין אן אונטערערדישן אריינגאנג, געמאַכט ספּעציעל אין דער צייט פון אויפשטאנד, כדי אריינצוקריכן, אז קיינער זאָל נישט באמערקן. ווען מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזט, איז די לערערין נאָך לאנג געשטאנען ביי דער עפענונג און האָט אריינגעלויכטן אין קאנאל אריין, כדי מיר זאָלן זען ווי אָנצוהייבן צו גיין, און געווונטשן אונדז, אז מיר זאָלן גוט אָנקומען. די הארציקע ברכות פון דער איידעלער און גוטער פרוי האָבן אונדז באגלייט דעם גאנצן וועג, דעם זייער שווערן וועג, וועלכער האָט געדויערט א סך שעהן, ביז מיר זיינען צוריק געקומען צו אונדזער בונקער. און עפּעס האָט זיך מיר געדאכט, אז דאָס איז נישט קיין פרעמדע פרוי; זי האָט גערעדט ווי אן אייגענע, און שוין לאנג ווי מיר האָבן נישט געהערט ריידן צו אונדז מיט אזא ליבלעכער שפּראך. אזעלכע ברכות האָב איך געהערט פון מיין מאמען, ווען עמעצער פון די קינדער פלעגט אוועקפאָרן און זי האָט זיי באגלייט. און אפשר, האָב איך געטראכט, אפשר איז זי איינע פון די יידישע מאַמעס, וועלכע באהאלטן זיך אוים און טאָרן אפילו נישט ארויסווייזן, ווער זיי זיינען. ווי עס זאָל נישט זיין, די לאַיאַלע און גוטע באציונג פון אלעמען דאָרט במשך פון די פיר טעג און באזונדערס די געשטאלט פון דער איידעלער פרוי האָבן אונדז באגלייט אויפן שווערן וועג און אים א סך לייכטער געמאכט.

ווייל שווער איז ער געווען דער וועג פון זשאָליבאָזש צוריק אין בונקער אריין. א סך שווערער ווי דער וועג אהין. מיר זיינען איצט געווען אליין, נאָר זאלבעצווייט און אין הארצן האָט געגאָגט די ביטערע אַנטוישונג. מיר זיינען געגאנגען ווי אין א חלום, ווי עפּעס נישט מיר וואָלטן עס געווען.

צו אַלע צרות איז צוגעקומען נאָך איינער: ביים אראָפּגיין אין קאנאל האָב איך זיך אָנגעשטויסן מיט דער האנט אויף אן אייזן און זיך שווער צעקלאפּט א פינגער. דעם גאנצן וועג האָט ער מיר שרעקלעך וויי געטאָן, כ'האָב געמוזט צוזאמענבייסן די ציין, כדי נישט צו שרייען פאר ווייטיק. נאָר פון דער אנדער זייט וואָלט איך געזאָגט: ס'איז געווען גם זו לטובה. דער פיזישער ווייטיק האָט פארטויבט דעם מאָראלישן צער פון דער אנטוישונג.

נאָר וואָס לענגער מיר זיינען געגאַנגען, וואָס נעענטער, אונדז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר זיינען שוין פון בונקער, האָט אַלץ שטאַרקער גענומען קלאַפּן אַ צווייט געפיל, אַ געפיל, פון זיכערקייט, כ׳וואָלט שיער נישט געזאָגט, פון אַ צוריקקער צו זיך אַהיים. דער פינצטערער בונקער האָט אונדז איצט אויסגעזען ווי אַ זיכערער האַפן. ער איז געווען אונדזער אַנקער, אונדזער מקום־מקלט, ווו ס׳האָט געוואַרט אויף אונדז די זיכערקייט און די וואַרעמקייט פון אַ היים... ווו ס׳האָבן געוואַרט אויף אונדז אייגענע, וועלכע מיר האָבן מיט אַזאַ אומגעדולד געוואָלט ווידער זען...

וויפל שעה עס האָט געדויערט דער וועג, געדענק איך נישט, נאָר וואָס איך געדענק און וועל שטענדיק געדענקען, איז די פרייד פון די איבערגעבליבענע אין בונקער, ווען זיי האָבן אונדז דערזען. ווען איינגאַנג, וועלכער איז געווען ביי דער לאַך פון קאַנאַל און געהיטן, צי קיינער גייט נישט, האָט דערהערט טריט, האָט ער זיך דאָס מאָל נישט דערשראָקן. אַזוי האָט ער אַ סך מאָל שפּעטער דערציילט, ער האָט געפילט, אַז דאָס זיינען מיר, אַז מיר קומען צוריק. ער האָט גלייך אויסגעשריען חיים! דאַניעל! און ווען מיר האָבן געענטפערט יאָ! האָט ער גענומען אַרויפשרייען אין איין אָטעם: „זיי זיינען דאָ!“ אפילו ווען מיר זיינען שוין אַריינגעקראָכן אין אונטערערדישן אַדורכגאַנג און האָבן גענומען זיך אַרויפדראַפּען אין בונקער אַריין, האָט ער נאָך אַלץ געשריען: „זיי זיינען דאָ! זיי זיינען דאָ!“

עס זיינען געווען די פרייליקסטע מינוטן פון אונדזער זיין אין בונקער. עס איז געקומען פון האַרצן, עס איז געווען דער אויסדרוק פון אַ ליבשאַפט און אַ צוגעבונדנקייט צווישן מענטשן, וועלכע ליידן צוזאַמען זייער שטאַרק.

די ערשטע מינוטן האָט קיינער נישט געוואָלט איבעררייסן די פרייד פון אונדזער צוריקקומען און דערציילן די שוועריקייטן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אין די פּאָר טעג, וואָס מיר זיינען נישט געווען.

מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אָנטאָן, וואָס איז געווען נאַס און חנה האָט זיך גענומען פּרעגן ביים אייוועלע, כדי זיי אויסצוטריקענען.

אַ נייַ לעבן איז אַריין אין בונקער. מיר האָבן אויפגעעפנט די

מיטגעבראכטע פעקלעך, דאָרט איז געווען ברויט, ווורשט, סוכאַר־קעס, אויך טאַבאַק צום רויכערן.

זיי האָבן זיך גענומען אויספרעגן פון דאָרט, פונקט ווי מיר וואָלטן געקומען פון אַ צווייטער וועלט. דאַניעל האָט גענומען דער־ציילן, ווי אַזוי מען האָט אונדז דאָרט אויפגענומען, ווי אַזוי מיר האָבן געגעסן און וואָס פאַר אַ בעט מיר זיינען געשלאָפן. ער האָט דערציילט וועגן דער האַרציקער פרוי, וואָס מיר האָבן דאָרט גע־טראָפן. און אַ באָד, — איז דאַניעל אַריין אין התפעלות, אַ באָד האָבן מיר דאָרט גענומען, איז דאָס געווען דאָס בעסטע פון אַלץ, שוין יאָרן אַזאַ תענוג נישט געהאַט.

כאַסקל, וועלכער איז געזעסן לעבן דאַניעלן, און האָט די גאַנ־צע צייט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט פּלוצלונג, ווען ער האָט געהערט דאַניעלן דערציילן וועגן דער באָד, אַרויסגעגעבן אַ ברום: — איר האָט זיך געבאָדן אין וואַסער און מיר האָבן נישט קיין טראָפּן וואַסער אַפילו צום טרינקען.

אַלע זיינען שטיל געוואָרן, אַ מרה־שחורהדיקע שטימונג האָט זיך גלייך פאַרצויגן איבערן בונקער, אַ פחד איז יעדן באַפאַלן. פון נעכטן אָן — האָבן מיר זיך דערוווּסט — האָט דער קוואַל אויפגע־הערט צו געבן וואַסער.

חנה האָט אַפילו געפּרוּווט איבערהאַקן די שטימונג מיט אַ פאָרוואָרף צו כאַסקלען, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן מיט דער בשורה, ביז מיר וועלן זיך אַ ביסל אָפּרוען ,,זע נאָר, האָט זי אים געוויזן, זיי ליגן דאָך אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זיי קענען זיך נישט רירן פון דורכגעמאַכטן וועג".

אָבער גאָרנישט האָט שוין געקענט ענדערן די שטימונג. דער געשפּענסט פון דורשט האָט אַרומגענומען דעם בונקער.

יצחק האָט פאַרדרייט אַ ציגאַרעט פון דעם טאַבאַק, וואָס מיר האָבן געבראַכט. ער האָט אַרויסגענומען אַ ברענענדיקן האָלץ פון אייוועלע און פאַררויכערט. פּאַמעלעך און פּאַסמאַקעווענדיק זיך, האָט ער פאַרצויגן דעם רויך און דאַן שווער אָפּגעזיפצט:

— מיר האָבן געהאַט גוטע טעג... נו, מילא, וועט מען זיך צוריק נעמען צו די קוילן מיט די שמאַטעס, ווי אין די ערשטע טעג. אין קאַנאַל האָבן נאָך די שטשורעס נישט אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע וואַסער...

קאַפּיטל אַכט

אַן אָנהויב פון א שיסעריי אין דרויסן האָט אונדז אָנגעזאָגט, אז מען דאַרף פאַרלעשן דאָס פייער און לייגן זיך שלאָפן. כ׳בין געווען אזוי מיד נאָכן שווערן וועג אין קאַנאַל, אז כ׳האָב וועגן קיין שום זאך נישט געקענט טראַכטן און כ׳בין תיכף איינגעשלאָפן. איך בין אַזוי שטאַרק געשלאָפן דעם גאַנצן טאָג, אז איך האָב אַפילו נישט געהערט, ווי ביינאַכט האָבן זיך שוין אלע געהאַט אויפגעהויבן און זיך גענומען גרייטן צום ארויסקריכן זוכן עסן. יצחק האָט מיך אויפגעוועקט, נישט כדי איך זאָל מיטגיין, זיי האָבן געוווּסט, אז איך און דאַניעל וועלן נאָך נישט קענען גיין זוכן אין די קעלערן, נאָר כדי מיר זאָלן צוהעלפן חנהן ביים צוגרייטן דאָס עסן און אויך ביים איבערזייען דאָס וואַסער. כ׳האָב אָבער נישט געקענט אויפהויבן דעם קאָפּ, ער איז מיר געווען זייער שווער און ער האָט מיר שטאַרק ווײ געטאָן, די ביינער האָבן מיר געבראָכן, איך האָב געמוזט ליגן און חנה מיט דאַניעלן האָבן אַליין געמוזט מאַכן די אַרבעט.

ליגנדיק אזוי, האָבן מיר גענומען אָנקומען כלערליי שוואַרצע מחשבות. כ׳האָב געשפּירט, ווי ס׳דריקט מיר אויף דער נשמה. כ׳האָב פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון דאַנען, כאָטש מיטן געדאַנק זיין ערגעץ ווו־אַנדערש, ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט. דאָס ערגסטע אין בונקער איז געווען, ווען מען איז געוואָרן א ביסל קראַנק.

איך האָב גענומען טראַכטן, אפשר זיינען דווקא די שווערי־קייטן גאָר אונדזער רעטונג: טאָג־טעגלעך, יעדע שעה האָבן מיר געמוזט גובר זיין אָנצאָליקע שוועריקייטן און געפאַרן, א ריכטיקע קייט פון סכנות און נויטן, אויב מיר האָבן געוואָלט בלייבן לעבן. איין טאָג איז נישט געווען קיין עסן, דעם צווייטן טאָג איז נישט געווען קיין וואַסער. איין מאָל האָט געדראָט א סכנה פון דער זייט פו־נעם קאַנאַל, א צווייט מאָל פון דער זייט פונעם הויף. איין טאָג

האָבן מיר געמוזט קעמפן קעגן די שטשורעס, א צווייטן טאָג קעגן די פליגן. אָדער מיר האָבן זיך געשראָקן פאר די באָמבאַרדירונגען, אָדער פאר די שיסערייען, אָדער פאר די פּאָסטנס. אָט דער דאָזי־קער טאָג־טעגלעכער גערודער, האָט זיך מיר גענומען דאכטן, איז נאָר א טובה פאר אונדז, ער האָט אונדז נישט געלאָזט ווערן פּאסיוו, אונדז געצוווּנגען, כסדר אָנגעשטרענגען אונדזער אויפמערקזאַמ־קייט, אונדזער שכל, אונדזער דערפינדונגס־גייסט. ווער ווייסט, אויב אָן די אַלע שוועריקייטן און סכנות וואָלטן מיר נישט משוגע געוואָרן אין פינצטערן, עפּושדיקן, ברודיקן בונקער?!

דאָס איז מיר באַזונדערס בולט געוואָרן איצט, ווען כ׳בין גע־לעגן אויף מיין געלעגער און האָב זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז כ׳האָב זיך ממש נישט געקענט געבן א ריר. א מורא האָט מיך אַרומגעכאַפּט פאר דער דאָזיקער שוואַכקייט, פאר דער דאָזיקער אַפּאַטיע. כדי זיך צו באַהערשן, האָב איך אָנגעשטרענגט מיין ווילן און אַוועקגעטראָגן זיך אין געדאַנק קיין פראַנקרייך, קיין פּאַריז אויף רי דע בוא, וווּ איך האָב געוווינט, איידער מען האָט מיך אַרעס־טירט און וווּ איך האָב איבערגעלאָזט א פרוי מיט צוויי זין.

ליגנדיק אויף מיין געלעגער, האָב איך ווי אין א מין פיבער ווידער איבערגעלעבט מיין לעבן. כ׳האָב געטראַכט וועגן די ערשטע הרשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע, זיך דערמאַנט די ערשטע אַנטי־יידישע געזעצן, די ערשטע לאַגערן אין פּיטיווויע און באָן־לאַ־ראָלאַנד, וווּ כ׳בין אויך געווען צווישן די אינטערנירטע.

ווי נאַאיוו זיינען מיר דעמאָלט געווען — האָט עס מיך גענו־מען מאַטערן — אַך, פאַרוואָס האָבן מיר דעמאָלט נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז ס׳זיינען מעגלעך אַזעלכע פאַרברעכנס פון סתם אויסהרגענען מענטשן, אַלט און יונג, פרויען און קינדער. אַך, ווען נישט די נאַאיווקייט אונדזערע וואָלטן מיר דאָך אַלע געקענט אַנט־לויפן פון דאָרטיקן לאַגער. די פראַנצויזישע באַפעלקערונג וואָלט אונדז געהאָלפן. אַך, פאַרוואָס האָבן מיר עס נישט געטאָן! וויפל ליידן, וויפל אומקום וואָלטן פאַרשפּאָרט געבליבן! ווי אין א קאָש־מאַר האָב איך זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיך געדרייט אויף דער האַרטער ערד, ווי אין א בייזן חלום, וווּ מען וויזט איינעם אן אָפּענע טיר און ער קען נישט אַרויס. ער ווייסט,

אז עס לויערט דאָ אויף אים א שרעקלעכע סכנה, אז ער מוז, ער מוז אוועק און ער קען נישט. אין די שלייפן האָט מיר געהאקט... די ליבלעכע בילדער פון מיין לעבן אין פראנקרייך זיינען פארשוווּנדן און ווידער פארביטן געוואָרן דורך די בילדער פון די לעצטע יאָרן, בילדער פון גרויל און שרעק, וואָס הגם כ׳האָב זיי מיט אלע כוחות געיאָגט פון מיר, האָב איך פון זיי נישט געקענט פּטור ווערן. און ווער ווייסט, צי כ׳וועל פון זיי ווען נישט־איז פּטור ווערן!...

יוני 1942, דער וועג קיין אוישוויץ. איינגעפּרעסט אין די וואגאָנען, דריי טעג אָן לופט, אָן עסן, איינגעקוועטשט איינער אין אנדערן, אין פארפּעסטעטער לופט פול מיט געשטאנק פונעם מענטשלעכן געברויך, וועלכן מען האָט געמאכט אינעווייניק. אָבער אפילו דאָרט, אפילו דעמאָלט האָט קיינער פון אונדז זיך דאָך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז מען פירט אלע מענטשן צום טויט. דאָס אראָפּקומען קיין אוישוויץ, וווּ עס־עס און קאפּאָס זיינען געשטאנען מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט און גענומען גלייך שלאָגן איבער די קעפּ און וווּ זיי האָבן נאָר געטראָפן. דעמאָלט איז נאָך די באן נישט צוגעגאנגען צום לאגער, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט צוויי קילאָמעטער ווייטער. דעם גאנצן וועג האָט מען געמוזט לויפן און קלעפּ האָבן זיך געשאָטן פון אלע זייטן. די ערשטע באָד, וואָס מיר האָבן באקומען דאָרט... דעמאָלט איז נאָך נישט געווען איינגעאָרדנט קיין נאָרמאלע באָד צום וואשן זיך, מען איז געשטאנען נאקעט איינער הינטערן אנדערן, פון דרויסן ביז אין קאָרידאָר פון בלאָק. פון קאָרידאָר איז מען אריין אין א צימער, וווּ ס׳איז געשטאנען אין א זייט ביי דער וואנט א וואנע מיט וואסער און דעזינפעקציע־מאטעריאל. אנטקעגן דער וואנע איז געשטאנען א טיש, אויפן טיש אן עס־עס־מאן מיט א גרויסן דראָנג אין דער האנט. ווען ער האָט אריינגערופן א דעפּאָרטירטן, האָט מען געדארפט מיט דער גרעסטער שנעלקייט אריינלויפן אין דער וואנע, אָפּטונקען זיך אין גאנצן און שנעל צוריק ארויס. אויב מען האָט נישט באוויזן עס צו טאָן אזוי שנעל, ווי ער האָט געוואָלט, האָט דער עס־עס־מאן א זעץ געטאָן מיטן דראָנג איבערן קאָפּ, אז מען איז געבליבן ליגן. צוויי קאפּאָס פלעגן ארויסשלעפּן דעם קרבן און די ארבעט איז געגאנגען ווייטער. ווען כ׳בין ארויס פון גיהנום־שטיבל און בין צו צו מיין אָנטועכץ, האָבן זיך ביי מיר די הענט און די פיס און דער גאנצער

קערפּער אזוי געוואָרפן פון אויפרעגונג, אז איך האָב זיך נישט געקענט אָנטאָן.

דער קאָשמאר האָט מיך גענומען ווארגן. כ'האָב ווי נאָך א מאָל געשפּירט די שרעק, די קלעפּ, די דערנידערונג. ס'האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. כ'האָב גענומען שרייען.

חנה מיט דאניעלן זיינען צו צו מיר און מיך גענומען בארואיקן. חנה האָט מיר אָנגעטאפּט דעם קאָפּ: „ער ברענט ווי פייער", — האָט זי געזאָגט צו דאניעלן. זי האָט מיר צוגעדעקט מיט א פּאָר שמאטעס און איך בין ווידער איינגעשלאָפן, דאָס מאָל אָן קאָשמארן. צום גליק איז עס נישט געווען קיין ערנסטער קריזיס און נאָך א טאָג ליגן בין איך צוריק געזונט געוואָרן.

די נייעס, וואָס יצחק און איגנאַץ האָבן געבראכט פון זייער זוכן אין די קעלערן אין דער נאכט נאָך אונדזער קומען פון זשאָליבאָזש, זיינען נישט געווען קיין פריילעכע. זיי האָבן דערזען, אז מענטשן גייען ארום בייטאָג אין די חרובע הויפן און אין די קעלערן און זוכן. זיי האָבן אויך דערקענט, אז דאָס זיינען נישט קיין באַהאלטענע ווי מיר, וואָס זוכן עסן, ווייל בייטאָג וואָלט א באהאלטענער אין א בונקער נישט געוואגט ארויסצוגיין עפּעס זוכן. זיי האָבן אויך געזען, אז ס'ווערט ארויסגענומען נישט קיין עסן נאָר פארשיידענע זאכן. אין איין קעלער האָבן זיי געזען, אז ס'זיינען נאָר־וואָס אָפּגעהאקט געוואָרן אלע עלעקטרישע מאטעריאלן, דראָטן, קאבעל, אדג"ל. אין א צווייט אָרט האָבן זיי,אדורכלויפנדיק א הויף פון איין קעלער אין צווייטן, באמערקט, אז ס'ליגן זאָרגפעליק צוזאמענגענומען מעבל און גוייזנווארג, ווי מען וואָלט עס געהאט צוגעגרייט צומאָרגנס אוועקצופירן. ס'איז פאר אונדז קלאָר געוואָרן, אז די דייטשן שיקן מסתמא ציווילע מענטשן פון לעבן ווארשע, כדי ארויסצונעמען אלע זאכן, וואָס קענען האָבן פאר זיי א ווערט און ארויספירן עס קיין דייטשלאנד. אונדזער מיינונג האָט זיך געשטיצט אויף דער דערפארונג פון געטאָ, פון וואנען די דייטשן האָבן אליין, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, פון עלעקטרישע זאכן, ביז צעבראָכענע ציגל און אלט אייזן, ארויסגעפירט קיין דייטשלאנד. און קיין לעבעדיקע שקלאַפן פעלט זיי נישט דאָס אלץ צו מאַכן. (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אונדזער השערה איז טאַקע געווען א ריכטיקע).

נייע געפארן און שווערקייטן זיינען אַנטשטאנען. מיטן צוריק פארלירן דאָס וואסער האָבן מיר ווידער געמוזט אָנקומען צום אומריינעם וואסער פון קאנאל, וואָס טראָץ אלע דעזינפעקציעס, וועלכע מיר האָבן געמאַכט, איז תמיד געווען די סכנה פאַרסמט צו ווערן דורך אים. איצט האָט אונדז געדראָט צו פארלירן די מעגלעכקייט צו געפינען עסן, ווייל אין די קעלערן, ווו די מענטשן וועלן אריינקומען, וועלן זיי אלץ צונעמען. א חוץ דעם איז אנטשטאנען די געפאר, אז זוכנדיק, קענען זיי א מאָל דערגרייכן אין דער הויך צו בארג גרוזעס, וואָס אונטער אים זיינען מיר געלעגן.

די שיסעריי אין דער הויך איז די לעצטע טעג געוואָרן אן אנדערע. פריער פלעגט דאָס שיסן אָנגיין א גאנצן טאָג זייער שטארק פון האַרמאַטן און אוויאָנען. די לעצטע טעג האָט זיך דאָס געענדערט. די קאמפן זיינען געוואָרן אלץ שוואכער. פון צייט צו צייט פלעגט מען זיך אדורכשיסן. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט עס געטאָן סתם פון לאנגווייליקייט. עס האָט זיך געמערקט, ווי פון ביידע זייטן גרייט מען זיך צו א גרויסער אָפענסיווע. אָבער ווען? די רואיקייט פון דער אנדער זייט ווייסל, פון פראגע, האָט אונדז געשראָקן. ווער ווייס, ווי לאנג עס וועט נאָך אזוי דויערן. די שטילקייט פון דער זייט פון פראגע איז געווען אזוי גרויס, אז צומאָל, ווען מיר פלעגן זיך ארויפדראפען צו דער עפענונג, וואָס פלעגט פירן אין דרויסן, פלעגט מען דערהערן פון יענער זייט קלאנגען פון מוזיק. מיר האָבן פון דעם געמאכט די השערה, אז די אָפענסיווע, אויף וועלכער מירווארטן מיט אזא אומגעדולד, איז נישט אויף באלד. א מאָדנע זאך: דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב דערהערט די מוזיק, איז דאָס געווען באלד נאָך מיין צוריקקומען פון זשאָליבאָזש. איך בין נאָך אַלץ געווען שוואַך פון דעם גאַנג דורכן קאנאל, און האָב זיך אויך געהאט א ביסל פארקילט. די שטיקנדיקע לופט אין בונקער האָט מיר נישט געלאָזט אָטעמען. דעריבער ווי נאָך ס'איז געוואָרן פינצטער, האָב איך זיך ארויפגעדראפעט צו דער לאָך פון ארויסגאנג, ארויסגעשטעקט דעם קאָפ און איינגעאָטעמט א ביסל פרישע לופט. דער גאנצער ארום איז געווען איינגעטונקט אין א דיקער פינצטערניש, ס'איז געווען שטיל ווי אויף א בית=עולם. מיט א מאָל — א קלאנג פון מוזיק פון דער ווייטנס, פון דער זייט פון פראגע. צוערש גאנץ שטיל. איך האָב גוט אָנגע=

שטרענגט מיין געהער, איך האָב מיר אליין נישט געגלויבט, דאָ מו־
זיק? אָבער באלד האָב איך דערהערט, העכער און העכער, די קלאַנ־
גען פון א הארמאָשקע, וואָס האָט זיך צעלאָזט מיט דער גאנצער
שטאַרקייט. עס איז געווען פאר מיר ווי א גרוס פון יענער וועלט
און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי דאָרט לעבן שוין מענטשן
פריי, ווי אין א רעדל ארום א הארמאָשקע טאַנצן די רויט־ארמייער
זייער קאַזאטשאָק. און מענטשן, אזוי ווי איך, מענער און פרויען,
מיידלעך, קינדער, שטייען און קוועלן, צי אפשר מישן זיי זיך אויך
אריין אין ראָד און טאנצן מיט. כ'האָב פלוצלונג דערשפירט אזא
ברענענדיק לעבצן נאָך פרייהייט, נאָך א לעבן מיט אלע מענטשן
גלייך, אז ס'האָט מיר פארדריקט ביים הארצן. די מוזיק האָט מיר
גענומען זעצן אין די שלייפן, איך האָב זיך דערפילט נאָך אומגליק־
לעכער ווי שטענדיק. איך האָב זיך פארשטעקט די אויערן און בין
אראָפ אין בונקער אריין.

שפעטער, ווען דאָס האָט זיך איבערגעהזרט עטלעכע מאָל, בין
איך שוין געווען אזוי צוגעוווינט, אז איך פלעג שוין וואַרטן,
ס'זאָל ווערן נאכט, כדי איך זאָל ארויסשטעקן דעם קאָפ, אפשר וועל
איך ווידער דערהערן די מוזיק. עס האָט מיר איצט געגעבן ווילן
און גלויבן, אז אלץ איז נאָך נישט פארלוירן.

די ווייטערדיקע טעג האָבן טאקע באשטעטיקט דאָס, וואָס מיר
האָבן געטראכט: יעדן טאָג געפינען זיך מענטשן אויף די חורבות
און אין די קעלערס. זיי זוכן און נעמען צו אלץ, וואָס זיי געפינען
דאָרט. ווען מיר פלעגן ארויסגיין ביינאכט זוכן עסן, פלעגן מיר מער
ווי איין מאָל קומען צוריק מיט ליידיקע הענט. האָט מען שוין יאָ
עפעס געפונען, איז דאָס געווען אזעלכעס, וואָס מען האָט נישט גע־
קענט עסן. רעשטן פון שפייז, אויסגעשיט און אויסגעמישט מיט
זאמד. מיר האָבן עס אָבער דאָך אריינגענומען אין בונקער אריין.

איין מאָל האָט איגנאַץ נאָכן ארומלויפן איבער זייער א סך
קעלערס געפונען א האלבן זאק מיט האָבער. ער האָט זיך שטארק
דערפרייט, אים געשלעפט מיט אלע כוחות, ביז ער האָט אים אריינ־
געבראכט אין בונקער אריין. אז יצחק האָט עס דערזען, האָט ער
אויפגעהויבן א פאָר אויגן אויף אים:

— וואָס האָסטו געבראכט איגנאַץ, — האָט ער אים א פרעג
געגעבן, — דאָס איז דאָך פאר פערד?

איינגאַץ האָט אים אָנגעקוקט און מיט אַן ערנסטער מינע אים געענטפערט:

— און מיר, וואָס זיינען מיר? לייבן? נאָך ערגער ווי פערד. און אראָפּלאָזנדיק די אויגן, האָט ער צוגעגעבן:

— אז מען וועט נישט האָבן עפּעס אנדערש, וועט מען עס גאַנץ געשמאַק עסן.

יאָ, עס איז טאַקע שפּעטער געקומען א צייט, ווען מען האָט עס געגעסן. אָבער מער ווי אַלצדינג האָט געמאַטערט דאָס וואַסער. מען האָט זיך אויך געדאַרפט פון צייט צו צייט וואַשן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אז מען גייט נישט ארוים זוכן קיין עסן, נאָר יעדער נאַכט גייט מען אין קאַנאַל זוכן וואַסער.

— אויב עס איז געווען אין איין אָרט, — האָט חנה זיך גע־בעטן, — קען זיין, אז עס איז דאָ אין אנדער־ע ערטער אויך. מען דאַרף זוכן, ווייל אָן וואַסער צו וואָס טויג דאָס לעבן?

כ'זאָג, מיר האָבן עס „באַשלאָסן". אזוי איז געווען ביי אונדז אין בונקער: יעדע ענדערונג, וואָס מיר האָבן געוואָלט מאַכן אין אונדזער לעבנס־שטייגער, — איז נישט געקומען פון זיך אַליין, נאָר מען האָט זי ארומגערעדט און באַשלאָסן, מיר זיינען נישט געווען דאָרט סתם קיין אַכט מענטשן, נאָר א קאָלעקטיוו, וו אַלץ האָט געהערט צום קאָלעקטיוו.

ווי נאָר די נאַכט איז אָנגעקומען, זיינען אראָפּ אין קאַנאַל יצחק און איינגאַץ אין איין זייט, אויף רעכטס פון אונדזער בונקער, און טאַמעק מיט באַסקלען לינקס פון בונקער זוכן וואַסער. זיי זיי־נען געגאַנגען לאַנגזאַם, גוט צוגעהערט זיך צו יעדן שאָרך, אפשר וועלן זיי עפּעס דערהערן ווי דאָס ערשטע מאָל, געטאַפּט די ווענט און נאָך לאַנגע זוכענישן זיינען זיי געקומען מיט גאָרנישט. אָבער מיר האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און ערשט אויף דער דריטער נאַכט, ווען יצחק מיט דאַניעלן זיינען אוועק זייער ווייט, אוודאי א קילאָמעטער פון אונדזער בונקער, האָבן זיי באַמערקט, ווי פון א וואַנט ביי א קרייץ־וועג רינט וואַסער. ס'האָט גערונען נישט ביי דער ערד, דאָס וואָלטן זיי נישט באַמערקט, ווייל דאָ איז געווען נאָך גע־נוג וואַסער אויף דער ערד, נאָר העכער. אין אַן אָרט, וו די וואַנט פון קאַנאַל איז צוליב אַלטקייט נישט מער געווען אזוי פעסט און דאָס וואַסער איז דאָ שוין גערונען נישט אין טראָפּנס, נאָר איז

געפּלאָסן ווי א קליין שנירעלע. ווען מען האָט אונטערגעשטעלט א קובל, האָט ער זיך גלייך אָנגעפּילט מיט וואסער. פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען א גאנץ נאטירלעכע דערשיינונג, נישט קיין נס, נאָר פאר אונדז איז דאָס געווען א גליק. ס'איז אָבער געווען פארבונדן מיט א געפאר: ביזן צוקומען צו דעם אָרט פונעם וואסער האָט מען געמוזט דורכגיין אונטער אַן עפענונג אין דרויסן ארויס, געוויינטלעך צוגעדעקט מיט א קלאַפּע, איבער וועלכער ס'איז געשטאנען א דייטשער פּאָסטן, וואָס איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק. מער ווי איין מאָל האָט זיך געמאכט, אז די דייטשן פלעגן עפענען אזא קלאַפּע און ארייַנווארפן א גאז־באָמבע. יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגן גיין ברענגען וואסער, האָט מען געמוזט גוט אַכטונג געבן, אז די דייטשן זאָלן אין דער הויך נישט דערהערן. דערפאר האָבן מיר איצט געהאט וואסער מערער ווי פריער, אפילו צום וואשן זיך אויך.

יעדן אָוונט, ווי נאָר עס איז געוואָרן פינצטער, פלעגן, לויט דער ריי, צוויי פון אונדז זיך אראָפּלאָזן אין קאנאל מיט צוויי קובלעס און אוועקגיין אויף דער רייזע. די איבעריקע האָבן זיי באגלייט מיט ברכות, זיי זאָלן בשלום קומען צוריק.

א פּאָר טעג איז אין בונקער געווען רואיק. דאָס לעבן איז געגאנגען „נאָרמאל“ אָן שום באזונדערע אויפטרייסלונגען. א גאנצן טאָג זיינען מיר געלעגן און ווי נאָר ס'איז געוואָרן נאכט, האָבן זיך אַנגעהויבן אונדזערע עקספּעדיציעס, פון ארויסציען זיך אין דרויסן און זוכן אין די קעלערס. ס'האָט אָנגעהויבן שוין אויסצופעלן אין דער נאָענט ארום אונדז און מען האָט געמוזט גיין זוכן גאנץ ווייט. נישט בלויז עסן, נאָר אפילו האָלץ און קוילן איז שוין אויך נישט געווען דערגעבן און עס האָט געדויערט לאנגע, לאנגע שעהן, ביז מען האָט עפּעס געפונען. אָבער ס'איז אדורך אָן אינצידענטן, יעדער איז געקומען צוריק און עפּעס געבראכט און מיר זיינען געווען צופרידן. קאַזשיק אָבער, אונדזער גלח, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָבן מיר נאָך אלץ נישט געלאָזן גיין, ווייל ער איז נאָך נישט געווען אין גאנצן געזונט. אמת, דער הוסט האָט ביי אים א ביסל אויפגעהערט, אָבער ער האָט זיך געקלאָגט אלע מאָל אויף ווייטיקן אין בויך, ער האָט באקומען פון צייט צו צייט קראמפּן.

מיר פלעגן נישט אדורכלאָזן קיין איין נאכט, יעדע נאכט גע־

לאָפּן זוכן, ווייל מיר האָבן געהאַט עפּעס ווי א פאָרגעפיל, אז אונ־דזער זיין וועט נאָך לאַנג דויערן. די אילוזיע, אז מיר זיינען דאָ צייטווייליק און יעדן טאָג קען זיך אָנהויבן די אָפענסיווע פון דער רויטער ארמיי, איז אוועק. מיר האָבן באמערקט, ווי די דייטשן פארפעסטיקן זיך דאָ ביי דער ווייסל מיט יעדן טאָג אלץ מער און שטארקער און עס קען געדויערן ווער ווייסט ווי לאנג, ביז די רויטע ארמיי וועט שטורעמען די ווייסל, אפשר חדשים און אפשר גאָר ביז איבערן ווינטער, וואָס איז שוין נישט געווען ווייט. צוליב דעם האָבן מיר אויפגעהערט צו לעבן פון טאָג צו טאָג און אָנגעהויבן זיך צו פארזאָרגן אויף שפעטער. מיר האָבן דעריבער נישט געטאָרט אדורכ־לאָזן קיין איין נאַכט.

ס'האָבן זיך ביסלעכווייז ארייגעכאַפּט אין בונקער די געוווינ־הייטן פון אָפּשפּאָרן אפילו פון דעם קליינעם ביסעלע, וואָס מיר האָבן געהאַט; דאָס באהאלטן אויף שפעטער, אויף מאָרגן, כאָטש דער מאָרגן איז נישט געווען קיין זיכערער, מען האָט בכלל נישט געקענט וויסן, צי מיר האָבן נאָך א מאָרגן. מיט יעדן טאָג איז גע־וואָרן ערגער. עס איז ביי אונדז אין בונקער געשען, דאַכט מיר, דאָס פארקערטע, וואָס עס וואָלט נאָרמאל געדארפט געשען אין אַזעלכע באַדינגונגען. געוויינטלעך, ווען מען ווייסט נישט, וואָס אַ שעה אַרום קען ברענגען, איז שווער צו בלייבן הונגעריק און לאָזן א ביסל שפייז אויף שפעטער. נישט איינמאָל פלעגט טאַקע איינגאַנץ אַ זאָג געבן: „צו וואָס הייגט בלייבן הונגעריק און איבער־לאָזן אויף מאָרגן, ווען איך וויים נישט, צי איך וועל מאָרגן נאָך לעבן?“. זיכער האָבן אנדערע אויך אזוי געטראכט. עס האָט אָבער געשוועבט ביי אונדז אין בונקער, טראָץ אלע שוועריקייטן, א גייסט, וואָס האָט אונדז באווירקט, מיר זאָלן זיך נישט אָפּרייסן פון מאָרגן. פארקערט, מיר זאָלן אים שטענדיק זען און טראכטן פון אים נישט צום שלעכטן, נישט מיט יאוש, נאָר מיט גלויבן, אז דער מאָרגן וועט זיין צום גוטן. אפילו אין איינעם א טאָג, ווען די שלאַכטן זיי־נען געווען גאָר שטארק, ווען די באָמבעס האָבן אויפגעריסן אזוי נאָענט פון אונדז, אז מיר האָבן געמיינט, זיי וועלן אונדז ארויס־רייסן און אונדז אוועקטראָגן מיטן בונקער צוזאמען ווייט, ווייט פון דאַנען. ווי נאָר אָבער ס'איז געוואָרן רואיק, האָט דאָס געפיל פון א נאָענטער פרייהייט, וואָס אונדז האָט זיך געדאכט, אז מען קען

זי שוין אָט אָט אָנטאַפּן מיט די הענט, אונדז ווי פאַראייניקט מיט דער וועלט פון לעבן. פּונקט ווי א מענטש וואָס בלאָנדזשעט אין א פינצטערן, געדיכטן וואַלד און איז שוין כמעט אָן כוחות, דערזעט אַ קליין, פייערל. דאָס פייערל איז נאָך גאַנץ ווייט, אָבער עס לאָזט אים נישט פאַרצווייפלען.

ווען ס'פלעגן פאַרבייגיין עטלעכע טעג רואיקע, אָן אויפטרייסלונ־גען, אָן ערנסטע געשעענישן און סכנות, פלעגט די אטמאָספער אין בונקער ווערן שיער נישט א פריילעכע. מען האָט זיך געוויצלט, חנה האָט געגומען נאָכן עסן; זיך גענומען מאַכן אַ ביסל שטאָלעט, קוקן לענגער אינעם שפיגל, וואָס זי האָט געהאַט, אָפּגעלייגט זיך א ביסל די האָר. דאַניעל האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן און סאַמעק האָט, לאכנדיק איר אין די אויגן אריין, געפרעגט, אין וועלכן טעאַטער זי וויל גיין. עס האָט אויסגעזען נישט ווי אין א בונקער, נאָר גיכער ווי א משפחה וואָלט זיך דאָ געהאַט צונויפגע־קליבן פון איינענעם ווילן, כדי צו לעבן צוזאַמען.

איין זאַך האָט אונדז אָבער געגומען באַאומרואיקן: אונדזער גלח קאַזשיק האָט זיך אַלץ אָפטער גענומען קלאָגן אויף ווייטיקן אין בויך. בייגאַכט, ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום ארויס־גיין איז קאַזשיק געבליבן ליגן אויף דער ערד, זיך נישט אויפגע־הויבן ווי געווייגלעך און איבערגעדעקט מיטן פאַלטן איבערן קאָפּ שטאַרק געקרעכצט. מיר האָבן זיך דערשראָקן, ווייל מיר האָבן דער־זען, אז ער איז ערנסט קראַנק. חנה האָט אונדז באַרואיקט. זי וועט אים באַלד מאַכן א ביסל וואַרעם וואַסער, האָט זי געזאָגט און האָט אונדז געוווּנטשן, ווי שטענדיק, אז אַלע זאָלן צוריקקומען בשלום.

אָבער רואיק זיינען מיר שוין נישט געווען. דאָס גאָך האָט אונדז געפעלט. יצחק, דער נישט פאַרענדיקטער דאָקטער, איז פאַ־ן אַוועקגיין צוגעגאַנגען צום גלח, א טאַפּ געטאָן זיין קאָפּ. — ער ברענט ווי פייער, — האָט ער געזאָגט צו אונדז. — ווער ווייסט, צי עס איז נישט קיין טיפוס — האָט ער צוגעגעבן אין דער שטיל.

— אויב אזוי וועל איך בלייבן מיט חנהן — האָט איינגאַ־ין געזאָגט אויף יידיש, — דער גלח זאָל נישט פאַרשטיין, זי איז יונג, זאָל זי נישט צוגיין צו אים. איך וועל אים באַדינען, מיר וועט נישט שאַטן.

אַלע זיינען מיט דעם מסכים געווען.

אונדזער אלעמענס באציאונג צום גלח איז געווען זייער א פריינדלעכע און מיט א געוויסן רעספעקט, ווי עס פּאַסט לגבי א פאָרשטייער פון א רעליגיע. אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט דער גלח איז אריין צו אונדז אין בונקער, האָבן מיר באמערקט, ווי איגנאץ האָט גענומען ארומגיין ארום אים, פארנעמען זיך מיט אים, פאראינטערעסירן זיך מיט אים, מער ווי מיר אלע. הגם ער האָט גאָרנישט געזאָגט, האָבן מיר פארשטאנען, אז ער טראכט דערביי וועגן דער אלטיטשקער פרומער קריסטין, וועלכע האָט מיט קנאפע צוויי יאָר צוריק איינגעשטעלט דאָס לעבן פאר אים און אים געראטעוועט. טוענדיק גוטס דעם גלח, דינט ער איר אָפּ פאר איר הילף. איגנאץ האָט טאַקע די אלטיטשקע פרומע פרוי קיין מאָל נישט פארגעסן און אלע מאָל האָט ער געפונען עפעס אנדערש צו דערציילן וועגן איר און זי צו באוונדערן. מיר האָבן זיך ביסלעכווייז דערוווסט פון אים איר גאנצע ביאָגראפיע, אזוי צו זאָגן. זי איז אונדז אלעמען געוואָרן א באקאנטע, א פריינדין, א קרובה, קען מען זאָגן. וואָס איגנאץ האָט נישט דערציילט, אָדער אליין נישט געווסט, האָט אונדזער פאַנטאַזיע דערגאנצט. אינעם בונקער האָט זיך די פאנטאזיע גיריק אָנגעכאפט אין יעדער זאך, וואָס זאָל איר דינען ווי א נארונג אין אָט דער פינצטערער, פון יעדן לעבעדיקן קאָנטאקט אָפּגעריסענער וועלט. אזוי איז ביסלעכווייז פאר אונדז אנטשטאנען א לעבעדיק בילד פון אָט דער ברייטהארציקער, מענטשליבנדיקער פרוי.

געווען איז זי א סטרוזשקע, האָט געמוזט נאָך אויף דער עלטער קערן דעם הויף און ראָמען, כדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן. פון איר אָרעמען פארדינסט פלעגט זי איצט נאָך מוזן געבן צו עסן אויך איגנאַצן. ער האָט כסדר עס דערמאָנט. — טיילמאָל — האָט ער דערציילט — פלעגט זי נאָך אויף מיר שרייען, ווען איך פלעג איר זאָגן, אז איך שעם זיך, וואָס זי דארף נאָך ארבעטן פאר מיינעטוועגן. — העלפן יענעם אין א נויט, האָט אונדז גאָט געהייסן, — פלעגט זי ענטפערן און ווען איך פלעג איר זאָגן, אז נישט אלע אָבער טוען אזוי, איז איר איינציקער ענטפער געווען: „נו, וועט זיי גאָט שטראָפן“. זי האָט עס געמיינט מיט גאנצן הארצן און האָט געגלויבט אין דעם. די גאנצע וווינונג אירע איז באשטאנען פון א קיך, וווּ ס'איז געווען א פענצטער אין הויף אריין און פון ווו ס'האָט גע-

פירט אן ארייגגאנג אין א צווייט שטיבל, וועמענס טיר איז געווען פארהאָנגען מיט א קאָלדרע. אין שטיבל איז קיין פענצטער נישט געווען. ביי איין זייט וואנט איז געשטאנען א בעט, דאָרט איז זי געשלאָפן, ביי דער צווייטער זייט וואנט אנטקעגן איז געשטאנען א קאָמאָד מיט שופלאדן, ווי זי פלעגט האלטן אירע זאכן. אויפן קאָמאָד האָט זי מיר אויסגעבעט בייגאכט צום שלאָפן. א גאנצן טאָג בין איך געזעסן אין פינצטערן שטיבל, צווישן איר בעט און דער וואנט. א ווינקל פונעם שטיבל האָט זי פארהאָנגען מיט אן אלטער קאָלדרע. דאָס האָט געזאָלט דינען פאר מיר צו באהאלטן זיך, טאָמער וועט ארייגקומען א מענטש און וועט ארייגקוקן אין צווייטן צימער. קיין קינדער אין ווארשע האָט זי נישט געהאט. אירער א זון איז אַוועק אין אָנהויב פון קריג און זי האָט מער נישט געוווסט, ווי ער איז. א התונה געהאטע טאָכטער האָט געוווינט אין א דאָרף, פון וואנען זי פלעגט שיקן פון צייט צו צייט א ביסל קארטאָפל, ציבעלעס און א מאָל אויך א שטיקל פעטס. ווען די אלטיטשקע פלעגט אוועקגיין, פלעגט זי פארשליסן די טיר און לאָזן א צעטל, אז זי איז נישטאָ, מען זאָל נישט קלאפן, כדי איך זאָל זיך נישט דערשרעקן.

ווען איגנאץ פלעגט אָנהויבן דערציילן וועגן דער אלטיטשקער, פלעגט ער גאָרנישט קענען אויפהערן: שטעלט אייך פאָר, יעדעס מאָל ווען זי פלעגט קומען פון גאס, פלעגט זי זיין אין גאנצן אויפגערעגט און זיך לאנג נישט קענען בארואיקן: „גאָט וועט זיי באצאָלן! גאָט וועט זיי באצאָלן!“ האָט זי כסדר געשעפטשעט, ארומגייענדיק אין ענגן קיכל אהין און צוריק און איבערשטעלנדיק אלע ווײלע דאָס בענקל פון איין אָרט אויפן אנדערן. כ׳האָב שוין געוווסט, וואָס דאָס באדייט און כ׳האָב שוין גאָרנישט געדארפט פרעגן. מסתמא האָט זי שוין ווידער געהערט פון יענער זייט מויער געוואלדן און געוויינען פון קינדער, ווען מען פלעגט זיי שלעפן אויפן אומשלאג=פלאץ און די קולות זיינען אריבער איבערן מויער פון לעשנע=גאס. שטענדיק ווען זי פלעגט הערן אזעלכע שרעקלעכע קולות, האָט זי געהאט אזא אָנפאל, אז זי פלעגט זיך אזש צעוויינען.

איגנאץ פלעגט ווערן גאנץ טרויעריק, ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אָן די סצענעס. ער פלעגט אראָפּלאָזן די אויגן אויף דער ערד, מען זאָל נישט באמערקן, ווי טרערן רינען אים פון די אויגן און ער פלעגט נעמען ריידן ווי צו זיך אליין:

— וויפל אָבער זיינען געווען צווישן אָט די אלע דורכגייער, אזעלכע ווי די אלטימשקע, וואָס די יידישע געוויינען זאָלן זיי אזוי ווייי טאָן ווי איר, ס'זאָלן זיי רירן די געשרייען און געוואלדן פון יע־נער זייט מויער? נישט קיין סך. א טייל פלעגן עס אויפנעמען מיט גלייכגילטיקייט, אפילו זיך נישט אָפּשטעלן, און אנדערע אפילו מיט פרייד, וואָס מען ראָט אוים די יידן. זיי האָבן דאָך שוין לאַנג גע־וואַרט, פטור צו ווערן פון זיי. און פאַרוואָס? — פלעגט זיך איגנאַץ שטענדיק פרעגן, — פאַרוואָס? וואָס פאַר א שלעכטס האָבן די יידן געטאָן זייערע שכנים און פאַרוואָס זיינען נישט געווען אלע, אָדער לכל הפחות די מייסטן אָט אַזוי ווי זיין אלטימשקע? וויפל יידן וואָלטן דאַן געקענט בלייבן לעבן...

ביי יעדן דערציילן וועגן דער אלטימשקער סטרוזשקע פלעגט איגנאַץ שטעלן אזעלכע און נאָך אנדערע פראַגן. ער האָט נישט גע־וואַרט מען זאָל זיי אים פאַרענטפערן, ווייל ער האָט עס סיי ווי סיי נישט געקענט פאַרשטיין. ער, דער פּראָסטער, ערלעכער אַרבעטס־מענטש האָט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס ס'איז פאַראַן אַזוי פיל האַס און שנאה אויף דער וועלט! הגם ער האָט שטענדיק גע־רעדט מיט אזא פאַרביטערטקייט וועגן דעם אלעמען, האָט מען אָבער באַמערקט, אז ער, איגנאַץ טראָגט צו קיינעם נישט קיין האַס. אפשר האָט די ערלעכע פּוילישע פרוי, וואָס האָט פאַר אים, דעם ייד, וועלכן זי האָט פריער נישט געקענט, אזוי פיל געטאָן אָן שום באַצאָלעכץ און אָן שום נוצן פאַר זיך, אפשר האָט זי אזוי געווירקט אויף אים. יאָ, זי איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן ווי א סימבאָל פון גוטסקייט. און איצט, ווען דער גלח האָט זיך געגוויטיקט אין הילף, האָט זיך איגנאַץ טאַקע אָנגעבאָטן מיט זיין לייב און לעבן. אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן, אז קיין שום זאַך איז נישט גע־ווען אין בונקער אויסער א ביסל וואַרעם וואַסער מיט רומיאַנעק, וואָס ער האָט מיט א פּאָר טעג צוריק געפונען. ער האָט עס כסדר געוואַרעמט און מיט דעם געגערט דעם גלח, ווי מען קאָרמעט א קינד.

ווען מיר זיינען צוריק געקומען אין א פּאָר שעה אַרום פון זוכן אין די קעלערן, האָבן מיר געטראָפן זיצן חנהן מיט איגנאַצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן. ווען מיר וואָלטן נישט געהערט דעם קרעכצן פון גלח, וואָלטן מיר זיכער גע־

מיינט, אַז ער איז געשטאָרבן. אַזוי האָבן חנה און איגנאַץ אויסגעזען. זיי זיינען געווען אַזוי צעמישט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אונדז. זיי זיינען געזעסן שטיל און טרויעריק, נישט אַזוי ווי שטענדיק, ווען מען פֿלעגט צוריקקומען אין בונקער און ס'פֿלעגט ווערן אַזוי פֿריילעך, וואָס אַלע האָבן זיך אומגעקערט בשלום. דער גלח האָט כסדר געקרעכצט אויפֿן קול. ער האָט געהאַט גרויסע ווייטיקן אין בויך און מען האָט געזען, אַז די היץ האָט זיך געשטאַרקט ביי אים פֿון שעה צו שעה. יצחק איז גלייך צו אים צוגעגאַנגען, ... אַריינגעקוקט אים אין די אויגן, גענומען דעם פּולס, באַטאַפּט דעם בויך זיינעם. מיר אַלע זיינען געשטאַנען און געוואַרט מיט שרעק און ציטער אויף דעם דיאַגנאָז פֿון יצחקן. און הגם מיר האָבן זיך שוין געריכט אויף דעם, וואָס ער וועט זאָגן, האָבן מיר דאָך מורא געהאַט פֿאַר זיין פֿעסטשטעלונג. יצחק האָט אונדז אָנגעקוקט און גאָרנישט נישט געזאָגט, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— טיפֿוס? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן. ער האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף יאָ: „אַ בויך־טיפֿוס“.

אַזוי ווי אַ דונער וואָלט פֿלוצלונג אַריין צו אונדז, אַזוי האָט יעדערן אַ זעץ געגעבן אין האַרץ דער ענטפֿער זיינער. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין בונקער. יעדערער האָט געקוקט אין דער זייט, וווּ דער גלח איז געלעגן אין ווייטיקן, און האָט זיך געטראַכט: מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט ער אויך אַזוי ליגן און זיך מאַטערן אין יסורים, ביז ער וועט אויסגיין. ווייל ווי איז מעגלעך זיך נישט אָנצושטעקן אין אַזאַ ענגן בונקער, וווּ מען ליגט צוזאַמען, מען אָטעמט צוזאַמען? אָבער וואָס טאָן? האָט זיך יעדערער געפֿרעגט אין געדאַנק און אייגער האָט געוואַרט אויפֿן צווייטן, אַז ער זאָל געפֿינען עפּעס אַן אויסגאַנג. קיינער האָט אָבער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

קאַזשיק האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, וואָס ער האָט געהאַט געהאַלטן פֿאַרמאַכט פֿון גרויס ווייטיק און אַ קוק געגעבן אויף אונדז, זיינע אויגן זיינען געווען פֿול מיט טרערן און שטיל האָט ער אַ זאָג געגעבן מיט אַ קול, אין וועלכן ס'האָט געציטערט אַ געבעט: זייט מיר מוחל, וואָס איך דין אייך אָפּ מיט שלעכטס פֿאַרן גוטס, מיט וועלכן איר האָט מיך אויפֿגענומען. אָבער וואָס קען איך טאָן?

איך בין נישט שולדיק. איך וויל אויך לעבן, האָט ער געזאָגט, נאָך שטילער, א מאך געטאָן מיט דער האנט, אויסגעדרייט זיך אויף א זייט און ווידער צוגעמאכט די אויגן.

מיר האָבן זיך פון זיינע רייד ווי אויפגעכאַפּט. מיר האָבן אָבער קיין סך צווישן זיך נישט גערעדט. דאָס געשפּרעך האָט זיך מער נישט געבונדן, די נייע געפאר, אויף וועלכער מען האָט זיך גאָרנישט געריכט, האָט געשוועבט איבער אונדז, האָט אָנגעפילט דעם גאנצן בונקער מיט שרעק און זאָרג און אנטלויפן פון איר האָט מען נישט געקענט. מיר זיינען אפילו שוין געווען צופרידן, וואָס ס'איז געוואָרן טאָג, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי. מיר האָבן פארלאָשן דעם לאָמפּ און זיך געלייגט שלאָפן. אָבער שלאָפן האָט קיינער נישט געקענט. מען האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אנדערער און פון די טיפע זיפצן, וואָס איך האָב געהערט אלע מאָל פון עמעצן אנדערן, האָב איך פארשטאנען, אז קיינער שלאָפט נישט, פּונקט ווי איך, און יעדערער טראכט וועגן דער זעלבער זאך, וועגן דער געפאר, וואָס דראָט אונדז, און וואָס מיר אליין האָבן זי פאראורזאכט. איך האָב אויך געטראכט וועגן די מיטלען, וואָס מיר קענען אָננעמען. קיין סך מיטלען זיינען נישט געווען. בעסער געזאָגט — ס'איז געווען נאָר אייגער: מאכן, ער זאָל וואָס שנעלער שטארבן און אַוועקלאָזן דעם גוף מיטן וואַסער פון קאַנאַל. אָט דאָס האָבן מיר אלע געטראכט נאָך פארן לייגן זיך שלאָפן און יעדער פון אונדז האָט מורא געהאט עס צו זאָגן, הגם יעדער האָט געזוכט און אפשר געפונען א בארעכטיקונג: מיליאָנען יידן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אָט דאָ אויף דעם אָרט, וווּ מיר געפינען זיך. יעדער שפּאַן פון דאָ איז דורכגעזאפּט מיט יידיש בלוט. פארוואָס־זשע זיינען זיי אומגעבראכט געוואָרן? צי האָט ער, דער גלח, געהאָלפן ראטעווען איין ייד? און אפשר זיינען שוין קיין יידן אינגאנצן נישטאָ, אפשר איז די נאצים געלונגען אויסצוהרגענען אלע יידן פון די מדינות, וואָס זיי האָבן באהערשט, און עס וועט אפילו נישט זיין קיין לעבעדיקער עדות, וואָס זאָל דערציילן וועגן די פארברעכנס. אפשר איז אָט די מיסיע אויסגעפאלן טאקע אויף אונדז? זאָלן מיר איצט צוליב אים אומקומען?

אָבער איינציייטיק האָט אויפגעוואכט דאָס געפיל פון רחמנות, וואָס האָט זיך גענומען אמפערן מיט אלע אונדזערע תירוצים: ער

איז דאָך אין דעם אַלעמען נישט שולדיק, ער האָט דאָך אויך געקעמפט אין צייט פון אויפשטאנד קעגן דעם זעלבן שונא, אמת נישט מיט די זעלבע כוונות, נישט פאר אונדז זיך אָנגענומען, נאָר פאר זיין לאנד ווי א פוילישער פאטריאָט. אָבער וואָס איז שייך צו זוכן א פארוואָס, אבי ער האָט געהאָלפן שלאָגן דעם דייטש? נאָר רחמנות איז נאָך געווען ווייניק, גאָרנישט. ס'האָט זיך אריינגעמישט דער געוויסן. אוי, דער געוויסן... ער איז געווען שטארקער ווי אלע. ער, דער געוויסן, בעט נישט, ער פאַלט נישט צו דיינע פיס, ער זוכט נישט ארויסצורופן קיין רחמנות. פארקערט, ער באפעלט, ער צעשלאָגט אלע דיינע תירוצים און כלומרשטע לאָגיק. ער ווייזט דיר, אַז דיר גייט דאָ נישט וועגן קיין שום מיסיעס, וועגן קיין שום דאַגות פארן כלל, נאָר וועגן אויפהאלטן דיין אייגענעם לעבן, וועגן ראַטעווען זיך, זאָל זיין אַפילו אויפן חשבון פון אַן אַנדערנס לעבן. ער דראָט דיר: קענסט טאָן, וואָס דו ווילסט, וואָס פאר דיר איז אין מאָמענט בעסער. אָבער געדענק, דיין גאנצן לעבן וועל איך דיר פאַרפאָלגן, וועסט פון מיר מער נישט פטור ווערן, איך גיי מיט דיר אומעטום. דיין לעבן לאנג וועסטו זיך מאטערן.

דער געראַנגל פון די געדאנקען האָט געקוועלט און נישט געלאָזט צומאכן קיין אויג. ס'האָט נישט געהאָלפן איינצוגראָבן דעם קאָפּ, ס'האָט נישט געהאָלפן צו באמיען זיך טראכטן וועגן עפּעס אַנדערש. ס'האָט זיך געוואָלט אויפשפּרינגען, שרייען, געוואלדעווען, אָבער אויך דאָס האָט מען נישט געקענט, נישט געטאָרט.

פּונקט ווי מען האָט פריער מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג, האָט מען איצט קוים זיך דערוואַרט, ס'זאָל ווערן ווידער נאכט, די שיסעריי זאָל אויפהערן, מען זאָל קענען אויפשטיין. געוויינטלעך פלעגן מיר זיך תיכף נאָכן אויפשטיין נעמען צוגרייטן צו אונדזער „גאָרמאַלער" ארבעט: ווער ס'זאָל אראָפּ אין קאנאַל נאָך וואסער, ווער גיין זוכן עסן. מען פלעגט זיך ווילען מיט חנהן און באשטעלן ביי איר, וואָס זי דאַרף צוגרייטן צום עסן. אזוי ווי מיר זיינען געווען פון פארשיידענע לענדער און געגנטן, פלעגט יעדערער אויסזוכן, וואָס ער וויל. איך דער פאַריזער און דאַניעל דער בעלגיער פלעגן באַשטעלן א ביפשטעק און „פּאָם פריט" (א ספּעציעלער פאַריזער מאכל), דער ביאַליסטאָקער יצחק האָט געוואָלט האָבן וורשט, און די וואַרשעווער מפונקים נישט אַנדערש ווי אַ שטיקעלע גענדזנס...

דאָס מאָל אָבער האָט קיינער נישט גערעט קיין וואָרט. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אוועקגעזעצט. ווען חנה האָט גע־וואָלט מאכן א ביסל וואַרעם וואסער און רומיאַנעק פארן קראנקן, האָט יצחק א זאָג געגעבן: — „וואַרט אונטער, לאָמיר זיך אדורכ־שמועסן". גערעדט האָט ער שטיל אויף יידיש, כדי דער קראנקער זאָל נישט פארשטיין.

„ניינציק שאנסן פון הונדערט", האָט ער געגומען רעדן פאַ־מעלעך אָפּוועגנדיק די ווערטער — „און אפשר נאָך מער ווי ניינ־ציק פּראָצענט אויף הונדערט, אַז מיר וועלן זיך אָנשטעקן פון אים. וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָ, דאַרף איך אייך נישט זאָגן".

— וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? האָב איך געפרעגט.

— וואָס מען דאַרף טאָן? נאָך אזא טראַכטן, פרעגסטו מיר איצט, וואָס מען דאַרף טאָן? כ'האָב געהערט, ווי איר אַלע האָט זיך געדרייט און נישט געקענט איינשלאָפן, פונקט ווי איך. טאָ לאָמיר זיך נישט שפּילן אין קיין ווערטער. ס'איז טאַקע שווער דאָס ארויס־צוזאָגן, אָבער מיר זיינען דאָך נישט קיין קינדער, די געפאַר איז גרויס. איך ווייס, יעדערער פון אונדז איז ערלעך, האָט א ריינעם געוויסן. צי דאַרפן מיר אָבער זיך מקריב זיין? צי דאַרפן מיר זיך אויסשטעלן אויף אזא געפאַר? אים וועט עס סיי ווי סיי נישט העלפן. ער וועט זיכער נישט אויסהאַלטן, — האָט ער שטיל צוגע־געבן.

יצחק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. נאָך א מינוט שטילשווייגן האָט יצחק שוין מיט כעס ווידער גענומען ריידן: — וואָס מיינט איר, איך בין אנדערש פון אייך. עס טוט מיר שוין ווי, ווען איך טראַכט בלויז וועגן דעם, אָבער איך בין שוין אזא, אז וואָס איך טראַכט, זאָג איך ארויס. איר אַלע אָבער טראַכט דאָס זעלבע ווי איך... מיינט נישט — האָט ער נאָך א ווײַלע צוגעגעבן, אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ — אז איך גופא האָב שוין יאָ א פעסטן באַשלוס... איך וויל, איר זאָלט אַלע ארויסזאָגן.

אין דער אמתן איז יצחק געווען גערעכט; אין אונדזער גרוי־סער שרעק פאַר דער פּלוצלונגדיקער געפאַר, איז דער גלח אונדז איצט דערשינען ווי א שונא, וואָס מען דאַרף זיך קעגן אים פאַר־טיידיקן. אין אזעלכע מינוטן האָט טאַקע יעדערער פון אונדז בלויז

געזען דעם איינעם אויסוועג פון לאָזן אים וואָס שנעל שטארבן. אָבער באקטיש האָט קיין איינער פון אונדז, אפילו אין געדאנק, נישט גע־קענט פועלן ביי זיך, אז מען זאָל טאַקע אזוי טאָן. יעדער קרעכץ, וואָס קאזשיק האָט געגעבן, האָט אונדז געגעבן א ריס אין הארצן. ווען חנה האָט זיך אויפגעהויבן צו מאכן אים א ביסל ווארעם וואַ־סער זיינען מיר אלע אין דער טיפעניש פון הארצן געווען זייער צו־פרידן. כדי צו ענדערן די שטימונג, האָט חנה א זאָג געגעבן ווי פאר זיך: ווער ווייסט? אפשר קען ער נאָך געזונט ווערן, עס קען אלץ געשען.

— דו גלויבסט אויך אין נסים? האָט איר יצחק אַ פרעג גע־געבן מיט א שוואכן געלעכטער.

— ניין, אין קיין נסים גלויב איך נישט. אָבער אין אזא צייט געשען אפשר זאכן, וועלכע זיינען גובר די לאָגיק, וועלכע זיינען קעגן דעם שכל, אפילו קעגן דער מעדיצין.

— חנה איז גערעכט האָב איך זיך אָפגערופן. איר ווייסט דאָך אלע, אז איך בין געווען אין אוישוויץ און נאָך אין ערגערן אָרט, אין בירקענאו, וועל איך אייך דערציילן עפעס, וואָס איז ענלעך צו דעם, וואָס קומט איצט פאָר דאָ. געווען איז עס אין אָנהויב 1943, אין יאנואר אָדער פעברואר. ס'איז דעמאָלט געשטאנען זייער א שטאַרקער ווינטער מיט גרויסע פרעסט און שנייען. וואָס די גאַז־קאמערן האָבן נישט באוויזן צו פארברענגען, האָט דער ווינטער צו־געהאָלפן. ס'איז געווען די ערגסטע צייט אין אוישוויץ און בירקענאַו. אַחוץ פון קעלט און פון הונגער, פלעגט מען סתם קראַנק ווערן און שטארבן. אין בירקענאו איז געווען א בלאָק נומער 7 גערופן האָט מען אים אין לאגער דאָס זיבעלע, דאָס האָט כלומרשט געדארפט הייסן דער בלאָק פאר קראנקע. ווען עמעצער האָט זיך געמאָלדן קראנק פארנאכט נאָכן קומען פון דער ארבעט, פלעגט מען אים אריינפירן אין דעם „זיבעלע". אָבער צוריק איז אין יענע צייטן זייער זעלטן ווער געקומען. דער בלאָק איז געווען ווי אלע בלאָקן דעמאָלט, א שטיינערנער. אינעווייניק זיינען געווען צו דריי נארעס איינע איבער דער אנדערע, פירקאנטיקע אזוי ווי שטייגן: אויף דער ערד, אין מיטן און אין דער הויך. די דריי שטייגן פלעגט מען אָנ־שטאָפן וויפל עס האָט נאָר געקענט אריין, און מען פלעגט לאָזן די מענטשן אָן שום עסן, אָן גאָרנישט, ביז זיי זיינען דאָרט געשטאָרבן.

אויב ס'פלעגן אָנקומען מער מענשטן, ווי דער בלאָק האָט געקענט אריינגעמען, פלעגן יעדן אינדערפרי, צען אזייגער, קומען קאַמיאנען צונעמען א טייל אין גאזקאמער, כדי צו מאכן פרייען פלאַץ פאר אנ־דערע. ביי די, וואָס פלעגן ווערן באשטימט צו גיין אויף מאָרגן אין גאזקאמער אריין, פלעגט מען א נאכט פריער צונעמען דאָס אָנ־טאָן, ארויסלייגן זיי אויפן הויף נאקעט און אזוי פלעגן זיי ליגן א גאנצע נאכט נאקעט אויף דער קעלט ביז זיי פלעגן אויסגיין. טאָמער פלעגט איינער איבערלעבן, פלעגט מען אים אוועקפירן אויפן קאַ־מיאָן. דער געיאמער און די געוויינען פון די נאקעטע און קראנקע פלעגט שניידן ווי מיט א מעסער די בייגאכטיקע שטילקייט.

— איין מאָל האָב איך געטיילט דעם זעלבן גורל ווי די אנ־דערע. כ'האָב באקומען שטארקן קאַפּווייטיק, מיין קאָפּ האָט גע־פּלאצט פון היץ, די פיס זיינען ביי מיר געווען ווי אונטערגעהאקט. אָבער צו דער ארבעט בין איך געגאנגען. געארבעט האָב איך דע־מאָלט אין א קאָמאנדע, וואָס האָט זיך גערופן „דאך־דעקער", אין די באראקן, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאר כסדר מער מענטשן. דער קאַפּאָ פון דער קאָמאנדע איז געווען א רוס, אין איר האָבן אויך געארבעט פּאָליאקן. נו, האָבן מיר, יידן, געמוזט ארבעטן פאר זיי אויך. אָבער זיי זיינען נאָך נישט געווען פון די ערגסטע. דער קאַפּאָ, וואָס האָט באמערקט, אז איך בין קראנק,האָט זיך צומאָל געמאַכט נישט זעענדיק, ווען איך האָב ווייניק געארבעט, אויב ער האָט גע־וואוסט, אז די דייטשן זיינען נישטאָ. די חברים, וועלכע האָבן געאר־בעט מיר מיר, האָבן מיר ארויסגעהאָלפן און אזוי זיינען אדורך א פּאָר טעג. די היץ איז נישט אָפּגעטראָטן, פארקערט זי האָט זיך כסדר געשטארקט און יעדן טאָג ביי דער ארבעט האָב איך מיר געטראכט, ווער וויים, צי איך וועל אויך נישט מוזן אריינגיין אין „זיבעלע" און טיילן דעם גורל פון אלע אנדערע. אָבער דער שטאר־קער ווילן, וואָס איך האָב געהאט צו לעבן און דער עיקר די האָ־פענונג, אז סוף כל סוף וועט נאָך זיין א מאָל בעסער, האָט מיר גע־געבן מוט און איך בין ווייטער געגאנגען מיט דער היץ צו דער אר־בעט, הגם איך בין שוין נישט געגאנגען אויף מיינע אייגענע פיס.

— איין טאָג, שטייענדיק באגינען נאָכן אפּעל שוין ביי מיין קאָמאנדע גרייט צום אָפּמארשירן אויף מיין ארבעטס־פּלאַץ, איז אָנגעקומען דער קאַפּאָ נומער איינס, אזוי האָט מען אים גערופן,

ווייל ער האָט געעפנט דעם לאַגער פון אױשוויץ מיטן נומער איינס. דאָס איז געווען א דייטש מיט א גרינעם צייכן, ווי דאָס האָבן געטראָגן די קרימינעלע פארברעכער. דאָ אין לאַגער האָט ער אויסגענוצט זיין גאַנצן טאַלאַנט און אויסגעהרגעט טויזנטער מענטשן. דער קאפּאָ איז צוגעגאנגען, האָט אָפּגעצוימט דריי רייען צו פינף און זיי צוגענומען צו זיך. איך בין אויך געווען צווישן זיי. אוועקגייענדיק מיט אים, האָב איך מיר באַלד געטראכט, אז צוריק וועל איך שוין קיין לעבעדיקער נישט קומען. זיין „מעטאָד פון ארבעטן“ איז געווען צו באפעלן די דעפּאָרטירטע צו לויפן, באַלאָדן מיט דער שווערסטער מאסע. ס'איז געשטאנען דעמאָלט א פראָסט און געלעגן א סך שניי. ער האָט אונדז אוועקגעפירט אין מיטן פעלד, וווּ עס איז געווען אָנגעצייכנט אָנצוהויבן בויען א נייעם לאַגער. ביזן וועג איז געווען א צוויי הונדערט מעטער. אויפן וועג פלעגן קומען די קאמיאָנען און אָפּלאָדן זעקלעך צעמענט. מיר האָבן זיי געדארפט טראָגן ביזן אָנגעצייכנטן אָרט און אלץ לויפנדיק. דער קאפּאָ איז געשטאנען מיט א גראָבן שטעקן און דיריגירט. קיינער האָט נישט געטאָרט איינער דעם אנדערן העלפן ארויפלייגן אויפן אַקסל דאָס זעקל צעמענט פון פופציק קילאָ. פאר אראָפּלאָזן א זעקל און אים צעשיטן איז געווען ביי אים טויט אויף אן אָרט. אזוי האָב איך א גאַנצן טאָג געשלעפּט די זעקלעך צעמענט פון פופציק קילאָ אין לויפשריט. איך בין געלאָפן, כאָטש איך האָב געהאט גרויסע היץ. אין נאָרמאלע באדינגונגען וואָלט איך געדארפט שטארבן בלויז פון ארויסגיין אויף דער גאס, אָבער דאָרט בין איך געלאָפן, ווייל איך בין אנטלאָפן פון טויט. ווען איך לויף נישט, וואָלט ער מיר דערהרגעט אויף אן אָרט. פארנאכט, גייענדיק צוריק פון דער ארבעט, האָב איך זיך שוין קוים געשלעפּט. אמערגסטן איז געווען דער דורכגאנג ביים לאַגער-טויער. אן אָרקעסטער איז געשטאנען ביי דער זייט און געשפּילט און מיר אלע האָבן געמוזט גיין אין גלייכן טריט. דער עס-עס-מאַן, וועלכער איז געשטאנען ביים טויער און האָט אונדז געציילט, האָט גוט אכטונג געגעבן אויף דעם. נאָכן אדורכגיין דעם טויער האָבן די חברים מיינע מיך שוין צוגעפירט אונטער די הענט צום בלאָק. כ'בין געווען אזוי אויסגעמוטשעט, אז כ'בין שוין געווען דעצידירט צו גיין אין „זיבעלע“ און זאָל שוין נעמען אן עק. ווען איך האָב זיך אָבער אנידערגעלייגט

אויף מיין נארע אין בלאָק נומער 8, פון וועלכן א פארקראַטעוועט פענצטערל איז ארויסגעגאנגען אויפן הויף צום „זיבעלע“ און איך האָב געזען, ווי דאָרט ליגן אין דרויסן נאַקעטע מענטשן אויפן פראָסט און יאָמערן, האָב איך מיר געזאָגט: ניין, איך גיי נישט, איך וועל בעסער שטארבן, גייענדיק צו דער ארבעט. און אויף מאָרגן בין איך ווידער געגאנגען צו דער ארבעט, צו דער פריערדיקער קאָמאנדע צו די דאך-דעקער. די חברים האָבן מיר צוגעהאָלפן און עס האָט מיר אָנגעהויבן צו ווערן בעסער, יעדן טאָג א ביסל מער און מער, אָן מעדיקאמענטן, אָן גאָרנישט. ס'איז נישט געווען קיין נס. ס'זיינען פאראן אין אזעלכע באדינגונגען א סך זאכן, וואָס זעען אויס ווי א נס. און מיינט איר, אז איך בין געווען אן אויסנאם? ניין. ס'זיינען געווען א סך אַזעלכע פאלן. כ'בין אויך געשלאָפן צוזאמען מיט אנדערע אויף איין נארע, און זיי האָבן זיך נישט אָנגעשטעקט פון מיר.

* *

*

אין דער צייט, וואָס איך האָב דערציילט די געשיכטע, האָט הנה אויפגעקאָכט א ביסל ווארעם וואסער, אריינגעלייגט אין דעם א פאָר בלעטלעך פון רומיאנעק און אריינגעגאָסן אין א טעפל. אינגאַנצן האָט עס צוגעטראָגן צום גלח און אים אַ רודער געגעבן. דער גלח האָט אויפגעעפנט די אויגן, א שמייכל געטאָן. מיר האָבן פארשטאנען, אז ער איז צופרידן, וואָס מיר העלפן אים. אינעם שמייכל איז געלעגן זיין גאנצע דאנקבארקייט, מיר האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אנדערן. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסזען, אלץ האָט זיך מיט איין מאָל געענדערט. מיר האָבן אלע — אלע ווי איינער — געהאַט פארגעסן פון דיזם, וואָס מיר האָבן געטראכט. אראָפגעפאלן א שטיין פון הארצן, וואָס מיר האָבן נישט אָפּגעטאָן עפּעס, וואָס מיר וואָלטן זיך קיין מאָל נישט געקענט מוחל זיין. בפרט נאָך, אז מיט אונדזערע אויף דער העכסטער שטופע אָנגעצויגענע נערוון האָבן מיר צומאָל געקענט מאכן אן אייליקן טריט.

מיר אלע האָבן איצט געקוקט אויפן גלח, ווי ער האָט גענומען דאָס טעפל מיטן רומיאנעק אין ביידע הענט אריין און טראָגנדיק עס צום מויל, האָבן אים די הענט געציטערט און דאָס טעפל האָט זיך אזוי געשאָקלט, אז ער האָט שיער נישט אויסגעגאָסן דאָס גע-

קראנק. יעדער פון אונדז אין הארצן האָט אים געווונטשן, ער זאָל וואָס שנעל געזונט ווערן. נאָר דאָ איז געשען א מאָדנע איבערראַ־שונג פאר אונדז אלעמען. גאָכן האָבן געגעבן א פּאָר מאָל א זופּ פון הייסן געטראנק, האָט זיך דער גלח אָפּגעשטעלט, אויפגעהערט צו טרינקען און ווידער אַ שמייכל געגעבן. מיר האָבן געזען, ווי ער וויל עפּעס זאָגן, ער וויל עפּעס אָנהויבן רעדן, נאָר ער קען נישט.

— דארפסט אונדז נישט דאנקען — האָט איגנאַץ א זאָג געַ־געגעבן, — שפּעטער, ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו שוין זאָגן אלץ, וואָס דו פארשטייסט.

דער גלח האָט ווידער געגעבן א שמייכל, נאָר מיר האָבן דער־קענט, אז דאָס איז נישט געווען קיין שמייכל פון צופרידנקייט, נאָר מער ענלעך צו סארקאזם. זיין פּנים איז נאָך מער רויטער געוואָרן ווי פריער. ער האָט אָפּגעגעבן דאָס טעפּל מיטן רומיאנעק און האָט צוריק א פאל געטאָן אויף דער ערד.

— יאָ, איך וועל געזונט ווערן, יאָ, איך וועל געזונט ווערן, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, — קיין מאָל וועל איך שוין נישט געזונט ווערן. איר וועט שוין זאָרגן, אז איך זאָל וואָס שנעלער שטארבן, נישט איך זאָלט געזונט ווערן.

— וואָס רעדסטו, קאזשיק, — האָבן מיר זיך געגעבן א כאַפּ.

— וואָס איך רייד? — ער האָט געהאלטן די אויגן פארמאכט און גערעדט: — הערט מיך אויס, קען זיין, אז איך רייד שוין מיט אייך דאָס לעצטע מאָל. אפשר וועט עס די נאכט געשען. נאָר איך וויל, איר זאָלט וויסן, אז איך האָב נישט אויף אייך קיין שום פאר־דרוס. איך האָב געהערט, אז איר זייט נישט געשלאָפן, אז איר האָט זיך געדרייט און געקורטשעט אויף די געלעגערס פאר מורא, איר זאָלט זיך נישט אָנשטעקן פון מיר און אלע שטארבן. ווען איר האָט זיך אויפגעהויבן, האָט איר גערעדט אזוי שטיל, אויך גישט ווי שטענ־דיק, איך זאָל נישט פארשטיין. איך האָב פארשטאנען, אז איר האָט זיך בארעטן, ווי אזוי עס צו מאכן. לאָזט מיך ענדיקן, — האָט ער זיך געגומען בעטן, ווען מיר האָבן אים געוואָלט בארואיקן, — איך האָב צו אייך גאָרנישט, גלויבט מיר, אז איך האָב צו אייך גאָר־נישט. עס איז דאָך נאָרמאל, אז איר זאָלט אזוי האנדלען. יאָרן לאנג מאטערט איר זיך שוין. אייערע פאמיליעס זייגען אויסגעהר־געט געוואָרן, אייערע היימען צעשטערט און פארוואָס? נאָר ווייל

איר זענט יידן. און איצט, ווען איר זייט אין א געפאר, ווען אייערע לעבנס זיינען אין א סכנה צוליב מיר, וואָס איך האָב דאָך גאָרנישט געטאָן פאר אייך, איז דאָך נאָרמאל, אז איר דארפט אזוי האנדלען, אז איר דארפט זיך ראטעווען. איך פארשטיי אייך זייער גוט, — האָט ער שטיל פאָרגעזעצט, — איר זייט גאנץ ווילע מענטשן, איר האָט מיך זייער גוט אויפגענומען. מער ווי איין מאָל האָב איך געטראכט, ליגנדיק דאָ אין דער פינצטער מיט אייך: אך, ווען איך וואָלט געקענט אויסשרייען צו דער וועלט: ס'איז א ליגן וואָס מען רעדט איין, אז יידן זיינען ערגער ווי מיר, קריסטן... ניין און ניין! קומט און זעט דאָ, אָט דווקא דאָ, אין די באדינגונגען, קען מען זען און דערקענען מענטשן. ניין! — האָט ער גענומען ריידן מיט די גאנצע כוחות זיינע. — איר טאָרט נישט שטארבן צוליב מיר. נאָך א קורצער ווײַלע שטילשווייגן האָט ער שטילערהייט ווידער אָנגעהויבן. — אָבער איך וויל אויך לעבן, איך וויל נישט שטארבן. בעתן אויפשטאנד האָב איך נישט מורא געהאט פארן טויט, בין געקראָכן אין פייער אריין. אָבער היינט ווילט זיך מיר נישט שטארבן. מיר זיינען אלע גערעכט: איר טאָרט נישט שטארבן און אויך איך וויל נישט שטארבן. ווי ווייט איך וועל קענען, וועל איך וואכן, איך זאָל לעבן.

ער האָט צוגעמאכט די אויגן, גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן באדעקט זיין פּנים.

מינוטן לאנג זיינען מיר געבליבן זיצן, ווי מיר וואָלטן פאַרלוירן דעם לשון, נישט געוווסט אפילו וואָס אים צו זאָגן, אזוי איבערראַשט זיינען מיר געווען פון זיינע רייד. די ערשטע האָט חנה פּרובירט מיט א שמייכל, ווי מיט פארוואונדערונג, אים א זאָג געבן:

— קאזשיק, — וואָס רעדט איר? פארקערט, מיר ווילן דאָך גאָר אייך העלפן, מען וועט אייך ראטעווען.

קאזשיק האָט אָבער מער די אויגן נישט געעפנט און גאָרנישט געענטפערט. יאָ, ער איז געווען איבערצייגט, אז מיר האָבן באַשלאָסן, צו טאָן, ער זאָל שטארבן וואָס פריער. ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט זיין פּאַלטן און שטארק געסאָפּעט.

נישט געקוקט אויף דער שווערער מינוט, האָבן מיר דאָך זיך גענומען גרייטן צום ארויסקריכן פון בונקער זוכן עסן. דאניעל האָט זיך דערמאָנט, אז מיט א פּאָר טעג צוריק האָט ער זיך אָנגעשטויסן

אויף א קעלער, ווו ס'זיינען געלעגן א סך פלעשלעך, זיכער מעדיקאַ־מענטן. ווייזט אויס, אז אין דעם הויז איז געווען אן אפטייק און זיין דער צייט פון אויפשטאנד האָט דער אפטייקער אלץ אראָפּגע־טראָגן אין קעלער, ווו א סך זאכן זיינען פארבליבן. יצחק, וועלכער האָט געשטודירט מעדיצין, האָט זיך אָנגעכאפּט אינעם געדאנק ווי אין א רעטונגס־אנקער.

— קום מיט מיר, — האָט ער זיך געוואָנדן צו דאניעלן, — אפשר וועסטו נאָך טרעפן, ווו דאָס איז, וועסטו מיר ווייזן. קען זיין, אז מיר וועלן עפּעס דאָרט געפינען צו קענען היילן דעם גלח.

זיי זיינען אוועק די ערשטע און ווען די איבעריקע זיינען ארויס זוכן עסן און איך בין געבליבן מיט חנהן, האָט זי מיט אזא רירנ־דיקער נאאיווקייט א זאָג געגעבן:

— זע, חיים, צו וואָס די וועלט איז דערגאנגען. אפילו א גלח איז אויך פארכאפּט געוואָרן דורכן גייסט פון דער צייט, אז טויטן א מענטשן איז געוואָרן א גאָרנישט. עס פאלט אים גאָרנישט איין, אז צוויי יידן, וועלכע מאטערן זיך שוין יאָרן אין געטאָס און אין טויט־לאגערן, זיינען איצט ארויסגעקראָכן פון בונקער און שטעלן איין זייער לעבן, כדי צו לויפן זוכן ערגעץ א רפואה צו ראטעווען אָט דעם מענטשן, וואָס מיט א פּאָר טעג צוריק האָבן זיי אים אפילו נישט געקענט. און זיי האָבן אפילו נישט אין זינען איצט, צי ער איז א ייד צי א קריסט. אויב מיר וועלן לעבן בלייבן און עס דער־ציילן, צי וועלן אונדז מענטשן גאָר גלויבן?

חנה האָט זיך א ביסל פארשעמט פאר די לעצטע ווערטער אירע. איבעריקנס — האָט זי א זאָג געגעבן — מיר טוען עס דען, כדי מענטשן זאָלן עס וויסן? מיר טוען עס דאָך פאַר זיך.

א גרויסער געשריי „ אָ, יעזוס קאָכאני, אָ, יעזוס מיזעראקאָר־דע!“ האָט איבערגעהאקט אונדזער געשפּרעך. דער גלח האָט פּלוצלונג באקומען גרויסע קראַמפּן אין בויך. מיר האָבן זיך שטארק דערשראָקן. חנה איז גלייך צו אָנצוואַרעמען א ביסל וואסער און איך בין געבליבן זיצן אזוי ווי פארגליווערט. כ'האָב געקוקט אויפן גלח און א תהילים־געשריי האָט מיר גענומען קלינגען אין די אויערן אויך פון מענטשן, וועלכע האָבן, אזוי ווי ער, גערופן גאָט, נאָר אין אַן אנדער שפּראַך: שמע ישראל! האָבן זיי געשריען.

געווען איז עס אין בירקענאו סוף 1942. די גרויסע קעלטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעמאָלט גאַנץ פרי, האָבן א סך צוגעהאָלפן צו דער ארבעט פון דער טויט־מאַשין. יעדן אינדערפרי, ווען די קאָמאַנדעס פלעגן ארויסמארשירן צו דער ארבעט, פלעגן בלייבן ליגן ביי די בלאָקן די מענטשן, וועלכע האָבן שוין צו דער ארבעט נישט געקענט גיין. אין בלאָק צוריק פלעגט מען זיי נישט אריינלאָזן און זיי פלעגן בלייבן ליגן אזוי אויף דער קעלט, ביז ארום צען אזייגער אין דער פרי. דעמאָלט פלעגן קומען אין לאַגער קאַמיאָנען מיט פלאַטפאָרמעס און ארומפאָרן ארום די בלאָקן. די עס־עס פלעגן ארויפוואַרפן די מענטשן אויף די פלאַטפאָרמעס, פונקט ווי מען וואַרפט ארויף א זעקל צעמענט אָדער אנדערע טויטע זאַכן. טייל פלעגן שוין זיין טויט פון קעלט אָדער גאָר פון קלעפּ. ווייל בעת זיי זיינען אזוי געלעגן אין דרויסן די פּאָר שעה, איידער מען פלעגט זיי קומען נעמען, פלעגט יעדער עס־עס אָדער קאַפּאָ, וואָס איז אדורכגעגאַנגען, זיך פריילעך מאַכן איבער זיי, האַקן זיי מיט די שטעקנס איבער די קעפּ און דערביי קייכן פון געלעכטער איבער די צערעקלעכע געוואַלדן, וואָס עס פלעגן מאַכן די גוססים.

אין דעם באַראַק, ווו כ'בין געלעגן, אין באַראַק נומער 8, זיינען צוזאַמען מיט מיר געשלאָפן אויף איין נאַרע א טאַטע מיט א זון, אויך פון פּאַריז. געהייסן האָט ער בענטשקאָווסקי. געווען איז ער א נידעריקער, א רירעוודיקער ייד, פון א יאָר פינף און פערציק, ער האָט געהאַט א פאַבריקל פון קאָנפעקציע און קליידער אין פּאַריז. דער זון אויך א נידעריקער, מיט א שיין קיילעכדיק פּנים, איז געווען אפשר צוואַנציק יאָר אַלט, א בלאָנדער מיט שוואַרצע אויגן, מען פלעגט אים רופן דאָס שיינע יינגל. יעדע נאַכט, ווען מען פלעגט זיך אוועקלייגן אויף דער נאַרע, פלעגט דער טאַטע צודריקן דאָס יינגל צו זיך, ארונטערלייגן זיין האַנט אונטער דעם זונס קאָפּ, ס'זאָל אים זיין א ביסל ווייכער, אריינקוקן אים אין די אויגן אריין, צי ער שלאָפט שוין, און ערשט דאַן פלעגט ער אויך צומאַכן די אויגן און אוודאי מתפּלל זיין, אז מאָרגנדיקן טאָג זאָלן זיי אויך אזוי ליגן צוזאַמען. דאָס יינגל האָט זיך אין אָנהייב געהאַלטן זייער גוט, ער האָט נאָך געטרייסט דעם טאַטן, וועלכער איז געוואָרן אלע מאָל שוואַכער און שוואַכער פון נישט עסן און פון די קלעפּ, וואָס מען פלעגט קריגן יעדן טאָג. מען וועט אויסהאַלטן, פלעגט ער אים זאָגן

און טרייסטן, הגם ער אליין האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס. ביז איין מאָל איז דאָס ייִנגל געקומען פון דער ארבעט זייער צעשלאָגן, דאָס פּנים צעבלוטיקט, ביילן אויפן קאָפּ, קוים וואָס ער איז ארויפגעקראָכן אויף דער נארע. ער האָט זיך אנידערגעלייגט און אפילו דאָס שטיקל ברויט נישט געקענט אויפעסן. אין עס־עס־מאַן און קאַפּאָ האָבן אים אזוי צעשלאָגן, ווען זיי האָבן באמערקט פון דער וויטנס ביי דער ארבעט, אז ער העלפט צו זיין טאַטן, ווייל זיין פאָטער האָט שוין פון שוואכקייט נישט געקענט מער ארבעטן און ער האָט געוואָלט אים פארהיטן פון קריגן געשלאָגן. זיי זיינען צו צו אים און אים צעשלאָגן פארן טאַטן אין די אויגן. די גאנצע נאכט זיינען זיי שוין ביידע נישט געשלאָפן, דער טאַטע האָט גע־האַלטן ארומגענומען דעם זון און אים געגלעט, אים געקושט און מיט טרערן אים פאָרגעוואָרפן, צו וואָס ער האָט עס געטאָן? „צו וואָס האָסטו עס געטאָן? מיר העלפן? מיר העלפן? דו ביסט דאָך יונג, דו דארפסט דאָך לעבן, איך האָב שוין גענוג“.

מיר אלע, וואָס האָבן דאָס צוגעזען און צוגעהערט, האָבן גע־ווּסט, אז מאָרגן וועט דער טאַטע דאָ ליגן און יאָמערן נאָכן זון, וועלכער וועט שוין מאָרגן אין דער צייט מער נישט לעבן. און מער ווי מיט א קרעכץ און מיט א קללה פאר די תליינים האָבן מיר זיי נישט געקענט העלפן....

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט דער פאָטער געהאָלפן דעם זון ארויסגיין צום אפּעל, ווייל בלייבן אין באראק האָט מען נישט געטאָרט, לעבעדיק אָדער טויט, פאַרנט אויפן אפּעל האָט מען גע־מוזט זיין, כדי צו ווערן געציילט. ווען מען האָט געגעבן א געשריי: „קאָמאַנדאָס איינטרעטן!“ האָט יעדערער געמוזט לויפן צו דער קאָ־מאנדע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעטיילט, וואָס שנעלער, אנישט זיינען די שטעקנס געפלויגן איבער די קעפּ. דער יונגער בענטש־קאָווסקי האָט שוין נישט געקענט לויפן, ער איז געבליבן, קוים וואָס ער האָט זיך צוריק צוגעשלעפּט צו דער וואנט פון באראַק און איז געפאלן. איז דער פאָטער זיינער צו צו אים, אים ארומגעכאפּט און האָט זיך אויך אוועקגעלייגט לעבן אים. וואָס דער טאַטע מיטן זון האָבן דעמאָלט גערעדט, האָט קיינער נישט געהערט, נאָר זיכער האָט דער זון נישט געוואָלט, אז דער פאָטער זאָל דאָ בלייבן לעבן אים, ווייל ער האָט געוווּסט, וווּ זיי וועלן גיין — אין גאַזאויוון. אָבער

דער פּאָטער האָט נישט געקענט איבערלאָזן זיין טייער קינד אליין און ער איז געבליבן מיט אים, געוואָלט זיין מיט זיין קינד ביז צו דער לעצטער מינוט.

די קאָמאַנדע פון די דאַכדעקער, אין וועלכער איך האָב דע־מאָלט געארבעט, איז פּונקט יענעם טאָג נישט ארויסגעגאנגען פון לאגער, ווייל מען האָט גענדארפט פאררעכטן די דעכער פון עט־לעכע באראקן, וואו ס'האָט ארייננגעשנייט. מיר האָבן גוט געוווסט, אז אין דער צייט, ווען די לאסטאויטאָס קומען אויפצוקלייבן די מענטשן פאר דער גאזקאמער, טאָר מען נישט זיין צו נאָענט צו די באראקן, ווייל ס'דראָט די סכנה ארויפגעכאפּט צו ווערן אויפן לאסטאויטאָ און אוועקגעפירט צו ווערן צוזאמען מיט זיי אין גאז־קאמער אריין...

מיט א מאָל, ארבעטנדיק נישט ווייט פון בלאָק 8 אויף א דאך, בין איך אויפגעציטערט געוואָרן פון א געוואלדיקן געשריי: שמע ישראל! שמע ישראל! איך האָב א קוק געגעבן ארום בלאָק 8, ווי מען לאדעוועט איצט ארויף די אלע ליגנדיקע און צווישן זיי אויך מיינע שכנים, וועלכע זיינען געלעגן מיט מיר עטלעכע חדשים אויף דער זעלבער נארע און מיט וועלכע איך האָב צוזאמען אדורכגע־מאַכט דעם וועג פון פּיטיוויע ביז אהער, דער ייד בענטשקאָווסקי מיט זיין צוואנציקיאָריקן זון. זיי האָבן זיך ביידע ארומגענומען, ווי מען געזעגנט זיך צום לעצטן וועג. דער טאטע האָט ארומגעכאפּט דעם קאָפּ פון זיין זון, אים צוגעדריקט צו זיך, געקושט אים און מיט אלע כוחות געשריען: שמע ישראל! שמע ישראל!

— דער געשריי האָט אָפּגעהילכט אין דעם ליידיקן לאגער ווי א רוף, נישט בלויז צו גאָט, נאָר צו דער גאנצער וועלט: וואו זייט איר? פארוואָס שווייגט איר?

— און דאָ איז געשען עפּעס, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל. ווי נאָר מען האָט אלעמען ארויפגעפּאקט אויפן וואָגן און ער האָט גענומען זיך רירן, האָבן זיך די געשרייען גענומען אלץ פאר־שטארקן. מערערע מענטשן האָבן איצט געשריען. די האלב־טויטע, וועלכע זיינען געווען צוגויפגעדריקט אויף דער פּלאטפאָרמע, האָבן אונטערגעכאפּט די געשרייען פון טאטן מיטן זון. אלע האָבן גענו־מען שרייען און נישט בלויז שמע ישראל! אויך אנדערע געשרייען אויפן אַדרעס פון די מערדער: „איר וועט פאר אלעמען באצאָלן!"

און צו אונדז: „נעמט פאר אונדז נקמה!" אויך מענער פון געזאַנג, אויב מען קען עס אזוי אָנרופן, האָבן א קלונג געטאָן, אָפּגעהאַקטע ווערטער. אין מיטן פון קאמיאָן זיינען געשטאַנען דער טאַטע מיט זיין זון, ביידע ארומגענומען און זיך קושנדיק. ס'האָט אויסגעזען ווי א סימבאָל פאר דער צוקונפט.

— לאַנג האָט עס נישט געדויערט, די צוויי עס־עס, וועלכע זיינען געזעסן אונטן אויפן פאָרענטש פון דער פּלאַטפאָרמע מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן צו זיי, זיינען ווילד געוואָרן און גענומען האַקן מיט די ביקסן איבער די קעפּ. די שאָפערן האָבן געיאָגט די אויטאָס מיט דער גרעסטער שנעלקייט, כדי וואָס גיכער ארויס פון לאַגער, וואָס גיכער פארשווינדן פון געהער פון מענטשן.

* *

*

דער רוף פון די יידן אין די לעצטע מינוטן צו גאָט — האָב איך געטראַכט אין יענער נאַכט, ליגנדיק אין בונקער — איז נישט דערהערט געוואָרן. און ווער ווייס, צי דער געבעט פון גלה צו זיין גאָט וועט דערהערט ווערן, אויב דאָרט אין דער הויך וועלן יצחק מיט דאַניעלן נישט עפּעס געפונען פאר אים צו היילן.

דאַניעל מיט יצחקן האָבן זיך גראד אראָפּגעדראפּעט אין בונ־קער אריין און אויף זייערע פּנימער האָב איך שוין באמערקט, אז זיי האָבן נישט געפונען קיין שום רעצעפּט פארן קראַנקן גלה. זיי זיינען צו, א קוק געגעבן אויפן קראַנקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געפילט שולדיק. ערשט נאָך א פּאָר מינוט שטילשווייגן האָט יצחק זיך אָפּגערופן מיט פארדרוס:

— מיר זיינען שוין געווען דערלעבן, גאָר נישט ווייט פון קע־לער, וווהין דאַניעל האָט מיר געפירט. אָבער דער קעלער איז געווען אויף דער צווייטער זייט גאַס און כדי צוצוקומען אהין, האָט מען געמוזט זיך אדורככאַפּן די גאַס. מיר זיינען שוין געווען אין דרויסן, -- האָט ער זיך געוואָנדן צו דאַניעלן, ווי צו איבערציינגן אונדז, אז עס איז ריכטיק: — אמת, דאַניעל, מיר זיינען שוין געווען אין דרויסן? מיר האָבן זיך שנעל געוואָלט אריבערכאַפּן, אָבער פּלוצ־לונג האָבן מיר דערהערט טריט, און פון גאַנץ נאָענט, און א סך טריט, זיכערע און פעסטע. עס זיינען זיכער געווען דייטשן, אָדער א גרויסער פּאַטרול, צי אפשר האָט מען פּונקט איבערגעפירט זעל־

נער פון איין פּונקט אויפן צווייטן. א מינוט זיינען מיר נאָך געשטאַנען און געוואַרט, אפשר וועלן זיי אוועקגיין אין א צווייטער ריכטונג, אָבער זיי האָבן זיך וואָס מער דערנענטערט צו אונדז. זיינען מיר שנעל אריין אין א חרוב הויז און אראָפּ גלייך אין א קעלער. מיר האָבן געמוזט צוריקגיין. נאָר זאָרג נישט — האָט ער זיך געוואָנדן צום גלח, — מאָרגן גייען מיר ווידער. מיר מוזן עפּעס געפינען דיך צו היילן און מיט א שמייכל אויפן פנים, כדי אים צו באַרויקן, האָט ער אָנגענומען זיין האנט צו פילן זיין פּולס.

חנה מיט איגנאצן האָבן אָן אויפהער געוואַרעמט וואסער און געגעבן דעם גלח צו טרינקען. מער האָבן מיר אים נישט געקענט העלפן. מאָרגנ, אונדזער גאנצע אויפמערקזאמקייט איז איצט געווען געוואָנדן צו אים, צום קראנקן. מען האָט מער נישט געטראַכט וועגן די אלע געפארן, וואָס האָבן געלויערט אויף אונדז יעדן טאָג. קיין זאך וואָלט, דאַכט זיך, נישט געווען צו שווער פאר אונדז, כדי אים געזונט צו מאכן.

אויף צומאָרגנס ביינאַכט זיינען יצחק און דאַניעל ווידער אַוועקגעגאַנגען. דאָס מאָל איז זיי געלונגען צוצוקומען צום אָרט. ווען זיי זיינען געקומען צוריק צו אונדזער בונקער און גענומען זיך אראָפּלאָזן, האָבן זיי זיך נישט געקענט איינהאלטן פון פרייד און האָבן אַריינגעשריען „מיר האָבן געפונען!" יצחק האָט טאקע געהאלטן א גאנץ פּעקל מיט פארשיידענע מעדיקאמענטן, וואָס ער האָט מיטגענומען אויך פאר אנדערע קרענק. צווישן אנדערן זיינען דאָרט געווען מעדיקאמענטן פאַר איינשפּריצונגען, וואָס לויט יצחקן זיינען געווען זייער גוט. „מען קען מיט זיי געזונט מאכן אפילו א פערד" — האָט ער געזאָגט. זיי האָבן אויך געפונען א נאָדל, מיט וואָס צו מאכן די איינשפּריצונגען. יצחק איז גלייך צוגעלאָפן צום קראנקן און מיט גרויסער פרייד אים געוויזן די איינשפּריצונגען.

דער גלח האָט דערזען, וואָס יצחק האלט אין דער האנט, האָט ער געגעבן א גרויסן קרעכץ און אָנגעהויבן צו וויינען:

— איך וויל נישט, — האָט ער געכליפּעט — איך וויל שטאַרבן אליין, נישט מען זאָל מיר טויטן.

ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער וואנט. מיר האָבן פארשטאַנען, אז אפילו די פּאָר טעג פון זיין קראנקייט, בעת וועלכע מיר האָבן אים געהאָלפן, האָבן אים נאָך אלץ נישט איבערגעצייגט,

אז מען מיינט ערלעך אים געזונט צו מאַכן. אפשר האָט ער גע־טראַכט, אז יידן טאָר מען נישט גלויבן, ווער ווייס?

יצחק איז געבליבן שטיין מיט די איינשפּריצונגען אין דער האַנט ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אויף זיין פּנים האָט מען דערקענט א שטאַרקע אויפרעגונג. חנה האָט באַלד פאַרכאַפּט:

— ער איז קראַנק, ער ווייס נישט וואָס ער זאָגט. זי האָט ארויסגענומען דעם מעדיקאַמענט און די מכשירים פון יצחקס האַנט, כדי זיי צוצוגרייטן. — מען וועט אים מאַכן די איינשפּרי־צונג, צי ער וועט וועלן אָדער נישט, מען וועט אים צוהאַלטן, אויב מען וועט דאַרפן.

איינגאַנץ האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קראַנקן און שטיל געזאָגט:

— אָבער, קאַזשיק, דו ביסט נאָך אַלץ נישט איבערצייגט? האָסט נאָך אַלץ נישט קיין צוטרוי צו אונדז, אז מיר ווילן דיר העלפן? ער האָט זיך גענומען ווי בעטן ביי אים: ווען מיר זאָלן וועלן דיר הרגענען, האָט מען דאָס שוין געקענט טאָן מיט א פּאָר טעג פריער. צי דאַרף מען דען פּונקט אַן איינשפּריצונג דערצו? זעסט, יצחק און דאַגיעל זיינען אוועק זייער ווייט, האָבן איינגע־שטעלט זייערע לעבנס, כדי צו ברענגען די מעדיקאַמענטן און דו קלערסט נאָך, אז דאָס זיינען איינשפּריצונגען צום טויטן. ווייזט אויס, אז די שנאה וואָס מען האָט אין אייך איינגעוואָרצלט צו אונדז, יידן, האָט אייך דעם שכל צוגענומען. נאָך געדענק, — האָט איינגאַנץ מיט כעס א זאָג געטאָן צו אים — צי דו וועסט וועלן אָדער נישט, מען וועט דיר די איינשפּריצונג מאַכן. מען וועט דיך צו־האַלטן און דיר איינשפּריצן מיט געוואַלד.

ריטשקעלעך טרערן האָבן גענומען רינען פון קראַנקנס אויגן. ער האָט זיך איבערגעצלמט און גענומען מתפּלל זיין, אפשר איז עס געווען עפּעס ענלעכס צו ווידוי, וואָס פרומע יידן זאָגן פאַרן טויט. מיר האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען, מיר האָבן בלויז פאַרשטאַנען, אז צו קיין געוואַלד וועט מען נישט דאַרפן אָנקומען. אז יצחק איז צוגעגאַנגען מיט דער נאָדל צו אים, האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף א זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט און פון דער זייט אויסגע־צויגן א האַנט, וועלכע האָט זיך געוואָרפן און געציטערט פון שרעק.

ביי דער צווייטער איינשפּריצונג, א טאָג שפּעטער, איז דער קראַנקער שוין געלעגן מיט א שמייכלענדיקן פּנים, די האַנט האָט אים שוין נישט געציטערט, עס איז אים שוין געווען א ביסל בעסער. און יעדן טאָג איז אים געוואָרן בעסער און בעסער.

די ערשטע טעג האָט דער גלח נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן, ער האָט זיך א ביסל געשעמט און מערערע מאָל האָט ער פאַר אונדז איבערגעחזרט:

— אנדערע אויף אייער אָרט וואָלטן אזוי געטאָן, ווי איך האָב געטראַכט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז ער פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס ער האָט אונדז נישט געגלויבט. פאַר אונדז איז זיין געזונט וועָרן געווען די גרעסטע באַפרידיקונג, דאָס גרעסטע גליק, ווייל מיר האָבן געהאַט דאָס באַוווסטזיין צו האָבן גוּבֿר געווען זיך גופא און גובר געווען אונדזער באַרבאַרישע צייט, זיך נישט האָבן אָנגעשטעקט פון די מאָרדן, וועלכע מיר האָבן געזען יאָרן לאַנג. מיר האָבן איצט געוווסט, אז מיר זיינען געבליבן די זעלבע ווי פריער, מיטן געפיל פון מענטשלעכקייט, מיטן באַוווסטזיין, אז א מענטשנס לעבן, ווער ער זאָל נישט זיין, איז העכער פון אַלץ און אז מען דאַרף העלפן לעבן אַנשטאָט צו מאָרדן.

קאַפּיטל נײַן

די טעג זײַנען געקראָכן שרעקלעך פּאַמעלעך, זיי זײַנען אָבער פּאָרט אַוועק און אויך וואָכן זײַנען אַדורך. מיט האָבן געזען, ווי דער ווינטער רוקט זיך אָן. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט. אויך מיטן עסן איז געוואָרן אַלץ שווערער. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיטן אָנקומען פֿון ערשטן שניי וועט מען שוין אין גאַנצן נישט קענען ארויסגיין זוכן קיין עסן, ווײַל די שפּורן פֿון אונדזערע טריט אין שניי וועלן פֿירן ביז צו אונדז. מען האָט דעריבער נישט געטאָרט אַדורכלאָזן קיין איין נאַכט, כּדי צו גיין כּסדר זוכן עסן, האָלץ און קוילן.

קאַזשיקן, דעם גלח, איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג בעסער. ווי ס'איז די טבֿע נאָך אַ טיפֿוס, האָט ער געדאַרפֿט אַ סך עסן. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט מיט אונדז מיטגיין אויף די עקספּעדיציעס, אָבער דערווײַל האָבן מיר אים נישט געלאָזט, ווײַל דאָס זוכן עסן האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ שווערער און שווערער. מען האָט געמוזט קריכן אין די קעלערס זייער ווײַט, גאַנצע שעהן אַרומזוכן אין די חורבֿות, איידער מען האָט עפּעס געפֿונען. אויסער דעם האָט געדראָט די געפֿאַר, מען זאָל ווערן געכאַפּט דורך די דײַטשע פּאָסטנס, וועלכע זײַנען געווען צעשטעלט אין אַלע ווינקלען. מער ווי איין מאָל האָבן די פּאָסטנס, הערנדיק אונדז פֿון דער ווײַטנס גיין, אָנגעהויבן אַ שיסערײַ, און מען האָט דעמאָלט געמוזט איבערלאָזן אַלץ, וואָס מען האָט געפֿונען און אַנטלויפֿן שנעל דורך די קעלערס.

דאָס אַלץ האָט אונדז נישט אָפּגעהאַלטן. פֿאַר אונדז זײַנען די דאָזיקע עקספּעדיציעס געווען אַ לעבנס=פּראַגע. די גאַנצע געגנט אויף קילאָמעטערס אַרום און אַרום איז אונדז שוין געווען באַקאַנט און מען קאָן זאָגן, היימיש. מיר האָבן געקענט יעדן שטיין און געהאַט אונדזערע סימנים, אַזוי אַז מיר פֿלעגן טרעפֿן אַפֿילו אין דער

פּינצטער. געגאַנגען זיינען מיר שטענדיק זאַלבעצווייט, כּדי צו קענען זיך פונאַנדערטיילן און גיין אין פאַרשידענע ריכטונגען.

חנה מיטן גלה פלעגן פאַרבלייבן אין בונקער אויף צוצוגרייטן דאָס עסן. חנה איז געוואָרן אַזוי ספּעציאַליזירט אין אויסטיילן דאָס עסן, אַז קיינער האָט קיין מאָל נישט געהאַט מער און אַ צווייטער ווייניקער. אַ טעפּעלע האָט איר געדינט ווי אַ שעפּלעפל און זי פלעגט אַריינגיסן יעדן די זעלבע פּאָרציע, צוערשט האָט יעדערער באַקומען איין טעפּעלע זופּ. דערנאָך פלעגט זי צוגיסן אַ גלייכע פּאָרציע. אויב מען האָט געהאַט אַ מאָל קאַרטאָפל, האָט זי איבערגעציילט און אויסגערעכנט, וויפל ס'קומט אויס פאַר יעדערן. אַזאַ גענויע פאַרטיילונג און פּינקטלעכקייט זיינען ביי דעם הונגער-לעבן אין בונקער געווען נויטווענדיק, כּדי נישט אויפצורייצן די נערוון, וועלכע זיינען שוין במלא כּסדר געווען געשפּאַנט. די שעה, ווען אַלע פלעגן צוריקקומען און מען פלעגט זיך אַוועקזעצן עסן, איז געווען די בעסטע. מיר זיינען אין דעם מאָמענט געווען גוט אויפגעלייגט, צומאָל אָפּט פריילעך, צוליב דעם אַליין שוין, וואָס אַלע זיינען דאָ. דער בונקער האָט אין די מינוטן אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש. עפּעס איז די אַטמאָספער געווען אַ היימלעכע. מען האָט דערציילט, ווי אַזוי ס'איז דורכגעגאַנגען די עקספּעדיציע, צומאָל אַפילו זיך געוויצלט איבער איגנאַצן, וואָס איז געווען אַ שטאַרק שרעקעוודיקער. ווען ער פלעגט קומען צוריק פון די נעכטלעכע אַרויסגענג, פלעגט ער נאָך זיין אַזוי געשפּאַנט, אַז ער פלעגט בלייבן אַ גאַנצע ווײַלע זיצן און נישט קענען זיך רירן.

אַן אָנגעשטרענגטער און שווערער מאָמענט איז געווען פאַר אונדז יעדע נאַכט די צייט צווישן דעם צוריקקומען פון די דריי פּאָרלעך, וועלכע זיינען געווען אַוועקגעגאַנגען אויף עקספּעדיציעס. מען האָט קיין מאָל נישט געקענט פאָרויסזען וויפל צייט זיי וועלן פאַרבלייבן אין דרויסן, און די וואַרטעצייט צווישן צוריקקומען פון איין פּאָרל און פון אַן אַנדערן איז געווען צומאָל קירצער, צומאָל לענגער. ווען די ערשטע פּאָר איז צוריקגעקומען, זיינען מיר אַלע געבליבן אומבאַוועגלעך און האָבן געוואַרט אויפן צווייטן פּאָרל. ווי נאָר זיי פלעגן קומען, פלעגט חנה נעמען גרייטן צום טיש (וועלכן מיר האָבן געהאַט צונויפגעקלאַפּט פון צוויי ברעטלעך). און דערנאָך פלעגט מען וואַרטן אויפן דריטן פּאָרל. דאָס איז געווען די שווערס־

טע מינוט. יעדע רגע האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט ווי אַן אייביקייט. אונדזער כוח הדמיון האָט, נישט=ווילנדיק, אויסגעמאָלט בילדער, וואָס מיט די אָפּוועזנדיקע האָט געקענט געשען! דער ריח פון זופּ, די פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פונעם טאָפּ אויפן פייער, האָט גערייצט אונדזער הונגער און נאָך מער פאַרשטאַרקט די אומגעדולד. אָבער קיין מאָל האָבן מיר זיך נישט אַנידערגעזעצט עסן, כל=זמן אַלע זיינען נישט געווען צוריק.

בלויז איין מאָל האָבן מיר זיך אויף איין פּאָרל נישט דערוואַרט. יצחק און דאַניעל, וועלכע זיינען געגאַנגען צוזאַמען, זיינען געווען די לעצטע. חנה האָט ווי געוויינטלעך געגרייט צום טיש, אַלץ איז געווען פאַרטיק צום עסן. ס'האָט אפילו דאָס מאָל געזאָלט זיין אַ סורפּריז: חנה האָט פאַר יעדן געמאַכט אויף אַן אָנגעגליטן ציגל אַ מצהלע פון מעל. אָבער קייען, האָט זי אָנגעזאָגט, זאָל מען נישט צו שטאַרק, ווייל די מעל איז געווען געמישט מיט זאַמד... מיר האָבן אומגעדולדיק געוואַרט, מען זאָל זיך קענען זעצן עסן. אָבער יצחק און דאַניעל זיינען נאָך אַלץ נישט געווען צוריק. די ערשטע שעה האָט מען געהאָפט, אפשר זיינען זיי ווייט אַוועק און ס'דויערט, ביז זיי קומען צוריק. אָבער די שעהן זיינען געגאַנגען און וואָס שפּעטער האָט זיך אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן אַרייַנצוגנבען אַ געדאַנק, צי איז מיט זיי נישט עפּעס געשען. ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן און זיי זיינען נאָך אַלץ נישט געווען. מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז אָדער מען האָט זיי דערשאָסן, אָדער געכאַפּט. מיר זיינען געזעסן ווי פאַרגליווערטע. דאָס פייער אונטערן טאָפּ זופּ האָט שוין גענומען אויסגיין. אָבער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט. די פּאַרע פון טאָפּ האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ דינער און דינער, ביז ס'האָט אין גאַנצן אויפגעהערט. נאָר קיינער האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט. דער ווייטיק, וואָס יעדער האָט געפילט צוליב דאַניעלן און יצחקן, האָט אונדז געלאָזט פאַרגעסן אפילו דעם הונגער. חנה האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מען זאָל נישט באַמערקן, ווי די אויגן אירע זיינען נאַס. דערביי האָט קיינער נישט מורא געהאַט, אַז דורך זיי זאָל עפּעס געשען מיט אונדז. קיינער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם, אַזוי זיכער זיינען מיר געווען: אויב אפילו מען זאָל זיי לעבעדיקערהייט צעשניידן, וועלן זיי אונדז נישט אַרויסגעבן.

קאַזשיק, דער גלח, האָט אָנגעהויבן מתפּלל צו זיין, ער פלעגט עס טאָן אַלע באַגינען. אפשר האָט ער דאָס מאָל געבעטן פאַר זיי. כאַסקל, ווי זיין שטייגער איז געווען, איז געזעסן און אַרויסגעברומט אָפּגעהאַקטע זאַצן: „אַזאַ גרויסער ריזיקאַנט דער יצחק... געלאָפן אין פייער אַריין... האָט ער נאָך מיטגעשלעפּט דעם יונגן דאַניעל...“ אינגאַנץ האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן און איז אַרויסגע־פּלאַצט:

— וואָס דען, אַזוי ווי דו... זיצסט שטענדיק און יאָמערסט און יאָמערסט... ווען נישט יצחק, וואָלטן מיר שוין פון לאַנג נישט געהאַט צו עסן.

עס איז טאַקע געווען אמת. יצחק האָט אַ סך איינגעשטעלט, געלאָפן אין די סאַמע ווייטסטע קעלערן. ווען מען פלעגט אין אַ נאַכט צוליב וועלכע נישט־איז סיבות נישט קענען גיין, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען, אַזוי נערוועז איז ער דעמאָלט געווען. יצחק איז בכלל פון נאַטור אויס געווען אַ ברויזנדיקער, אַזאַ, וואָס מען זאָגט אויף זיי: אַ ברען פון אַ יונג. אפילו זיין אופן רעדן איז געווען אַ שטאַרקער, אַ הויכער. צומאָל האָט מען אים געמוזט זאָגן, ער זאָל רעדן שטילער, ווייל מיר זיינען דאָך אין אַ בונקער. ער האָט נישט געקענט פאַרליידן קיין עוולות. נאָך אַלס יינגל, ווען ער איז געגאַנגען אין שול און דערנאָך אַלס סטודענט, האָט ער זיך נישט איין מאָל געשלאָגן מיט די יינגלעך און מיט די סטודענטן, ווען זיי האָבן אים באַליידיקט ווי אַ ייד.

ס'איז געווען ווייט אין טאָג, ווען מיר האָבן זיך אוועקגע־לייגט שלאָפן, ווייל מען האָט געמוזט. בייטאָג האָט מען זיך נישט געטאָרט באַוועגן. אָבער קיינער איז נישט געשלאָפן. די צוויי ליידי־קער ערטער פון דאַניעלן און פון יצחקן האָבן ווי אַרויסגעקוקט פון דער פינצטערניש. ווי אַלע אַנדערע בין איך אויך געלעגן אין מיין ווינקעלע און געטראַכט וועגן די ביידע פעלנדיקע, וועלכע זיינען שוין, מסתמא, נישט מער ביים לעבן. צום וויפלטן מאָל איז מיר דערביי דורך אין קאָפּ אַלץ, וואָס יצחק האָט פונקט מיט עטלעכע טעג פריער דערציילט פון זיין לעבן. דאָס איז געווען נאָכן עסן. מיר אַלע זיינען געזעסן און האָבן זיך צוגעהאָרכט צו זיינע שילדערונגען.

— שטודירט האָב איך, האָט יצחק אָנגעהויבן, אין ווילנע. ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן אין 1939, בין איך געווען אין ביאַ־

ליסטאָק ביי מיינע עלטערן. כ'האָב דאָרט געארבעט אין א שפּיטאָל, חתונה געהאט, געהאט א קינד. דער אָנפאל פון די דייטשן אין 1941 איז געקומען אזוי אומגעריכט, אז איך האָב נישט באוויזן צו אנטלויפן. אין ביאליסטאָקער געטאָ האָב איך געלעבט מיט פרוי און קינד צוזאמען מיט מיינע עלטערן אין זייער שווערע באדינגונ־גען. די פרוי מיינע, וואָס האָט פארן קריג שטודירט אין ווארשע אויף א לערערין פון פויליש, האָט זיך פארבונדן מיט עטלעכע פוי־לישע פאמיליעס, וועלכע זי האָט דאָרט געקענט דורך אירע שול־חברטעס. זי האָט דורך באקאנטשאפט אין שטאָט געמאַכט ארישע פאפּירן פאר איר און פאר מיר און אין איינעם א שיינעם טאָג האָט זי מיטן קינד זיך ארויסגעגנבעט פון געטאָ און אוועק קיין ווארשע מיטן ציל צו געפינען אן אָרט אויך פאר מיר ווו צו באַ־האַלטן זיך. אין אַ קורצער צייט דערנאָך האָב איך זיך אויך אַרויס־געגנבעט פון געטאָ און בין אוועק קיין ווארשע, ווו כ'האָב געטראָפן מיין פרוי מיטן קינד.

אָבער, — האָט יצחק פאָרגעזעצט — דאָרט, ווו זי איז געווען, האָט מיין פרוי לענגער נישט געקענט בלייבן און פאר אים, פאר יצחקן, האָבן זיי נאָך בכלל נישט געפונען, ווו זיך צו באהאלטן. — מען האָט מיר געגעבן אָפּצועסן ,איך האָב זיך אַרומגעוואַשן און די פרוי האָט מיר געגעבן אן אדרעס, ווו כ'וועל קענען זיין א פּאָר טעג. דערנאָך וועט מען ווייטער זען.

— איך האָב באמערקט, — האָט יצחק נאָך א פּאָר מינוט שווייגן ווייטער דערציילט — כ'האָב באמערקט, אז די פרוי איז געווען א ביסל צעשראָקן און איך האָב פארשטאנען, אז מיין בלייבן דאָ קען נאָך שאטן מיין פרוי מיטן קינד. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין פרוי, געקושט מיין קליין מיידעלע און איך בין אוועק. ס'איז געווען נישט ווייט, נאָר גייענדיק אויף דער גאס, בין איך גע־ווען אזוי צעשראָקן, אז מיר האָט זיך געדאכט, דאָס יעדערער קוקט מיר נאָך און יעדערער דערקענט אז איך בין א ייד. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אז מען גייט מיר נאָך און מיין הארץ האָט גענומען האסטיק קלאפּן. איך האָב מורא געהאט זיך אויסצודרייען א קוק צו טאָן, איך זאָל מיט מיין שרעקעוודיק פּנים זיך אליין נישט פאר־ראטן. עס האָט זיך מיר גענומען דאכטן, אז דער, וואָס גייט מיר נאָך, האָט מיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט, ווייל ער ווארט עס זאָל

אנטקעגנגקומען א פּאָליציאַנט אָדער א דייטש, וועט ער אים תיכּף צורופן און מיך איבערגעבן. איך האָב געפילט, ווי די פיס האקן זיך מיר אונטער. כ'האָב גענומען גיין אלץ לאַנגזאַמער און לאַנג־זאַמער און, מתמא, האָט דאָס טאַקע מיך געראַטעוועט. א מיידל איז ארויסגעקומען פון א טויער, א בליק געטאָן, ווי איך שלעפּ זיך פּאַוואָלינקע און אריינגעקוקט מיר אין פּנים אריין, מיט א שמייכל מיר א זאָג געגעבן:

— פאַן אידזשע זעמנאָן? (דו גייסט מיט מיר?).

— איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף. — יאָ, האָב איך איר געענטפערט. זי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען צוריקגיין אין הויף אריין, פון וואַנען זי איז נאָר וואָס ארויס. איך בין איר נאָכגעגאַנגען. ס'איז געווען א גאסן־מיידל. זי האָט מיך ארויפגע־פירט אין הויף רעכטס אויפן ערשטן שטאָק, מיט איר שליסל גע־עפנט די טיר, איז אריין און איך נאָך איר. זי האָט מיך גענומען פירן דורך א קאָרידאָר אין א צימער אריין. א הייזעריקע שטימע פון אַן עלטערן מענטש האָט פון א נעבן־צימער א רוף געגעבן: „ווער איז עס?" זי האָט עפּעס געענטפערט, געעפנט א טיר פון א צימער און מיך אהין אריינגעלאָזט. זי איז אריין נאָך מיר און פאַר־מאַכט די טיר אויף א שליסל.

— דאָס צימער איז געווען נישט גרויס, געשטאַנען איז דאָרט א בעט, זאָרגפעליק פאַרשפּרייט, א טישל מיט א טישטוך, אויפן טישל א לאָמפּ מיט אַן אבאַזשור, אויף דער וואַנט איבערן בעט זיינען געהאָנגען א פּאָר פּאָטאָס, נישט קיין שטאַרק פרומע. אנט־קעגן בעט איז נאָך געווען אַן אַלט וואַשטישל מיט א קיילעכדיקן וואַש־שיסל און דערלעבן א שטיקל זייף, ביים ראַנד א האַנטעך און אויף דער ערד דערנעבן א טשוהונענער קרוג מיט וואַסער. זי האָט אראָפּגעוואָרפן דאָס זשאַקעטל פון זיך און גענומען זיך אויסטאָן. כ'בין געשטאַנען פאַרלוירן און האָב נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. כ'האָב מורא געהאַט איר צו זאָגן, צוליב וואָס איך בין איר נאָכגע־גאַנגען, טאָמער לאָזט זי מיך מער נישט ארויס און גיט מיך איבער צו די דייטשן. פון דער אַנדער זייט, אין דעם צושטאַנד, ווי איך בין געווען האָט מיך אָנגענומען אן עקל צו איר, צו דער גאַנצער וועלט און צו מיר אויך, איך זאָל קענען זיך לייגן מיט איר אין בעט. איך

האָב געפּילט, אַז דער גאַנצער לייב ברענט מיר פון נערוואָזיטעט, דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען ווי צום אומפאַלן.

— איך בין געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס מיידל האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און באמערקט, ווי איך שטיי מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט, ווייזט אויס, באַגריפן, אַז מיט מיר קומט עפּעס פאָר. זי איז געבליבן שטיין, האָט מיך אָנגעקוקט און מיט א מילדן טאָן א פרעג געגעבן: „— וואָס איז דיר?“.

— איר מילדער טאָן האָט מיך א ביסל בארויקט און איך האָב איר געענטפערט:

— ס'איז מיר איינער נאָכגעגאנגען אין גאס. צוליב דעם בין איך ארויף מיט דיר.

— האָסט געגנבעט, וואָס דו האָסט מורא, אז מען גייט דיר נאָך? האָט זי גענומען שמייכלען.

— ניין, איך בין א ייד... האָב איך א זאָג געגעבן. כ'ווייס אליין נישט, ווי דאָס האָט זיך מיר ארויסגעגליטשט פון מויל.

— אַ? — האָט זי כמעט ווי א ציטער געגעבן. זי האָט זיך שנעל גענומען צוריק אָנטאָן, געבליבן א ווײַלע פארטראכט און נאָך א מינוט אָדער צוויי קלערן האָט זי צו מיר געזאָגט:

— זעץ זיך אנידער און בארויק זיך. האָסט ביי וועמען צו זיין?

— ניין, האָב איך איר געענטפערט.

— נו, וווהין ביסטו געגאנגען?

— איך האָב אַן אַדרעס אויף איין נאכט איבערצונעכטיקן, בין איך געגאנגען אהין. איך בין נישט פון ווארשע, נאָר פון ביאליסטאָק.

— זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר און איך האָב איר אלץ דערציילט, אז מיין פרוי און קינד געפינען זיך אויך אין ווארשע, אז זיי האָבן נאָך אויך נישט ווו צו זיין. איך ווייס נישט פארוואָס, — האָט זיך יצחק ווי גענומען פארענטפערן פאר אונדז און אין זיין קול האָט נאָך אפילו איצט געקלונגען א מין חידוש — כ'ווייס נישט פארוואָס, איך האָב געקראָגן אזא צוטרוי צו איר... עס קען זיין, אז דאָס האָט גורם געווען די שרעק, וואָס האָט אויף מיר אזוי געווירקט. אז איך האָב נישט געפילט, וואָס פאר א שלעכטס איך קען

ברענגען אויף מיין פרוי און קינד מיט מיין דערציילן... אָבער מיין אויפריכטיקייט און מיין צוטרוי צו איר האָבן, משמעות, זייער שטאַרק געווירקט אויף איר. אפשר איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס א מענטש האָט זיך איר פארטרויט, געהאט צו איר צוטרוי. ווען איך האָב איר צום סוף געזאָגט, אז איך האָב נישט קיין כּך געלט, נאָר אויף א פּאָר טעג, האָט זי א שמייכל געגעבן:

„— וועסט עסן מיט אונדז". איידער איך האָב באוויזן איר צו פרעגן — ווער עס איז דער „אונדז", האָט זי צוגעגעבן: „איך לעב דאָ מיט מיין שוועסטער, וועלטע טוט אויך דאָס זעלבע וואָס איך, און מיט מיין פאָטער, וועלכן דו האָסט געהערט רופן פון יענעם צימער. ער איז שטענדיק שיכור, שוין אזש קראנק פון דעם. מיין מאמע איז אויך געשטאָרבן פון שיכרות. איך האָב נאָך א ברודער, ער ארבעט און וווינט נישט מיט אונדז".

יצחק האָט זיך אויף א מינוט פארטראכט: — איר זעט, האָט ער זיך געוואָנדן צו אונדז און זיין קול איז געווען ווארעם — א מענטש איז עפּעס אזוינס, וואָס מען קען אים קיין מאָל נישט דערגרונטעוועט, עפּעס ליגט פארבאָרגן אין דעם מענטשן, וואָס מען קען נישט זען און טייל מאָל ווייס אפילו דער מענטש אליין נישט, וואָס אין אים איז פארבאָרגן. דו זעסט א מאָל, א מענטש זינקט אין שמוץ אזוי ווייט, אז דיר דאכט זיך, ער איז פארפאלן. עס קומט א געלעגנהייט און עס טוט א בליץ אויף אין אים א געפיל פון מענטשלעכקייט, און די צופעליקע געלעגנהייט לאָזט אים טאָן אזעלכע גוטע און הומאניטארע זאכן, וואָס נישט קיין סך אנדערע, פון וועלכע עס דאכט זיך, לויט זייער פירונג, אז זיי זיינען פיין און איידל, וואָלטן דאָס געטאָן. אָט דאָס האָב איך, ווען כ'האָב זיך א ביסל בארואיקט, געטראכט, קוקנדיק אויפן מיידל, וואָס איך האָב נאָך אפילו איר נאָמען נישט געוווסט. אָט די מענטשלעכע ווערטער: „דו וועסט עסן מיט אונדז" ארויסגעזאָגט מיט אזא פשוטקייט, האָבן מיך נישט נאָר באפרייט פון מיין שרעק, נאָר אויך אָנגעפילט מיין הארץ מיט א מאָדנער רואיקייט, כ'וואָלט געזאָגט, מיט א געפיל פון גליק. נאָך אזא לאנגער צייט פון דערנידערונג האָב איך פלוצלונג ווידער דערפילט שטאָלץ פארן מענטשן. איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער איר צו זאָגן, וואָס כ'האָב אין יענעם מאָמענט געשפּירט. האָב איך זי בלויז א פרעג געגעבן, ווי זי הייסט.

— יאדוויגא הייס איך, און ווי הייסטו?

— סטעפאן, הייס איך היינט, האָב איך איר געענטפערט.

— ס'האָט זיך דערהערט א רודערן ביי דער טיר אין קאָרידאָר, וואָס גייט ארויס אין דרויסן און דרייען מיט א שליסל אין טיר. איך האָב זיך אינסטיקטיוו אויפגעהויבן און ווידער איז מיך באפאלן א שרעק. זי האָט זיך אויך אויפגעשטעלט: — שרעק זיך נישט, קיינער וועט אהער נישט אריינקומען. זי איז צו צו דער טיר און האָט זיך איינגעהערט. די טיר פון דרויסן האָט זיך געעפנט, איין מענטש איז אריינגעקומען און האָט צוריק צוגעמאכט די טיר. — מיין שוועסטער אליין איז אריינגעקומען, — האָט זי מיך בארואיקט.

באלד האָט זיך דערהערט א געשריי פון טאטנס צימער:

— ווער איז דאָרט?

יאדוויגא האָט מיר געזאָגט, איך זאָל זיך נישט שרעקן, זי גייט אריין רעדן מיט איר שוועסטער און מיטן טאַטן. מיין שוועסטער איז אויך נישט קיין שלעכטע, — האָט זי צוגעגעבן און האָט צוגע־געמאכט די טיר הינטער זיך.

ווען איך בין געבליבן אליין, האָב איך ערשט גענומען בא־טראכטן מיין לאגע. דערווייל בין איך געראטעוועט, אָבער אין וואָס פאר א שטוב געפין איך זיך?... ווי קען מען זיך איבערגעבן אין רשות פון צוויי גאסן־פרויען און א שיכור? א געדאנק וואָס שנע־לער צו אנטלויפן איז מיר געקומען אין זינען. נאָר איידער כ'האָב נאָך געקענט צונויפזאמלען מיינע מחשבות, האָב איך דערהערט, ווי מען עפנט דאָרט די טיר און גלייך האָט זיך אויך געעפנט די טיר פון צימער, וו איך בין געווען. יאדוויגא, שוין ווי אן אייגענע, האָט מיר פאָרגעשטעלט איר שוועסטער, פראניא, אן עלטערע פון איר, אָבער נאָך גענוג יונג צו קענען טאָן אן ענלעכע ארבעט. „איך האָב אויך מיין טאטן דערציילט" — האָט יאדוויגא מיר געזאָגט, ווי כדי אין גאנצן מיך צו בארואיקן, — „ער איז אויך נישט קיין שלעכטער, נאָר ווען ער שיכורט זיך אָן, שרייט ער און מאכט גע־וואלדן, שעלט זיך, גרייט זיך אפילו צו שלאָגן. אָבער ער האָט נאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. איך האָב אים געזאָגט, אז דו ווילסט זיך דאָ אויסבאהאלטן, ער וויל דיך זען". ביידע מיידלעך האָבן מיך אריינגעפירט צום טאַטן אין צימער. ער איז געלעגן אויף זיין בעט אין אָנטועכץ. ווייזט אויס, ער האָט איצט נאָכן אָנשיכורן

זיך א ביסל זיך אויסגעשלאָפן. לעבן זיין בעט איז געשטאַנען א טיש מיט א פּאָר בענקלעך ארום, אַלץ איז געווען שמוציק און פאַרלאָזט. קיינער, ווייזט אויס, איז אהין מער נישט אריינגעגאַנגען, און ער פלעגט פארברענגען דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט מיט שיכורן.

— ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אויפגעזעצט און מיר דערלאַנגט די האַנט: — קאַזשימיערטשיק הייס איך, און דו?

— סטעפאַן, האָב איך אים א זאָג געגעבן.

— ער האָט געגעבן א כיטרען שמייכל, ווי איינער זאָגט, ווען דו ביסט טאַקע אן אמתער סטעפאַן, וואָלסטו זיך אפשר נישט באַדאַרפן באַהאַלטן, — עס געפעלט דיר דאָ ביי אונדז? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן.

איך האָב זיך כמעט ווי פארלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. האָב איך אזוי ווי געשטאַמלט און געענטפערט מיט א פראַגע: פאַרוואָס נישט? — „זעץ זיך". האָט דער אַלטער א זאָג געגעבן. די צוויי שוועסטער זיינען ארוים פון צימער, דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצט זיך אויף א שטול לעבן מיר, און מיך אָנגענומען ביי דער האַנט:

— האָסט נאָך מזל, וואָס דו ביסט אריינגעפאַלן צו אָרנטלעכע מענטשן, ווּעסט קענען איבערלעבן. אַנדערע נוצן אויך הייַנט אויס. איך האָב א סך יידן געקענט פריער, איידער מען האָט זיי אַלע דאָרט אריינגעשפּאַרט אין געטאָ, איך בין שטענדיק געווען גוט מיט זיי. ס'איז א גרויסער רחמנות, מען הרגעט זיי נעבעך אויס...

נישט בלויז פון זיין מויל האָט זיך געפילט דער ריח פון בראָנפן, נאָר פון אים אין גאַנצן, פון זיין אָנטועכץ האָט געשפּאַרט א מין דומפּיקייט. די אויגן זיינע זיינען געווען רויט און אויף זיין פּנים זיינען געווען אויסגעקריצט די יאָרן פון שיכרות. אין א נאָרמאַלער צייט וואָלט איך זיך מסתמא געעקלט פון אזא מענטשן, אָבער איצט, קוקנדיק אויף אים, האָט מיר אָנגענומען גאָר א מיטגעפיל צו אָט דעם מענטשן. זיינע מענטשלעכע ווערטער צו מיר „ווּעסט קענען איבערלעבן" און זיין באַדויערן וואָס מען הרגעט אויס די יידן, האָבן מיר אריינגעגעבן א צוטרוי, אז ער און זיינע טעכטער וועלן מיר נישט טאָן קיין שלעכטס. זיין אויסדרוק: „האָסט מזל, וואָס דו ביסט אריינגעפאַלן צו אָרנטלעכע מענטשן", וואָס

האָט געקענט אויסזען אין אזא שטוב ווי א שפּאס, ווי אן איראָניע, זײַנען בײַ מיר געוואָרן אמתדיקע ווערטער, ווײַל אינערלעך זײַנען די מענטשן געווען ערלעך.

— ווען איך האָב אויף זײַן פראגע, וואָס איז מײַן באַשעפטי־קונג געענטפערט, אז איך האָב שטודירט מעדיצין, האָט ער זיך א ביסל ווי פארשעמט.

— אין דער צײַט, וואָס איך בין געזעסן און גערעדט מיטן פאָטער, האָבן די צוויי שוועסטער צוגעגרייט א באהעלטעניש פאר מיר. זייער דירה איז באשטאנען פון פיר צימער און א גרויסער קיך. איבער דער העלפט פון דער קיך איז אין דער הייך געווען א מין גאלעריע, פארמאכט מיט טירלעך. וואָס האָט געדינט צום אוועקלייגן אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע כלים וכדומה. אונטער דער גאלעריע איז געווען א מין אַלקער אויך פארמאכט מיט טירן, וו ס'איז געלעגן האָלץ און קוילן. אָט דאָרט, אויף דער גאלערקע אויבן, האָבן זיי געמאכט א געלעגער פאר מיר. אפילו ווען עמעצער וואָלט ארײַנגעקומען דאָ אין קיך, וואָלט אים נישט געקענט אײַנ־פאלן, אז דאָרט קען זײַן א מענטש. דאָס אָפּגעצאמטע אָרט איז גע־ווען גענוג גרויס, ברייט און אויך גענוג לאנג, בלויז נישט הויך. זיצן האָט מען געקענט, נאָר נישט אויפשטעלן זיך. כדי זיך ארויפ־ציכאפּן אויבן, האָט מען געמוזט ערשט צורוקן דעם קיכטיש און פון אים זיך ארויפציען אויף מײַן געלעגער.

— ווען די צוויי שוועסטער זײַנען ארײַנגעקומען מיך רופן, וויזן דאָס אָרט, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאר מיר, איז דער פאָ־טער אויך מיטגעגאנגען זען. ביינאַכט, — האָט מיר יאדוויגא גע־זאָגט — וועסטו קענען האלטן אָפן די טירלעך, וועט דיר זײַן לופטיק צו שלאָפן. און אפילו בייטאָג וועסטו אויך קענען האלטן אָפן די טירלעך, נאָר ווען דו וועסט הערן אויפשליסן די טיר, זאָלסטו זיי גלײַך צומאכן.

— אוודאי איז דאָס נישט קיין צימער פאר קיין דאָקטער, — האָט זיך אָפּגערופן דער פאָטער, און זיי דערוויי̆ל דערציילט, אז איך האָב שטודירט מעדיצין — אָבער נישקשה, וועסט טרינקען מיט מיר א ביסל וואָדקא, וועסטו אויסהאלטן. — און דער אלטער האָט גוטמוטיק מיר געגעבן א קלאַפּ אין פּלייצעס.

די עלטערע שוועסטער האָט געגומען מאכן עסן. ס'איז שוין

דערווייל געוואָרן נאכט, און די יינגערע שוועסטער איז אוועק אויפן אדרעס פון מיין פרוי איר איבערגעבן, ווו איך געפין זיך. כ'בין גע־ווען שרעקלעך נערוועז, ווען כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, וואָס מיין פרוי האָט שוין איבערגעקלערט, ווען איך בין נישט אָנגעקומען אויפן אדרעס, וווהין איך בין געגאנגען. נאָכן עסן האָב איך זיך געלייגט אויף מיין געלעגער און טראָץ מיין מידקייט און אלע אי־בערלעבונגען, האָב איך לאנג נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב גאָרנישט געקענט באנעמען און באגרייפן אין וואָסער לאגע איך געפין זיך. אין שטוב, ווו אין די צימערן לעבן מיר ווערן געטאָן די שמוציקסטע זאכן און אין דער אָנוועזנהייט פון אייגענעם טאַטן, וועלכער שיכורט. און אפשר — איז מיר איינגעפאלן א געדאנק — וועלן דאָ באלד זיין דייטשן אויך... און דאָ אין מיטן ליגט א ייד און ראַטעוועט זיין לעבן... אוי ווי פאַרפלאָנטערט אַלץ איז... ווי פאַר־פלאָנטערט... אזוי טראכטנדיק, בין איך פאַרט איינגעשלאָפן און אזוי טיף, אַז איך האָב גאָרנישט געהערט, צי איז דאָ עפּעס פּאָר־געקומען די נאַכט.

— איר וועט, מסתמא, מיר נישט גלויבן, ווען כ'וועל אייך זאָגן, אז כ'בין דאָרט געווען א לענגערע צייט. איך אליין האָב עס אויך נישט געגלויבט. כ'בין געווען פעסט אנטשלאָסן צו בלייבן נישט לענגער ווי צוויי טעג. און כ'בין געבליבן דאָ נישט צוויי טעג, נישט צוויי וואָכן, נישט קיין צוויי חדשים. צוויי יאָר בין איך דאָרט גע־בליבן אין מיין באהעלטעניש אויף דער גאלערקע. כ'וויים נישט, צי איר פארשטייט, וואָס דאָס הייסט צוויי יאָר אין דעם דאָזיקן אָרט. נאכט פאר נאכט פלעגן די ביידע מיידלעך ברענגען צו פירן זייערע קליענטן. וואָסערע סצענעס עס פלעגן זיך דאָרטן אָפּשפּילן, בין איך נישט בכוח אייך צו באשרייבן.

— דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געהערט אריינקומען געסט, האָט מיר דאָס הארץ גענומען קלאפּן. נישט פון שרעק טאָ־מער וועלן זיי מיר דערזען, איך בין געווען גוט באהאלטן, אויף דער פארמאכטער גאלעריע, קיינער האָט מיך נישט געקענט זען, מיין הארץ האָט געקלאפּט פון אויפרעגונג איבער דעם, ווו איך געפין זיך. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב נישט געהאט ווי צו גיין. אויך פון מיין פרוי און קינד האָב איך געהאט שלעכטע גרוסן, אז זיי געפינען נישט קיין אָרט ווו צו זיין שטענדיק, נאָר

אַלץ צייטווייליק. דעריבער איז זי געווען צופרידן, וואָס איך האָב געפונען אן אָרט זיך צו ראטעווען. זאָגן, אז מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט, וואָלט נישט געווען ריכטיק. ביי יעדן מאָל האָב איך געפילט דאָס זעלבע און אמערגסטן איז געווען ווען דייטשן, אָפּט האלב שיכורע, פלעגן אריינקומען. ווען איך פלעג דערהערן זייערע הוצפּהדיקע שטימען, האָב איך זיך אין גאנצן געוואָרפן פון אויפרעגונג, פון אָנמעכטיקן צאָרן. א קאלטער שווייס פלעגט מיך באגיסן און איך בין געווען גרייט צו אנטלויפן, וווהין די אויגן וועלן מיך טראָגן, גאָרנישט קלערן, וואָס עס וועט זיין דערנאָך. נאָר ווי אויסטערליש דאָס זאָל אייך נישט פאָרקומען, וואָס ס'האָט מיך פאָרט דאָרט דערמעגלעכט צו בלייבן, וואָס עס האָט מיר פארלייכטערט מיין לעבן דאָרט, געמאכט עס דערטרעגלעך — דאָס איז געווען די אויפפירונג פון די ביידע מיידלעך, זייער איידעלער אופן, ווי זיי האָבן מיך באהאנדלט. וויפל מאָל האָב איך זיך געפרעגט, ווי אזוי פאָרט זיך דאָס מיט זייער פראָפעסיע. ניין, געבן אייך א געטריי בילד פון אָט די ביידע גאסן־פרויען, וועלכע פלעגן גאנצע נעכט ארומשיכורן מיט זייערע געסט און דערנאָך ארויסווייזן לגבי מיר אזוי פיל פשוטע הארציקייט, אזוי פיל טאקט; יאָ, טאקט, ווי מען האָט עס זעלטן געפונען ביי די פיינסטע און געבילדעטסטע מענטשן; אייך דערקלערן, וואָס אזעלכע פרויען האָבן דערביי געטראכט און געפילט — דאָס קען איך נישט. צו דעם וואָלט איך געמוזט זיין א גרויסער שרייבער, א טיפער פסיכאָלאָג. כ'קען אייך נאָר זאָגן, אז נאָר זייער איידלקייט, געפּאָרט מיטן מעכטיקן לעבנסאינסטינקט, מיטן דראנג צו לעבן, האָט מיר דערמעגלעכט אריבערצוטראָגן במשך פון צוויי יאָר אזא מין עקזיסטענץ.

— און אריבערטראָגן איז געווען וואָס. נישט נאָר די שיכורע געסט, גאָר באזונדערס די דייטשן. ס'זיינען נאָך געווען אַנדערע צרות. איין מאָל, ס'איז געווען אין אָוונט, האָב איך דערהערט פלוצלונג פון צימער ארויס שיכורע קולות אויף דייטש: — „בראָנפן, גיב בראָנפן, גיך“ דאָס מיידל האָט, ווייזט אויס, אים געוואָלט איינשטילן, אָבער באלד האָט זיך דערהערט א קלאפעריי פון פארשידענע זאכן. איך האָב פארשטאנען, אז דער שיכורער דייטש צעברעכט שוין דאָרט אלץ, וואָס ער געפינט און קלעפּ האָבן זיך אויך דערהערט. דאָס מיידל האָט אויפגעעפנט די טיר און גערופן דעם

פאַטער. לאַנג האָבן זיך געהערט די געשרייען, ביז זיי האָבן דעם האַלב שיכורן דייטש ארויסגעפירט אויפן גאַס. זיי זיינען באַלד געקומען צוריק, דאָס מיידל איז אריין אין איר צימער און האָט זיך פארמאַכט. די שוועסטער איז דערוויל געקומען, ווי געוויינטלעך, מיט א פעקל עסן צום אָוונט־ברויט (מען פלעגט כמעט שטענדיק עסן טרוקנס). איך האָב געמאַכט טיי און מען האָט זיך אוועקגעזעצט עסן. ערשט דעמאָלט האָט מיך יאדוויגא געפרעגט, צי איך האָב זיך דערשראָקן? און די שוועסטער האָט צוגעגעבן: „דו דארפסט זיך צוגעוווינען צו אזעלכע זאכן. וואָס זאָל מען טאָן? זיי זיינען די הערשער" (געמיינט די דייטשן). איך האָב נישט דרייסט א זאָג געגעבן: „פארוואָס־זשע רופט איר זיי?" כ'האָב קוים ארויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער, ווי כ'האָב דערפילט, ווי ס'ווערט מיר אזש הייס אין גאַנצן קערפּער. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערלויבט צו מאַכן זיי אזא פאַרוואורף. כ'האָב תיכף באדויערט די פראַגע, וואָס איז מיר אינסטינקטיוו געקומען אויף דער צונג און האָב אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— „ביסט נאָך נאַאיוו, האָט די עלטערע שוועסטער געענטפערט — אָבער אין איר קול איז נישט געווען קיין שום פאראיבל — ווען מען שטייט אין גאַס, קען מען נישט מאַכן קיין אונטערשייד... מען קען קיינעם נישט אָפּזאָגן און בפרט די הערשער". פון אירע ווערטער האָב איך פארשטאַנען, אז זיי זיינען די דייטשן אויך נישט קיין גרויסע פריינד. אפשר איז טאקע דערפון געקומען זייער ווילן עפּעס אָפּצוטאָן דעם אָקופּאַנט, באהאַלטנדיק א ייד. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין סך גערעדט מיט זיי און נישט געפרעגט, פארוואָס זיי טוען עס, א פראַגע, וואָס האָט מיך געעגבערט גאַנצע טעג, ווען כ'פלעג פארברענגען, ליגנדיק אויף מיין געלעגער.

— דער פאָטער פלעגט שטענדיק זיין אין שטוב, אויסער ווען ער פלעגט אראָפּגיין אין גאַס זיך באזאָרגן וואָדקע צום טרינקען. ווי נאָר ער האָט עס געקראָגן, האָט ער זיך גלייך אָנגעשיכורט. ווען ער איז געווען שוין גוט שיכור און מער צו טרינקען האָט ער נישט געהאַט, פלעגט ער נעמען שרייען, שעלטן און נישט איין מאָל פלעגט ער זיך דערשלעפּן ביז אין קיך אריין און ארויפשרייען צו מיר: —
„גיי אראָפּ און ברענג מיר בראָנפן, און אויב נישט, גיי איך דיך שוין איבערגעבן די דייטשן... האַ! דו הערסט? זיי וועלן דיך אויפ־

הענגען אויף א לאָמטערן... געדענק, ביסט א ייד!" כ'פלעג מוזן אראָפּקריכן און נעמען אים מיט גוטן צוזאָגן, אז אָט גיי איך ברענגען און אים דערביי אריינשלעפּן אין זיין צימער, ארויפלייגן אויפן בעט און אים אזוי צורײדן, ביז ער פלעגט איינשלאָפן. אזעלכע סצענעס און אַנדערע פלעגן זיך אָפט איבערהזרן. דאָס האָט מיך אזוי געפּייניקט, אז כ'האָב שוין געוואָלט אוועקגיין. איך האָב אָבער געוואָרט, אז מיין פרוי און קינד זאָלן האָבן געפונען א מקום מקלט פאר זיך.

איין מאָל, עס איז געווען א נאָכמיטאָג, בין איך געלעגן אויף מיין גאליאָרקע מיט אָפענע טירלעד, איך זאָל האָבן לופט. אזוי פלעג איך טאָן שטענדיק און ווען איך פלעג הערן שליסן די טיר, — אַלע האָבן געהאַט שליסלען, — פלעג איך די טירלעד פאַרמאַכן. פלוצלונג האָב איך דערהערט קלינגען ביי דער טיר, איך האָב זיך שטארק דערשראָקן. אזא זאך איז נאָך נישט פאָרגעקומען, דאָס קלינגען האָט נישט אויפגעהערט. דער פאָטער האָט גענומען שרייען: „באלד!" איז צוגעגאנגען און האָט געעפנט די טיר. כ'האָב דערהערט אן אויסגעשריי פון פרייד. כ'האָב פארשטאנען, אז עס מוז זיין אן אייגענער, אָבער דאָך בין איך שוין נישט געווען רואיק. אין א פּאָר מינוט ארום איז דער פאָטער אריינגעקומען אין קיך און א געשריי געגעבן: „סטעפאן! עפן אויף, האָב נישט קיין מורא, עס איז מיין זון". איך האָב אויפגעעפנט די טירלעד און געזען שטיין לעבן פאָטער א בחור, אפשר פון א יאָר צוואנציק, ריין אָנגעטאָן און מיט א שמייכל אויף די ליפּן. — „קום אראָפּ" — האָט ער מיר א זאָג געגעבן, „מיין פאָטער האָט מיר אלץ דערציילט. איך הייס וולאַדעק" — ער האָט מיר דערלאנגט די האנט, ווען איך בין אראָפּגעקראָכן פון מיין גאליאָרקע. מיר האָבן זיך פונאנדערגערעדט. ער האָט מיר דערציילט, אז ס'איז אים שוין איבערדריסיק דאָס לעבן, וואָס ער האָט געפירט ביז איצט. ער גייט זיך דעריבער פארשרייבן אויף אַרבעט קיין עסטרייך, וווהין מען שיקט פון פוילן מענער און פרויען צו פארשידענע ארבעטן. אויב איך וויל קען ער מיין פרוי אויך פארשרייבן, ווייל ער האָט באקאנטשאפטן אין דעם אמט און זי וועט קענען קריגן א באשעפטיקונג דאָרטן, ווו זי וועט שוין זיכער נישט דערקענט ווערן ווי א יידישע.

— כ'האָב זיך אָנגעכאפט אָן זיין פלאן. פארוואָס איך האָב

געהאט צוטרוי צו דעם יינגל ווייס איך אליין נישט. אפשר צוליב די שוועסטער זיינע. ווי ס'זאָל נישט זיין, וולאדעק האָט געהאלטן וואָרט. אין צען טעג ארום איז מיין פרוי מיטן קינד געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען דאָס אָרט און די גאַלעריקע, וווּ איך בין געלעגן. אויף צומאָרגנס איז זי אַוועקגעפאָרן קיין ווין מיטן קינד, ארבעטן דאָרט אין א רעסטאָראַן. דער יונגער וולאַדעק מיט ביידע שוועסטער זיינען געווען אירע באַגלייטער.

— וואָס פון מיין פרוי און קינד איז געוואָרן, ווו זיי זיינען איצט, ווייס איך נישט — האָט יצחק מיט א געבראָכענער שטים פאַרענדיקט זיין דערציילן. — עטלעכע מאָל האָב איך יאָ דערהאלטן פון דאָרט א ידיעה, אז זיי לעבן. אָבער מיטן אויסברוך פון אויפשטאנד בין איך אוועק פון מיין באהעלטעניש, כדי זיך צו באטייליקן אין די קאמפן. און ווען איך בין אין א פּאָר טעג ארום צוריקגעקומען זען, וואָס דאָרט איז, איז שוין דאָס הויז געווען צעשטערט און קיינעם האָב איך דאָרט נישט געטראָפן.

*　　*

*

יצחקס אויסטערלישע איבערלעבונגען האָבן מיך איצט, ווען כ'בין געלעגן אָן שלאָף אין בונקער, נישט געלאָזט צורו. ווו איז ער איצט? נישט שוין־זשע איז ער נאָך ביים סאמע סוף אומגעקומען? סאמעק, וועלכער איז געלעגן לעבן מיר, איז אויך נישט געשלאָפן. ער האָט דערקענט אין מיין דרייען זיך, אז איך שלאָף נישט, האָט ער מיר א זאָג געגעבן אין דער שטיל:

— ווי זאָגסטו חיים, זיי זיינען שוין פארפאלן? זיי וועלן שוין נישט צוריקקומען, הא?

— אפשר זיינען זיי אוועק ווייט און דערווייל איז געוואָרן טאָג, ליגן זיי דאָרט ערגעץ אין אַ קעלער און זיי וועלן נאָך אפשר קומען — האָב איך אים געענטפערט. — עס שלאָפט זיך נישט, הא סאמעק?

ניין, קיינער האָט נישט געקענט שלום מאכן מיט אזא געדאנק: מען האָט אויסגעהאלטן אזוי פיל יאָרן, אזוי פיל זיך אָנגעמאַטערט און ביי די לעצטע מינוטן אומקומען אויף די חורבות פון ווארשע... קיינער איז נישט געשלאָפן, קיינער האָט נישט געטראכט וועגן זיך,

נאָר װעגן זײ און מיט װײטיק, פּונקט װי מען זאָל אװעקרײסן עפּעס פון אונדז אַלײן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג דױערט אַן אײביקײט. מען האָט געװאַרט אױף דער נאַכט, הגם מען האָט נישט געװוּסט, װאָס זי װעט ברענגען...

װען עס איז געװאָרן נאַכט, האָט מען באַשלאָסן, אַז די נאַכט גײט מען נישט אַרױס זוכן אין די קעלערן, װײל טאָמער האָט מען זײ געכאַפּט נאָענט פון אונדזער בונקער, קענען די דײַטשן נאָך דאָ שטײן און היטן און מען קען אונדז אױך כאַפּן. איך און כאַסקע זײנען אַװעק אין קאַנאַל נאָך װאַסער. סאַמעק האָט זיך אַרױסגע־דראַפּעט ביז צו דער לאָך און געהאָרכט, צי מען גײט נישט. חנה איז געגאַנגען אַהין און צוריק און די הענט האָבן זיך איר נישט גע־רירט צו מאַכן עסן. איגנאַץ האָט זיך געפּאָרעט בײם איבערטראַנס־פּאָרטירן אין קאַנאַל דעם קובל, װאָס האָט געדינט פאַר אַן אובי־קאַציע.

װען איך און כאַסקע זײנען געקומען צוריק מיט װאַסער, זײנען יצחק און דאַניעל נאָך נישט געװען. אַ שױדערלעך געפיל האָט אונדז פאַרקלעמט. ס'איז נישט געװען מער אױף װאָס צו האָפן... אָבער, װײזט אױס, אַז האָפענונג טאָר מען קײן מאָל נישט פאַרלירן.

ס'איז שױן געװען אַ פּאָר שעה אין דער נאַכט, װען סאַמעק האָט פון דער לאָך אַרױסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַ געשרײ אַראָפּ געגעבן צו אונדז: „זײ זײנען דאָ!" ער איז אַראָפּ און נאָך אים דאַניעל און יצחק, בײדע שטאַרק פאַרמאַטערטע. מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט קושן פאַר פרײד. חנה האָט זיך גלײך גענומען מאַכן עסן. כאַסקע האָט איר צוגעהאָלפן און יצחק מיט דאַניעלן האָבן גענומען דערצײלן זײער אַװאַנטורע.

— איר האָט זיך שױן נישט גערעכנט אױף אונדז, — האָט דאַ־ניעל געזאָגט, שמײכלענדיק, און געקוקט אױף חנהן, װאָס פאַר אַ מינע זי מאַכט. זײערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. — האָסטו מיך כאָטש באַדױערט, חנה?

— פאַרװאָס נישט? אַלע דאַרפן אױסהאַלטן און איבערלעבן, — האָט חנה קורץ אָפּגעהאַקט.

— איר מײנט, — האָט יצחק אונטערגעכאַפּט — מיר האָבן נישט געװוּסט, װאָס איר װעט איבערטראַכטן? אָבער װאָס האָבן מיר געקענט טאָן? נעכטן בײנאַכט איז עס גלײך פון אָנהײב אָן

אוועק מיט דער פוטער אראָפּ. אין וויפל קעלער מיר זיינען נישט אריין, האָבן מיר גאָרנישט אין זיי געפונען. מיר האָבן דערקענט, אז מענטשן זיינען דאָרט געווען. אין א סך קעלערן האָבן מיר געטראָפן די גאנצע פּאָדלאָגע באדעקט מיט פעדערן. ווייזט אויס, אז די מענטשן, וועלכע קומען דאָ אויפקלייבן זאכן פאר די דייטשן, האָבן געפונען קישנס, האָבן זיי אויפגעשניטן ארויסגעלאָזט די פעדערן און די ציכלעך מיטגענומען. מיר זיינען אוועק זייער ווייט, און דאָס האָט לאנג געדויערט. מיר זיינען אריבער א גאס און אריין אין א הויז. אין ערשטן קעלער האָבן מיר געפונען באָבעלעך און אין צווייטן א ביסל קאשע. ווי נאָר מיר זיינען אריין אין א לעצטן קעלער און האָבן אָנגעצונדן א שוועבעלע צו זען, וואָס דאָרט געפינט זיך, האָט א דייטשער פּאָסטן, וואָס איז געשטאנען אין דרויסן לעבן פענצטערל פון קעלער, דערזען די ליכט. ער האָט א געשריי געגעבן: „ווער איז דאָרט?" איך האָב גלייך פארלאָשן די שוועבעלע, געבליבן שטיין און איינגעהאלטן דעם אָטעם. דער דייטש האָט גענומען שרייען: „ווער איז דאָרט? ארויסקומען!" און האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן, כדי מען זאָל אים קומען צו הילף. מיר האָבן געמיינט, אז מיר זיינען פארלוירן און ווען מיר ווארטן נאָך א מינוט, וואָלטן מיר טאקע פארלוירן געגאנגען.

— דער דייטש האָט געהאלטן אין איין שיסן און האָט גענומען זיך דערנעענטערן צו דער זייט פון אריינגאנג, וועלכער איז געווען ווייט פון דעם פענצטערל. נישט פארלירנדיק קיין סעקונדע, האָבן מיר זיך געגעבן א רייס ארויס פון דעם קעלער. מיר זיינען שוין געווען אויפן הויף, די קוילן זיינען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. גלייך זיינען מיר אריינגעשפרונגען אין א צווייט חרוב הויז און פון דאָרט אין א דריטס. די שיסעריי איז דערווייל געוואָרן גאָר א שטארקע. ס'האָבן שוין געשאָסן עטלעכע. ווייזט אויס, אז אנדערע זיינען אים געקומען צו הילף, אָבער מיר זיינען ווייטער געלאָפן. מיר האָבן אליין נישט געוווסט, ווי ווייט מיר זיינען אוועק. צום סוף זיינען מיר דערשעפּטע אַוועקגעפאלן אין א קעלער און זיינען געווען אזוי פארמאטערט, אז מער אויפהויבן זיך האָבן מיר נישט געקענט. ווען מיר האָבן נאָכן אָפּרוען זיך א ביסל, געוואָלט גיין אויף צוריק, האָבן מיר באמערקט ווי עס הויבט אָן צו טאָגן. ס'איז געווען צו שפּעט. זיינען מיר אריין אין א קעלער פון א חרוב

הויז, ווו ס׳איז געווען אָנגעוואָרפן ציגל און גרוז. אונטער א בערגל מיט ציגל און גרוז זיינען מיר געלעגן א גאנצן טאָג, ביז עס איז געוואָרן נאכט. נו, — האָט זיך יצחק צעשמייכלט, — אבי מיר זייִ־ נען דאָ.

די נאכט זיינען מיר שוין נישט ארויס אויף אונדזערע געוויינט־ לעכע עקספּעדיציעס. עס איז געווען א יום־טוב ביי אונדז. ווען מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט עסן די זאמדיקע פּלעצלעך און די וואסער־ דיקע זופּ, האָבן זיי געהאט גאָר אן אנדער טעם, טאקע אן אמתן יום־טובדיקן טעם.

עס קען זיין, אז אָט אזעלכע גוטע פריילעכע מינוטן האָבן אונדז טאקע געגעבן קראפט אויסצוהאלטן, אז אדאנק זיי האָבן מיר געקענט פירן אונדזער טאָג־טעגלעכן, אונדזער אוממענטשלעכן קאמף פאר דורכהאלטן, פארן לעבן.

קאַפּיטל צען

דאָס לעבן אין בונקער האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט געווען אומבאַוועגלעך. די שעהן פלעגן זיך שלעפּן ווי אַ טשערעפּאַכע. די העלפט פון דער צייט — די טעג — פלעגט מען מוזן ליגן שטיל אויף דעם געלעגער. בייַנאַכט האָבן מיר טאַקע געהאַט די „עקס־פּעדיציעס“, אָבער אַ חוץ דעם איז נישט געווען קיין סך וואָס צו טאָן. מיר האָבן זיך ביסלעכווייַז אַליין דערציילט איינער דעם אַנדערן און ס׳פלעגט שוין פאָרקומען, אַז מיר זייַנען געזעסן לאַנגע שעהן שטום, יעדער פאַרזונקען אין די געדאַנקען. ס׳וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז אַזאַ מין עקזיסטענץ מוז בהדרגהדיק זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מין אַפּאַטישן האַלבשלאָף, אַ לעטאַרגיע. אָבער דאָס איז נאָר געווען איין זייַט פון בונקער־לעבן. פון דער אַנדערער זייַט האָבן מיר נישט געהאַט קיין איין רגע רו. כסדר טאָג און נאַכט האָבן מיר געמוזט אָנגעשטרענגט זיך ראַנגלען פאַר אונדזער עקזי־סטענץ. מער ווי איין מאָל האָב איך געטראַכט, אַז אָט דער גע־ראַנגל איז אפשר נאָך שווערער ווי אַן אָפענער קאַמף פּנים אל פּנים מיט אַ שונא. דאָ האָבן מיר געמוזט קעמפן קעגן אַ סך שונאים. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו ראַנ־גלען זיך מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט עס נישט געזען, וואָס מען האָט נישט געקענט, אויף וואָס מען האָט צומאָל זיך גאָרנישט געריכט. אַ שרעקלעכער צושטאַנד: דו ווייסט נישט, פון וועלכער זייַט עס דראָט דיר די געפאַר, אָבער דו ווייסט, אַז זי דראָט דיר יעדע מינוט: פון דרויסן, פון קאַנאַל, פון הונגער, פון דורשט און יעדעם מאָל איז צוגעקומען עפּעס אַנדערש, וואָס האָט אונדז גע־מאַטערט און נישט געגעבן קיין רו.

כ׳האָב שוין דערציילט, ווי מיר זייַנען געוואָרן געפּייַניקט דורך די פליגן. איצט, ווען ס׳האָט גענומען ווערן קעלטער, זייַנען די פליגן

פאַרשוווּנדן. איז אָבער געקומען אַ נײַע צרה: מיט יעדן טאָג האָבן זיך גענומען מערן די שטשורעס, וואָס האָבן זיך געיאָוועט אין בונקער, און נישט קיין קליינע, נאָר גרויסע און היפּשע און נישט איינציקווייז פלעגן זיי קומען, נאָר צו עטלעכע מיט אַ מאָל. זיי פלעגן אָנקומען פון דער זייט פון קאַנאַל און אויך פון דער לאָך, וואָס האָט געפירט צום דרויסן. מיר האָבן געטראַכט, אַז זיי געפינען שוין, מסתמא, נישט גענוג מתים אין די חורבות. אָדער, און דאָס איז געווען נאָך וואַרשיינלעכער, אַז די אַרבעטס=קאָמאַנדאָס, וואָס די דײַטשן ברענגען אַהער בײַטאָג, כדי צו גישטערן און צו זוכן אין די רואינעס פאַרשיידענע זאַכן, שרעקן איבער די שטשורעס און פאַריאָגן זיי פון דער אויבערפלאַך. געבראַכט אויפן דאָזיקן געדאַנק האָט אונדז דער פאַקט, וואָס גראָד בײַטאָג, ווען מיר פלעגן שלאָפן, פלעגן זיי זיך באַווײַזן אין אונדזער בונקער. אמת, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין שטשורעס פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט מיר זײַנען דאָ אַרײַן, אָבער ווי נאָר זיי האָבן דערשפּירט אונדזער פאַראַנענזייט, האָבן זיי זיך, זעט אויס, אין אָנהויב דערשראָקן און זײַנען זיך ביסלעכווייז צעלאָפן. בלויז פון קאַנאַל פלעגן מיר הערן זייערע פּייפּערייען. איצטער אָבער, איבערגעשראָקן דורך די אַרבעטס=קאָמאַנדאָס אויבן, זײַנען זיי אַנטלאָפן פון דאָרטן און צוריקגעקומען באַאין=ברירה צו אונדז. און אפשר אויך דערפאַר, ווײַל עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאַלט אין דרויסן.

דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם אַלאַרם, איז געווען איגנאַץ. ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און גענומען שרײַען. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן, געמיינט, אַז מען האָט אונדז דאָ אַנטדעקט.

— וואָס איז געשען, איגנאַץ? — האָבן מיר געפרעגט.

— די שטשורעס האָבן מיך צעביסן — האָט ער געענטפערט, באַטאַפּנדיק זיך דעם גאַנצן לײַב.

מיר האָבן געמיינט, אַז עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אָדער געחלומט, אָבער איגנאַץ האָט זיך געשווירן, אַז נישט איינע, נאָר עטלעכע שטשורעס מיט אַ מאָל זײַנען אַרויף אויף אים און האָבן אים געביסן. דאָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר אמת. פון דעמאָלט אָן איז איגנאַץ געלעגן מיט אַ שטיק האָלץ אין האַנט און

פּלעגט דערמיט קלאַפּן אָן אויפֿהער לעבן זיך, אַנדערש האָט ער נישט געקענט איינשלאָפֿן.

אָבער מיט די שטשורעס האָבן מיר זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אַזוי, אַז דער פֿון אונדז, וואָס האָט געהאַלטן וואַך, ווען מיר זיינען געשלאָפֿן, — האָט שוין אין איינוועגס אויך געוואַכט, אַז די שטשורעס זאָלן אונדז נישט בייסן.

ערגער איז געווען דער קאַמף מיט זיך אַליין. דאָס נישט לאָזן זיך באַהערשן פֿון אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע. גאַנץ אָפֿט פּלעגט זיך טרעפֿן, אַז ביינאַכט, שוין נאָך אונדזערע עקספּעדיציעס און נאָכן אָפּעסן, וואָס דאָס פּלעגט אויסקומען שטענדיק אַרום דריי ביינאַכט, פּלעגט פּלוצלונג אונדז באַפֿאַלן אַזאַ שווערקייט, אַז עס פּלעגט אונדז דריקן ביים האַרצן. קיינער האָט צום אַנדערן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

דער ערשטער אַריינצופֿאַלן אין אָט דער געדריקטער שטימונג איז געווען יחזקאל, אונדזער כּאַסקל, און באַלד האָט ער אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין מרה־שחורה און אומעט. ער פּלעגט דער ערשטער זיך אַוועקזעצן, אונטערשטעלן ביידע עלנבויגנס אויף דער קני, אַריינגעמען דעם קאָפּ אין ביידע הענט, אַראָפּקוקן אויף דער ערד און קיין ריר זיך נישט געבן. דאַניעל פּלעגט זיך געבן אַ לייג אַוועק מיטן פּנים אַראָפּ, אונטערגעלייגט ביידע הענט און שווייגן, אומאויפֿהערלעך שווייגן. אפֿשר האָט ער געוויינט, קיינער האָט זיך אָבער נישט צוגעקוקט צו אים. חנה מיט סאַמעקן זיינען געזעסן איינער לעבן אַנדערן און דאָך געווען דעמאָלט זייער ווייט איינער פֿון צווייטן. יצחק פּלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין אונטערערדישן דורכגאַנג, צוקריכן צו דער לאָך פֿון קאַנאַל און זיך צוהערן צום גערויש פֿון לויפֿנדיקן שמוץ. קאַזשיק, דער גלח, ווען ער פּלעגט דאָס דערזען, פּלעגט אַרויסנעמען זיין געבעט־ביכל און אַריינקוקן דערין, פֿאַרטיפֿנדיק זיך אין אַ תּפֿילה.

איך בין זיכער געווען, אַז ווען אין אָט דער מינוט וואָלט פֿאָרגעקומען אַן איבערפֿאַל אויף אונדז, וואָלט קיינער פֿון אונדז אַפֿילו נישט געהערט. און אין אָט דער פּאָזע אונדזערער וואָלט מען אונדז געווען אַנטדעקט. קיינער איז אין אַזאַ מינוט נישט געווען דאָ אין בונקער, נאָר ערגעץ ווייט, ווייט פֿאַרטראָגן אין זיינע מחשבֿות וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן דער אַמאָליקער אייגענער

היים, וועגן אמאָליקן נאָרמאַלן לעבן. אָפּטמאָל, ווען איך בין נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט אַט דער שטימונג פֿון מײַנע חברים און איך האָב זיי געקענט ניכטער אָבסערווירן, איז מיר געווען ממש פּײַנלעך איבערצוהערן זייער פֿאַרטראָגנקייט און אַרויסצורייסן זיי פֿון זייערע חלומות. זאָלן זיי חלומען אַזוי נאָך אַ שעה צי צוויי, האָב איך זיך געטראַכט, אפשר טוט עס זיי גוט, פֿאַרלײַכטערט זיי דאָס שווערע געמיט. מען דאַרף זיי לאָזן צורו. סײַ ווי וועט באַלד דער ערשטער שאָס, וואָס וועט זיך דערהערן אויבן מיטן אָנקומען פֿון טאָג, זיי אויפֿוועקן פֿון זייערע מחשבות און זיי צוריקברענגען צום רעאַלן בונקער-לעבן, וואָס זיי וועלן דערפֿילן מיט נאָך מער ביטערקייט ווי פֿריער.

כ'פֿלעג זיי דעריבער קיין מאָל נישט שטערן. פֿאַרקערט, כ'פֿלעג זיך אָפּזונדערן פֿון זיי און זיך אַרויפֿדראַפּען צו דער עפֿענונג, וואָס האָט געפֿירט צום דרויסן, אַראָפּנעמען אַ פּאָר ציגל און אַרויסקוקן אויף דער חרובער וואַרשע, וואָס איז געלעגן אַרום מיר, אַט די שטאָט, וועלכע איך האָב אַזוי גוט געקענט. איך האָב אַרויסגערופֿן אין מײַן דמיון געשעענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון אַזויפֿיל יאָרן מײַנע, וואָס איך האָב דאָ דורכגעלעבט, און זיצן אַזוי, פֿאַרזונקען אין געדאַנקען ווער ווייסט ווי לאַנג.

איין מאָל קוקנדיק אויף וואַרשע, וואָס אַ טייל אירער, ווו עס איז געווען די געטאָ, איז איצטער געווען צעהאַקט און צעבראָכן, האָב איך נאָך א מאָל אַרויסגערופֿן אין מײַן זכרון יענעם מאָמענט, ווען מען האָט מיך מיט נאָך צוויי טויזנט ייִדן געבראַכט אַהער אָפּצוראַמען די חורבות פֿון געטאָ.

געווען איז דאָס אין אָקטאָבער 1943 אין אוישוויץ-בירקענאַו. אין אַ פֿאַרנאַכט איז פּלוצלונג געגעבן געוואָרן אַן אַלאַרם און נאָכדעם אַ ברוטאַלער באַפֿעל: „אַנטרעטן!“ אַזעלכע אַלאַרמען, האָבן מיר געוווּסט, זאָגן נישט אָן קיין גוטס און יעדער האָט זיך געגרייט צום ערגסטן. זיכער אַ סעלעקציע אויף צו נעמען אין דער גאַזקאַמער. ווי דאָס פֿלעגט גאַנץ אָפֿט פֿאָרקומען. יעדער האָט דערבײַ שוין געזען זײַן סוף, ווײַל אַלע האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע מתים, ווי „מוזעלמענער“, ווי דאָס האָט געהייסן אויפֿן לאַגער-לשון. פֿון אַ ווונק פֿונעם עס-עס-מאַן, וועלכער האָט זיי באַקוקט נאַקעטער=

הייט, איז געווען אָפּהענגיק צי דער העפּטלינג גייט היינט אין גאַז אַריין, צי ער האָט נאָך אַ פאַרלענגערונג. ערשט מיט אַ צען טעג פריער זיינען אויף אַזאַ אופן פופצן הונדערט געפאַנגענע אַוועקגעשיקט געוואָרן צום פאַרגאַזט ווערן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מיינע בעסטע חברים פון פאַריז.

אָבער ווען דער איצטיקער סעלעקציע האָט מען גערעדט, אַז עס האַנדלט זיך אין אויסקלייבן אַ צאָל געפאַנגענע אויף אַוועקצושיקן זיי אין אַן אַנדערן לאַגער. מיר האָבן נישט געוווסט, צי גלויבן אָדער נישט דעם האָזיקן קלאַנג. אויסער דעם האָבן מיר דאָך סיי ווי נישט געהאַט קיין ברירה. מען האָט טאַקע אויסגעקליבן טויזנט יידן און זיי אַוועקגעשיקט פון בירקענאַו קיין אוישוויץ. איך בין געווען צווישן זיי. די טויזנט האָט מען אויסגעקליבן מיט אַ סדר און, זעט אויס, לויט אַ באַשטימטן באַשלוס. זיי האָבן געמעגט זיין פון אַלע לענדער פון אייראָפּע, נאָר נישט פון פּוילן. דאָס הייסט זיי האָבן געקענט אָפּשטאַמען פון פּוילן, אָבער נישט אַזעלכע, וואָס מען האָט דירעקט געבראַכט אַהער פון פּוילן. אַ פּוילישער ייד אַפילו, וויבאַלד נאָר מען האָט אים געבראַכט אַהער פון פראַנקרייך צי בעלגיע, האָט געהייסן ביי די דייטשן אַ ייד פון פראַנקרייך אָדער בעלגיע. פאַרוואָס מען האָט נישט גענומען קיין יידן, געבראַכטע דירעקט פון פּוילן, האָבן מיר זיך ערשט שפּעטער משער געווען.

אין אוישוויץ זיינען שוין געווען צוגעגרייט נאָך טויזנט יידן און צוזאַמען זיינען מיר געוואָרן אויפגעלאָדן אין וואַגאָנען פאַר פי, פאַרהאַקט און באַוואַכט דורך עס=עס. נאָך אַ גאַנצן טאָג פאָרן זיינען מיר אין מיטן דער נאַכט געבליבן שטיין און דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פון די וואַגאָנען האָבן מיר בלויז געקענט זען פון דער ווייטנס ליכטן עטלעכע קליינע פייערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון אַ שטאָקפינצטערניש. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען אויפגעעפנט די וואַגאָנען און געגעבן אַ באַפעל אויסצושטייגן. גלייך זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די עס=עס=לייט אונטער דער קאָמאַנדאָ פון אַ שטורעמפירער. ער האָט אונדז צו וויסן געגעבן ,אַז מיר געפינען זיך אין וואַרשע און אַז מיר וועלן דאָ אַרבעטן. דערנאָך האָט ער, ווי געווינלעך, צוגעגעבן: „אויב איר וועט גוט אַרבעטן, וועט איר לעבן“.

וואַרשע!... דאָס וואָרט, האָט ווי אַ דונער געגעבן אַ זעץ אין מיינע שלייפן. וואַרשע! די שטאָט, וווּ כ'בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. די שטאָט, וווּ ס'האָט געלעבט און איז, מסתּמא, אומגעקומען מיין גאַנצע משפּחה. (כ'האָב שוין דעמאָלט אויפן סמך פון מיין לאַגער־דערפאַרונג געוווּסט, אַז, מסתּמא, זיינען שוין אַלע וואַרשעווער ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן). וואַרשע! די שטאָט פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, וועמענס עכאָ איז אריינגעדרונגען ביז אין אוישוויץ אַריין און האָט אונדז אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט ווייטיק, מיט טרויער און האָפענונג. ווי האָבן מיר דאָרט געפיבערט איבערן קלענסטן אָפּקלאַנג, איבער יעדן שמץ פון אַ ידיעה וועגן העלדישן קאַמף פון אונדזערע וואַרשעווער ברידער.

און אָט בין איך — נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּוועזנהייט — ווידער געווען אין וואַרשע, אין מיין היימשטאָט. אָבער אין וועלכע באַדינגונגען... כ'וואָלט געדאַרפט זיין אַ גרויסער שרייבער, אויסצודריקן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פאַרשידענע געפילן, וואָס האָט מיך און, מסתּמא, אַזוי פיל אַנדערע פון אונדז, אַרומגעכאַפּט, ווען דער שטורעמפירער האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז מיר זיינען אין וואַרשע...

דאָס אָרט, וווּ מיר האָבן זיך געפונען, איז געווען — ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט — דער טרויעריק־באַקאַנטער וואַרשעווער אומשלאַג־פּלאַץ. פון דאַנען זיינען אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ אַוועק אין די גאַזקאַמערן פון טרעבלינקע און אַנדערע אומקום־ערטער.

נאָך דעם ווי דער שטורעמפירער האָט פאַרענדיקט, האָט מען אונדז גענומען פירן דורך דער פּאָקאָרנע־גאַס, דורך פּלאַץ מוראַנאָווסקי, מילע גאַס, צו דער דזשיקע־גאַס און פון דאָרט צו דער גענשע, וווּ מען האָט אונדז אָפּגעשטעלט ביי דער מיליטערישער טורמע.

געווען איז דאָס נאָכן העראָישן געטאָ־אויפשטאַנד. אַלץ ארום איז געווען וויסט און חרוב, קיין סימן פון אַ לעבעדיקן נפש. מיר האָבן געטראָטן אויף די רואינירטע גאַסן, וואָס האָבן דערציילט פון ייִדישער גבורה און פון ייִדישן אומקום. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט חפצים, סימנים פון אַ מענטשלעך לעבן, וואָס איז פאַרשוווּנדן: צעריסענע ביכער און שמות פון גמרות, צעבויגענע

בעטלעך און שטיקער פון ספרי־תורות. געווען איז אַרום פּוסט. די חורבות האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. מיר זיינען געווען די ערשטע צו באַטרעטן דאָס הייליקע אָרט. שווער איבערצוגעבן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין אונדזערע נשמות, ווען מיר זיינען געטרעטן איבער די שטיינער פון געטאָ...

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן הויף פון דער מיליטערישער תפיסה, וווּ ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ לאַגער פאַר אונדז, האָבן מיר דאָרט געטראָפן פּונקט יידישע יונגעלייט, פאַרשפּאַרטע אין די קאַמערן. יעדן באַגינען פלעגט מען זיי אַרויספירן אויף לאַסט־אויטאָס, זיי אַרויספירן פון תפיסה־הויף און ביינאַכט זיי צוריק־ברענגען. אונדז האָט מען נישט צוגעלאָזט צו זיי. געזאָגט האָט מען, אַז די דאָזיקע געפאַנגענע זיינען געכאַפּט געוואָרן שוין נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד אין בונקערס און אין די קאַנאַלן. צו וואָס פאַר אַן ארבעט מען האָט זיי געפירט, האָבן מיר קיין מאָל נישט גע־ווּסט. נאָך אונדזער אָנקומען זיינען זיי קיין סך דאָ נישט געבליבן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיי דערשאָסן.

איך בין געוואָרן צוגעטיילט אַ קאָמאַנדע, וואָס איז באַשטאַ־נען פון צען יידן און האָט געטראָגן דעם נאָמען „עלעקטרישער בויליייטונג". אונדזער אַרבעט איז געווען אַרויסצוזוכן אונטער די חורבות און אין די קעלערס אַלע עלעקטרישע מכשירים און צו־דאָטן, דהיינו: דראָטן, שאַלטערס, טראַנספאָרמאַטאָרן אא"וו. מיר זיינען געווען באַוואַכט דורך צוויי עס־עס־לייט, וואָס פלעגן גע־ווײנטלעך בלייבן אין דרויסן, בעת מיר פלעגן ארומקריכן אין די קעלערס און צוזאַמענקלייבן אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָרט גע־פונען. מען פלעגט דערנאָך דאָס אַלץ אַרויספירן פון וואַרשע און עקספּעדירן קיין דייטשלאַנד. דערביי האָט אונדז איין מאָל פּאַסירט אַן אויסטערלישע געשעעניש, וואָס איז מיר אויף שטענדיק גע־בליבן אין זכרון און געהערט צו די זעלטענע דערהויבנדיקע און דערפרייענדיקע מאָמענטן אויף אונדזער דערנערוועג.

איין מאָל בין איך צוזאַמען מיט נאָך איינעם — סאַלאָמאָן האָט ער געהייסן, שפּעטער געפאַלן אין די קאַמפן פונעם אויפ־שטאַנד — אַראָפּ אין אַ קעלער, אויף דזשיעלנע גאַס, דוכט זיך מיר. מיר האָבן באַמערקט, אַז אין דער קעלערוואַנט איז געווען אויסגעהאַקט אַ לאָך. נישט לאַנג געקלערט, זיינען מיר דורכגע־

קראָכן און האָבן זיך געפֿונען אין אַ צווייטן קעלער, פֿון וואַנען אַ טיר האָט געפֿירט אין נאָך אַ קעלער. מיר זײַנען אַרײַן און געבליבן שטיין מיט אָפֿענע מײַלער: דער גאַנצער קעלער איז פֿון אויבן ביז אונטן געווען אָנגעפֿילט מיט ביכער. און נישט סתם אָנגעוואָרפֿן, נאָר זאָרגפֿעליק אויסגעשטעלט. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט דאָרט געהאַט באַהאַלטן גאַנצע ביבליאָטעקן. מיר האָבן גענומען א ביסל נישטערן און גלײַך דערזען, אַז כמעט אַלע ביכער זײַנען געווען ייִדישע. שווער צו באַשרײַבן דעם אײַנדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף אונדז. ס'איז געווען ווי אַ רוף פֿון אַן אַנדער וועלט, אַ לאַנג שוין פֿאַרשוווּנדענער. מיר זײַנען געווען ווי אין חלום. פֿאַרגעסנדיק, ווּ מיר זײַנען, אַז אַ'ן דרויסן וואַרטן אויף אונדז די עס־עס־לײַט, האָבן מיר אַלץ גענישטערט און גענישטערט אין די ביכער. אַן אויסגעהאַקטע לאָך אין דער וואַנט האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ דערבײַאיקן אַלקער, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט גמרות. גאַנצע ש"סן, גרויסע און קלײנע, אײַנגעבונדענע אין לעדער, אין קאַרטאָן, נישט אײַנגעבונדענע, שפּאָגל נײַע און אַלטע, פֿאַרגעלטע, אָפּגענוצטע פֿון לערנען. מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר מוזן אויף גיך אַרויס, אַז יעדע ווײַלע, וואָס מיר בלײַבן דאָ לענגער, קאָן אונדז קאָסטן קלעפּ, שמיץ, יסורים. אָבער מיר זײַנען געווען ווי צוגעשמידט צום אָרט, געלאָפֿן פֿון די ביכער צו די גמרות און פֿון די גמרות צו די ביכער, אַרויסגענומען נאָך אַ בוך און נאָך אַ בוך און יעדעס מאָל האָט זיך מיר דערבײַגעדוכט, אַז איך האַלט אין האַנט עפּעס א לעבן אַ גאַנצס, אַ גאַנצע וועלט. פּלוצלונג איז מיר אײַנגעפֿאַלן אין פּלוג אַן אויסטערלישער געדאַנק: „סאַלאָמאָן, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מײַן הבר, אפֿשר נעמען מיר מיט אַ פּאָר ביכער אין לאַגער אַרײַן?“ ער האָט נישט פֿאַרטראַכט זיך אויף קיין רגע אפֿילו: „ביסט גערעכט. אָט דאָ ליגן די ווערק פֿון שלום־עליכם, פֿאַרשטייסט?“ אוודאי האָב איך פֿאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך ביידע צעשמייכלט. און נישט איבערלייגנדיק מער גאָרנישט, האָבן מיר ביידע אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר ביכלעך, אַראָפּגעריסן די טאָוולען און אַרײַנגעשטעקט די בלעטלעך אין די הויזן. צופֿרידענע זײַנען מיר אַרויס פֿון קעלער. ס'איז געווען צײַט: דער עס־עס־מאַן האָט שוין אָנגעהויבן צו בורטשען.

אין אָוונט ביים אַריינגיין אין לאַגער האָבן סאַלאַמאָן און איך זיך געשטעלט צוזאַמען. אַזוי איז געווען דער מנהג, ווען מען האָט געהאַט ביי זיך עפּעס באַהאַלטנס. ווייל אויב מען געפינט ביי איינעם, וועט דער עס־עס־מאַן, וואָס פלעגט די געפאַנגענע דורכזוכן, זיך פאַרנעמען מיט אים און דערווייל וועט דער צווייטער זיך קאָנען אַריינגליטשן אין לאַגער אַריין.

אָבער שלום־עליכמס זכות איז אונדז, ווייזט אויס, בייגעשטאַנען: מיר זיינען ביידע בשלום דורך דעם קאָנטראָל און דעם זעלבן אָוונט, ווען די עס־עס זיינען שוין געווען אַרויס פון לאַגער און דער קאַפּאָ מיטן בלאָקעלטסטן ביי זיך אין צימערל, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט: מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ ווינקל און כ'האָב שטילערהייט פאָרגעלייענט שלום־עליכמס אַ מעשה, וועלכע — געדענק איך נישט מער, אָבער איך געדענק די פרייליכע פנימער און דאָס פאַרשטיקטע לאַכן (הויך לאַכן האָט מען נישט געטאָרט) פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן, וועלכע האָבן אין דער מינוט אין גאַנצן פאַרגעסן, ווו זיי זיינען און וואָס עס וואַרט אויף זיי. באַהאַלטן די צוויי ביכלעך האָב איך אונטער אַ ברעטל אין דער סטעליע פון אונדזער בלאָק. וואָכן לאַנג האָט שלום־עליכם אונדז געבראַכט טרייסט און פרייד און ווען איך פלעג הערן דאָס האַרציקע לאַכן פון דער גרופּע קאַצעטניקעס, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז אוודאי דאָס גרעסטע, וואָס מען האָט זיי געקאָנט אין אָט דער לאַגע געבן...

סימנים פון די קאַמפן אין געטאָ האָבן מיר געפונען אומעטום. אויף די נאַלעווקעס, נישט ווייט פון קראַשינסקיס גאָרטן, האָב איך געטראָפן, ביים אָפּרייניקן אַ הויז, אין אַ געוועלב ליגן פאַרשאָטענע, דערשטיקטע יידן. זיי האָבן דאָ זיכער געקעמפט בעתן אויפשטאַנד. אויף שוויענטאָיאַרסקע אין דורכגאַנג־הויף האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סך טויטע יידן מיט בערד (ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן איז דאָרט געווען די בערשטער־שאָפּ, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַ סך פרומע יידן). די דאָזיקע יידן האָבן דאָ העלדיש געקעמפט. אויך אין די בונקערס האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף טויטע קערפּערס פון געפאַלענע קעמפער.

קיין מאָל וועל איך נישט פאַרגעסן, וואָס מיר האָט דערביי פּאַסירט: אין די ערשטע טעג פון אונדזער קומען קיין וואַרשע האָבן

מיר באַמערקט אַ מאָדנע זאַך. אויף אַ סך הייף זיינען געוואָקסן קליינע אוגערקעלעך. געווען אפילו אַזעלכע הייף, נישט קיין צו שטאַרק צעשעדיקטע און פאַרשאָטענע מיט ציגל און כל המינים אָפּפאַל, וואָס האָבן אויסגעזען שיער נישט ווי אַ פעלד, באַדעקט מיט בלעטער און צווישן די בלעטער אוגערקעלעך. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען — און עד היום פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אָבער דעמלט האָבן מיר קיין לאַנגע קשיות נישט געפרעגט. מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אוגערקעס. מער ווי איינעם פון אונדז האָט עס אפשר דערהאַלטן ביים לעבן. מיר האָט עס ממש דערמאָנט די געשיכטע מיטן מן, וועגן וועלכער עס רעדט דער חומש, אַזאַ זיסן טעם האָבן זיי געהאַט די קליינע אוגערקעלעך.

אונדזער אַרבעט איז אין יענע טעג באַשטאַנען אין צעהאַקן און צעלייגן די איבערגעבליבענע ווענט פון די האַלב פאַרברענטע געטאָ־הייזער. איין מאָל אַריינקומענדיק מיט אונדזערע רידלען און ברעכשטאַנגען אויף אַ הויף, האָב איך באַמערקט אין אַ ווינקל די מיר, שוין גוט באַקאַנטע בלעטער... כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, צי דער עס־עס־מאַן און דער קאַפּאָ זעען נישט, און האָב זיך צוגעכאַפּט א נישטער צו טאָן צווישן די בלעטער. מיט איין האנט האָב איך אַרומגעשאַרט אין די בלעטער און מיט דער צווייטער אויף גיך דערלאַנגט אַ כאַפּ אַן אוגערקעלע און אַריינגעשטופּט עס תיכף אין מויל אַריין. פּלוצלונג האָב איך דערזען... אַ מענטשלעך אויג, וואָס האָט געקוקט אויף מיר פון צווישן די בלעטער אַרויס. דאָס בלוט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, דאָס שטיקל אוגערקע געבליבן שטעקן אין האַלדז און כ'האָב געפילט, ווי די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך מיר קאַפּויער. ערשט נאָך אַ רגע, ווען כ'בין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך דערזען אַ טויטן ייִדן, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף צווישן די בלעטער. דער קערפּער איז געווען איינגעקאָרטשעט, מיט די הענט איינע אויף דער אַנדערער, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט פון קעלט. עטלעכע בלעטער האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין לאַנגער באָרד. לעבן אים איז געלעגן אַ ייִדיש היטל. דער מת האָט אויסגעזען פריש, מסתמא געשטאָרבן פאַר אַ פּאָר טעג, איידער כ'האָב אים געפונען. אפשר האָט ער זיך דאָ אויף די חורבות אויסבאַהאַלטן, ביז ער איז אַזוי פון הונגער און קעלט אויסגעגאַנגען.

כ׳האָב דערפילט, ווי מיר ווערט שלעכט, נאָך אַ רגע און איך וואָלט אַוועקגעחלשט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַ ווילדער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין קעל. די אַנדערע יידן זיינען צוגעלאָפן. אַלע צוזאַמען זיינען מיר געשטאַנען אַרום דעם טויטן ווי באַטויבטע. ביז די זידלערייען פונעם קאַפּאָ און פונעם עס־עס־מאַן און די קלעפּ פון די שטעקנס, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אונדז, האָבן אונדז צוריקגעבראַכט צו דערווירקלעכקייט. מיר זיינען געלאָפן צוריק צו דער אַרבעט, געיאָגט דורכן ווילדן רעווען פונעם עס־עס־מאַן, וואָס האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, אונדז נאָכשרייענדיק: „די שטשורעס דאַרפן אויך האָבן עפּעס צו עסן. איר יידן זייט גראָד נאָר גוט פאַר דעם...“

פון דעמלט אָן האָב איך מער קיין אוגערקעלעך נישט געזוכט. ווי הונגעריק איך בין נישט געווען, אָבער יעדעס מאָל, ווען איך האָב פּרובירט אַראָפּשלינגען אַן אוגערקעלע, האָב איך דעריזען פאַר זיך דעם בליק פון טויטן יידן...

בלויז איין מאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ לעבעדיקן מענטש, דאָס איז געווען אַ יונג מיידל. זי איז געזעסן לעבן דעם טויטן קערפּער פון אַ יונגנמאַן. זי האָט אויסגעזען זיצנדיק אויף די חורבות ווי אַן אויסטערלישע באַשעפעניש, ווי דער איינציקער איבערבלייב פון לעבן אין אָט דער וועלט פון טויט און חורבן.

געווען איז דאָס באַלד נאָך אונדזער אָנקומען אין וואַרשע. אויף דער וואָלינסקע־גאַס האָט אַ קאָמאַנדאָ פון עטלעכע יידן, באַוואַכט דורך עס־עס, זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קעלער, וועלכער האָט געפירט אין אַ צווייטן קעלער. דאָרט לעבן אַ צעהאַקטער וואַנט, וואָס האָט ווידער געפירט צו אַ קעלער, האָבן מיר פּלוצלונג דעריזען די דאָזיקע מיידל־געשטאַלט, ווי עפּעס אַן אורמענטש אַן איינציקן. מען האָט זי געקענט אָננעמען אי פאַר אַן אויסטערלישווילדע און אי פאַר אַ הייליקע. נישט ווייט פון איר איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון אַ יונגן בחור.

די דייטשן האָבן אונדז געהייסן אַרויסטראָגן דעם בר־מינן פון קעלער און דאָס מיידל האָבן זיי אַוועקגעפירט אין לאַגער. דאָרט האָט מען זי דערמונטערט, אָפּגעוואַשן און איר געגעבן צו עסן. ווען מיר זיינען געקומען אויף מיטאָג אין לאַגער אַריין, האָט מען

אַלעמען געהייסן שטיין. דאָס מיידל איז געזעסן אויף אַ שטול לעבן דער קיך. דער קאָמענדאַנט איז צוגעקומען, זיך דערנענטערט צום מיידל, זי אָנגעקוקט און מיט אַ ציניש שמייכעלע געזאָגט צו איר: „דאָ אין לאַגער לעבן יידן, מען טוט זיי גאָרנישט, זיי אַרבעטן און קריגן צו עסן. דיר וועט אויך גאָרנישט פעלן, דו וועסט דאָ אַרבעטן און וועסט לעבן. דו דאַרפסט נאָר זאָגן, ווער עס האָט דיר דער־מעגלעכט, אַז דו זאָלסט קענען בלייבן לעבן ביז איצט... מיט וועמען האָסטו געהאַט קאָנטאַקט, צי נישט אַ מאָל מיט עמעצן פון דרויסן, זאָג מיין קינד...“

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם שטאָלצן אויסזען פונעם מיידל אין יענעם מאָמענט, די ליכטיקע שיין פון אירע אויגן. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פלאַם, דער גאַנצער כוח, וואָס זי האָט נאָך פאַרמאָגט, האָט זיך אָנגעצונדן אין איר און מיט אָט דעם לעצטן כוח האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול און געוואָרפן אירע ווערטער ווי שטיקער פייער דעם עס־עס־מאַן אין פּנים אַריין:

— איך קען זייער גוט אייערע זיסע רייד... איר וועט פאַר אַלעמען באַצאָלן! אייער סוף איז שוין נאָענט!...

מער האָט זי נישט באַוויזן צו זאָגן. אַ קויל פון דעם עס־עס־מאַנס רעוואָלווער האָט געטראָפן אין איר האַרצן. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. אין אונדזערע אַלעמענס אויגן האָט זי אין יענער רגע אויסגעזען ווי אַ הייליקע...

* *
*

אַ קלאַפּ פון אַראָפּגעפאַלענע ציגל און אַ שיטן פון גרוז אין בונקער האָט מיך פלוצלונג אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות און דערמאָנונגען. אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז דאָס זיינען ווידער די שמשורעס. אָבער איינהערנדיק זיך גוט, האָב איך דייטלעך דערהערט טריט פון עטלעכע מענטשן. פלוצלונג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. זיי זיינען, זעט אויס געקומען פון הינטן, פון הויף. איך האָב זיך גלייך געכאַפּט,

אז דאָס זיינען נישט קיין דייטשן, ווייל דייטשן וואָלטן געגאַנגען זיכערער און שווערער מיט זייערע שטיוול און זייערע טריט וואָלטן זיך געהערט העכער און שטאַרקער. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס זיינען געווען טריט פון אַזעלכע ווי מיר, באַהאַלטענע און פונקט ווי מיר זוכן זיי אויך עסן, נישטערגדיק איצטער אונטער די חורבות פון וואַרשע.

איך בין שטילערהייט צוגעקראָכן אַ ביסל נענטער, איך זאָל קענען עפּעס דערהערן פון אונטן. אָבער איך האָב נישט געהערט קיין מענטשלעכן קול. איך האָב זיי אָבער געהערט דערווייטערן זיך און פאַרשווינדן. איך בין געווען זייער איבערראַשט פון דעם, וואָס איז נאָר וואָס פּאַרגעקומען, און בין אַראָפּ אין בונקער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַלע האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן געמיינט, אַז מען יאָגט מיך נאָך.

וואָס איז געשען, חיים? — האָט חנה, וועלכע איז געזעסן אמנאָענטסטן צו דער לאָך, אַ געשריי געגעבן.

— איך האָב געהערט מענטשן גיין אויפן הויף — האָב איך געענטפערט.

— וואָס? — האָט איגנאַץ געזאָגט — עס האָט זיך דיר געחלומט. וואָס קענען דען איצטער דאָ זיין פאַר אַ מענטשן, וואָס זאָלן אַרומקריכן אין די הייף?

— איך וואָלט אָבער געקענט שווערן, אַז איך האָב אַליין געהערט, ווי זיי זיינען געגאַנגען. איך בין אַפילו אַרויפגעקראָכן אַ ביסל ווייטער, בכדי עפּעס דייטלעכערס צו דערהערן.

— נו, וואָס־זשע האָסטו געהערט? — האָט זיך איגנאַץ איינגעשפּאַרט.

— גאָרנישט, נאָר איך האָב זיי געהערט פאַרשווינדן אין די חורבות פון יענער זייט הויף.

יצחק האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אָפּגע־ענטפערט איגנאַצן: — און פאַרוואָס גלויבסטו אים נישט? עס קען דאָך זיין, אַז נאָך יידן ווי מיר זאָלן ליגן באַהאַלטן אין אַ בונקער און גייען אויך אַרום זוכן עסן.

— און פאַרוואָס בלויז יידן? עס קענען דאָך אויך קריסטן זיין באַהאַלטן אין בונקערס — האָט סאַמעק זיך אָנגערופן — נישט ווייניק פּוילישע קעמפער זיינען געווען, וואָס האָבן מיט מיר געערדט אין די לעצטע טעג פון אויפשטאַנד, אַז זיי זיינען אַלץ גרייט צו טאָן, אבי נישט אַוועקצוגיין צום דייטש אין געפאנגענ־שאַפט.

— ניין, — האָט זיך יצחק איינגעשפּאַרט, — עס זיינען טאַקע געווען אַזעלכע, ווי דו זאָגסט. אָבער איצטער, ווען עס קו־מען דאָ אויף די חורבות קאָמאַנדאָס פון ציווילע פּאָליאַקן אר־בעטן, וואָלטן די באַהאַלטענע זיכער אַרויס צו זיי. בלויז מיר קע־נען נישט אַרויס, ווייל מיר זיינען יידן.

— אָבער צו וואָס דאַרפן מיר זיך אמפערן, ווער זיי זיינען געווען — האָט זיך הנה אריינגעמישט — גלייכער וואָלט געווען, ווען מיר קענען זיך דערוויסן ווער זיי זיינען.

מיר זיינען געווען ווי מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אויף פון א טיפן שלאָף. פאַרגעסן זיינען געוואָרן די מחשבות, אין וועלכע יעדער איינער פון אונדז איז נאָר וואָס געווען פאַרזונקען. אונ־דזער גאַנצער אינטערעס איז איצט געווען געוואָנדן צו דער פראַגע, פון וועמען האָבן עס געקענט זיין די טריט. שוין די השערה, אַז דאָס זיינען אפשר אויך אַזעלכע געפּלאָגטע און גע־פּייניקטע ווי מיר, האָט אונדז שוין פאַרבונדן מיט זיי, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס מיר האָבן זיי אַפילו נישט געזען און מיר האָבן נישט געוווסט, ווער זיי זיינען. יעדער פון אונדז האָט פּרו־בירט זיך צו דערמאָנען, אין וועלכע פּונקטן פון אויפשטאַנד אין דער געגנט פון דער אַלטשטאָט האָבן זיך געפונען יידן. יצחק האָט זיך דערמאָנט, אַז אויף קאַזשלע־גאַס איז געווען אַזאַ פּונקט. מאָרגן ביינאַכט, האָבן מיר באַשלאָסן, וועלן מיר גיין זוכן דאָרטן אין די קעלערס, אפשר האָבן זיי זיך אויך געמאַכט דאָרטן א בונקער ווי מיר.

— אויך אויף דער נאָוואָליפּקע־גאַס, וו עס איז געווען אַמאָל א קינאָ, איז געווען אַ פּונקט, וו עס האָבן געקעמפט א סך יידן, באַפרייטע פון לאַגער, — האָט זיך אָפּגערופן דאַניעל, — מען דאַרף גיין אויך דאָרט. איך בין דאָרט געווען גלייך נאָך אונ־דזער באַפרייאונג, אָבער נישט אין די סאַמע ערשטע טעג פון

אויפשטאַנד. דריי טעג האָט געדויערט, ביז די אויפשטענדלער האָבן באַפרייט דעם לאַגער אויף גענשע, זיי האָבן אים אָבער געהאַלטן אַרומגערינגלט פון אָנהויב אָן — האָט דאַניעל פאָרגעזעצט: די עס-עס, וואָס זיינען געווען אין לאַגער, האָבן פאַרמאַכט די טויערן, געוואַכט אַרום און נישט געלאָזט נעמען דעם לאַגער. אונדז, די געפאַנגענע, האָבן זיי געהאַט אַריינגעטריבן אין די באַראַקן, נישט געלאָזט אַרויס און אונדז געהיטן מיט מאַשין-געווער, מיר זאָלן זיי נישט באַפאַלן. מיר זיינען געווען אין לאַגער דריי הונדערט און אַכציק מאַן. פופציק פון אונדז זיינען אַרויס אין דער פרי צו דער אַרבעט און דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, ווען זיי האָבן זיך געפונען ערגעץ-ווו אויסער דעם לאַגער. מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס מיט זיי איז געשען: דו, חיים, ביסט דאָך אויך געווען צווישן די פופציק?

— יאָ, יאָ, ס'איז ריכטיק — האָב איך זיך אָפגערופן — געווען זיינען מיר דאָ צוויי טויזנט מאַן אין לאַגער, אָבער מיט אַ פאָר טעג פריער, איידער דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט מען די מייסטן עוואַקואירט קיין דייטשלאַנד און קיינער פון אונדז האָט מער נישט געוווּסט וועגן זייער גורל. מיטגעגאַנגען איז מיט זיי דער יונגער קאָמענדאַנט, אַן עס-עס-מאַן אַן ערך דריי און צוואַנציק יאָר, אומשמיץ האָט ער געהייסן, אַ דעגענעראַט און אַ סאַדיסט. אַ נאַכט פאַרן עוואַקואירן די געפאַנגענע פונעם לאַזאַרעט, ווו ס'זיינען געלעגן איבער דריי הונדערט קראַנקע, איז ער אַריין אַהין מיטן מאַשין-פיסטויל אין האַנט און האָט זיי אַליין אויסגעשאָסן אויף זייערע געלעגערס. פיר הונדערט און דרייסיק מאַן האָט מען איבערגעלאָזט אויף נאָך עטלעכע טעג, כּדי אויפצורוימען פאַרשידענע זאַכן און די ערשטע אַרבעט אונדזערע איז געווען צו באַגראָבן די דערשאָסענע.

דאַניעל האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך עפעס געוואָלט דערמאָנען. דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר:

— דו געדענקסט, חיים, יענעם באַגינען, ווען מיר זיינען אַלע געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן פלאַץ, גרייט אָפצומאַרשירן. דעמאָלט ווען פון דער ווייטנס, איבער דעם לאַגער, ערגעץ אויפן העכסטן שטאָק פון אַ הויז האָבן זיך אויף אַ באַלקאָן באַוויזן מע-

געו׳ און פרויען און גענומען מאַכן מיט די הענט צו אונדז ווי צום געזעגענען זיך. עס איז געווען זייער ווייט, אָבער מיר האָבן געזען. און בכדי מיר זאָלן זיי באַמערקן, האָבן זיי געפּאָכעט מיט ווייסע טיכלעך צו אונדז. פּלוצלונג האָבן צוויי פרויען געגעבן א וויקל אויף אַ רויט שטיק שטאָף, ווי צו געבן אונדז אַן אָנדייטונג, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי איז נישט ווייט און אַז דער סוף פון די נאַציס וועט באַלד קומען. דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער מאָמענט האָט אונדז אָנגעפילט מיט טרייסט, אונדז געשטאַרקט און דערמוטיקט. אָבער אונדזער בלאָק, וואָס האָט געציילט פיר הונדערט און דרייסיק מאַן, איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך עס־עס און זיי האָבן אונדז נישט געלאָזט אָפּמאַרשירן. די איבעריקע געפאַנגענע זיינען אַוועק. ווער ווייסט, — האָט דאַניעל עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, — ווער ווייסט, וווּ זיי זיינען אַהינגעקומען. אין די ערשטע דריי טעג פון אויפשטאַנד, ווען דער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט פון די אויפשטענדלער, האָט זיך דער קאָמענדאַנט, וועלכער איז געבליבן מיט אונדז, געדרייט אַרום די בלאָקן, יעדעס מאָל אַריינגעקוקט צו אונדז. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אָט אָט וועט מען אונדז אַלעמען אויסשיסן. אָבער אויפן דריטן טאָג האָבן די אויפשטענדלער גענומען שטורעמען דעם לאַגער מיט אַזאַ קראַפט, אַז די דייטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן און מיר זיינען באַפרייט געוואָרן. דעמאָלט זיינען מיר אַלע אָנגעקומען אויף דער נאָוואָ־יאָרסקע־גאַס אין דעם קינאָ, „פּאָרום". אַ סך פון אונדז זיינען אַוועק אויף אַנדערע פונקטן.

לאַנג, לאַנג האָבן מיר נאָך גערעדט וועגן אונדזערע איבערלעבונגען. אונדזערע געדאַנקען אָבער זיינען כסדר צוריקגעקומען צו די אומבאַקאַנטע, וואָס האָבן זיך ווי שאָטנס דורכגעשלייכט אין דער פינצטער איבער די חורבות פונעם הויף. מיר האָבן געוואַרט אויף דער נאַכט, כדי צו פּרובירן אַרויסבאַקומען, ווער דאָס איז געווען. דערווייל האָבן מיר געקענט טאָן נאָר איינס: ליגן שטיל און באַמיען זיך איינצושלאָפן. דער אַרטילעריע־דועל אויבן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט באַזונדערער העפטיקייט. נישט נאָר האַרמאַטן, אויך אַוויאָנען האָבן זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט. אַזעלכע צוזאַמענשטויסן צווישן דער סאָוויעטישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט ווייסל אין פּראַגע,

און די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף דער זייט ווייסל און אויך אַרום אונדזערע חורבות, זײַנען פֿאָרגעקומען גאַנץ אָפֿט, הגם נישט רעגולער. דער פֿאַרלויף פֿון אַזעלכע קאַמפֿן פֿלעגט אונדז צומאָל מאַכן ווילד פֿון אויפֿרעגונג און געשפּאַנטקייט. עס זײַנען געווען טעג, ווען די קעגנזײַטיקע שיסערייען זײַנען געווען אַזוי העפֿטיק און שטאַרק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס דער גאַנצער בונקער טרייסלט זיך. אַוויאָנען פֿלעגן אַרומקרייזן נישט ווייט פֿון אונדז און מען האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זיי פֿליען איבער אונדז. זייער גערויש האָט אונדז פּשוט פֿאַרטויבט. ביי יעדן זעץ אַראָפּ פֿון אַ באָמבע האָבן מיר אײַנגעגורעט די קעפּ אין דער ערד, ווי מיר וואָלטן זיך געוואָלט נאָך מער באַהאַלטן. נישט איין מאָל פֿלעגן מיר מוזן שעהנלאַנג זײַן אין קאַנאַל, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דער בונקער וועט אויפֿגעריסן ווערן מיט אונדז צוזאַמען. די קאַמפֿן האָבן געקענט גאַנץ אָפֿט דויערן דריי און אַפֿילו פֿיר טעג נאָכאַנאַנד. זיי האָבן זיך אויך געקענט פֿאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך אָפּשפּילן נישט בלויז לעבן אונדז, נאָר ווייט אַרום אויף אַ שטח פֿון קילאָמעטער. דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר האָבן דערהערט אַזאַ שיסעריי, האָבן מיר געמיינט, אַז אַן אָפֿענסיווע מצד דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט זיך שוין אָנגעהויבן, אַז אָט אָט וועט זי פֿאַרנעמען וואַרשע און אויב אונדזער בונקער וועט נאָך דעמאָלט נישט זײַן צוגעדעקט מיט אונדז צוזאַמען, וועלן מיר זײַן ענדלעך באַפֿרייט.

איין מאָל נאָך אַזעלכע קאַמפֿן איז געוואָרן שטיל, קיין איין שאָס אַפֿילו האָט זיך נישט געהערט במשך פֿון אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפֿשר זײַנען שוין די דייטשן אַוועק און די רוסן זײַנען שוין אַרײַן אין דער שטאָט און מיר ווייסן עס אַפֿילו נישט. די שטילקייט האָט אונדז דעמאָלט מער אויפֿגערעגט ווי דער גרעסטער אויפֿרייס-געהילך. די שעהן פֿון אומגעדולד און נערוועזער שפּאַנונג, וועלכע מיר האָבן דעמאָלט אַדורכגעלעבט, זײַנען געווען גרויזאַמע. אונדזער וואַרטן ביז בײַנאַכט, ווען מיר וועלן זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן און קענען עפּעס געוווירווערן, האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. און מען האָט געמוזט וואַרטן ביז בײַנאַכט; ווייל פֿון אונדזער בונקער-לאָך האָט מען בײַטאָג נישט געקענט זען ווייט צוליבן באַרג מיט ציגל און גרוז.

בכדי בעסער צו זען, האָט מען זיך געדאַרפט אין גאַנצן אַרויס־בויגן און דאָס איז ביי־טאָג געווען געפערלעך. ווען ס׳איז ענדלעך געוואָרן פינצטער, האָט אַלע ווײַלע אַן אַנדערער פון אונדז אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ פון לאָך אַרויס, בכדי זיך איינצוהערן, צי עס קומט עפּעס פאָר אין דרויסן. ווען מיר האָבן אָבער דערהערט דאָס געוויינלעכע איבערשיסן זיך פון די דײַטשע וואַך־פּאָסטנס, ווי יעדע נאַכט, ביים טוישן זיך, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז קיין שום ענדערונג איז נישט פאָרגעקומען. אונדזער אַנטוישונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן אַפילו יענע נאַכט נישט געהאַט קיין מוט זיך אַרויסצולאָזן זוכן עסן.

אַזעלכע טעג פון דערוואַרטונג און אַנטוישונג האָבן מיר אַדורכגעלעבט אַ סך. יעדעס מאָל האָבן מיר שוין געהאַט אונ־דזערע סימנים, וואָס האָבן באַשטעטיקט אונדזער האָפענונג אויף באַלדיקער אויסלייזונג. נאַטירלעך, זײַנען אונדזערע סימנים נישט געווען קיין ממשותדיקע און רעאַלע, נאָר גיכער איינגעבילדעטע. שטענדיק נאָך אַזעלכע טעג איז די אַנטוישונג ביי אונדז געווען אַ גרויסע. ביסלעכווייז האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די אַרטילעריע־און לופט־דועלן באַדייטן נאָך נישט דעם אָנהייב פון דער אָפענסיווע, וועלכע וועט זיכער קומען — אין דעם האָבן מיר נישט געקענט האָבן דעם מינדסטן ספק — קען אָבער קומען אַ סך שפּעטער, ווי מיר האָבן לכתחילה געמיינט. מיר האָבן זיך גענומען צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אונדזער אויפהאַלט אין בונקער וועט דויערן נאָך אַ לאַנגע צײַט.

* *
*

אָנהייב נאָוועמבער זײַנען אַרייגעקומען נײַע שוועריקייטן אין אונדזער בונקער־לעבן. געגנוי קיין טאָג און קיין דאַטע האָבן מיר נישט אָפּגעהיט. קיין איין טאָג האָט זיך נישט אונטערשיידט פון אַנדערן, הגם סאַמעק האָט מיט א בלייער געמאַכט צייכנס אויף דער וואַנט, כדי צו וויסן דעם טאָג און דעם חודש. אין תוך אָבער איז האָס אונדז נישט אָנגעגאַנגען, נישט געווען וויכטיק. דער קאַלענדאַר האָט זיך אָבער אַרייגעריסן אין בונקער אויף זײַן

אופן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז עס ווערט קאַלט און אַז ס׳קומט צו א נייע פּלאָג. צו אַלע ביזאַיצטיקע פּלאָגן.

אַממייסטן האָט מען אָנגעהויבן צו דערפילן די קעלט, ווען מיר פּלעגן זיך אַוועקלייגן. די שמאַטעס, מיט וועלכע מיר האָבן זיך צוגעדעקט, זיינען מער נישט געווען גענוג. מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זוכן וואָס מער זאַכן צום צודעקן זיך און אויך וועגן איבערמאַכן אונדזער איוועלע, ס׳זאָל קענען וואַרעמען.

דאָס צורעכט מאַכן דאָס איוועלע האָט אויף זיך גענומען כאַסקל. „איך וועל עס שוין מאַכן, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב שוין אַפילו אַ פּלאַן, ווי אַזוי דאָס איינצואָרדענען, מען דאַרף בלויז ברענגען רערן“.

קיין רערן האָבן גראָד נישט געפעלט אויף די חורבות. מען האָט זיי נאָר געדאַרפט ברענגען. און יעדער האָט אויף זיינע עקספּעדיציעס גענומען טראַכטן וועגן אַ נייער זאָרג: ווי אַזוי באַקעמפן די קעלט, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדז. אַז מיר זיינען אַרוים ביינאַכט זוכן זאַכן, האָבן מיר אַלץ, אויף וואָס נאָר מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן: קוילן, האָלץ, אַלטע שמאַטעס, צי רערן פאַר כאַסקלען, געבראַכט צו שלעפן אין קעלער אריין.

כאַסקל האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו העלפן אים מאַכן דעם אויוון. ער אַליין האָט אַלץ געמאַכט: געקנאָטן ליים, געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, גלייך ווי ער וואָלט עס געמאַכט ביי זיך אין שטוב. אין די פּאָר טעג, וואָס ער איז געווען פאַרנומען ביים מאַכן דעם אויוון, איז ער גאָר אָן אַנדערער מענטש געוואָרן. מען האָט אים שוין אָפטער געהערט אַ וואָרט אַרויסזאָגן, נישט ווי פריער ווען ער פלעגט כסדר שווייגן אַן אָנגעכמורעטער. די אַרבעט האָט אים געלאָזט פאַרגעסן אין זיינע צרות. דער אויוון האָט אונדז גלייכצייטיק געקענט דינען פאַר אַ קיך צום קאָכן. ער האָט אים געמאַכט אַזוי, ווי מען פלעגט מאַכן אַמאָל אין די פּוילישע דערפער: האָט אויפגעלייגט אַ וואַנט פון אפשר אַ מעטער די הויך, אַ מעטער די לענג, און לערך אַ פופציק צענטימעטער די ברייט, איבערגעלאָזט לעבער אויף אַריינצולייגן די קוילן, פון אַ פופציק צענטימעטער די טיף און געמאַכט צוויי אַזעלכע לעבער אין מיטן אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל, אין דער הויך צוגעדעקט מיט אַ בלעך, אין וועלכער עס זיינען געווען אויס-

געשניטן צוויי לעכער אָנשטאָט פּייערקעס. אין דער זייט האָט ער געמאַכט אַ קײלעכדיק לאָך די גרויס פון אַ רער און אַריינגעשטעקט שטיקלעך רערן איינס אין אַנדערן, אַזוי ביז צו דער לאָך; וואָס האָט געפירט צום אַרויסגאַנג.

אַז די קיך איז געוואָרן פאַרטיק, האָט כאַסקל נישט געלאָזט קיינעם אָנצינדן דאָס ערשטע מאָל דעם אויוון. ער אַליין האָט זיך געפּאָרעט ביים פייער מאַכן און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר נחת און פרייד. אויף איין פּייערקע האָט חנה צוגעשטעלט אונדזער זופּ, וואָס איז באַשטאַנען פון וואַסער מיט אַ פּאָר פּאַרפל, אויסגעמישט מיט זאַמד.

— די אַנדערע פּייערקע האָסטו, מסתמא, געמאַכט אויף צי פּרעגלען דאָס פלייש — האָט חנה אַ זאָג געטאָן צו כאַסקלען. מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט.

נאָך דעם ווי כאַסקל האָט אונטערגעצונדן דאָס האָלץ, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעלייגט, און ער האָט געזען, אַז עס ברענט גוט און עס רויכערט נישט, האָט ער זיך ברייט צושמייכלט פון הנאה, וואָס זיין שטיקל אַרבעט איז אים געלונגען. אָבער מיט אַ מאָל האָט איגנאַץ, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון לאָך ביים אַרויסגאַנג, אַ געשריי געגעבן:

שנעלער, פאַרלעשט דאָס פייער!

— וואָס איז? — האָט אים חנה געפרעגט.

— שנעלער פאַרלעשט! האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען.

מען האָט גלייך פאַרלאָשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער רויך, וואָס איז געגאַנגען פון די רערן איז אַוועק ווייט איבער אונדזער בונקער און די דייטשישע פּאָסטנס האָבן לייכט געקענט באַמערקן, פון וואַנען דער רויך גייט.

— זייט נישט פאַרצווייפלט — האָט זיך כאַסקל אָנגערופן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ ביסל נאָכגעטראַכט — עס איז דאָ אַ מיטל צו דעם אויך, איר וועט באַלד זען.

ער האָט צוריק אָנגעצונדן דאָס פייער, גענומען אַ שמאַטע. צוגעגאַנגען צו דער לאָך, אַרויפגעדראַפּעט זיך און מיט דער שמאַטע צעיאָגט דעם רויך, ווי נאָר ער האָט גענומען אַרויסגיין אַזוי, אַז דער רויך איז שוין ווייט נישט געגאַנגען. יעדעס מאָל האָט זיך אַן אַנדערער געטוישט צום פונאַנדעריאָגן דעם רויך און

ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, האָט מען פאַרלאָשן דאָס פייער, אַרויסגענומען דאָס שטיקל רער, וואָס איז אַרויסגעשטעקט אין דרויסן אַרויס. און צוגעדעקט די לאָך.

מיטן אָנקומען פון די קעלטן איז דאָס זוכן אין די קעלערן געוואָרן נאָך שווערער, ווייל נישט בלויז עסן האָט מען געדאַרפט זוכן, נאָר אויך האָלץ און קוילן. דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט, ווייל אין די מייסטן קעלער זיינען די שטיגן געווען אָדער צעהאַקט אָדער פאַרברענט. מען האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין זיי מיט פאַרשידענע מיטלען און צוריק אַרויפבאַקומען זיך מיט די קוילן און האָלץ איז געווען זייער שווער. מער ווי איין מאָל איז מען געווען אויסגעשטעלט אויף אַראָפּצופאַלן און שוין נישט קענען צוריק אַרויסקריכן, בפרט נאָך ביי דעם פיזישן צושטאַנד, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. דערצו נאָך האָבן מיר געמוזט מאַכן אונדזערע זוכענישן וואָס אַ מאָל אויף ווייטערע שטרעקעס, ווייל נאָענט אַרום אונדז האָבן מיר שוין געהאַט אַלע קעלער „באַאַרבעט“ און אַלץ צוזאַמענגעקליבן. טיילמאָל פלעגט אַזאַ עקספּעדיציע דויערן פינף אָדער זעקס שעה.

איין מאָל, ווען איך און יצחק זיינען אַריין אין אַ חרוב הויז און גענומען אַראָפּקריכן אין אַ קעלער, האָבן מיר דערהערט, ווי אינעווייניק באַוועגט און רודערט זיך עפּעס. מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן. מיר האָבן געוווּסט, אַז קיין דייטשן וועלן ביינאַכט אין די קעלערס נישט אַריינגיין. ס׳איז אונדז איינגעפאַלן, אַז דאָס מוזן זיין יענע באַהאַלטענע, וועלכע איך האָב נישט לאַנג צוריק געהערט זיך דורכשלייכן אין הויף פון אונדזער בונקער. פונ׳עס־טוועגן האָט דאָס האַרץ גענומען שטאַרק קלאַפּן און אינסטינקטיוו האָב איך מיט אַ פאַרשטיקט קול אַ זאָג אַריין געגעבן אויף יידיש: „ווער איז דאָרט?“ עס איז געוואָרן שטיל און מען האָט מער קיין שאָרך נישט געהערט.

מיר האָבן געמיינט, אַז אפשר זיינען דאָס פּאָליאַקן, האָט יצחק אַ פרעג געגעבן אויף פּויליש: „ווער איז דאָרט? מיר זיינען יידן, האָט נישט קיין מורא“, און מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן. יצחק האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אין ציטערדיקן שיין פון פלעמל האָבן מיר דערזען צוויי מענטשן זיצן אין אַ ווינקל, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, ווייזט אויס, צוליב דער שרעק, וואָס

מיר האָבן אויף זיי אָנגעיאָגט. זיי זיינען געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי האָבן נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. אַזוי איז עס שוין: מיר זיינען ווי חיות, וואָס שרעקן זיך איינע פאַר די אַנדערע: מיר פאַר זיי און זיי פאַר אונדז... כ'האָב אָנגעצונדן אַ ליכט, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך. ערשט איצט זיינען זיי געקומען צו זיך, אַ געשריי אַרויס געגעבן מיט פרייד: „יידן?!" און אַ פאַל אַרויף געגעבן אויף אונדז, זיך צעקושט און צעוויינט. מינוטן זיינען מיר אַזוי אַלע געשטאַנען און גאָרנישט געקענט רעדן. אַזוי גרויס איז געווען די קעגנזייטיקע רירונג און די איבערראַשונג.

געווען זיינען זיי מענטשן אין די פערציקער, אָבער אַזוי באַוואָקסן און פאַרשטויבט, אַז זיי האָבן אויסגעזען איבער די זעכציק. מסתמא האָבן מיר אין זייערע אויגן אויך אַזוי אויסגעזען. איינער פון זיי האָט דערציילט, אַז ער איז פון בעלגיע, ער הייסט וואַסערמאַן. ער איז געבראַכט געוואָרן פון אוישוויץ קיין וואַרשע אין לאַגער אַריין. בעתן אויפשטאַנד איז ער באַפרייט געוואָרן. דער צווייטער האָט געזאָגט, אַז ער הייסט הורוויטש און איז געווען באַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע. זיי האָבן ביידע אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנד דאָ נישט ווייט ביי דער ווייסל, האָבן זיי דערציילט. זיי זיינען נישט אַליין. ס'זיינען דאָ באַהאַלטן צען יידן, בלויז מענער, אין אַ בונקער אויף דער קאָזשלע־גאַס. אַלע האָבן זיי געקעמפט בעתן אויפשטאַנד אין די רייען פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ".

— און איר? — האָבן זיי אונדז געפרעגט.

מיר האָבן זיי קורץ דערציילט וועגן אונדז, אַז מיר געפינען זיך אין אַ בונקער אויף פראַנטשישקאַנער אַכט, זיי געזאָגט וויפל מיר זיינען, אַז עס געפינט זיך צווישן אונדז איין מיידל און אַ פאָליאַק, אַ גלח.

— ס'איז זייער שווער — האָט וואַסערמאַן זיך גענומען באַקלאָגן — ווער ווייסט, צי מיר וועלן אויסהאַלטן. עסן איז דאָ ווייניק, די קעלט הויבט אָן אַריינצודרינגען...

— און וואַסער וו נעמט איר?

— עס איז זייער שלעכט מיט וואַסער. מיר נעמען דערווייל די ברודיקע וואַסער פון די פעסער, וואָס שטייען אין אַ טייל הייפן. בעתן אויפשטאַנד, געדענקט איר דאָך, איז אין יעדן הויף געשטאַנען אַ גרויסע פאַס וואַסער אויף צו לעשן שרפות און אויך אויף

דעם פֿאַל, אויב די דייטשן וועלן אָפּשטעלן דאָס וואַסער. אַזוי ווי אין אַ סך הייפֿן איז נאָך געבליבן אַ ביסל וואַסער, כאַפּן מיר זיך אַרויס, נעמען עס און זייען עס אַדורך. אָבער עס הויבט שוין אָן אויסצופֿעלן וואַסער און מיר מוזן עס שוין לויפֿן זוכן גאַנץ ווייט און נישט שטענדיק קען מען צוקומען צו אַזאַ אָרט, וווּ עס געפֿינט זיך נאָך אפֿשר אַ ביסל וואַסער.

— דורך דעם איז געוואָרן נאָך ערגער, פֿאַרשטייט זיך, — האָט זיך הורוויטש אַרייַנגעמישט, — ווייל יעדן טאָג זיינען מיר אויסגעשטעלט געכאַפּט צו ווערן פֿון די דייטשן, וועלכע גייען אַרום זוכן אין די חורבות.

— און ווי אַזוי זייט איר פֿאַרמאַסקירט, מען זאָל אייך נישט זען? — האָב איך זיי געפֿרעגט — צי האָט איר אַ צווייטן אַרויסגאַנג צו אַנטלויפֿן אין פֿאַל, ווען מען געפֿינט אייך?

— ניין — האָט וואַסערמאַן געענטפֿערט — קומט מיט אונדז וועט איר זען.

מיר זיינען אַוועק מיט זיי. מיר האָבן זיך דורכגעשלייכט דורך פֿאַרשידענע חורבות און קעלערן, ביז מיר זיינען אַריין אין אַ הויף, וווּ די הייזער אַרום זיינען געווען צום טייל אויסגעברענט און צעהאַקט. דער גאַנצער הויף איז געווען אָנגעוואָרפֿן מיט בערג ציגל און גרוז. אין דער רעכטער זייט אין אַ ווינקל איז געווען אַן אַריינגאַנג צו אַ חרוב הויז און ביי דעם אַריינגאַנג איז אויך געווען אָנגעוואָרפֿן ציגל און גרוז, וואָס די יידן האָבן דאָ אַוועקגעלייגט, בכדי אים צו פֿאַרשטעלן. מיר זיינען אַריבערגעקלעטערט דאָס בערגל און אַריין אין אַ קאָרידאָר, וועלכער האָט פֿון איין זייט געפֿירט צו די אויבערשטע שטאָקן דורך שטיגן, וואָס זיינען איצט געווען פֿאַרברענט, און פֿון דער צווייטער זייט איז געווען אַ לאָך, וואָס האָט געפֿירט צום קעלער, אויך פֿאַרשטעלט מיט אַ סך ציגל, גרוז און אייזנס. דאָ איז געווען אַן עפֿענונג, וווּ איין מענטש בלויז האָט געקענט דורכקריכן. איינער פֿון די יידן איז שטענדיק געלעגן ביי דער עפֿענונג, בכדי צו וואַכן, צי קיינער קומט נישט צו. דער קעלער זייערער איז באַשטאַנען פֿון צוויי קעמערלעך, דאָס ערשטע איז געווען ליידיק, בלויז דער היטער איז דאָרט שטענדיק געווען. די איבעריקע האָבן זיך געפֿונען אין צווייטן קעמערל. ווען מיר זיינען צוגעקומען, האָט הורוויטש אַ זאָג געגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן.

„שאלאָם“ איז געווען זייער פּאראָל. נאָכן אַרויסזאָגן אים זיינען מיר אַריינגעקראָכן.

ווו נעמט מען די פעדער צו באַשרייבן די סצענע?! כ׳וועל זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן, וועט זי שטענדיק שטיין פאַר מיינע אויגן. אין דער ערשטער מינוט איז די איבערראַשונג געווען אַזאַ, אַז די יידן האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט! צו טרעפן נאָך לעבעדיקע יידן, אָט דאָ, אונטער די חורבות פון וואַרשע, דאָס האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ בילד פון אַ פאַנטאַסטישער יענער וועלט.

זיי זיינען געווען פון פאַרשידענע ערטער: פון לאַגער אויף גענשע, פון פּאַוויאַק, פון באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט. דורך פאַרשידענע וועגן זיינען זיי געקומען דאָ אַהער אין דער באַהעלטעניש. זיי האָבן אַלע אָנטיילגענומען בעתן אויפשטאַנד אין די קאַמפן פון דער זעלבער גרופּע פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“.

לאַנג בלייבן האָבן מיר דאָ נישט געקענט. עס איז שוין געווען זייער שפּעט און מיר האָבן נאָך געדאַרפט קריכן דורך קעלערן און חורבות צוריקצוקומען צו אונדזער בונקער. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט אונדזערע געפונענע ברידער און אָפּגערעדט באַלד ווידער צו קומען. אַרויסגייענדיק, האָט יצחק אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— דו האָסט געזען, חיים, ווי זיי זעען אויס? שוין האַלב טויטע?

— און אין גאַנצן שוין דערשלאָגן — האָב איך צוגעגעבן — אָן אַ ברעקל האָפענונג. ווער ווייסט, צי זיי זיינען נישט פאַרלוירן. אפשר, זעען מיר אויס פיזיש אויך ווי זיי, אָבער מיר האָבן אונדזער האָפענונג און מוט נאָך נישט פאַרלוירן און דאָס וועט אונדז אפשר העלפן.

ווען מיר זיינען אַריין צו אונדז אין בונקער און דערציילט, אַז מיר האָבן געטראָפן יידן און אַז מיר זיינען געווען ביי זיי אין בונקער, האָבן זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן, כאָטש שוין נעמען לויפן צו זיי.

— איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען יידן, ווען דו, חיים, האָסט אָנגעמלט דערציילט, ווי דו האָסט געהערט שטילערהייט מענטשן גיין דאָ אין הויף — האָט איגנאַץ אַ זאָג געגעבן ווי פאַר זיך. — ווער דען וועט ליגן אין בונקערס אויב נישט יידן?

— ווי אַזוי זעען זיי אויס? צי האָבן זיי עסן? צי האָבן זיי וואַסער? — האָט זיך סאַמעק אויסגעפרעגט.

— זאָג נאָר, חיים, — האָט חנה געפרעגט — און אַ קאַנאַל צום אַנטלויפן, אויב מען קומט אויף זייערע שפּורן, האָבן זיי אויך?

— ניין, זיי האָבן בלויז אַ בונקער, מאַסקירט מיט שטיינער, ציגל און גרוז — האָב איך זיי געשילדערט, ווי זייער בונקער זעט אויס — און עסן זוכן זיי אַזוי ווי מיר.

— ניין, עס טויג נישט — האָט חנה כמעט ווי אויסגעשריגן — און אַז מען וועט זיי באַמערקן, וואָס וועלן זיי טאָן? ווו וועלן זיי לויפן?

— און אַז מען וועט אונדז דערשנאַפּן, ווו וועלן מיר לויפן? — האָט דאַניעל איר אַריינגעשמייכלט אין די אויגן אַריין.

— מיר? מיר האָבן דאָך אַ קאַנאַל ווו אַריינצולויפן — איז חנה נישט אָפּגעטראָטן.

— שיין וועלן מיר אויסזען — האָט כאַסקל אַריינגעוואָרפן זיינע אָפּגעהאַקטע ווערטער — אַז מען וועט אונדז דערשנאַפּן און מיר וועלן מוזן אַריינלויפן אין קאַנאַל אַריין; די שטשורעס וועלן אונדז דאָרטן אויפעסן לעבעדיקערהייט.

— די יידן דאָרט האָבן געווער און זיי וועלן זיך קעגנשטעלן, אויב מען וועט זיי כאַפּן — האָט יצחק באַרואיקט חנהן.

— אָבער זיי וועלן דאָך אויך אומקומען — האָט חנה אַ זיפץ געגעבן.

— אַ שאָד איצטער אומצוקומען, שוין באַלד דער סוף — האָט קאַזשיק זיך אָפּגערופן און זיך איבערגעצלמט.

איך געדענק נאָך ביז היינט, ווי פון אָט דעם מאָמענט איז אין אונדזער בונקער אַריין עפּעס ווי אַ ניי לעבן. מיר האָבן אויפֿגעהערט צו טראַכטן אַזוי שטאַרק וועגן זיך, מיר האָבן גענומען מיטלעבן מיט די אַנדערע. אפשר דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען געווען ווייניקער באַשיצט, מער אויסגעשטעלט אויף סכנות ווי מיר. אפשר דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען געווען יידן ניצול־געוואָרענע פון דער גרויסער מאַסן־שחיטה. מסתמא איז דאָס געווען צוליב אַלע סיבות צוזאַמען. מיר האָבן תיכף פון אָנהויב געפילט אַ באַזונדערע נאָענטקייט צו זיי.

כ'האָב זיך דערביי דערמאָנט אַן ענלעך געפיל צו מענטשן, נישט קיין יידן, קריסטן, וואָס כ'האָב געשפּירט, ווייל יענע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אינעם זעלבן מצב וואָס איך:

געווען איז דאָס פאַרן אויפשטאַנד, אין לאַגער אין וואַרשע. אויפן אָרט פון דער געוועזענער געטאָ, אויף נאָוואָליפּקע־גאַס איז געבליבן שטיין אַ קירכע אין גאַנצן נישט באַשעדיקט דורך די קאַמפן און אויך נישט דורך דעם חרוב מאַכן דעם גאַנצן געטאָ־שטח. די קירכע איז געווען די איינציקע געבליידע, וואָס איז געווען גאַנץ אינמיטן פון אַלע חורבות און איר שפּיץ האָט מען אָנגעזען ווייט, ווייט אַרום. ווען איך פלעג דאָרט אַדורכגיין צו דער אַרבעט, געפירט דורך עס־עס, האָב איך געקוקט אויף דער קירכע און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי, די קירכע גופא, שעמט זיך דאָ צו שטיין איינע אַליין אַ גאַנצע צווישן אַזוי פיל חורבות, צווישן די פאַרברענטע גאַסן, פון וואַנען מען האָט די מענטשן אַרויסגעפירט צו פאַרניכטונג.

געווען פרומע קריסטן, וועלכע האָבן אין דעם געזען אַ נס. אַנדערע האָבן אפשר געזען אין דעם אַ מין סימבאָל פון דער העכערקייט פון זייער גלויבן איבערן יידיש. אָבער די דייטשן האָבן אויסגענוצט די איבערגעבליבענע קירכע פאַר זייערע מערדערלעכע צוועקן. זיי האָבן אויסגעפונען פאַר זייער פּאַסיק צו דערשיסן לעבן אירע ווענט פּוילישע ווידערשטענדלער. יעדן פאַרטאָג האָט מען דאָ געקענט זען, ווי מען פלעגט ברענגען צו פירן אין פאַרמאַכטע קעטשלעך פּוילישע פּאַטריאָטן צום דערשיסן. פאַר און הינטער דעם קעטשל זיינען געפאָרן עס־עס־לייט. ווען זיי פלעגן אָנקומען, האָבן די קאָמאַנדאָס, וואָס האָבן געאַרבעט לעבן דער קירכע, זיך געמוזט אָפּרוקן אַ ביסל ווייטער, די עס־עס פלעגן אַראָפּנעמען די געפאַנגענע פון די קעטשלעך, אַנידערשטעלן זיי ביי דער וואַנט און זיי דערשיסן. ווען מיר פלעגן דערהערן די געשרייען פון די אומגליקלעכע, געשרייען פון שרעק אָבער אויך אויסרופן פון גבורה און מוט פאַרן טויט: „זאָל לעבן די פרייהייט“!, „זאָל לעבן פּוילן!“, „נידער מיטן פאַשיזם!“; טיילמאָל אויך געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל“, אָדער פון פּוילישע נאַציאָנאַלע לידער און גלייך דערנאָך דעם זאַלפּ, — האָט דאָס האַרץ אַזוי געווייטיקט צוליב זיי, ווי צוליבן טויט פון לייבלעכע ברידער. און כאָטש זיי זיינען נישט גע־

ווען קיין יידן, זיינען זיי מיר צוליב זייער מארטירערטום אזוי נאָענט געוואָרן, ווי איצט יענע באַהאַלטענע יידן, וואָס איך האָב געזען. שטענדיק נאָך אַזאַ עקזעקוציע אין אַ פּאַרטאַג פלעג איך נאָך לאַנג טראַכטן וועגן די אומגעקומענע, זיך פאָרשטעלן, ווי ס'האָט געקענט זיין זייער אויסזען, זייער לעבן, און ווייטיקן און ליידן איבער זייער טויט.

*   *
*

לאַנג נאָך האָבן מיר נאָך דאָ אין בונקער געטראַכט וועגן יענער גרופּע יידן, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזען אין זייער בונקער. מיר האָבן מיט די אויגן געמאָסטן יעדן שפּאַן פון אונדזער בונקער: אפשר וואָלט ער אויך געסטייעט פאַר זיי, זיי זאָלן קענען זיין מיט אונדז. אוודאי איז עס מאַטעריעל נישט געווען מעגלעך, ווייל עס איז פשוט נישט געווען קיין אָרט ווו אַנידערצולייגן זיך, אָבער פאָרט האָבן אַלע געענטפערט מיט יאָ אויף דער פראַגע פון יצחקן, צי ער זאָל מאָרגן ביינאַכט גיין צו זיי און זיי פאָרלייגן, זיי זאָלן קומען צו אונדז.

יצחק האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיי: — זאָג נאָר, חיים, — האָט ער פּלוצלונג מיר געגעבן אַ פרעג — דו האָסט געהערט ווי זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געקעמפט אין דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“, „א. ל.“, ווי זיי רופן עס אָן. וואָס איז עס אייגנטלעך אַזוינס?

— איך האָב אויך עפּעס געהערט רעדן וועגן „א. ל.“ בעת די קאַמפן — האָט איגנאַץ זיך אַריינגעמישט — נאָר גענוי ווייס איך נישט ווער זיי זיינען.

— די „א. ל.“, דאָס זיינען די קאָמוניסטן — האָט קאַזשיק געזאָגט.

— נישט נאָר קאָמוניסטן — האָב איך זיך אַריינגעמישט און גענומען דערציילן וואָס כ'האָב געוווּסט וועגן די פאַרשידענע גרופּירונגען פון פּוילישן אונטערערד. איך האָב דערביי דערציילט וועגן דער ווידערשטאַנד־גרופּע צווישן די דעפּאָרטירטע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין אוישוויץ און האָט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אין לאַגער אין וואַרשע. דער דאָזיקער גרופּע איז טאַקע געלונגען אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“.

דער עיקר אָבער בין איך געווען אינפאָרמירט איבער דער איינ־שטעלונג און דער טאַקטיק פון די פאַרשידענע ווידערשטאַנד־באַוועגונגען אין פוילן דורך די דיסקוסיעס, וועלכע איך האָב געהערט בעת די ערשטע טעג פון דעם אויפשטאַנד אויף די באַריקאַדעס, בעת די פויזעס צווישן די קאַמפן, און אויך דורך די צעגדליקער אויפ־רופן, מיט וועלכע עס זיינען אין יענע טעג געווען פאַרשאָטן די וואַרשעווער גאַסן.

— מען זעט, אַז דו ביסט געווען צווישן די ערשטע יידן, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן דורכן אויפשטאַנד — האָט זיך סאַמעק אָפּגערופן — אָבער דו גופא האָסט געקעמפט ווו? אין וועמענס רייען?

— איך גופא האָב געקעמפט אין די רייען פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" („א. ק.") — האָב איך געענטפערט. — און איך בין טאַקע געווען צווישן די יידן, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן דורכן אויפשטאַנד, אַ האַלבע שעה נאָך זיין אויסברוך, אויב איר ווילט, וועל איך אייך טאַקע איצטער געגוי דערציילן, ווי דאָס איז פאַר־געקומען.

אַלע זיינען געווען גיריק צו הערן מיין דערציילונג און כ'האָב אָנגעהויבן:

— געווען איז דאָס דעם ערשטן אויגוסט 1944, דוכט זיך, אַ דינסטיק. דער לאַגער אין וואַרשע, ווו איך האָב זיך געפונען, איז שוין געווען עוואַקואירט זינט דריי טעג. געבליבן זיינען מיר נאָר פיר הונדערט און דרייסיק יידן, וואָס די דייטשן האָבן נאָך איבער־געלאָזט אויף צו העלפן עוואַקואירן פאַרשידענע איבערגעבליבענע זאַכן. דעם ערשטן אויגוסט אין דער פרי זיינען מיר, די איבערגע־בליבענע, שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט צום אָפּמאַרשירן פון לאַ־גער, די עס־עס־לייט אַרום אונדז. פלוצלונג איז צוגעקומען אַן אָבער־שאַרפירער און עפּעס געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט גענומען ציילן די רייען צו פינף, אָפּגעציילט צען אַזעלכע רייען צו פינף מענטשן און געהייסן מאַכן פינף טריט פאָרויס. איך האָב זיך געפונען צווישן די אויסגעקליבענע. דער עס־עס־מאַן האָט געזאָגט, אַז מיר גייען מיט אים אויף אַרבעט, מען דאַרף אַרויפלאָדן די זאַכן פון צוויי שפייכלערס אויף וואַגאָנען. געווען זיינען מיר פופציק מאַן, מערסטנטייל אונגאַרישע יידן, עטלעכע יידן פון בעל־

גיע און איך. מען האָט אונדז צוגעפירט צו דעם אָרט, וווּ עס איז פריער געווען דער אומשלאַג־פּלאַץ. דאָרטן האָבן אויף אונדז געוואַרט לייזיקע וואַגאָנען. מיר האָבן אָנגעהויבן טראָגן שיך און אַנדערע זאַכן אין די וואַגאָנען אַריין. געווען איז דעמאָלט גאָר אַ שווערער טאָג פֿאַר מיר און פֿאַר די אַלע ייִדן, וואָס זיינען געווען מיט מיר. מיר זיינען זייער שטאַרק געשלאָגן געוואָרן. די עס־עס־לייט זיינען געווען זייער דענערווירט און האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס צו אונדז. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט לענגאויס דעם גאַנצן וועג, וווּ מיר זיינען דורכגעגאַנגען, מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן געהאַקט איבער אונדזערע קעפּ און געשריגן: „שנעלער!“; „שנעלער!“ מיר האָבן אַזוי אין איין אָטעם געמוזט לויפֿן, בכדי אויסצומיידן די קלעפּ. איך האָב דעמלט געמיינט, אַז עס איז שוין דער לעצטער טאָג מיינער, אָבער געווען איז ער גאָר דער לעצטער טאָג זייערער! אַרום פֿינף אַזייגער פֿאַרנאַכט זיינען יעדע פֿאָר מינוט אין געאייל געקומען צו פֿאָרן אָפֿיצירן און האָבן זיך עפּעס געסודעט מיט די אָפֿיצירן, וואָס זיינען דאָרט געווען. מיטן זעלבן געאייל זיינען זיי אַוועק צוריק. אין זייער שרעק און נערוועזקייט האָבן מיר גלייך דערקענט, אַז עס גרייט זיך עפּעס, אָבער מיר האָבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקענט וויסן וואָס.

מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פֿון דער וויטנס אַנטקעגן אונדז און וואָס אַ מאָל נעענטער. מען האָט שוין געזען אפֿילו פֿון דער וויטנס, ווי מענטשן לויפֿן מיט מיטראַיעטן און שיסן. איך האָב געמיינט, אַז אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער איז דאָ באַפֿאַלן דעם אָרט, ווי דאָס פֿלעגט צומאָל געשען. אַז דאָס איז אַן אָנהויב פֿון אַן אויפֿשטאַנד, האָב איך באַטירלעך נישט געקענט טראַכטן. די עס־עס־לייט האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק און גענומען שיסן אויף צוריק און אונדז האָבן זיי געגעבן אַ יאָג אַריין אין אַ שפּייכלער, פֿאַרמאַכט די טיר און איינער פֿון זיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אינעווייניק מיט אַ מאַשין־פּיסטאָלעט אויסגעשטרעקט קעגן אונדז. „זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד!“ האָט ער אַ באַפֿעל געגעבן, קיינער טאָר זיך נישט רירן, אַנישט שיסט ער אים אויף אַן אָרט.

מיר זיינען אַלע אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד, זיכער, אַז אונדזער לעצטע מינוט איז געקומען. ס'איז אויסגעבראָכן אַ כלי־פּעריי,

מען האָט דערהערט שעפּטשען „שמע ישראל!“ עטלעכע אונגאַרישע יידן האָבן געזאָגט אויפן קול תהילים... די שיסעריי אין דרויסן איז אָנגעגאַנגען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און דאָ, אין שפּייכלער, זיינען מיר טאַקע געלעגן צווישן לעבן און טויט; מיר זיינען געווען זיכער, אַז אָט וועט דער עס־עס־מאַן נעמען זיין מיטראַיעט און אונדז אויסשיסן.

געשען איז אָבער גאָר אַן אומגעריכטע זאַך. די שיסעריי האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס אַ מאָל שוואַכער און שוואַכער און מיט אַ מאָל אין גאַנצן אויפגעהערט. און איידער כ'האָב באַוויזן אַ טראַכט צו געבן, ווער עס האָט געוואונען די שלאַכט: די פּאַרטיזאַנער צי די דייטשן, האָט מען גענומען שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר פונעם שפּייכלער, וווּ מיר האָבן זיך געפונען, אַ שטים אויף פּויליש האָט אַ געשריי געגעבן: אָטוואָזשיטש! (אויפעפענען). און איידער דער עס־עס־מאַן האָט באַוויזן אויסצודרייען זיך מיט זיין מאַשין־פּיסטאָלעט, איז די טיר שוין געווען אויפגעבראָכן און דער עס־עס־מאַן האָט געגעבן אַ פאַל אַוועק אַ דערשאָסענער!

„איר זייט פריי!“ — זיינען געווען די ערשטע ווערטער פון אַ יונגן מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק מיט אַ וויס־רויטער לענטע אויפן אַרבל און מיט אַ מיטראַיעט אין דער האַנט. דאָס איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג, וועלכער האָט געשטורעמט דעם מאַגאַזין.

מיר זיינען ווי ווילד געוואָרן פון פרייד. שילדערן דעם דאָזיקן מאָמענט, איז מיר אוממעגלעך. אַלע זיינען מיר אַרויס אויפן הויף, וווּ די איבעריקע פּאַרטיזאַנען זיינען געשטאַנען. געווען זיינען זיי ביי פערציק מענטשן. מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיי און געקושט. זיי האָבן זיך גענומען אויספרעגן וועגן די אַנדערע געפאַנגענע, וואָס זיינען געבליבן אין לאַגער.

ווי שיין איז געווען צו קוקן אויף דער פאַרברידערונג פון מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט אפילו רעדן איינער מיטן אַנדערן, ווייל די אונגאַרישע יידן האָבן געקענט רעדן נאָר אונגאַריש און דייטש. מען האָט זיך אַרומגענומען און אָן רעדן געשמייכלט איינער צום אַנדערן. דער אויסדרוק אויף די צעשטראַלטע פּנימער האָט מער גערעדט ווי יעדע שפּראַך. און דער ערשטער אָנגענע=

מער סורפּריז מיינער איז געווען צו זען ווי דער אָבערשאַרפירער צוזאַמען מיט עטלעכע עס־עס־לייט, וואָס האָבן אונדז אַזוי געמאַטערט און געשלאָגן אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיך איצט געוואַלגערט אויף דער ערד ווי געפּגרטע שטשורעס. ביי די פּאַרטיזאַנער זיינען נישט געווען קיין טויטע, בלויז פיר פאַרוואונדעטע. איך בין געווען אַזוי איבערגענומען פון דעם אַלעם, וואָס איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען, אַז איך האָב נאָך אַלץ נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָ טוט זיך. כ'האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָנהויב פון אַן אויפשטאַנד אין גאַנץ וואַרשע און האָב עס נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַן איבערפאַל פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע וועט באַלד אַוועק פון דאַנען ערגעץ אין זייער באַהעלטעניש. איך בין געווען גרייט מיט זיי מיטצוגיין. אָבער באַלד איז צוגעקומען צו אונדז אַ פּאַרטיזאַנער און זיך געפרעגט, ווער צווישן אונדז רעדט פויליש. איך האָב זיך גלייך געמאָלדן און בין אַוועק מיט אים אין אַ צימער, ווו עס איז געזעסן דער קאָמענדאַנט און מיט אים נאָך פינף מענטשן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ דאָקטער. געזעסן זיינען זיי ביי אַ טישל, אויף וועלכן עס איז געווען צעשפּרייט אַ מאַפּע מיט אָנגעצייכנטע רויטע פונקטן.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט מיך דער קאָמענדאַנט גענומען אויספרעגן, פון וואַנען איך בין און אין וועלכע לאַגערן איך בין געווען. אַז איך האָב זיי דערמאָנט דעם לאַגער אָשוויענטשים, האָבן זיי זיך איינער מיטן אַנדערן איבערגעקוקט. ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז ביז מיין אַוועקפאָרן קיין פראַנקרייך האָב איך געוווינט אין וואַרשע, האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט, אַז מען וועט מיך רופן וואַרשאַוויאַק. און אַזוי איז טאַקע מיין נאָמען געבליבן. דער קאָמענדאַנט האָט מיר האַן אויפגעקלערט, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַן אָרגאַניזירטער אויפשטאַנד אין גאַנץ וואַרשע, אָנגעפירט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“ און אַז זייער גרופּע איז געווען באַשטימט אויף איבערצופאַלן דאָס אָרט, ווו איך האָב זיך געפונען. אַן אַנדער גרופּע איז אַוועק אין געטאָ איבערצופאַלן דעם לאַגער אויף דער גענשע. צי זיי איז דאָרטן אויך געלונגען אַזוי ווי דער קאַמפּס־גרופּע דאָ, דאָס ווייס ער נישט. דערווייל בלייבן זיי דאָ איבער נאַכט. פּאָסטנס זיינען אויסגעשטעלט אַרום און אַרום און ווען עס וועט ווערן פינצטער, וועט אַ פּאַטרול אַרויסגיין אין דער

געגנט פונעם לאַגער. איך האָב זיך תיכף אָנגעבאָטן מיטצוגיין מיט זיי, ווייל איך האָב גוט געקענט אַלע וועגן אין חרובן געטאָ, וואָס האָבן געפירט צום לאַגער. זיי זיינען געווען זייער צופרידן. און דער קאָמענדאַנט האָט מיר געהייסן גיין זאָגן אַלע אַנדערע יידן, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעגיין. אַלץ, וואָס געפינט זיך אין די שפּייכלערס, קענען זיי נעמען. דאָרט איז נאָך געווען פון כל־טוב: ברויט, סוכאַריקעס, קאָנסערוון און אין די טויזנטער פושקעס פלייש.

— אָבער זאָג זיי — האָט דער דאָקטער, וואָס איז אויך געזעסן דערביי, צוגעגעבן — זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק, זיי זיינען טאַקע הונגעריק, אָבער זאָלן זיי זיך נישט צוכאַפּן צופיל צו דעם עסן. עס איז אַ שאָד, אַז איצטער, אין די לעצטע מינוטן, ווען מען זעט שוין די פרייהייט, זאָל מען זי פאַרשפּילן צוליב אַ שאַכטל קאָנסערוון. יעדער איבעריקער ביסן קען קאָסטן דאָס לעבן.

אָבער ווען איך בין אַרויס פון זייער צימער און אַוועק צו די יידן, בכדי זיי איבערצוגעבן דאָס, וואָס מען האָט מיר נאָרוואָס געזאָגט, האָב איך זיי שוין געדאַרפט זוכן. אַלע האָבן זיך שוין געהאַט אַוועקגעלאָזט איבער די שפּייכלערס זוכן עסן און נישט מיט די לאָגישע ווערטער פון דאָקטער האָב איך ביי זיי געקענט איינהאַלטן די גיריקייט און דעם אומבאַזיגלעכן באַגער אָנצועסן זיך איין מאָל צו דער זעט, אַ באַגער, וואָס האָט זיך געזאַמלט ביי די הונגעריקע מענטשן במשך פון די גאַנצע פאָר יאָר הונגער־לעבן אין די לאַגערן. איצטער דערזעענדיק פאַר זיך פריי לעבלעך ברויט און גאַנצע שטויסן מיט פושקעס קאָנסערוון־פלייש, האָט די דאָזיקע גיריקייט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע פאַרפּייניקטע גופים מיט אַ סטיכישער קראַפט. מען האָט געריסן מיט אַזאַ כוח די לעבלעך ברויט און געעפנט מיט אַזאַ אימפּעט די פושקעס, אַז זיי האָבן אפילו נישט געפילט ווי די שאַרפע בלעכן פון די פושקעס האָבן צעריסן די הענט און בלוט איז גערונען פון די פינגער. מיט די פאַרבלוטיקטע פינגער האָט מען געשלעפּט דאָס פלייש פון די פושקעס אַרויס אין מויל אַריין. קיין שום כוח האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן די מענטשן פון שטילן זייער הונגער. מער ווי איינער פון אונדזער גרופּע האָט דאָס שפּעטער באַדויערט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די דיזענטעריע האָט שוין געהאַט איבער אים די אויבערהאַנט און נישט געלאָזט דערלעבן די פרייהייט.

ביים סוף פון דאָזיקן שטורמישן טאָג האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אין דרויסן אויף אַ שטיין. ס'איז געווען אַזאַ מילדער זומערדיקער פאַרנאַכט, אַ ווינטל האָט געבלאָזן און אָפּגעקילט די היץ פון דעם הייסן זומער-טאָג. צום ערשטן מאָל זינט יאָרן האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך די פרישע לופט ווי אַ פרייער מענטש און איך האָב געפילט, ווי זי צערטלט מיך מיט אַ באַזונדערער מילדקייט. כ'האָב זיך גענומען באַטראַכטן דאָס געשעענע און דורכגעלעבטע פון טאָג. איך בין טאַקע פריי? האָב איך זיך געפרעגט און נישט געוואָלט נאָך ריכטיק אין דעם גלויבן. וועגן כאַראַקטער פון אויפשטאַנד גופא האָב איך זיך גאָר, וואָס אַן אמת, נישט געקענט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון. אָבער דער דאָזיקער קאַמף האָט מיך שטאַרק דערפרייט, ווייל דאָס איז געווען אַ קאַמף קעגן דייטש. די ערשטע קאַמפגרופּעס פונעם אויפשטאַנד האָבן מיך געטראָפן אויפן אָרט פונעם אומשלאַג-פּלאַץ, פון וואַנען מען האָט אַוועקגעפירט הונדערטער טויזנטער יידן צום פאַרניכטן. איך, אַ ייד, וואָס איז געקומען אַהער פון אוישוויץ און פונעם לאַגער אויף גענשע, פון די געטאָ-חורבות און פון בונקער. איך, אַ ייד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן, האָב נישט קיין רעכט אויסצונוצן די פרייהייט בלויז פאַר זיך, כל-זמן דער דייטש איז נישט אין גאַנצן דערשלאָגן.

כ'בין געזעסן אויפן שטיין און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער ערשטער מיסיע מיינער, וואָס איך וועל באַלד אויספירן, ווי נאָר עס וועט ווערן פינצטער. איך בין דעריבער געווען גליקלעך, ווען דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן אַלע יידן אויסשטעלן זיך.

— דער אויפשטאַנד הייבט זיך ערשט אָן — האָט ער צו זיי געזאָגט — און מען דאַרף אים איצט דערפירן צום זיג. ווער עס וויל, וועט דאָ קענען בלייבן. אָבער ווער עס וויל, דער קען מיטגיין מיט זיי צוזאַמען קעמפן.

אַלע אַחוץ עטלעכע, וואָס האָבן זיך מער נישט געקענט רירן, האָבן דערקלערט, אַז זיי גייען מיט. מיר אַלע האָבן געהאַט דאָס זעלבע געפיל, אַז מיר טאָרן נישט בלייבן אין אַ זייט, אַז מיר דאַרפן זיך געפינען אין זייערע רייען.

ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, איז אָנגעקומען דער קאָמענדאַנט מיט נאָך פינף זעלנער. אַלע זיינען געווען באַוואָפנט מיט מיטראַיעטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג. איך האָב באַקומען עט=

לעבע האַנט־גראַנאַטן און מיר זייַנען אַרויס. עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט. אויפֿן הויף איז געווען שטיל. די גאַנצע גרופּע ייִדן איז געלעגן אין די שפּייכלערס. אַ טייל איז געשלאָפֿן און אַ טייל איז געווען וואַכעדיק און אין זייערע מחשבות זיך געזעגן, מסתמא, מיט זייערע פֿרויען און קינדער, וועלכע זיי האָבן נאָך געהאָפֿט צו טרעפֿן. מיר האָבן זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פֿון הויף. דער קאָמענדאַנט האָט איבערגעלאָזט די לעצטע אינסטרוקציעס פֿאַר די וואַך־פּאָסטנס און מיר האָבן זיך שטילערהייט אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פֿון לאַגער. איך בין געגאַנגען אַ ביסל פֿאָרויס צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט, וואָס איז געווען לויט זייַן ראַנג אַ פּאָרוטשניק (לייטענאַנט). מיר זייַנען געגאַנגען צו צווײַ. איך האָב געוויזן דעם וועג, וועלכן איך האָב געקענט פֿון מייַן טאָגטעגלעכן גיין דאָ צו דער שקלאַפֿן־אַרבעט. גלייַך ביים אַרויסגיין האָבן מיר געפֿונען לעבן אַ בערגל ציגל צוויי טויטע עס־עס־לייט, וואָס זייַנען דערשאָסן געוואָרן, ווייַזט אויס, ביים אַנטלויפֿן. מיר האָבן צוגענומען זייער געווער. אַ סך אַמוניציע איז געווען צעשאָטן אויפֿן וועג.

געגאַנגען זייַנען מיר פּאַמעלעך. יעדעס בערגל ציגל און גרוז האָבן מיר גוט באַקוקט, צי עס געפֿינען זיך נישט הינטער זיי באַהאַלטענע דייטשן. מיר זייַנען געווען צעשאָטן אויף אַ שטח פֿון בערך פֿופֿציק מעטער אין דער ברייט און האָבן זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צום לאַגער אויף דער גענשע־גאַס. צוקומענדיק שוין גאַנץ נאָענט, אַזוי אַז מען האָט שוין אַרויסגעזען די געביידע פֿון דער תּפֿיסה פּאַוויאַק, וועלכע האָט זיך געפֿונען נישט ווייַט פֿונעם לאַגער און איז געבליבן גאַנץ, האָבן מיר דערהערט טריט, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דערנעענטערט. מיר האָבן נישט געוווסט, צי זייַנען דאָס טריט אויך פֿון אַזאַ פּאַטרול ווי מיר, אָדער פֿון דייטשן. אויב דייטשן — דאַן וואָלט עס געהייסן, אַז די אַקציע פֿון אונדזערע קעמפֿער איז נישט געלונגען און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן. דער לייטענאַנט האָט געגעבן אַ באַפֿעל, מיר זאָלן זיך באַהאַלטן הינטער די בערג חורבות, וואָס זייַנען דאָרט געווען און טאָמער זייַנען דאָס דייטשן, זאָלן מיר אָן זייַן באַפֿעל נישט שיסן. מיר האָבן זיך אַלע באַהאַלטן און די טריט האָבן זיך גענומען דערנעענטערן. מיר האָבן שוין געהערט בולט, אַז דאָס זייַנען טריט

פון אַ גאַנצער גרופּע און לויטן קלאַפּן פון די שטיוול און לויטן קלאַנג, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן אין דער נאַכטיקער שטילקייט, האָט מען שוין דערקענט, אַז דאָס איז אַ דייטשישער פּאַטרול. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָבן מיר טאַקע געזען, ווי עס איז אַדורך אויף דעם ברוק אין מיטן גאַס, אפשר אַ צוואַנציק מעטער פון אונדזער באַהעלטעניש, אַ פּאַטרול פון זעקס דייטשע עס־עס־לייט צו דריי אין אַ ריי מיט מיטראַיעטן אין די הענט. זיי האָבן אויפמערקזאַם געקוקט אין אַלע זייטן.

ס'איז פּאַר אונדז געווען קלאָר: די פּאַרטיזאַנער האָבן דאָרט ביים לאַגער געמוזט אָפּטרעטן און דער לאַגער מיט די איבעריקע געפאַנגענע איז נאָך ביי די דייטשן אין די הענט. ווען מיר זיינען אַוועק צו אונדזער פּונקט, נאָך דעם ווי מיר האָבן געהערט, אַז דער דייטשער פּאָסטן איז שוין זייער ווייט, האָט דער לייטענאַנט פאַרשטאַרקט די פּאָסטנס. עס זעט אויס, האָט ער געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן דאָרט אַ גרויסע קראַפט און זיי קענען אונדז נאָך אַטאַקירן. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, איז שוין נישט געווען ווייט צו טאָג. אַ שטאַרקע מידקייט איז מיך באַפאַלן. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט און בין גלייך איינגעשלאָפן. אויף צומאָרגנס אין דער פרי זיינען מיר אַוועק פון דאָרטן אין דער געגנט פון דער פּאָקאָרנע און באָניפראַטערסקע, וווּ מען האָט אָנגעהויבן בויען באַריקאַדעס און גרייטן זיך צו ווייטערדיקע קאַמפן.

*　　　*

*

איך האָב געענדיקט מיין דערציילונג. אַלע זיינען נאָך געזעסן אַ ווילע שטום, זיך דערמאָנענדיק די נאָך אַזוי נאָענטע טעג, ווען גאַנץ וואַרשע איז אַרויס אויף די גאַסן שלאָגן דעם דייטש און ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט, אָט און דער זיג איז שוין דאָ...

יידן זיינען אָבער געווען מסתמא אין אַלע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס — האָט יצחק זיך אָפּגערופן.

— אוודאי. אַ סך יידן זיינען געווען אין דער „א. ל.“ נאָך פאַרן אויפשטאַנד. זיי האָבן זיך דאָרט בדרך כלל געפילט בעסער ווי אין דער „א. ק.“, וואָס האָט געציילט אין אירע רייען נישט ווייניק אַנטיסעמיטן און אפילו יידן־רוצחים. בעתן אויפשטאַנד גופא זיינען די יידן, באַפרייטע פון די לאַגערן, אָדער אַרויסגעקומענע פון

די באַהעלטענישן אויף דער „אַרישער זייט“, אַריין מייסטנס אין די ערשטע קאַמפּגרופּעס, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט, נישט פּרעגנדיק, צו וועלכער אָרגאַניזאַציע זיי געהערן, און נישט וויסנדיק אפילו אָפט דעם נאָמען צי די פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע פון דער גרופּע. שלאָגן דעם דייטש — דאָס איז געווען זייער איינציק שטרעבן. נקמה נעמען, און אויב פאַלן — איז מיט געווער אין דער האַנט. נאָך יאָרן פון אומקום, פּיין און דערנידערונג איז עס פאַר זיי געווען דער העכסטער און שאַרפסטער פאַרלאַנג. איר געדענקט דאָך, וואָס איר גופא האָט דעמאָלט געטראַכט און געפילט.

— אוודאי געדענקען מיר. גאָט! זיינען דאָס געווען טעג — האָט יצחק אויסגערופן און זיינע אויגן האָבן ממש אויפגעבליצט אינעם האַלבטונקל פונעם קעלער. מען האָט געהאַלטן אַ ביקס אין די הענט, מען איז ווידער געווען אַ מענטש, מען האָט זיך געפילט ווי פאַרשיכורט, פריי און גליקלעך, הגם יעדע רגע האָט געלויערט אויף דיר אַ קויל.

— געדענקסט די גאַסן? גאַנץ וואַרשע איז געווען אין דרויסן. ווער ס'האָט געבויט באַריקאַדעס, ווער האָט געאיילט זיך אָנצושליסן אין די קאַמפּגרופּעס. יינגלעך פון צען, צוועלף יאָר, כמעט נאָך קינדער, זיינען געלאָפן מיט בענזין־פלעשער קעגן די דייטשע טאַנקען. די פרויען האָבן געקאָכט עסן פאַר די אויפשטענדלער...

ווי יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן אויפשטאַנד, האָבן מיר אויך דאָס מאָל געשפּירט, ווי דאָס בלוט אין אונדז צעקאָכט זיך ווידער. מיר האָבן זיך געזען אויף די גאַסן מיט געווער אין האַנט, אויף די באַריקאַדעס. ס'האָט אונדז ממש געהויבן פון די ערטער. אָבער באַלד האָבן מיר געמוזט איבעררייסן. אונדזערע בליקן האָבן זיך אויסגעלאָשן און אונדזערע שטימען זיינען געוואָרן אַ געמורמל, ביז זיי זיינען אין גאַנצן פאַרשטומט געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. די נאַכט, די דערקוויקנדיקע נאַכט, וואָס האָט אונדז געבראַכט שוץ, טרייסט, לעבנסמעגלעכקייט, איז אַוועק. געקומען איז דער טאָג מיט אַלע זיינע דראָונגען און סכנות. יעדער האָט זיך, שטיל־שווייגנדיק, אַוועקגעלייגט אין זיין ווינקל, צונויפגעקאָרטשעט, ווי אַ בינטל שמאַטעס, אינעם חושך אַ נאָך טונקעלערער פלעק — און איז געבליבן פאַרזונקען אין זיינע מחשבות.

קאַפּיטל עלף

יענעם טאָג האָט זיך חנה לאַנג געדרייט אויף איר געלעגער, נישט געקענט איינשלאָפֿן. בדרך כלל איז דאָס נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע זאַך. ס'האָט זיך געטראָפֿן גאַנץ אָפֿט ביי אונדז. דאָס איז געווען אָבער שטענדיק נאָך אַן אויפטרייסלונג, נאָך אַ געפאַר, וואָס איז געקומען אומגעריכט. דאָס מאָל איז דאָס געווען אַנדערש. די טאָג־טעגלעכע שיסעריי איז יענעם טאָג געווען אפילו שוואַכער ווי אַלע מאָל און מען האָט נישט געקענט באַמערקן קיין באַזונדערע געפאַר. די נאַכט פריער איז אויך אַדורך בשלום; יעדער האָט עפּעס געבראַכט פון זיין עקספּעדיציע. שפּייז האָט מען געהאַט געפונען אַ ביסל וויניקער, עס האָט שוין אָנגעהויבן אויסצופעלן אין די קעלערס, דערפאַר אָבער האָט מען דאָרט אַנטדעקט אַנדערע זאַכן, וועלכע מיר האָבן אויך נייטיק געדאַרפט האָבן, אָנטועכץ און וועש, און אפילו צוויי קאָלדרעס, וואָס דאַניעל האָט געפונען. אַלץ זאַכן נוצלעכע פאַר אונדז און וואָס ביז אַהער האָבן מיר זיי נישט געהאַט.

אַנטדעקט האָט דאָס אַלץ יצחק. איין מאָל, אַריינקומענדיק ביינאַכט אין אַ קעלער, האָט ער באַמערקט, אַז אַ שיכט ערד, וואָס ליגט אָנגעשאָטן אין אַ זייט, איז זייער פריש, ווי מען וואָלט דאָרט ערשט נישט לאַנג געהאַט געגראָבן און צוריק פאַרשאָטן די ערד. ער איז געווען מיט איגנאַץ צוזאַמען. האָבן זיי ביידע גענומען מיט די הענט אָוועקשאַרן די ערד, וועלכע האָט לייכט נאָכגעגעבן, און באַלד האָבן זיי געפונען עטלעכע האַנטעכער און אַ קורטקע מיט אַ פוטערנעם אונטערשלאַק.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין בונקער און אונדז געוויזן זייער געפונענעם אוצר, האָבן מיר זיך זייער דערפרייט. מיר האָבן זיך גענומען אויסטייטשן דעם ענין. חנה און סאַמעק האָבן

זיך דערבײַ דערמאָנט, אַז אין די לעצטע טעג פון אויפשטאַנד, ווען די וואַרשעווער באַפעלקערונג, וואָס איז געלעגן אין די קעלערס, האָט זיך שוין געריכט, אַז מען וועט דאַרפן אַוועקגיין, האָבן אַ סך מענטשן אָנגעהויבן צו באַהאַלטן דאָרטן זאַכן, זיי פאַרמאַסקירט אונטער קוילן, צוגעדעקט מיט ציגל און גרוז, כּדי אין פאַל, ווען זיי וועלן צוריקקומען, זאָלן זיי קענען די זאַכן אָפּגעפינען. טייל האָבן אַפילו געמאַכט לעכער אין קעלער־באָדן, אַרײַנגעלייגט אין זיי פאַרשידענע חפצים און צוגעדעקט מיט ערד. אָבער איצטער, ווען די דײַטשן שיקן מענטשן צו זוכן זאַכן אין די חורבות, כאַפּן זיך אפשר אַראָפּ געווּיסע קאָמאַנדאָס אין די קעלערן און פרווון אַוועקגראָבן די ערד, האָפנדיק צו געפינען עפּעס פאַר זיך; זיי שאַרן אַוועק די בערגלעך גרוז צו זען, צי עס ליגט נישט דאָרט אַ מאָל אַ זאַך. טיילמאָל קענען זיי נישט אַלץ מיטנעמען מיט זיך, שיטן זיי צוריק צו דאָס אויפגעגראָבענע אָרט, ביז זיי וועלן קומען אַהער אַ צווייט מאָל. יצחק האָט דאָס אַנטדעקט און פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר בײַם זוכן אין די קעלערס גוט אַכטונג געבן, צי עס געפינט זיך נישט עפּעס באַגראָבן. אַזוי אַרום האָט דאַניעל געפונען די צוויי קאָלדרעס, וועגן וועלכע, אגב, עס איז נאָך נישט געווען באַשטימט, ווער עס וועט זיך מיט זיי צודעקן.

אָבער נישט די געשעעניש מיט די געפונענע זאַכן האָט חנהן נישט געלאָזט שלאָפן. זי איז נישט געשלאָפן, ווײַל דער טראַגישער פאַל מיט די באַהאַלטענע ייִדן אין בונקער איז איר נישט אַרויס פון זינען. זי האָט כּסדר געטראַכט וועגן זיי און האָט צום סוף באַשלאָסן, אַז זי וועט בײַנאַכט אַליין מיטגיין, כּדי צו זען, ווי אַזוי עס זעט דאָרט אויס. זי האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און שטילערהייט אַרײַנגעשעפטשעט סאַמעקן, וועלכער איז געלעגן לעבן איר: „בײַנאַכט גיי איך מיט מיט אײַך". זי האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז דער טאָג זאָל שוין אַדורך.

חנה איז געווען זייער אַן עמפינדלעכע צו יענעמס לײַדן, כאָטש בײַ אירע נײַנצן יאָר האָט זי שוין אַליין געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ סך צרות. אָנגעהויבן האָט זיך עס בײַ איר נאָך פאַר דער מלחמה. חנה אַליין האָט אונדז וועגן דעם דערציילט:

— דער פאָטער מיינער איז געשטאָרבן יונג און די פרייד פון שטוב איז פאַרשוווּנדן. באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די דייטשן האָבן פאַרנומען לאָדזש. זיי האָבן צוגענומען אונדזער פאַבריק און די גויט איז גלייך אַריין אין אונדזער שטוב. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון אונדזער וווינונג. מיר זיינען אַוועק וווינען אויפן באַלוט. סאַמעק, וועלכער האָט געוווינט מיט זיין מוטער אין זעלבן הויז, איז אויך אַוועק מיט אונדז, אַזוי, אַז מיר זיינען פון איצט אָן געווען צוזאַמען. קורץ דערנאָך זיינען מיר אַוועק קיין וואַרשע, ווו מיר האָבן געהאַט קרובים. אָבער קומענדיק אויפן אַדרעס, ווו די משפחה האָט זיך געדאַרפט געפינען, האָבן מיר קיינעם נישט געטראָפן. עס האָבן שוין דאָרט געוווינט אַנדערע מענטשן. הגם ס'איז שוין געווען גענוג ענג, האָבן זיי אונדז דאָך אַריינגעלאָזט.

— איין מאָל — האָט חנה אונדז ווייטער דערציילט — האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק. לויט איר אויסזען און קליידונג האָט זי נישט געדאַרפט זיין קיין ייִדישע. אַ הויכע, שיינע פרוי און גערעדט האָט זי מיט אַן אַקצענט פון פויזן אַזוי, אַז מיר האָבן זי אָנגענומען פאַר אַ פאָלקס־דייטשקע און זיך פאַר איר דערשראָקן. זי האָט דאָס באַמערקט און מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז זי איז געקומען בלויז עפעס נעמען, וואָס די מענטשן, וועלכע האָבן דאָ פריער געוווינט, האָבן באַהאַלטן. זי איז אַריין אין קיך און גענומען זוכן לויט סימנים, וואָס זי האָט געהאַט. מיין מוטער האָט איר גלייך געזאָגט, ווער מיר זיינען און זי געפרעגט, צי זי קען אונדז מיט עפעס העלפן. מיר זיינען געוויר געוואָרן, אַז פון אַלע אונדזערע קרובים איז געבליבן בלויז איין קוזין, דער ייִנגסטער, פאַוועל, און אַז ער געפינט זיך אין זיכערקייט ביי איר אין פּראַגע. זי איז אַ קריסטין, זי הייסט יוליאַ, האָט זי אונדז געזאָגט ביים אַוועקגיין, זי וועט אונדז אַרויסנעמען פון דאַנען. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַ מענטש געקומען צו אונדז און אַרויסגענומען מיך מיט מיין מוטער פון געטאָ. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין פּראַגע אויף בזשעסקע־גאַס נומער זיבן, איז חוץ פאַוועל, אונדזער קוזין, און די באַלעבאָסטע יוליאַ, קיינער דאָרט נישט געווען, אָבער באַלד זיינען מיר געוויר געוואָרן, אַז הינטער דער וואַנט,

באַלד ביים אַרײַנקומען פון קאָרידאָר, האָט זיך געפונען אַ טיר, וואָס האָט געפירט צו א פינצטערן צימער. די טיר איז געווען אַזוי גוט מאַסקירט צוזאַמען מיט דער גאַנצער וואַנט, אַז ווען מען האָט זי צוגעמאַכט, האָט מען גאָרנישט דערקענט. דאָרטן האָבן זיך געפונען צוויי פּאָרלעך מיט צוויי קינדער, בלאַכאָוויטש מיט אַ פרוי און קינד און ברייטמאַן מיט אַ פרוי און קינד. מיר זיינען אויך געוווירן געוואָרן, אַז געהאָלפן מאַכן די באַהעלטעניש האָט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, רומשעווסקי האָט ער געהייסן, און אַז מיט זיין הילף האָט מען אונדז אַרויסגענומען פון געטאָ. נישט לאַנג האָט געדויערט און מען האָט אויך סאַמעקן מיט זיין מוטער געבראַכט אַהער. צוזאַמען זיינען מיר איצט געווען עלף יידן.

— יוליאַ לאַריש, אַזוי האָט זי געהייסן, האָט געשטאַמט פון יאַנאָווע, אָבערשלעזיען. זי איז געווען אַ גרויסע פריינדין פון פּאַוועלס עלטערן און האָט געהאַט אַ שטאַרק געפיל פאַרן עלטערן זון און ער פאַר איר אויך. צום אומגליק האָט זי שוין נישט באַוויזן אַרויסצונעמען די גאַנצע משפחה פון געטאָ, מען האָט זיי שוין געהאַט אַרויסגעשיקט, אויסער דעם ייגערן פּאַוועל. די אַנדערע באַהאַלטענע יידן זיינען געווען פּאַוועלס פריינד און באַקאַנטע. אויסער אונדז, באַהאַלטענע דאָ ביי איר אין שטוב אויף בזשעסקע זיבן, האָט נאָך יוליאַ באַהאַלטן אין איר וורשט־געשעפט אויף טאַרגאָווע פיר און צוואַנציק אַ יידישע משפחה מיטן נאָמען מענדזשיזעצקי, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן מענטשן.

ווי אַזוי חנה מיט אירע מיטבאַהאַלטענע האָבן דאָרט דורכ־געלעבט קנאַפּע צוויי יאָר, האָט זי נישט געוואָלט דערציילן. צו וואָס דערמאָנען אַלטע צרות, האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל — אַז עס זיינען דאָ היינטיקע, נייע צרות. זי האָט בלויז צוגעגעבן:

— ליגן אַזוי פאַרמאַכט אין אַ פינצטערן צימער חדשים און יאָרן און נישט טאָרן קיין שאָרך אַרויסלאָזן, מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל נישט דערהערן פון יענער זייט וואַנט, איז נישט אַזוי פשוט. יוליאַ האָט זייער שווער געאַרבעט ביים באַזאָרגן אונדז אַלעמען מיט עסן. פאַרשאַפן עסן פאַר אַזוי פיל מענטשן איז

נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. זי האָט אויסגענוצט אַלע פּראָ־
טעקציעס, וואָס זי האָט געהאַט, זייענדיק גוט באַקאַנט אין דער
גאַנצער געגנט סיי צוליב איר שיינקייט, סיי צוליב איר גוטן דייטש
רעדן. (אַ סך האָבן זי אָנגענומען פאַר אַ פאָלקס־דייטשקע) און
סיי צוליב איר וווּרשטגעשעפט. אין שטוב אָבער האָט זי קיינעם
נישט געטאָרט צונעמען איר צום העלפן. זי האָט דעריבער איינע
אַליין שווער געאַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגט עמעצער פון
אונדז אַרויסקומען פון דער באַהעלטעניש און איר צוהעלפן אין
דער שטובאַרבעט, מורא האָבנדיק דערביי, טאָמער דערהערט און
דערזעט אַ שכן.

— ענדלעך האָט יוליאַ מיר געבראַכט אַ קאַרטע און אַ מעט־
ריקע ווי אַן אַריערין און איך בין געוואָרן אַ פרייער מענטש.
כ'האָב זיך איצט געקענט באַוועגן, ווו כ'האָב געוואָלט. געהייסן
האָט עס, אַז איך בין אירע אַ קרובה און איך בין געקומען איר
העלפן. לאַנג האָט אָבער נישט געדויערט מיין פרייהייט — חנה
האָט אַזש גענומען ציטערן, ווען זי האָט עס דערציילט — עס איז
געווען אַזוי אַרום מיטאָגצייט, יוליאַ איז נאָר־וואָס געהאַט אַריינ־
געקומען אין שטוב. מיר ביידע האָבן גענומען גרייטן דאָס עסן.
פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער טיר. דער קלונג
איז נישט געווען קיין געוויינלעכער, ווי פון מענטשן וואָס קומען
צו גאַסט אָדער עפּעס פרעגן, נאָר אַ שטאַרקע קלינגעריי אָן אויפ־
הער. דאָס האַרץ האָט מיר גלייך גענומען קלאַפּן. יוליאַ איז אַרויס
פון קיך, צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און אַריין אין קאָרידאָר
צו עפענען. באַלד האָב איך דערהערט אַ געשריי: „געסטאַפּאָ!“
און אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען מיט פעסטע טריט אַריין. „ווו
האָסטו די יידן?“ — האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון איינעם
פון זיי, „זאָג, ווו האָסטו באַהאַלטן די יידן?“. די טיר פון קיך
האָט זיך געגעבן אַן עפן, אַ מאַן האָט מיך אָנגעכאַפּט, געגעבן
אַ נעם און אַרויסגעשלעפּט אין קאָרידאָר. דאָרט איז געשטאַנען
אַן אָפיציר מיט יוליאַ, די אַנדערע געסטאַפּאָווצעס האָבן געזוכט
אין די צימערן. „ווער ביסטו?“ האָט מיך דער אָפיציר אַ פרעג
געגעבן אין דייטש. יוליאַ, זעענדיק מיין פּנים און מורא קריגנדיק,
אַז איך וועל זיך פאַרלירן, האָט אים געזאָגט אין דייטש, אַז איך
בין אירע אַ קרובה און אַז איך פאַרשטיי נישט קיין דייטש. כ'האָב

זיך טאַקע באַלד געכאַפּט, אַז איך דאַרף זיך מאַכן נישט פֿאַרשטיין, וואָס מען רעדט צו מיר. „ווי הייסטו?“ האָט דער אָפֿיציר ווידער אַ געשריי געטאָן צו מיר. יוליאַ האָט מיר געזאָגט, וואָס ער וויל, האָב איך אים געזאָגט, ווי איך הייס. „דו ביסט אַ יידישע“ האָט ער גענומען שרייען — „איך ווייס, געסטאַפּאָ ווייסט אַלץ“!

איך בין געשטאַנען און געפֿילט, אַז אָט וועל איך אַנידערפֿאַלן, די פֿיס האָבן זיך מיר גענומען אונטערברעכן. יוליאַ האָט דאָס באַמערקט, האָט זי מיט אַ פֿעסטער שטימע און מיט אַ שטאָלצקייט פֿון אַ שיינער פֿרוי אים אָפּגעענטפֿערט: „וואָס, ביי מיר זוכסטו יידן? קום, האָט זי אים געגעבן אַ נעם אָן ביי דער האַנט, קום, זוך, און צעקלאַפּ די ווענט“. זי האָט אים דערוויל אַוועקגעפֿירט אין שלאָפֿצימער. איך בין אַריין אין קיך און קוים געקומען צו זיך. עטלעכע שעה האָט געדויערט דאָס זוכן, די שענק זיינען אַוועקגענומען געוואָרן פֿון די ווענט און מען האָט געקלאַפּט אין זיי, צי עס איז נישטאָ אין זיי קיין טיר. אַז זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צו דעם אָרט, ווו עס איז געווען דער אַריינגאַנג צום באַהעלטעניש, איז יוליאַ יעדעס מאָל דאָרט אויסגעוואַקסן און האָט מיט אירע פּלייצעס פֿאַרשטעלט דאָס אָרט. יעדער קלאַפּ פֿון די געסטאַפּאָוועס אין דער וואַנט האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן. איך האָב שוין געזען אין געדאַנק, ווי מען פֿירט אַרויס אַלע יידן און מיין מאַמען מיט זיי. יוליאַ האָט אָנגעוואָנדן אַלע מעגלעכקייטן: פּאַטריאָטישע געפֿילן, פֿרויאישע מאַניערן, וועלכע זי האָט גוט געקענט, כדי צו מאַכן מילדער דעם געסטאַפּאָ־אָפֿיציר. אָבער ער איז געווען פֿאַרמעל: „מען האָט געמאָלדן אין דער געסטאַפּאָ, אַז דאָ געפֿינען זיך יידן“.

נאָך לאַנגע זוכענישן און באַטראַכטן יעדעס ווינקעלע איז יוליאַן דאָך געלונגען אים איינצורעדן, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אויף איר אַ בילבול אויס נקמה צו איר. ווייל זי איז רייך. דער אָפֿיציר האָט בלויז באַפֿוילן, אַז מאָרגן זאָל מיך יוליאַ ברענגען אין דער געסטאַפּאָ אויף אַלייע שוכאַ, פֿעסטצושטעלן צי איך בין אַ יידישע. יוליאַ איז באַלד איינגעגאַנגען אויף דעם, אַבי זיי זאָלן נאָר וואָס שנעלער פֿאַרלאָזן דאָס הויז. טראַכטן איצטער, וואָס צו טאָן מאָרגן, האָט מען דערווייל נישט געקענט. קודם־כל האָט מען

געדאַרפט אַרויסנעמען די מענטשן פון דאַנען, ווייל די דייטשן האָבן געקענט קומען נאָך אַ מאָל, כאָטש דער אָפיציר איז פאַרן אַוועקגיין שוין געווען גאָר פריינדלעך צו יוליאַן און האָט אפילו געמאַכט אַ ראַנדעווו מיט איר טאַקע ביי איר אין וווּרשטגעשעפט.

מען האָט געדאַרפט שנעל האַנדלען. יוליאַ איז קודם־כל אַראָפּ זען, צי דאָס הויז איז נישט באַוואַכט און ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז נישט, איז זי אַוועק שאַפן ערטער פאַר די באַהאַלטענע. באַקאַנטשאַפטן האָט זי געהאַט זייער אַ סך און ביזן פאַרנאַכט האָט זי אַלעמען באַזאָרגט מיט אַ באַהעלטעניש. מיין מוטער און סאַמעקן מיט זיין מוטער האָט זי באַזאָרגט אָט דאָ, טאַקע אין דעם זעלבן הויף, ווו ס'איז אונדזער בונקער, ביי דער משפחה ניעוויעראָווסקי, וועלכע האָט זיך שפעטער איבערגעקליבן קיין פראַגע, אויף סטאָלאַרסקע 6.

איך בין געבליבן ביי יוליאַ איבער נאַכט אויף צו באַטראַכטן, וואָס מען דאַרף טאָן מאָרגן: יאָ גיין אָדער נישט גיין אין דער געסטאַפּאָ. זי האָט מיר געלאָזט דעם אויסוואַל. אָבער, אויף קיין איין רגע איז מיר נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז פאַר איר מענטשלעכקייט און גוטסקייט זאָל איך אָפּדינען דער הערלעכער פרוי מיט דעם, זי זאָל צוליב מיר פאַרפאָלגט ווערן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מען גייט אין דער געסטאַפּאָ. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען רואיק, ווייל פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען דאָס בילד, ווי די יידן האָבן אויסגעזען נאָך דעם ווי די געסטאַפּאָ איז אַוועק. זיי זיינען געווען אין גאַנצן פאַרענדערט, די אויגן אויסגעלאָשן, טויטע מענטשן, וואָס האָבן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן פון שרעק. מיין מאַמע האָט מיך בלויז אַרומגענומען און מיך געדריקט צו זיך. איצטער, אַז מיין מאַמע איז שוין ווידער געווען אין אַ זיכערן אָרט און די אַנדערע אויך, האָב איך זיך באַרואיקט און בין אפילו איינגעשלאָפן. אָבער גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפט און נישט געקענט מער שלאָפן: דאָס גיין צו דער געסטאַפּאָ אונטערן פאַרדאַכט פון זיין אַ יידישע איז געווען ווי גיין צו אַ זעלבסטמאָרד. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען. יוליאַ האָט מיך געטרייסט: „פאַרלאָז זיך אויף מיר“, האָט זי געזאָגט. איך האָב אפילו נישט געהערט, וואָס זי זאָגט. איך האָב געטראַכט וועגן מיין מאַמען און אין געדאַנק זיך שוין אפילו

געזעגנט מיט איר. איך האָב כמעט נישט געהערט, ווי מען האָט געקלונגען אין דער טיר, און ווען איך האָב דערזען דעם זעלבן געסטאַפּאָ־אָפיציר, האָב איך זיך שוין גאָרנישט דערשראָקן. איך בין אויך געווען גלייכגילטיק, ווען ער האָט מיר צוריקגעגעבן מיינע דאָקומענטן. צו יוליאַ האָט ער אַ זאָג געגעבן, שמייכלענדיק, אַז ער האָט אָפּגעגעבן אַ גוטן ראַפּאָרט און אַלץ איז גוט דערלידיקט געוואָרן. ערשט ווען יוליאַ איז אַוועק מיט אים אין איר ווורשט־געשעפט און מיך געלאָזן אַליין, בין איך אַן אויסגעשעפּטע אָן כוחות אַוועקגעפאַלן אויף דער סאָפע און האָב זיך צעכליפּעט אויפן קול.

פון יענע באַהאַלטענע יידן זיינען זעקס אומגעקומען אין אויפשטאַנד. יוליאַ מיט פּאַוועלן האָב איך זינט דעם אויפשטאַנד נישט מער געזען. מיין מוטער מיט סאַמעקס מוטער זיינען אַוועק מיט די פּאָליאַקן. — האָט חנה פאַרענדיקט איר דערציילונג, און זיך צעוויינט פון בענקשאַפט נאָך אירע נאָענטסטע. סאַמעק האָט זי אַרומגענומען און איז דער שטיל זי געטרייסט. ווי אַ קליין קינד, וויינענדיק, איז חנה איינגעשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אָנוועזנהייט פון חנהן אין אונדזער בונקער האָט געהאַט אויף אונדז זייער אַ גוטע ווירקונג. קודם־כל איז זי געווען זייער אַ גוטע און בכלל — די אָנוועזנהייט פון אַ פרוי האָט אונדז ווי פאַרפליכטעט צו אַ געוויסער איינגעהאַלטנקייט, צו אַ געוויסן רעספּעקט צו זיך אַליין, צו באַהערשן זיך אין מאָמענטן פון אויפרעגונג און צו האַלטן זיך בעסער, ריינער. דערצו נאָך האָט חנה געוווּנען די סימפּאַטיע פון אַלעמען מיט איר האַרציקייט און גוטן שמייכל, וואָס זי האָט געהאַט אין אַלע סיטואַציעס. זי האָט אונדז אויך גוט משפיע געווען מיט איר פעסטער האַלטונג און גוטער מאָראַל. אין אָנהויב, אין די ערשטע טעג פון אונדזער אַריינגיין אין בונקער, איז זי געווען שטאַרק צעבראָכן, געזעסן אין אַ ווינקל, גאָרנישט גערעדט און אָפט געוויינט און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס מיידל וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן. מיט איין מאָל אָבער האָט זי זיך אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין און איז געוואָרן ממש אַן אַנדער מענטש. אויף אַזוי ווייט, אַז זי פלעגט נאָך

אונדז צומאָל שטראָפֿן, ווען מיר פּלעגן אַרײַנפֿאַלן אין אַ שווערער שטימונג. „עס איז דאָ נאָך ערגערס ווי אונדזער לאַגע — פֿלעגט זי אונדז אויסרעדן — נאָר מונטער זײַן, וועט מען אַלץ איבער־קומען". און שוין צוליב דעם, וואָס מיר האָבן זיך געשעמט פֿאַר איר, און מיר פּלעגן באַמיען זיך צו באַהערשן, האָט זיך אָפֿט געענדערט בײַ אונדז די שטימונג.

עס זײַנען אָבער אויך געווען מאָמענטן, ווען חנה איז געווען פֿאַר אונדז אַן אבן נגף, אַ קוואַל פֿון נײַע שוועריקייטן. אַלט איז זי געווען נײַנצן יאָר, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, זייער אַ שיינע, זייער אַ ריינע, שטענדיק פֿאַרקעמט. א רייצנדיק יונג שיין מיידל צווישן זיבן מענער, אַלע נאָך פֿאַרן מיטעלן עלטער, שוין אָפּגערעדט פֿון יונגן דאַגיעל. זיכער האָט די אָנוועזנהייט פֿון סאַמעקן, וועלכער האָט זיך גערעכנט פֿאַר חנהס געליבטן, אַ סך געווירקט צו נאָרמאַ־ליזירן דעם נישט־געוויינלעכן מצב און מען האָט זיך באַצויגן צו איר אַנדערש, ווי זי וואָלט געווען אַ מיידל אַליין צווישן אונדז אַלעמען. אָבער דאָך זײַנען געווען מאָמענטן, ווען מען האָט גע־שפּירט אין דער לופֿט די נערוואָזיטעט, וואָס ס'האָט אַרויסגערופֿן חנהס זײַן צווישן אונדז. סוף כל סוף זײַנען מיר דאָך נישט שטענ־דיק געזעסן אין אונדזער בונקער און נאָר געוויינט און געטרוימט, אָדער פֿאָרגעשטעלט זיך, אַז אָט כאַפּט מען אונדז. זיכער, ווען מיר וואָלטן זיך געפֿונען אין אַזאַ מצב, וואָלטן מיר אפֿשר נישט געפֿילט קיין שום רייצונגען און נאַטירלעכע פֿאַרלאַנגען. אָבער אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן מיר נישט לאַנג אויסגעהאַלטן, מיר וואָלטן אַראָפּ פֿון זינען אָדער ווילד געוואָרן. אין אונדזערע באַדינגונגען האָבן מיר טאַקע אָפֿט זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח צו צעשטרייען זיך, זיך פֿריילעך מאַכן און זײַן צופֿרידן. אַ סך מאָל איז אונדז טאַקע גע־לונגען צו לאַכן גלייך, ווי מיר וואָלטן געווען פֿרייע מענטשן. ווען מיר פּלעגן צוריקקומען פֿון אַן עקספּעדיציע און עפּעס ברענגען, פֿלעגן מיר עסן מיט אַזאַ צופֿרידנקייט די זופּ, וואָס חנה האָט צוגעגרייט, אפֿשר מיט דער זעלבער צופֿרידנקייט ווי מענטשן אויף דער פֿריי בײַ זיך אין שטוב. דערבײַ פּלעגן מיר זיך וויצלען און לאַכן האַרציק. אַ מענטש אין אַזעלכע מאָמענטן באַקומט צוריק אַלע זײַנע נאָרמאַלע געוווינהייטן און נאַטירלעכע פֿאַרלאַנגען. מער ווי איין מאָל האָבן אונדזערע בליקן פֿאַראַטן אונדזערע באַהאַלטע־

נע געפילן און מחשבות. ווען חנה פלעגט דאָס באַמערקן, פלעגט זי באַלד נעמען זוכן וואָס צו טאָן, זיך פאַרנעמען מיט עפּעס, וואָס זאָל אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון איר. אויך סאַמעק פלעגט זיך באַמיען, זיך צו האַלטן אַזוי לגבי חנהן, אַז ער זאָל קיינעם פון אונדז נישט אויפרייצן אָדער אַריינברענגען אין קנאה.

שווערקייטן האָבן זיך אויך געשאַפן, ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פון בונקער אויף די עקספּעדיציעס ביינאַכט און עמעצער פון אונדז האָט געדאַרפט בלייבן מיט חנהן. אָן דער מינדסטער אָנצוהערעניש, אָן דער קלענסטער צוויידייטיקייט, האָט מען געדאַרפט באַשטימען, וויפל מענטשן און ווער זאָלן בלייבן מיט איר. הגם מיר האָבן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי איינער צום אַנדערן, האָבן מיר דאָך נישט געוואָלט, עס זאָלן זיך שאַפן אומאַנגענעמלעכקייטן אָדער קאָנפליקטן. דאָס וואָלט זיך אויסגעווירקט אויף אונדזער איינלעבן זיך און אויף אונדזער ווילן אויסצוהאַלטן בכלל. צו אונדזער גליק האָבן מיר אויך די דאָזיקע שווערקייטן גובר געווען.

* *

*

יענעם אָוונט האָט חנה זיך אויפגעהויבן די ערשטע. ווען מיר זיינען אַלע שוין געווען גרייט, יעדער צו זיין אַרבעט, און צום אַרויסגיין אין דרויסן, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט מיט מיט אונדז. מיר האָבן אַלע זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג: „וואָס איז? האָט חנה געזאָגט מיט אַ שמייכל, נאָר איר מעגט גיין שפּאַצירן יעדע נאַכט, איך וויל אויך גיין שפּאַצירן“. סאַמעק האָט איר גלייך אונטערגעהאַלטן: „זי וויל גיין זען דעם בונקער פון יענע יידן“. יצחק איז מיטגעגאַנגען מיט סאַמעקן און חנהן צו ווייזן זיי דעם וועג. כאַסקל האָט דאָס מאָל פאַרטראָטן חנהן ביים צוגרייטן דאָס עסן.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון אונדזער עקספּעדיציע אין די קעלערס, זיינען שוין ביי אונדז געזעסן דריי יידן פון אַנדערן בונקער. חנה האָט זיי מיטגענומען אַהער, כדי זיי זאָלן באַקוקן אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך איצט גענויער צוגעקוקט צו זיי. מען האָט געזען, אַז דאָס זיינען מענטשן, וואָס האַלטן שוין ביי די לעצטע כוחות. אַלע זיינען זיי געווען עלנטע שפּליטער פון גרויסע משפחות, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ.

יעדער פון זיי האָט אָן אויפהער געטראַכט וועגן זיין פרוי און קינדער, וועמענס שרעקלעכן סוף ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע געדאַנקען.

הורוויטש האָט דערציילט, אַז זייענדיק באַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, האָט ער אַזוי שטאַרק געטראַכט וועגן זיין פאַמיליע, אַז דער קאָפּ פלעגט אים אַזש פּלאַצן. „אין מיין איינזאַמקייט — האָט ער אונדז דערציילט — בין איך אָפט מקנא געווען מיין ווייב מיט די קינדער, וואָס זיי זיינען שוין איבערגעקומען אָט די גאַנצע פּיין. וואָס האָב איך דען געקענט טאָן? אפילו דאָס לעבן האָב איך זיך נישט געקענט נעמען. איך האָב טאַקע געטראַכט וועגן דעם, אָבער איך האָב עס נישט געקענט טאָן צוליב די מענטשן, וואָס האָבן מיך באַהאַלטן. ווו וואָלטן זיי אַהינגעטאָן מיין בר־מינן? נו, איז געקומען דער אויפשטאַנד. איך האָב קיין איין רגע נישט געטראַכט אפילו. צו דער ערשטער גרופּע, וואָס איך האָב געזען גיין מיט געווער, בין איך צוגעגאַנגען און האָב געזאָגט, מען זאָל מיך מיטנעמען, איך וויל זיי העלפן".

הורוויטש האָט זיך פאַרטראַכט און פאָרגעזעצט: „ווי גוט איז עס געווען! איך האָב זיך צוריק דערפילט ווי אַ מענטש. דער גאַנצער צאָרן, וואָס האָט געברויזט אין מיר, ווען איך בין געלעגן באַהאַלטן, האָב איך אויסגעלאָדן אין דעם אויפשטאַנד, אין די קאַמפן, גאָר־נישט איז געווען פאַר מיר שווער". ער האָט שווער אָפּגעזיפצט: „איך האָב קיין מזל נישט, בין איך געבליבן לעבן. צו אַלעמען דאַרף מען האָבן מזל".

— אַזוי פיל יידן זיינען געפאַלן אין דעם אויפשטאַנד — האָב איך באַמערקט — הונדערטער און אפשר טויזנטער זיינען בעת דעם אויפשטאַנד אַרוים פון באַהעלטענישן, פון פאַרטיזאַנען־וועל־דער, פון לאַגערן און האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן מיט שטאָלץ און ווירדע. מיט אַזעלכע מחשבות ווי אייערע קען מען ווייט נישט דערגיין.

— מיר וועלן סיי ווי סיי ווייט נישט דערגיין — האָט ער מיר אָפּגעענטפערט און זיך געוואָנדן צום חבר זיינעם, צו וואַסער־מאַנען:

— געדענקסט, ווען מיר זיינען באַלד נאָך די קאַמפן אַריין אין אונדזער בונקער, וואָס פאַר אַ מאָראַל מיר האָבן געהאַט. מיר

האָבן געמיינט, אַז אָט אָט וועט די רויטע אַרמיי אַריינקומען און מיר וועלן מיט גיין מיט איר יאָגן דעם דייטש. אָבער די רויטע אַרמיי איז נאָך נישט געקומען. ס'איז שוין נאָוועמבער און איצטער וועט זי שוין אַזוי שנעל נישט קומען. ס'איז שוין קאַלט, עס ווערט שוין באַלד ווינטער און ווינטער מאַכט מען נישט קיין אָפּענסיוועס. באַלד וועט אַראָפּ אַ שניי, וועט מען זיך שוין אין גאַנצן נישט קע־נען רירן. מיט קיין גוטער מאָראַל אַליין קען מען נישט לעבן.

— טאָ בלייבט מיט אונדז דאָ — האָט אים חנה אין זייער אַן ערנסטן טאָן געזאָגט.

הורוויטש האָט זי אָנגעקוקט און אַ שמייכל געגעבן: און דאָ וואָס איז, מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. מיר האָבן פאַרשטאַ־נען, וואָס ער האָט געמיינט.

— איך גלויב עס, אַז איר מיינט עס מיטן גאַנצן האַרצן, אַז מיר זאָלן דאָ אַהערקומען — האָט וואַסערמאַן געפּרוּווט מילדערן דעם פּעסימיסטישן טאָן, וואָס זיין חבר הורוויטש האָט דאָ אַריינ־געבראַכט — אָבער מיר זיינען דאָך צען — און ער האָט אַ פיר געטאָן דעם בליק איבערן בונקער — אפילו ווו צו זיצן איז דאָך נישטאָ קיין פּלאַץ. אגב, נישט שטענדיק איז הורוויטש אין אַזאַ שטימונג ווי איצטער — האָט וואַסערמאַן צוגעגעבן — מיר פאַר־לירן דאָך נישט די האָפענונג.

זיי האָבן זיך גענומען געזעגענען. עס איז שוין געווען שפּעט.

— לעבעדיק וועלן זיי אונדז נישט נעמען. זיי וועלן באַצאָלן, אויב זיי וועלן אונדז געפינען — זיינען געווען זייערע לעצטע ווערטער.

— מיר וועלן מאָרגן ביינאַכט קומען צו אייך — האָט זיי איגנאַץ נאָכגעשריגן.

און אַזוי איז געווען. יעדע נאַכט זיינען עטלעכע פון אונדז געגאַנגען צו זיי געוווּיר ווערן, וואָס זיי מאַכן און פון זיי זיינען אַלע מאָל אַנדערע געקומען צו אונדז. קאַזשיק איז אויך איין מאָל געגאַנגען זיי באַזוכן. בכלל האָט זיך קאַזשיק זייער איינגעלעבט מיט אונדז. מיר פלעגן זיך וויצלען מיט אים, אַז ער איז שוין גע־וואָרן אַ ייד און אַז אויב ער וועט בלייבן לעבן, וועט ער זיך נאָך מוזן מל זיין...

דאָס טרעפן די יידן פונעם צווייטן בונקער און די קעגנזיי־טיקע „וויזיטן“ האָבן אונדז אַ ביסל אויפגעמונטערט, געגעבן אונדז אַ נייעם אינטערעס. די איבערלעבונגען פון די יידן פון יענעם בונקער זיינען געווען אַנדערע ווי אונדזערע, און פאַרשידענע וועגן האָבן זיי געפירט אין דעם בונקער, וווּ זיי זיינען געווען. אָבער אַלע זיינען זיי געקומען אַהין נאָך דער באַטייליקונג אינעם אויפשטאַנד און דאָס האָבן מיטגעקעמפט בעתן אויפשטאַנד האָט געלייגט אויף זיי אַ שטעמפל. פון איין זייט האָט יעדערער פון זיי באַקומען חשיבות און ווירדע, זיך גענומען ווידער שפירן אַ גלייכער מיט גלייכע, ווי הורוויטש האָט זיך אויסגעדריקט. ווי דער אָנטייל אין אויפשטאַנד וואָלט ביי זיי אָפּגעווישט אַלע זייערע פריערדיקע צרות. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס מוזן צוריק אַריין אין בונקער־לעבן שטאַרק געווירקט. עס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שאַרפן ווייטיק, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געקענט מיטגיין גלייך מיט אַלע זייערע מיטקעמפער.

* *

*

אין חודש נאָוועמבער איז די נאַטור זייער אַ קאַפּריזנע. עס ווערט אָפּט פּלוצלונג אַ קעלט, דו מיינסט, דער ווינטער האָט זיך געשטעלט און וועט דיך שוין האַלטן מיט זיינע פרעסט און שנייען, אַזוי ווי מען איז געוווינט אין פּוילן. פּלוצלונג אָבער לאָזט ער דיך אָפּ און עס הייבן זיך אָן גאָר רעגנס און בלאָטעס. אַזוי איז אויך געווען אין דעם נאָוועמבער, ווען מיר זיינען געלעגן אין בונקער.

אָט האָבן מיר זיך איין מאָל אויפגעהויבן, ווי געוויינלעך, ווען עס איז געוואָרן נאַכט, געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו אונדזער עקספּעדיציע. הנה האָט זיך שטאַרק געאיילט מיטן צוגרייטן דאָס עסן, ווייל עס האָבן געדאַרפט צו אונדז קומען „געסט“, עטלעכע מענטשן פון אַנדערן בונקער, וועמען מיר האָבן פאַרבעטן צום עסן. ס'איז שוין נישט מער געווען דאָס ערשטע מאָל, נאָר שטענ־דיק, ווען זיי פלעגן קומען צו אונדז, איז געווען אין בונקער אַ יום־טוב. געוויינלעך פלעגן זיי קומען בלויז צו דריי אויף איין מאָל, ווייל פאַר מער איז פּשוט נישט געווען קיין פּלאַץ.

יצחק און דאַניעל האָבן זיך די ערשטע גענומען אַרויפדראַפּען צום אַרויסגאַנג, אָבער ווען יצחק האָט אונטערגעהויבן דעם לעצטן

ציגל, וואָס האָט געפירט צום הרויסן אַרויס, האָט אים אַ בלענ־דיקע ווייסקייט אַ שלאָג געגעבן אין די אויגן אַריין. ער האָט אַ גע־שריי געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם ציגל, וואָס האָט מיט אַ קלאַפּ צוריק פאַרמאַכט די עפענונג. אַ שניי האָט בייטאָג באַדעקט דעם גאַנצן אַרום און אונדז מער נישט אַרויסגעלאָזט פון דאַנען. וואָלטן מיר אַרויס, וואָלטן אונדז די שפּורן פון אונדזערע טריט פאַרראַטן.

איך האָב געטראַכט ביי זיך: אַזאַ ריינער ציכטיקער און אומ־שולדיקער שניי, מיט וועלכן קינדער פרייען זיך ביים דערזען אים, וואַרפן זיך מיט קוילן און לאַכן האַרציק, און אָט דער זעלבער שניי קען זיך פאַרוואַנדלען אין קראַטעס פון אַ תפיסה פאַר מענטשן, פאַרגראָבענע אין אַ פינצטערן בונקער. נישט ווילנדיק, איז ער זייער שונא, ער היט זיי זיי זאָלן נישט קענען אַרויסגיין זוכן זיך עפּעס עסן. צוליב אים וועלן זיי נאָך אפשר אויסגיין פון הונגער.

כאַסקל האָט גענומען מורמלען אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— הורוויטש איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער שניי וועט קומען, אַז בלויז פון אַ גוטער מאָראַל אַליין קען מען נישט לעבן.

— האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דיין שוואַרצזעעריי, האַ? דו שיטסט נאָך זאַלץ אויף די וווּנדן? — האָט איגנאַץ זיך צעשריגן אויף כאַסקלען.

— און דערווייל שרייסטו גאָר — האָט יצחק מיט אַ העכערן טאָן פאַרגעוואָרפן איגנאַצן.

אין דער אמתן האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, כמעט אַ פּאַניק. קאַזשיק, דער גלח, הגם ער איז אויך געווען אויפגערעגט, האָט דאָך אַ זאָג געגעבן אין אַ באַרואיקנדיקן טאָן:

— דער שניי אין נאָוועמבער איז נאָך נישט פעסט. עס קען נאָך רעגענען אויך.

— נאָר נישט אַראָפּלאָזן די קעפּ — האָט חנה געזאָגט — עס איז נאָך דאָ אויף עטלעכע טעג עסן — און זי האָט זיך גלייך גענומען צו איר אַרבעט צוגרייטן די מאָלצייט.

— מען וואָלט געדאַרפט אַ ביסל פאַרקלענערן די פּאָרציעס — האָב איך זיך אָפּגערופן — ס'זאָל זיין אויף אַ ביסל לענגער.

דאַניעל האָט זיך געפּאָרעט לעבן חנהן און איר געהאָלפן ביים מאַכן דאָס עסן. דאַניעל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט

זיך נישט געהאַט איבערגענומען מיט דער געפּאַר צוליבן שנײ, ווײַל דאָס געפֿינען זיך לעבן חנהן און דאָס העלפֿן איר האָט אים געלאָזט פֿאַרגעסן אין אַלץ. ער האָט געשײַנט, ער איז געווען צופֿרידן ווי אַ קינד, וואָס מען גיט אים אויף אַ פּאָר מינוט אַ באַגערטע שפּילצײַג, הגם עס ווײסט, אַז דאָס איז בלויז אויף אַ דערווײַל, איז עס דאָך צופֿרידן. דאַניעל האָט געוווסט, אַז חנה מיט סאַמועקן האָבן זיך ליב, אַז זײ וועלן חתונה האָבן, אויב מען וועט לעבן בלײַבן. ווען ער האָט געהאַט אָבער אַ געלעגנהײט חנהן מיט עפּעס צו העלפֿן, פֿלעגט ער איר ווי מיט אַ באַהאַלטענעם מײַן אַרײַנקוקן אין די אויגן און שמײכלען מיט צופֿרידנקײט. ער איז אין אַזאַ מאָמענט זיכער דאַנקבאַר געווען סאַמועקן, וואָס ער ליגט אַזוי אויף זײַן געלעגער מיטן פּנים אַרויף און קוקט אַ שווײַגנדיקער צום סופֿיט — אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, ווען ער איז געווען אויפֿגערעגט — און ער, דאַניעל, האָט די גינסטיקע געלעגנהײט צו העלפֿן חנהן אומגעשטערט און יעדעס מאָל אַרײַנצוקוקן איר אין די אויגן אַרײַן.

יאָ, דאַניעל האָט חנהן זײער ליב געהאַט, אָבער ער האָט קײן מאָל נישט געהאַט קײן פֿאַרדרוס אויף סאַמועקן, ווי דאָס וואָלט אין אַזעלכע פֿאַלן געקענט זײַן. ווען דאַניעל מיט סאַמועקן פֿלעגן גײן צוזאַמען זוכן אין די קעלערס, און דאָס פֿלעגט זיך דאָך טרעפֿן גאַנץ אָפֿט, האָט דאַניעל אפֿילו צוגענומען פֿון סאַמועקן די שווערע זאַכן צום טראָגן. ער האָט אים געשוינט. אָבער גאַנץ אָפֿט האָט אויך געטראָפֿן, אַז דאַניעל, באַמערקנדיק ווי חנה גיט אַ ליבלעכן שמײכל צו סאַמועקן, אַנדערש ווי געווײנלעך, האָט ער זיך אַן אָנגעכמורעטער אַוועקגעלײגט אויף זײַן געלעגער מיטן פּנים אַראָפּ און צו קײנעם נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט שעהן לאַנג. עס איז נישט געווען קײן אויסדרוק פֿון שנאה, נאָר אַן אויסברוך פֿון אינעווײניקסטן ווײטיק. אַ מאָדנער ייִנגל געווען, אָט דער דאַניעל. אויסגעוואַקסן איז ער אין די לאַגערן, אין אַ וועלט פֿון רוצחים און רײף געוואָרן אין אַ בונקער, און דאָך איז ער געווען אַזוי אײדל און עמפּפֿינדלעך.

די שטימונג בײַ אונדז אין בונקער איז געווען פּונקט ווי אין דעם ערשטן טאָג, ווען דאָס הויז איז איבער אונדז אײַנגעפֿאַלן און מיר האָבן נישט געהאַט קײן אַרויסגאַנג, מיט דעם אונטער=

שיך, וואָס דעמאָלט האָט די שרעק פאַרלוירן צו גיין דאָ אינעם פאַרמאַכטן בונקער אונדז נישט געמאַכט אָפּהענטיק, נאָר פאַרקערט, אונדז געשטאַרקט. מיר האָבן דאַן מיט די הענט געריסן די ציגל, דעם גרוז, מיר האָבן געאַרבעט אָן אויפהער, נישט געפילט קיין מידקייט. היינט אָבער האָט דאָס ביסל שניי, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן לעבן אונדז, אונדז צוגעדעקט ווי אַ ריזיקע משא, ווי עס וואָלטן אויף אונדז אַרויפגעפאַלן גאַנצע הייזער מיט זייערע ציגל און גרוז. גראָד דאָס לייכטע ביסל שניי האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַזאַ אָפּהענטיקייט און פאַרצווייפלונג, מחמת מיר זיינען פשוט געווען אין דעם פאַל אומבאַהאָלפן, נישט געהאַט קיין שום עצה, מיר האָבן גאָרנישט געקענט טאָן קעגן אים, נאָר ליגן און וואַרטן. אָט דאָס האָט אונדז כמעט ווי צעבראָכן. ווען דאַניעל און חנה האָבן גערופן צום עסן, האָט מען זיך קוים אויפגעהויבן פון די ערטער.

— האָסט שוין פאַרקלענערט די פּאָרציעס? — האָט זיך יצחק געוואָנדן צו חנהן און דערמיט איבערגעריסן די שטילקייט.

— פון וואַנען דערקענסטו דאָס? — האָט זיך חנה געחידושט — קוק ביי אַלעמען אין די שיסלען איז אָנגעגאָסן נישט ווייניקער ווי שטענדיק.

— די זופּ איז טאַקע נישט פאַרקלענערט, אָבער אינעווייניק איז זי נישט די זעלבע — האָט דאַניעל געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— בסך הכל מיט איין קאַרטאָפל ווייניקער. וואָס שפּילט עס פאַר אַ ראָלע? — האָב איך פּרובירט שאַפן אַ ביסל אַ הייטערע שטימונג.

— אוודאי איז איין קאַרטאָפל גאָרנישט. אַז מען נעמט אָבער אַראָפּ איין קאַרטאָפל פון צוויי, וויפל מאַכט עס אויס? קאַזשיק, ביסט דאָך עפּעס אַ געלערנטער מענטש — האָט איגנאַץ, שוין לאַכנדיק, זיך געוואָנדן צום גלח.

— נו, חיים, האָסט דאָך געזאָגט, מען זאָל פאַרקלענערן די פּאָרציעס — האָט חנה זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

— וואָלט נאָר אַזוי פיל געווען, ווי דו וואָלסט אונדז געגעבן — האָט סאַמעק זי באַרואיקט — דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן. אויב דער שניי וועט לאַנג ליגן, וועט מען די איינציקע קאַרטאָפל אויך מוזן פאַרקלענערן. מיט בלויזער וואַסערדיקער זופּ,

פאַרמישט מיט אַ ביסל מעל, קען מען אויך אַ צייט לעבן... אַ פּאָר פונט מעל איז נאָך דאָ...

— און דעם האָבער האָט איר פאַרגעסן? — האָט איגנאַץ טריומפירט — ווען איך האָב דעם האָבער געבראַכט, האָסטו דאָך, יצחק געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר פערד. נו, ווען מיר איצט אַליין זיין די פערד.

— אונדז איז נאָך ערגער ווי פערד — האָט כאַסקל אַריינגע־ברומט זיינע אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— און אין פּאַוויאַק איז דיר בעסער געווען? — האָב איך געפרעגט שוין מיט כעס, פאַרוואָס ער שטערט די שטימונג, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן בעסער צו ווערן — דערמאָן זיך, ווי דו אַליין האָסט דערציילט וועגן דעם, ווי דו ביסט געלעגן אויף דער נאַרע אין פּאַוויאַק און דער וועכטער איז געגאַנגען אין קאָרידאָר אַהין און צוריק; ווי דער אָפּקלאַנג פון זיינע באַטשוועקטע שטיוול האָט אַזוי הויך געהאַקט, אַז עס האָט זיך דיר געדאַכט, ווי יעדער קלאַפּ וואָלט געהאַקט איבער דיין קאָפּ. נו, איז דיר דעמלט אפשר בעסער געווען? האָסט אונדז אַליין דערציילט, ווי יעדן באַגינען פלעגט ווערן אַ טרעוואָגע אויפן קאָרידאָר, א געלויפעריי פון געסטאַפּאָ און עס־עס־לייט. צעלעם פלעגן זיך עפענען, מענטשן פלעגט מען פון זיי אַרויסנעמען, מען פלעגט הערן די געשרייען פון די אַרעסטאַנטן, געוואַלדן פון די עס־עס און דערנאָך זאַלפן אויפן הויף. און יעדעס מאָל, ווען דו פלעגסט הערן אָנקומען די דייטשן אין דער פרי אין קאָרידאָר, האָסטו געמיינט, אַז היינט איז שוין געקומען דיין ריי. נו, האָסטו נאָך דעמלט געגלויבט, אַז דו וועסט אַ מאָל אַרויס פון דאָרט? האַ, זאָג, כאַסקל? מיט אונדז קען איצטער אויך געשען דאָס זעלבע: אין איין שיינעם טאָג קאָן די רויטע אַרמיי זיך געבן אַ לאָז איבער ווייסל און מיר זיינען פריי.

איך ווייס נישט, צי מיינע ווערטער האָבן כאַסקלען איבער־צייגט, ער זאָל אָנהויבן גלויבן אין אַ מעגלעכקייט צו קענען דאָ איבערלעבן, צי זיי האָבן אויך אויף די אַנדערע געווירקט. איך ווייס אָבער, אַז איך האָב עס געדאַרפט זאָגן, קודם־כל פאַר זיך אַליין. איך האָב געפילט, אַז קודם־כל מוז איך זיך אַליין אָננעמען מיט גלויבן און מיט אַ זיכערקייט, אַז איך וועל דערלעבן.

יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער געוואָרפן אַ בליק צו דער עפענונג פון בונקער. גלייך ווי דאָרטן וואָלט געשטאַנען אייגער, וואָס האַלט דעם גורל פון אונדזער לעבן אין זיינע הענט און מיר דאַרפן וואַרטן אויף דעם, וואָס ער וועט מיט אונדז מאַכן...

— אָט אַזוי פלעג איך אויך קוקן אויף דער טיר דאָרטן, אין דעם שטיבל ביי מיין טייערער אַלטיטשקער (אַזוי האָט איגנאַץ גערופן די פרוי, ביי וועמען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן). דער ערגסטער שונא מיינער איז דעמלט געווען די טיר, צוליב פאַרשידענע טעמים. פון איין זייט האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז אָט־אָט רייסן זיך אַריין דורך איר די באַנדיטן מיט זייערע געשרייען און געוואַלדן. זיי וועלן מיך נעמען אַרויסשלעפן פון דאַנען און מיין אַלטיטשקע מיט מיר. פון דער צווייטער זייט איז געווען אַזוי פיינלעך צו קוקן אויף דער טיר, וואָס קיינער היט זי נישט און דאַרפסט זי נאָר געבן אַ ביסל אַן עפן און דו ביסט שוין אין דרויסן, אויף דער פריי. און פאָרט טאָרסטו עס נישט!... טיילמאָל, פאַרנאַכט, ווען די דעמפיקייט פון דעם שטיבל פלעגט מיך אַזש דריקן ביים האַרצן, אַז איך האָב דעם אָטעם נישט געקענט כאַפן, פלעג איך קוקן צו דער טיר און ס'האָט מיך אַזוי געצויגן צו געבן זי אַן עפן, איינצואָטעמען אַ ביסל לופט. דו, חיים, ביסט געווען אין לאַגער, האָסט געזען די דראָטפאַרצוימונגען, די עס־עס, די קאַפאָס, האָסט געזען דעם, וואָס האָט דיך געהאַלטן געפאַנגען, וואָס האָט דיך געפייניקט... אָבער איך, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פייניק זיך אַליין... ווען איך האָב געהערט, ווי הינטערן פענצטער גייען מענטשן, שפילן זיך קינדער, לאַכן פרויען, האָט זיך מיר געדאַכט, ווי כ'וואָלט זיך אַליין געפענטעט און געהאַלטן געפאַנגען. און פאַרוואָס? קיינעם האָב איך מער נישט געהאַט. מיין פרוי און קינדער זיינען שוין פון לאַנג נישט געווען. וואָס־זשע האָט מיך נאָך אַזוי געהאַלטן? דאָס לעבן איז אָפט עפעס אַזאַ רעטעניש. טיילמאָל ווילסטו אַנטלויפן דערפון און טיילמאָל ציט עס דיך צוריק מיט געוואַלד.

— גאַנצע פעלקער זיינען איצט געפענטעט און פאַרמאַכט אַזוי ווי דו — האָט קאַזשיק איבערגעריסן איגנאַצן — און הגם זיי גייען אַרום אויף די גאַסן, זיי באַוועגן זיך, זיי אַרבעטן, זיינען אַרום זיי דאָ אַזעלכע פאַרצוימונגען און טירן, וואָס האַלטן זיי פאַרמאַכט. זיי האָבן מורא זיי צו עפענען, ווייל עס דראָט זיי דער

טויט. גאַנץ אייראָפּע איז איצטער איין פּאַסטקע, אין וועלכער עס איז דעם דייטש געלונגען אַלעמען אַריינצוכאַפּן. זי איז גרויס, די פּאַסטקע, מען זעט ניט די פאַרצוימונגען, וואָס זיינען פאַראַן אַרום איר, אָבער זיי זיינען פאַראַן.

— אָבער קיין שום פאָלק מאָרדעט מען ניט אַזוי אויס מיליאָנענווייז ווי אונדז, ייִדן... און ווער נעמט זיך דען אָן פאַר אונדז?...

קאַזשיק האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

— געוויס, איגנאַץ, קען מען די ייִדישע טראַגעדיע ניט צוגלייכן צו די ליידן פון קיין שום פאָלק. אפשר האָב איך בכלל ניט קיין רעכט צו רעדן וועגן דעם... — האָט ער געזאָגט ווי אין פאַרלעגנהייט.

— יעדער ערלעכער מענטש האָט אַ רעכט צו רעדן וועגן דעם — האָב איך זיך אַריינגעמישט — איגנאַץ האָט ניט געמיינט דיך פּערזענלעך אָנצוגרייפן. עס איז ריכטיק, קאַזשיק, דעם דייטש איז טאַקע געלונגען אַריינצוכאַפּן גאַנץ אייראָפּע אין זיין פּאַסטקע, מאַכנדיק זי אַלעמאָל שיטערער, אַרויסנעמענדיק כסדר מענטשן צום אומברענגען. וואָס שייך ייִדן, זיינען זיי געווען די ערשטע צום דערמאָרדן און ביי זיי האָט ער ניט געמאַכט קיין אונטערשייד: אַלע זיינען ביי אים געווען גלייך צום טויט. ביי אַנדערע פעלקער האָט דער דייטש אויסגעקליבן צום פאַרניכטן בלויז די, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. וואָלט די מלחמה געדויערט לענגער, וואָלט ער אויך אַנדערע אויסגעקליבן צום פאַרניכטן. דאָס איז געווען זיין ציל. צום גליק אָבער האָבן די פעלקער אָנגעהויבן זיך אַרויסצורייסן פון דער פּאַסטקע. דו געדענקסט, ווי בעת אין מיטן אויפשטאַנד, איידער מיר זיינען אַריין אין בונקער, האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז אין פּאַריז איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד און אַז די שטאָט איז באַפרייט. אויך אין אַנדערע שטעט פון פראַנקרייך קומט פאָר דאָס זעלבע. אפילו דאָ אין וואַרשע האָט איר דאָך אויך געזען, ווי אַלע פּאָליאַקן האָבן זיך געוואָרפן אין דער שלאַכט. זיי האָבן פאַרשפּילט, אָבער די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן, זיינען ניט געווען אומזיסט. לאַנג וועט שוין די פאַרשקלאַפונג ניט געדויערן.

עס איז שוין נישט געווען ווייט פֿון טאָג. דאַניעל האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט און אונטערגעהויבן דעם ציגל צו זען, צי דער שניי צעגייט. „דאַכט זיך, אַז דאָס וועטער ווערט אַ ביסל מילדער, — האָט ער געזאָגט, בכדי צו טרייסטן אונדז, — און אויב די זון וועט נאָך געבן אַ ביסל אַ שיין אויף בייטאָג, וועט מען ביינאַכט קאָנען אַרויסגיין“, — האָט ער, אַראָפּקלעטערנדיק, צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

מען האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ. יעדערער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרט. ליגנדיק אויף מיין געלעגער, האָב איך זיך געטראַכט, עד מתי? ווי לאַנג נאָך קענען מיר אַזוי, אויסהאַלטן? ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז עס זאָל זיך ענדיקן. טאָמער, חלילה, וועט עס נאָך לענגער דויערן, קענען זיך אפֿילו די שטאַרקסטע איינברעכן.

עס איז שוין געווען ווייט אין טאָג אַריין, ווען איך בין איינגעשלאָפֿן.

קאַפּיטל צוועלף

די וואָך, וואָס איינער פון אונדז פלעגט שטענדיק האַלטן ביי דער עפענונג, טאָמער באַפאַלט מען אונדז, האָט דאָס מאָל גע־האַלטן יצחק. דערהערנדיק אַ געוויסע באַוועגונג אַרום אונדזער בונקער, האָט ער שטילערהייט יעדן אויפגעוועקט.

— עפּעס איז נישט רואיק — האָט ער יעדן פון אונדז אַריינגע־שעפּטשעט. און באַלד האָבן מיר טאַקע אַלע דערהערט, ווי די באַ־וועגונג אַרום אונדזער בונקער פאַרגרעסערט זיך. אַ רגע שפּעטער האָבן מיר דערהערט אַ בילעריי פון אַ הונט. זיכער, ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז מיר האָבן געהערט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג. צומאָל זיינען צו אונדז אַפילו דערגאַנגען געשרייען אויף דייטש. שטענדיק פלעגט עס קומען פון דער גאַס. אין אָנהויב האָבן מיר זיך טאַקע געשראָקן אָבער דערנאָך, נאָך דעם, ווי דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די געוויין און געשרייען קומען פון מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס באַוועגן זיך אין דער ריכטונג צו דער ווייסל. אַזוי טאַקע איז דאָס געווען. מיר האָבן זיך גוט איינגעהערט דורכן פענצטערל, וואָס איז געווען ביי דער ערד און איז אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס, און האָבן אויפגעכאַפּט דאָס מאַרשירן פון די דייטשן, וואָס איז צו אונדז אַהער דערגאַנגען, טראָץ דעם, וואָס דאָס פענצטערל איז געווען פאַרשאָטן פונעם איינגעפאַלענעם הויז. דאָס מאָל אָבער איז עס געווען עפּעס אַנדערש, גאָרנישט ענלעך צום געוויינטלעכן מאַרשירן. עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טאָפּטשען אויף איין אָרט, ווי אַן אַרומרינגלונג. מיר האָבן גע־הערט אַ באַוועגונג אַרום אונדזער הויז, די טריט זיינען נישט אַוועק־ווייטער, האָבן זיך באַוועגט אַרום און אַרום און אויפן הויף, גלייך ווי מען וואָלט דאָ עפּעס געזוכט, אָדער עפּעס געמאַכט.

— נעכטן בייגאַכט האָבן מיר מורא געהאַט, אַז מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער — האָט כאַסקל געמורמלט — מיר וועלן יע ניט פון הונגער נישט שטאַרבן, זיי האָבן אונדז אַנטדעקט און זיי וועלן אונדז באַלד אַטאַקירן.

אינגאַנץ איז אין גאַנצן צעמישט געוואָרן און געגומען מאַר־שירן אין בונקער אַהין און צוריק, שעפּטשענדיק פאַר זיך: גע־וואַלד, ס'איז דער סוף... געוואַלד, ס'איז דער סוף...

אין דער אומגעהויערער שפּאַנונג, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, איז דאָס דאָזיקע שעפּטשען געווען אומדערטרעגלעך. יצחקן האָט עס אין גאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים:

— וואָס לויפסטו אַרום אַהין און צוריק? דו ווילסט, אַז זיי זאָלן דערהערן, האַ? — האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפן אויף אים מיט אויפרעגונג.

דער גלח איז אַראָפּ אין אונטערערדישן דורכגאַנג און גע־נומען אָפּריכטן אַ תּפילה. דאַניעל איז אַרויף צו דער לאָך פון דער עפענונג, בכדי זיך גוט איינצוהערן, צי מען קריכט נישט אַרויף צו אונדז. סאַמעק האָט צוגעהאַלטן חנהן, וועלכע האָט שטאַרק געציטערט און זיי האָבן זיך צוגערוקט נאָענט צו דער עפענונג, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל. איך און יצחק האָבן זיך צוגע־רוקט נאָענט צו דאַניעלן, צו קענען הערן, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. כאַסקעל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. עס איז אים שוין געווען אַלצאיינס. „פריער אָדער שפּעטער", האָט ער גע־מורמלט, „מיר וועלן סיי ווי סיי נישט אויסהאַלטן".

אַ טויטע פאַרגליווערונג האָט אונדז אַרומגעכאַפּט. מען האָט, דאַכט זיך, געקאָנט הערן יעדערנס האַרץ קלאַפּן. אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט געשריגן. יעדער איז געווען זיכער, אַז מיר זיינען פאַרלאָרן. דער קאַנאַל, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז ער זאָל זיין אונדזער רעטונג, איז מיטן אָנקומען פון ווינטער גע־וואָרן אוים רעטונג. ער האָט אונדז געקענט דינען בלויז צייטווי־ליק אַ פּאָר טעג, אָדער אפילו בלויז אַ טאָג, צו שיצן זיך קעגן אַ באָמבאַרדירונג, אָבער ווען דער בונקער זאָל צעשטערט ווערן און אונדז זאָל אויסקומען שטענדיק צו בלייבן אין קאַנאַל, וואָלט עס געווען אַ זיכערער אומפאַרמיידלעכער טויט.

דאָס בילן פון די הינט, וואָס מיר האָבן געהערט, האָט אונדז ווי משוגע געמאַכט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די דייטשן האָבן געברענגט שפּיר־הונט, אונדז צו אַנטדעקן. קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר יעדער האָט עפּעס געטראַכט אין זיך. איך ווייס נישט, וואָס יעדערער האָט אין אָט דער רגע גע־האַט פאַר געדאַנקען. וואָס אָבער האָט מען געקענט טראַכטן אין אַזעלכע מינוטן, אויב נישט וועגן דעם ערגסטן, וועגן אונדזער נאָ־ענטן סוף?

אָט אַזוי אין דער דאָזיקער שווידערלעכער פאַרגליווערונג איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט געווירקט אויף מיר ווי אַן עלעקטרישער שאָק: אפשר מיינען גאָרנישט די דייטשן אונדז, מיט זייער באַוועגן זי דאָ? אפשר ווייסן זיי גאָרנישט פון אונדז און זיינען אויסן עפּעס אַנדערש? די דאָזיקע השערה איז מיר באַלד דערשינען גאָר וואַרשיינלעך. נעכטן ביינאַכט, — האָב איך פּיבערדיק איבערגעלייגט — זיינען מיר נישט אַרויס פון אונ־דזער בונקער און קיין שום באַוועגונג אונדזערע, וואָס זאָל אַרויפ־פירן אויף אונדזערע שפּורן, האָט מען נישט געקענט באַמערקן. לאָמיר זען, אויב אין אַ פּאָר מינוט פּאַסירט גאָרנישט, איז גוט... נאָך אַ פּאָר מינוט... וואָס לענגער עס האָט געדויערט און מיר האָבן נישט געהערט קריכן אַרויף צו אונדזער באַהעלטעניש, אַלץ מער האָט זיך דער דאָזיקער געדאַנק אין מיר פאַרפעסטיקט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן מיין האָפענונג. אָבער כ׳האָב דאָך מורא געהאַט אויפצווועקן ביי די אַנדערע אילוזיעס. נאָר יצחקן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן מיר און געציטערט פאַר אויפרעגונג, האָב איך שטילערהייט צוגעפליסטערט מיין השערה... — ביסט אפשר גערעכט, חיים — האָט ער אַ שושקע געטאָן צו מיר און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ער האָט שוין מער נישט געקענט שטיין. איך האָב אויך געטאָן דאָס זעלבע.

ווי לאַנג דאָס אַלץ האָט געדויערט, ווייס איך נישט. אַלנ־פאַלס האָט די באַוועגונג פון די דייטשן געדויערט אַרום אונדזער הויז עטלעכע שעה. מיר זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך ווי אריינ־געפאַלן אין אַ מין לעטאַרגיע. פּלוצלונג האָט אַ גרויסער זעץ, ווי אַן אויפרייס, אונדז פאַרטויבט. מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט צו דער לאָך, וואָס האָט געפירט צום קאַנאַל, זייענדיק זיכער, אַז מען

רייסט אויף אונדזער בונקער. מיר זיינען געוואָרן ווי צעמישט און אפילו זיך נישט אָריענטירט, פון וועלכער זייט דער אויפרייס קומט. ערשט ווען עס האָט זיך דערהערט אַ צווייטער אויפרייס, אויך פון דער זעלבער ריכטונג ווי דער ערשטער, איז פאַר אונדז פּלוצלונג געוואָרן קלאָר, אַז עס קומט נישט פון דער הויך פון אונדזער עפענונג, נאָר פון דער זייט וואַנט, וואָס איז אַרויסגע־גאַנגען צו דער גאַס. די וואַנט האָט זיך געקרייצט מיט אַ צווייט הויז, וואָס איז אויך געווען חרוב און נישט איינגעלייגט. גלייך נאָך דעם אויפרייס איז די בילעריי פון די הינט געוואָרן זייער שטאַרק און האָט זיך גענומען דערווייטערן. מיר זיינען געשטאַנען מבולבלע און האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט געשרייען פון מענטשן אין גרויסער פּאַניק. די געשרייען האָבן זיך אויך גענומען דערווייטערן. מיר זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער עפענונג גרייט צו אַנטלויפן. אָבער אַ וויי־לע שפּעטער איז געוואָרן אין גאַנצן שטיל. מיר האָבן נישט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. נאָך אַ פּאָר שעה האָבן מיר געוואַרט. ערשט דאַן האָבן מיר לייכטער אָפּגעאָטעמט: ווידער אַדורך אַ געפאַר, ווידער זיינען מיר אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

— איך ווייס נישט, וועלכער גאָט האָט דאָ געהאָלפן, צי קאַ־זשיקס צי איגנאַצס, זיי האָבן דאָך ביידע געבעטן — האָט חנה געפּרוווט אָנצושלאָגן אַ לייכטערן טאָן, בכדי אויפצוהייטערן די שטימונג. אָבער נאָר אַ שוואַכער שמייכל איז געווען דער ענט־פער. אויף מער האָבן מיר נישט געהאַט קיין כוח. מיר האָבן אַלע איצט געהאַט נאָר איין ווונטש, וואָס גיכער זיך אַוועקצולייגן, לאָזן אָפּרוען די ביז צום עקסטרעם געשפּאַנטע נערוון. שלאָפן, אַך ווען מען קען איצט שלאָפן. מיטן דאָזיקן געדאַנק זיינען מיר אַוועק־געפאַלן יעדערער אויף זיין אָרט.

אַ טויטע שטילקייט האָט איצט געהערשט אין בונקער, ווו יעדער האָט זיך באַמיט אַפילו צו אָטעמען וואָס שטילער. און פּלוצלונג האָט די שטילקייט איבערגעריסן אַ ווילדער קול, דער קול פון קאַזשיקן, וועלכער האָט געוויינלעך גערעדט נאָך שטילער ווי מיר אַלע:

— געוואַלד, גאַז!... האָט קאַזשיק, וואָס איז געלעגן אַמ־נאָענטסטן צום פענצטערל, געשריען. ער האָט זיך פאַרהוסט, פאַר־

קייכט, גאָרגישט געקענט זיך מער אָפּשטעלן צום הוסטן און גלייך זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט, מען זאָל נישט דער־הערן אין דרויסן. ער האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטאָן צום קאַנאַל.

מיר אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פאַרציטערטע. תיכף האָבן מיר דערפילט אַ שטיקעניש, אַ שטאַרקן מאָדנעם ריח, וואָס איז געקומען פון פענצטערל און האָט אַנגעפילט דעם גאַנצן בונקער.

— דאָס זיינען גאַז־באָמבעס! — האָט איינער געגומען שרייען, אַראָפּלאָזנדיק זיך צום קאַנאַל און מיר אַלע נאָך אים. בליץ־שנעל זיינען מיר אַריינגעקראָכן אין קאַנאַל און גענומען זיך רוקן וואָס ווייטער פון דער לאָך, בכדי דער שטיקנדיקער ריח זאָל נישט קענען צו אונדז דערגרייכן. דאָס מאָל איז קיין פּאַניק ביי אונדז נישט געווען און אויך נישט קיין פאַרצווייפלונג. ווייזט אויס, מיר זיינען שוין געווען גלייכגילטיק צו אַלץ. מיר האָבן שוין מער קיין כוח נישט געהאַט אפילו זיך צו שרעקן. דער שטיקנדי־קער ריח איז דערגאַנגען ביז צום קאַנאַל, אָבער דאָ איז ער שוין נישט געווען געפערלעך פאַר אונדז, ווייל די נאַסקייט און די בלאָטע האָבן אים איינגעזאַפּט און דער גרויסער שטח פונעם קאַ־נאַל האָט אים פונאַנדערגעשפּרייט.

מיר זיינען אַזוי געשטאַנען אין קאַנאַל, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט איינער צום אַנדערן, נאָר בלויז גוט איינגעהערט זיך און נאָכגעקלערט וועגן דעם, וואָס עס וועט ווייטער פאָרקומען. אַז דאָס איז געווען גאַז, אַז די דייטשן האָבן אים צו אונדז אַריינ־געלאָזן, אין דעם זיינען מיר געווען זיכער. וויפל שעהן מיר זיינען אַזוי געשטאַנען, ווייס איך נישט. נאָר נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר זיך גענומען צוריק דערנענטערן צו דער לאָך פון אונדזער בונקער. איך און יצחק זיינען אַריינגעקראָכן די ערשטע אויסצו־שפּירן, וואָס דאָרט טוט זיך. אַלץ איז געווען ווי פריער, בלויז אַ שוואַכער שלעכטער נאָך־ריח האָט זיך נאָך געלאָזט פילן.

יצחק איז אַרויפגעקראָכן צו דער לאָך, וואָס פירט צום דרויסן און אַראָפּגענומען אַ ציגל: קיין שום סימנים פון מענטשלעכע טריט האָט מען נישט באַמערקט. דער שניי איז געלעגן אַ נישט־באַרירטער. עס איז געווען נאַכט. איך האָב זיך גוט איינגעהערט ביים פענצטערל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס, צי עס

געפינט זיך נישט דאָרט עמעצער. אויך פון דאָרט האָב איך נישט געהערט קיין שום פאַרדעכטיקן גערויש. מיר האָבן אַרויפגערופן די אַנדערע פון קאַנאַל און האָבן ווידער אַ ביסל אָפּגעאָטעמט. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, דער בונקער האָט גאָר אַן אַנדערן אויסזען באַקומען. די דאָזיקע שמוציקע, דומפּיקע לאָך איז אונדז איצט פאָרגעקומען ווי אַ היים, ווי אַן אָפּרו־אָרט, אַזוי אָנגענעם, אַזוי גוט ווי קיין מאָל נישט.

אָבער רואיק אין גאַנצן זיינען מיר פאָרט נישט געווען. וואָס אין דרויסן איז פאָרגעקומען, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַן אויפֿ־רייס, האָבן מיר נישט געוווסט און אַרויסגיין פון בונקער האָבן מיר נישט געקענט, הגם עס איז געווען ביינאַכט, צוליבן שניי. נישט שוין־זשע — האָבן מיר געטראַכט — וועלן מיר אָט דעם בונקער, וואָס איז געוואָרן אונדזער אַלעמענס מקום־מקלט, אונ־דזער הויז, וועלן מיר אויך אים פאַרלירן?

— עס וואָלט שוין געווען בעסער, ווען מען וואָלט נישט אַראָפּגעלאָפן אין קאַנאַל — האָט כאַסקל דער ערשטער איבערגע־ריסן די שטילקייט — וואָס האָבן מיר דאָ צו דערוואַרטן?

— הויב נישט אָן, כאַסקל — האָט דאַניעל כמעט ווי גע־בעטן זיך ביי אים — אַזעלכע איבערלעבונגען זיינען טאַקע שווער, אָבער נאָך שווערער וועט זיין, אויב מען וועט ביי יעדער געפאַר ווערן פאַרצווייפלט אזוי ווי דו.

— דאַניעל איז גערעכט— האָט חנה זיך געגומען בייזערן — מיר האָבן בלויז אַ שלעכטע צייט אַדורכצוגיין.

— אַ שלעכטע צייט בלויז, זאָגסטו, אַדורכצוגיין — האָט איגנאַץ זי אָנגעקוקט — און דערנאָך? אַ שלעכט לעבן אַדורכצו־מאַכן, דאַרפסטו גיכער זאָגן... וואָס האָב איך שוין צו דערוואַרטן פון לעבן? איך וועל אַרומגיין און אָטעמען די לופט, וואָס איז פול מיטן רויך פון מיינע פאַרברענטע קינדער... און כאַסקל וואָס האָט צו דערוואַרטן? און איר אַלע? אַ וועלט מיט חורבות.

אַזעלכע אויסברוכן יעדעס מאָל פון אַן אַנדערן זיינען נישט געווען קיין נייעס פאַר אונדז אין בונקער. פון איגנאַצן האָט אַרויס־גערעדט דער ווייטיק, וואָס ער האָט אים קיין מאָל נישט געקענט שטילן אין זיך. איגנאַץ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע־ענטפערט שטילערהייט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן:

— איר, חנה, סאַמעק, דאַניעל, איר זייט נאָך יונג, איר דאַרפט טאַקע קעמפן פאַרן לעבן, אָבער איך האָב שוין נישט פאַר־וואָס. דאָס איינציקע, בלויז וואָס האַלט מיך נאָך ביים לעבן, איז דער ווילן צו דערזען דעם סוף פון די מערדער, צו דערלעבן אין זיי די נקמה. דאָס האַלט מיך נאָך אויף... און דערנאָך וואָס וועט זיין? ווער ווייסט? ווער ווייסט?...

חנה האָט איבערגעהאַקט די שווערע שטימונג מיט אַ גע־מאַכטן שמייכל: „מען וועט מאַכן אַ ביסל עסן", און זי האָט טאַקע גענומען זיך אויפהויבן מיט די ווערטער, אַז אַזעלכע טעג ווי דער היינטיקער וועלן בלייבן אין זכרון. הגם דער זאַפּאַס פון עסנוואַרג איז שוין געווען זייער אַ קליינער, בלויז נאָך אויף עטלעכע טעג, האָט. חנה ביים עסן אונדז פאַרזיכערט, אַז ס'איז נאָך דאָ שפּייז אויף וואָכן. איי וואָס די היינטיקע זופּ אונדזערע איז שוין כמעט ווי בלויז וואַסער, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זי איז מיד פון דעם אָנגעשטרענגטן טאָג און זי וויל זיך שנעל אַנידערלייגן. מאָרגן וועט מען שוין האָבן אַ בעסערע זופּ.

מיר האָבן נישט געוואַרט, ביז עס וועט ווערן טאָג. יעדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין שטיקל אָרט, פאַרגראָבנדיק זיך אין זיינע געדאַנקען — וועגן די געשעענישן פון היינטיקן טאָג, ביז ער איז פון מידקייט איינגעשלאָפן. דער טאָג איז אדורך רואיק. די שיסעריי אין דרויסן איז געגאַנגען ווי געוויינטלעך מיט איבער־רייסן. די קאַמפן זיינען נאָך אַלץ נישט געווען אַזעלכע שטאַרקע, זיי זאָלן אונדז אויפטרייסלען. מען האָט זיך שוין קוים דערוואַרט אויפן צופאַלן פון דער נאַכט, האָפנדיק, אַז אפשר וועט שוין דער שניי זיין צעגאַנגען און מען וועט קענען אַרויסגיין זוכן עסן און אויך אויסגעפינען, וואָס עס איז געווען פאַר אַן אויפרייס.

ביינאַכט אָבער האָבן מיר דערזען, אַז דער שניי איז געלעגן ווי פריער און האָט זיך גאָרנישט גערירט. ערשט איצט האָט די שרעק ווידער גענומען וואַקסן אין אונדז. וואָס זאָל מען טאָן? וואָס וועט מען טאָן, אויב דער שניי וועט נישט צעגיין? מיר האָבן אויסגעמיטן צו רעדן איינע מיט די אַנדערע, אַזוי זיינען מיר גע־וועון אויפגערעגט. דער שניי, דער שניי איז געוואָרן אונדזער גרעס־טער שונא...

דריי אָווגטן נאָכאַנאַנד ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער, זײַנען מיר אַרויף אין איילעניש צו דער לאָך, אונטערגעהויבן אַ ציגל צו זען צי דער שנײ איז נאָך דאָ. אויפֿן דריטן מעת־לעת האָט יצחק זיך בײַנאַכט צוריק אַראָפּגעדראַפּעט פֿון דער עפֿענונג און גאָרנישט רעדנדיק, גלייך צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ עס איז געלעגן דער זאַפּאַס פֿון אונדזער עסן, און גענומען עס באַטראַכטן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. מיר האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען: דער שנײ ליגט נאָך. געערדט האָט קיינער נישט, נאָר אַלע האָבן געפֿילט, אַז אין אונדזערע הערצער הייבט זיך אָן אַרײַנצוגנבֿענען די פֿאַרצווייפֿלונג. מען האָט מער נישט געזען קיין שום אויסוועג.

איך האָב גענומען זוכן עפּעס, וואָס זאָל קענען מילדערן די שווערע שטימונג און אָפּווענדן אַ ביסל די מענטשן פֿון זייער טראַכטן וועגן דער געפֿאַר. געוווּסט האָב איך פֿון מיינע דערפֿאַרונגען אין אוישוויץ און אין אַנדערע לאַגערן, אַז ווי נאָר אַ מענטש האָט גענומען פֿאַרצווייפֿלען און גאָרנישט מער געזען פֿאַר זיך, האָט ער שוין לאַנג נישט עקזיסטירט. עס פֿלעגט אָבער אויך אָפּט טרעפֿן, אַז מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ דערמוטיקונג האָט מען אַזאַ מענטש געקענט צוריקברענגען צו זיין גלייכגעוויכט, און איך האָב מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן צו חנהן, וואָס איז אויך געווען אין דער זעלבער שטימונג ווי אַלע:

— וואָס חנה, דו שטרייקסט היינט? מאַכסט נישט קיין עסן? און דו, דאַניעל, ווילסט גאָרנישט העלפֿן חנהן?

חנה האָט זיך גענומען אויפֿהויבן און דאַניעל נאָך איר. צו אונדזער אַלעמענס גליק האָט זיך שטענדיק בעת אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג געפֿונען איינער, וועלכער האָט געהאַט צו דערציילן עפּעס אַ דערינערונג צי עפּיזאָד, וואָס האָבן אונדז אויפֿגעמונטערט און אַרויסגעפֿירט פֿון דער מרה־שחורה. ביי אַזעלכע עפּיזאָדן, אָפּט גאַנץ קאָמישע, פֿלעגט מען צומאָל האַרציק לאַכן און אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז מען געפֿינט זיך אין אַ בונקער, דאָס אַוועקטראָגן זיך אין אונדזערע דערציילונגען וויַיט פֿונעם בונקער, דאָס אַוועקלאָזן זיך אין די דערינערונגען וועגן דעם, וואָס יעדער פֿון אונדז האָט דורכגעמאַכט און אויך דאָס זען פֿאַר זיך די צוקונפֿט, וואָס מיר פֿלעגן זיך אויסמאָלן, האָט תמיד געהאַט אויף אונדז אַ גוטע ווירקונג.

עס איז אפשר מאָדנע און אַ ביסל נישט פאַרשטענדלעך, אָבער עס איז אַ פאַקט און איך האָב זיך אַליין איבערצייגט דע־רין, אַז אַ מענטש, אפילו אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, וואָלט געוואָלט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין אָנכאַפּן זיך אין עפּעס, וואָס זאָל אים אַרויספירן פון זיין מצב. עס קען צומאָל גענוגן בלויז אַ דערמונטערונגס־וואָרט, אַ זשעסט, אַ שמייכל פון עמעצן, דער פאַרצווייפלטער זאָל זיך גלייך אָנכאַפּן אין דעם. צומאָל פלעגט עס זיין אומגעקערט: דורך דערציילן די שרעקלעכע איבערלעבע־נישן, וואָס יעדערער פון אונדז האָט דורכגעמאַכט, פלעגן מיר, אַזוי צו זאָגן, דערזען, אַז אונדזער מצב איז אין פאַרגלייך פאָרט געווען אַ בעסערער און אויב מען האָט איבערגעלעבט אַנדערע, אַ סך שרעקלעכערע און פאַרצווייפלטערע לאַגעס, וועלן מיר אַוודאי און אוודאי איבערלעבן און גובר זיין אויך די איצטיקע שוועריקייטן און נסיונות.

אַזוי איז עס אויך געווען דאָסמאָל: אַ שמייכל און אַ פּאָר ווערטער צו חנהן און דאַניעלן, „צי מען שטרייקט היינט מיטן עסן", האָט גלייך געענדערט די שטימונג און מיט איין מאָל האָבן אַלע דערפילט, אַז מען איז הונגעריק. חנה האָט גענומען באַ־טראַכטן דאָס ביסל מעל, וואָס איז נאָך געווען, אויף וויפל טעג עס וועט נאָך קאָנען סטייען און וויפל זי דאַרף איצטער פאַר־קנעטן, אַריינצוטאָן אין דער זופּ. דאַניעל, העלפנדיק חנהן, האָט זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט און פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— חברה, איך האָב זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— וואָס? — זיינען מיר אַלע געוואָרן נייגעריק.

— דאָס איז אויך געווען אין חודש נאָוועמבער, אַ שטיי־גער ווי היינט, און עס האָט געגאָסן אַ רעגן — האָט דאַניעל אָנגעהויבן.

— האָסט אַנטדעקט אַמעריקע — האָט אים יצחק איבערגע־האַקט — ווער זאָגט דען, אַז אין נאָוועמבער קען נישט רעגענען? ווילסט אונדז טרייסטן, אַז עס קען נאָך היינט דאָ אויך נעמען רע־גענען און אַז מיר זיינען נישט פאַרלוירן?

— איך האָב דאָס טאַקע געמיינט — האָט דאַניעל געענט־פערט שטיל — אָבער איך האָב אייך אויך געוואָלט דערציילן אַ פּאָר זכרונות. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1942 אין ביר־

קענאַו. חיים איז דעמאָלט אויך געווען דאָרט און ער געדענקט עס זיכער. דער ווינטער דעמאָלט האָט זיך אויך געשטעלט גאַנץ פרי, ווי היינט. שנייען און פרעסט באַלד אין אָנהויב נאָוועמבער, מיט איבעררייסן פון קאַלטע רעגנס. אָנגעטאָן זיינען מיר געווען גאַנץ לייכט און צו דער אַרבעט האָט מען געמוזט גיין, ביז דער פראָסט איז נישט דערגאַנגען צו פינף און צוואַנציק אונטער נול. איין טאָג, ווי נאָר מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט, האָט אָנגעהויבן גיסן אַ קאַלטער רעגן, וואָס האָט אונדז דורכגענעצט ביז די ביי־נער. ער האָט נישט אויפגעהערט דעם גאַנצן טאָג, אַ מאָל שטאַר־קער, אַ מאָל שוואַכער. עס איז געווען פון די רעגנס, וואָס קריכן אַריין אין די ביינער און מאַטערן אויס, אַזוי אַז מיר האָבן קוים אַדורכגעהאַלטן דעם טאָג. פאַרנאַכט ווען מיר זיינען אַריין אין לאַגער, איז גלייך נאָכן אַפּעל געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, מיר זאָלן גלייך אַריין אין בלאָק, נישט ווי געוויינטלעך יעדן אָוונט, ווען מען פלעגט אויסשטיילן דאָס שטיקל ברויט מיטן ביסל קאַפע אין דרויסן. מיר האָבן געמיינט, אַז אפשר האָט זיך פאָרט אין אונדזערע פייניקער דערוועקט אַ פונק פון מענטשלעכקייט און זיי ווילן אונדז נישט לאָזן שטיין אויפן רעגן, וועלכער האָט זיך נאָך איצט מער פאַרשטאַרקט. אָבער ווי נאָר מיר זיינען אַריין אין בלאָק און איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן אָפּוווישן פון אונ־דזערע פנימער די נאַסקייט, איז געקומען אַ באַפעל אויסצוטאָן זיך נאַקעט. יעדער פון אונדז האָט זיך דערפרייט: זיכער גייט מען טוישן דאָס אָנטועכץ, וואָס איז געווען אַדורכגעווייקט פון אַ גאַנצן טאָג. ווען אַלע אָבער זיינען שוין געווען אויסגעטאָן, איז געקומען אַן אַנדער „באַפעל" „שנעלער אַרויס אין דרויסן". גלייך האָבן די קאַפּאָס און די עס־עס גענומען קלאַפּן מיט די שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ, בכדי מיר זאָלן אַרויס וואָס שנעלער. גע־דענקסט, חיים, וואָס דעמלט האָט זיך אָפּגעטאָן אין דרויסן, ווען מיר זיינען אַרויס? — האָט זיך דאַניעל געוואָנדן צו מיר.

— אַ שאלה, צי איך געדענק — האָב איך אים אָפּגעענט־פערט.

— ווען מיר זיינען אַרויס, האָבן די געוואַלדן און געשרייען פון מענטשן, אויך אַזעלכע נאַקעטע ווי מיר, פון אַנדערע בלאָקן, זיך געטראָגן, האַרצרייסנדיק, אַרום און אַרום. דער רעגן האָט

געשניטן דאָס לייב ווי מיט מעסערס און די עס־עס, אָנגעטאָן אין רעגן־מאַנטלען, צוגעדעקט פון קאָפּ ביז פיס, האָבן געלאַכט פון דעם ספּעקטאַקל, ציניש אָפּגעחוזקט און באַפוילן אונדז צו טאַנצן. „טאַנצט, וועט איר זיך דערוואַרעמען! איר ווילט דאָך אַ דוש!“ מען האָט טאַקע געטאַנצט פון קעלט און ווייטיק. אונדזע־רע נאַסע גופים האָבן זיך באַרירט איינער דעם אַנדערן, אָבער די געשרייען און געוואַלדן זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שוואַכער און שטילער. מען האָט פאַרלוירן די כוחות. בלויז אַ שטיקל קרעכצן האָט זיך געהערט דאָ און דאָרט און אויך וואָס אַ מאָל שטילער און ווייניקער. אַ סך פון אונדז זיינען אַנידערגעפאַלן און שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. קנאַפּע צוויי שעה האָט געדויערט דער ספּעקטאַקל. די נאַכט איז אויף די נאַרעס גרוים געווען צו שלאָפן, וויל מער ווי אַ העלפט פון אונדז איז נישט אַריין צוריק אין בלאָק, זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן, פון דעסטוועגן זיינען דאָך גע־בליבן לעבעדיקע — האָט דאַניעל פאַרענדיקט.

אַז מען האָט איבערגעזעצט קאַזשיקן, וואָס דאַניעל האָט דערציילט, ווייל דאַניעל האָט נישט געקענט קיין פּויליש, האָט דער גלח גאָרנישט געזאָגט, בלויז זיך איבערגעצלמט.

אין בונקער איז געוואָרן שטיל. דאַניעל האָט זיך אַרומגע־קוקט און האָט, ווייזט אויס, איינגעזען, אַז דאָס מאָל האָט ער אַריבערגעכאַפּט די מאָס, דערציילט נישט דווקא דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן אַריינגעוואָרפן:

— נו, לאָמיר טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. דערמאָנען זיך ליבער די מעשה מיט די קי...

דאָס איז געווען אַ זיכערער מיטל, די מעשה מיט די קי האָט תמיד אַרויסגערופן אין אונדז פרייליכקייט, באַפרידיקונג און דראַנג צום לעבן.

מיר האָבן זי אַלע גוט געקענט די מעשה, זי איז פאָרגעקומען גאָרנישט לאַנג צוריק, אין סאַמע מיטן פונעם אויפשטאַנד, ווען מיר זיינען שוין געווען אַלע צוזאַמען.

אָט וואָס ס'איז געווען פאַר אַ מעשה: מיר האָבן זיך אַלע געפונען אויפן ווידערשטאַנד־פּונקט אויף דער מלאַווסקע. דער פּונקט איז געווען אין אַ גרויסן דורכהויף צו דער פראַנטשיש־קאַנסקע און אויפן הויף זיינען געווען שטאַלן מיט אַ סך בהמות,

קי און קעלבער. כ'ווייס נישט, צי האָט ער געהערט צו אַ קצב, אָדער צו אַ פּיהענדלער.

ווען די דייטשן האָבן גענומען באַוואַרפן אונדזערע פּאָזיציעס מיט צינדבאָמבעס, איז אַ באָמבע אַריינגעפאַלן אין הויף און אונטערגעצונדן די שטאַלן.

אין אַ פּאָר מינוט זיינען אַלע הילצערנע שטאַלן געשטאַנען אין פלאַמען. פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ שרעקלעכער האַרצרייסנדיקער געברום פון די קי, וועלכע האָבן געפּרובירט זיך אַרויסרייסן פון די ברענענדיקע שטאַלן און נישט געקענט. אויפן הויף איז געווען פול מענטשן, אויפשטענדלער און איינוווינער פון גרויסן הייזערבלאָק, אויך מענטשן פון די אַרומיקע הייזער, וועלכע זיינען געקומען אַהער זיך צו באַהאַלטן. קיין איינער האָט נישט געוואַגט צוצוגיין צו די ברענענדיקע שטאַלן און עפענען די טירן. ס'איז געווען זייער געפערלעך: מען האָט געקענט באַקומען אַ ברענענדיקן קלאָץ אויפן קאָפּ, אָדער צעטרעטן ווערן דורך די ווילד־געוואָרענע בהמות ביים אויפרייסן די שטאַלטירן. דאָס פייער איז געוואָרן וואָס אַ רגע שטאַרקער, דער מוראדיקער געברום פון די בידנע חיות אַלץ שרעקלעכער. ס'האָט שוין אַ שפּאַר געטאָן מיטן ריח פון פאַרסמאַליעטן פלייש...

כ'ווייס נישט פאַרוואָס, אויף אונדז, אויף דער גרופּע יידן, וואָס מיר האָבן זיך דאָך געהאַט אָנגעזען אַזוי פיל גרויל אין די לעצטע יאָרן, געווען שוין אַזוי „פאַרהאַרטעוועט", האָט די דאָזיקע סצענע געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק. דאָס רעווען פון די קי האָט אונדז געשניטן אין האַרצן. מיר האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט. און אַלע אויף אַ מאָל, ווי מיר וואָלטן זיך געהאַט צונויפגערעדט, זיך אַ וואָרף געטאָן צו די שטאַלן...

אין אַ ברוכטייל פון אַ רגע זיינען די טירן געוואָרן אויפגעריסן. ווי אַ לאַווע האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון דאָרט אַ באַרג מיט פלייש, וועלכער האָט זיך צעגאָסן איבערן הויף. ווי דורך אַ וווּנדער איז קיינער פון אונדז נישט באַשעדיקט געוואָרן.

אַ ביסל שפּעטער איז שוין אַלץ געווען אין אָרדענונג. די הילצערנע שטאַלן זיינען אויסגעברענט, די קי און די קעלבער האָבן זיך ווידער באַרויקט. נאָר אַ פּאָר פון זיי, זיינען שוין געווען אַזוי פאַרברענט, אַז מען האָט זיי געמוזט שעכטן.

אונדזער גרופּע איז געווען אין צענטער פון אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט. מען האָט אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, גע־דריקט די הענט, געקלאַפּט אויף דער פּלייצע, אָנגעבאָטן ציגאַ־רעטן... באַזונדערס פריינדלעך זיינען געווען די פרויען. מען האָט אונדז אַפילו פאַרגעלייגט, צי ווילן מיר נישט נעמען פאַר זיך איי־נע פון די געקווילעטע קי...

אין די עטלעכע טעג, וואָס מיר זיינען נאָך דאָרט געבליבן האָבן אַלע אויף אונדז געקוקט ווי עפּעס אויף העלדן און זיך באַ־מיט אַרויסצווייזן אויף יעדן אופן זייער פריינדלעכקייט.

די מעשה מיט די קי איז אַזוי אַרום געבליבן אין אונדזער אַלעמענס זכרון ווי אַ היימלעכע, אָנגענעמע דערינערונג. אויך דאָס מאָל האָט זי געהויבן אונדזער מוט און פאַרלייכטערט דאָס גע־מיט. מיר האָבן אונדזער מאָלצייט — אויב מען קען מיט אַזאַ שיינעם נאָמען אָנרופן אונדזער ביסל וואַסערדיקע זופּ מיט מער זאַמד ווי פערפעלעך — פאַרענדיקט אין אַ בעסערער שטימונג, ווי מיר האָבן זי אָנגעהויבן.

* * *

אויפן פינפטן טאָג, זינט מיר האָבן נישט געקענט אַרויסגיין צוליבן שניי, אַ שטיק שוין נאָך מיטאָג, ווען איגנאַץ האָט געהאַלטן די וואַך ביי דער לאָך פונעם אַרויסגאַנג, האָט ער דערהערט, ווי עס הויבט אָן אַראָפּצוטריפן וואַסער. דאָס האָט דער שניי גענו־מען צעגיין און דורך די שפּעלטלעך צווישן די ציגל האָבן די טראָפּנס גענומען אַראָפּרינען צו אונדז אין בונקער אַריין. איגנאַץ איז געוואָרן אַזוי צעמישט פאַר פרייד, אַז ער האָט אונטערגע־שטעלט דעם קאָפּ אונטער די טראָפּנס, ער זאָל זיי בעסער דער־פילן און ערשט דאַן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס איז ריכטיק. ער האָט יעדן אויפגעוועקט שטילערהייט און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. די עטלעכע שעה, ביז עס איז געוואָרן נאַכט, זיינען אַלע־מען פאַרגעקומען ווי אַן אייביקייט. עס האָט יעדן געצויגן צו דער עפענונג, אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און איינזאַפּן אַ ביסל די נאַסע לופט פון דרויסן.

ווי נאָר עס איז געוואָרן פינצטער זיינען מיר, איך און יצחק, אַרויסגעקראָכן קודם־כל צו דעם אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך

מיט עטלעכע טעג צוריק געהערט דער אויפרייס. מיר האָבן דאָרט באַמערקט ליגן אַ סך צעהאַקטע גלאָז לענגאויס אַ וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ קעלער פון אַ דערבייאיק הויז. מיר זיינען אַהין אַריין און האָבן גלייך דערזען, אַז דאָ איז עפּעס געבראָכן געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, ווי די דייטשן זאָלן דאָ האָבן אַנטדעקט אין דעם קעלער פאַרבאַהאַלטענע גאַנשערם מיט בעמישע פּליסיקייטן. אין דעם הויז זאָל האָבן געווען אַ פאַבריק פון אַזעלכע מאַ־טעריאַלן. ביים אַרויסנעמען די גאַנשערם אויף דער גאַס אויף אַוועקצופירן זיי, האָבן צוויי פון זיי, זעט אויס, אויפגעריסן און די פּליסיקייט האָט זיך צעגאָסן אין דער ריכטונג פונעם פענצ־טערל פון אונדזער בונקער. דערפון האָט זיך גענומען ביי אונדז דער שטיקנדיקער ריח, וועלכן מיר האָבן אָנגענומען פאַר גאַז.

מיר זיינען גלייך צוריק אַריין אין בונקער און איבערגעגעבן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אַנטדעקט. דער עיקר איז געווען, וואָס די דייטשן האָבן נישט געוואָרפן קיין גאַזבאָמבע. דאָס הייסט, אַז זיי זיינען נישט געקומען אויף אונדזערע שפּורן.

אַ ריזיקע פרייד האָט אונדז אַרומגעכאַפּט. מיר האָבן זיך געפילט ווי ניי־געבוירן. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ אין בונקער, אַז ס'לויערן אויף אונדז נאָך ווער ווייסט וועלכע געפאַרן. אונדז איז פאַרגעקומען, ווי מיר וואָלטן שוין געהאַט אַלץ איבערגעשטאַנען. ווי מיר וואָלטן זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט צו אַ נאָרמאַל געוויינטלעך לעבן אין... בונקער. איך האָב קוקנדיק אויף אַלעמען, געטראַכט: ווי רעלאַטיוו זיינען די באַגריפן פריי־הייט, גליק, לעבן. אָט זיינען מיר שיער נישט גליקלעך, פילן זיך שיער נישט פריי, וואָס מיר קענען ווידער אַרויס ביי נאַכט זוכן עסן אין די קעלערם פון חרובע הייזער, וואָס מיר זיינען נישט מער געפאַנגען דורכן שניי... יאָ, פרייהייט פילט טאַקע יעדער אויף זיין שטייגער.

גייע כוחות און אַ נייער מוט זיינען אַריין אין אונדז און יע־דער האָט זיך געריסן ארויסצוגיין אין דרויסן. קאַזשיק, דער גלח, האָט געזאָגט פעסט און אַנטשלאָסן:

— איך גיי אויך. איך בין שוין געזונט און קיין אויסנאַם וויל איך נישט זיין. (ביז איצט האָבן מיר אים נישט געלאָזן אַרויסגיין).

— מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט — האָט יצחק געזאָגט פאַרן אַרויסקריכן. דער שניי וועט ווייטער אַראָפּפאַלן און ער קען שוין אַ מאָל פאַרבלייבן אויפן גאַנצן ווינטער. אַלץ, וואָס מען וועט איצטער געפינען, זאָל מען נעמען, נישט איבערקלייבן, מיט זאַמד אָדער אָן זאַמד, אפילו פאַרפוילטע קאַרטאָפל אויך נישט איבערלאָזן.

ווען זיי האָבן זיך גענומען אַרויסציען אין דרויסן, האָט חנה זיי נאָכגעשריגן:

— זאָל ווער צוגיין צום בונקער פון יענע יידן, און זען צי זיי לעבן נאָך.

— אויב מען וועט קענען — האָט איר סאַמעק פאַרזיכערט.

— איך בין אַ ביסל באַאומרואיקט צוליב יענע יידן — האָט מיר חנה געזאָגט נאָך זייער אַוועקגיין (איך בין מיט איר געבליבן) — זייער בונקער איז נישט אַזוי זיכער ווי אונדזערער און אויך זייער מוט איז נישט אַזוי ווי ביי אונדז. דו ווייסט, חיים, וואָס איך האָב באַמערקט, ווען איך בין געווען ביי זיי אין בונקער? זייער גרופּע איז אויך נישט אַזאַ שטאַרקע ווי אונדזערע. אַז מען איז טאַקע צוזאַמען, איז בעסער. ווען ס'איז גוט, איז אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי אַלעמען איז גוט. און ווען אַלע זיינען אויף צרות און יעדער נעמט אָנטייל אין זיי, ווערט פאַרט לייכטער.

געקומען זיינען אַלע צוריק פון דעם זוכן היינטיקע נאַכט זייער שפּעט, אַזוי אַז איך און חנה האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אפילו צו שרעקן. אָבער זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז מען האָט געדאַרפט לויפן ווייט און אַז מען קען זיך נישט באַגנוגענען מיט אבי וואָס. געבראַכט האָט יעדערער אַ סך. זיי האָבן אויפגעקליבן אַלץ, וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. ווי יצחק האָט געזאָגט: מיט זאַמד, אָן זאַמד, קאַליע געוואָרענע זאַכן, אַלץ האָבן זיי מיטגעבראַכט. דער שניי האָט יעדן טאָג געקאָנט אויפסניי אַראָפּפאַלן. דאָס האָט אונדז נישט געגעבן קיין רו און האָט אונדז געשראָקן ווי אַ געשפּענסט. אָבער טאַקע דערפאַר אפשר איז אַ פרישע קראַפט, אַ פרישע ענערגיע און אפילו אַ פרישער כוח אַריין אין יעדן פון אונדז, האָט אונדז געטריבן צו פאַרשאַפן זיך וואָס מער רעזערוון. ביים עסן האָט געהערשט אַ הייטערקייט און פרייליכקייט. די מענטשן זיינען נישט געווען צו דערקענען. זיי

זיינען פון נעכטן ביז היינט געוואָרן אין גאַנצן אַנדערע. מען האָט זיך געוויצלט, געלאַכט, אָפּגעקוזקט איינער פון אַנדערן.

יצחק האָט געהאַט מער מזל פון דיר — האָט דאַניעל גע־שפּאַסט פון איגנאַצן — יצחק האָט געהאַט צוויי שיקסעס, און דו, איגנאַץ, האָסט געהאַט אַן אַלטיטשקע פון זיבעציק יאָר.

און אַז קאַזשיק האָט געפרעגט, איבער וואָס מען לאַכט אַזוי, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש, האָט אים איג־נאַץ געענטפערט, אַז עס איז שוין צייט, ער זאָל קענען יידיש, צרות ווי אַ ייד האָט ער שוין.

בלויז חנה איז געווען אַ ביסעלע אָנגעכמורעט אויף סאַמעקן. ער האָט איר געהאַט צוגעזאָגט צוצוגיין צום צווייטן בונקער, זען וואָס די יידן דאָרטן מאַכן און ער איז נישט געגאַנגען, דאַניעל האָט זיך דערפאַר געריצט מיט איר:

— ווען דו וואָלסט אָבער מיר געהאַט געזאָגט, וואָלט איך זיכער אַהין צוגעגאַנגען.

אין דער אמתן איז דאָס נישט אַהינגיין פון סאַמעקן נישט געווען בייזוויליק. כדי צוצוגיין צו יענעם בונקער, האָט מען גע־מוזט דורכקריכן עטלעכע גאַסן. ער האָט עס צוויי מאָל פּרובירט און ביידע מאָל האָט ער געהערט אַ גערויש, ווי ס'וואָלטן דאָרט געגאַנגען דייטשע פּאָסטנס, האָט ער געמוזט זיך צוריקציען.

ביים עסן האָט מען זיך געוויצלט, אַז מען דאַרף אויסוויילן אַ פּאַרוואַלטער איבער די רעזערוון, וואָס מען וועט ברענגען. ווע־מען־זשע זאָלן מיר אויסקלייבן, אַז קיין איינער פון אונדז האָט נישט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס, ער זאָל זיין בכוח אויסצורעכענען, ווען די אָפּענסיווע פון דער סאָוויעטישער אַרמיי וועט זיך אָנהויבן און פאַנאַנדערטיילן דאָס עסן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל סטייען ביז דעמלט.

ביים אָנקומען פון טאָג האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן.

זעענדיק, ווי אַלע זיינען אַזוי מונטער, האָב איך געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן באַוויזן צו זיין אַזוי די גאַנצע צייט, וועלן מיר נאָך דערלעבן די באַפרייונג. מיר זיינען אָבער דעם טאָג לאַנג נישט געשלאָפן, ווייל ס'האָט אויף אונדז געוואַרט נאָך אַן איבער־ראַשונג. נאָר דאָס מאָל אַן אָנגענעמע!

אָנגעהויבן האָט עס זיך טאַקע, ווי געווײנטלעך מיט אַ בײ־סעלע שרעק, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט. געווען איז עס אַרום צען אַזײגער אינדערפרי. קאַזשיק האָט אונדז שטילערהייט אויפגעוועקט: „מען הערט טריט אין קאַנאַל", האָט ער געזאָגט, און ווען איך און יצחק זײַנען צוגעקראָכן צו דער עפענונג, זײַ־נען די טריט שוין געווען זייער נאָענט, און באַלד האָבן מיר דער־הערט אַ שטים אין פויליש: „שרעקט זיך נישט, דאָס בין איך, יוזעף בעדנאַרסקי", און גלײַך איז ער אויך פאַר אונדז דערשי־נען און געגומען אַרײַנקריכן.

יוזעף בעדנאַרסקי איז געווען אײנער פון די פיר, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין קאַנאַל, ווען זײ זײַנען אַרום דורך אים קײן זשאָליבאָזש, וווּ דער אויפשטאַנד האָט נאָך דאָרט אָנגעהאַלטן. מען קען זיך שווער אויסמאָלן, ווי מיר האָבן זיך דערפרייט מיט אים. איין קלייניקייט: אַ מענטש פון דער לעבעדיקער וועלט! מיר זײַנען געווען אַזוי איבערראַשט, אַז עס איז אונדז נישט אײנגע־פאַלן, דאָס עס קען אפשר זײַן אונדז אַ געפאַר, טאָמער איז מען אים נאָכגעגאַנגען אָדער מען האָט באַמערקט, וווּהין ער גייט. געקומען איז ער דאָ אַהער — האָט ער געזאָגט — צו זען, צי מיר לעבן נאָך. אין דער אמתן — האָט ער צוגעגעבן — האָט ער שוין קיין סך נישט געגלויבט אין דעם, אַנישט וואָלט ער געהאַט גע־בראַכט עפּעס צום עסן. ער האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, ווען יצחק האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, יוזעף, ווי אַזוי ביסטו געקומען צו אונדז, אַז קיינער זאָל דיך נישט באַמערקן? און ווי קומסטו בכלל דאָ אַהער קיין וואַרשע?

יוזעף האָט אויף דערויף געענטפערט, אַז אין פּרושקאָוו, וווּ אַלע פּאָליאַקן אויפשטענדלער זײַנען געבראַכט געוואָרן, בכדי פון דאָרט אָפּגעשיקט צו ווערן אין לאַגערן, איז אים געלונגען, זיך אײַנצואָרדענען, מען זאָל אים נישט אַוועקשיקן, ער איז אַרײַן אין אַ קאָמאַנדע, וועלכע די דײַטשן ברענגען יעדן טאָג קיין וואַרשע אויף די חורבות צונויפצונעמען דאָרט פאַרשידענע, פאַר זיי נוצ־לעכע זאַכן. צוליב דעם וואָס ער קען דײַטש, איז ער געוואָרן אַ שטיקל עלטסטער.

— האָסט קיין מאָל נישט געזאָגט, ווען דו ביסט געווען אין קאַנאַל, אַז דו קענסט דייטש — האָט יצחק געזאָגט, אונטער־שטרייכנדיק די ווערטער.

עפּעס האָט אונדזער צוטרוי צו יוזעפן גלייך זיך אָפּגעקילט, ווי נאָר ער האָט געזאָגט, אַז ער קען דייטש, אַז ער איז אַ שטיקל עלטסטער ביי דער קאָמאַנדאָ.

— עס איז נישט געקומען צו רייד, איך זאָל אייך דאַרפן זאָגן, אַז איך קען דייטש — האָט זיך יוזעף ווי פאַרענטפערט — איר דאַרפט גאָרנישט מורא האָבן — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו יצחקן, און אַרויפלייגנדיק די הענט אויף זיינע אַקסלען, האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט: „איר מעגט האָבן דעם פולסטן צוטרוי צו מיר. קיינער האָט מיך נישט געזען און קיינער האָט נישט געקענט זען, ווהין איך גיי. מיר זיינען נישט נאָענט פון דאַנען. פאַר די דייטשן הייסט עס, איך גיי אויסשפּירן, אין וועלכע ערטער עס זיינען נאָך געבליבן זאַכן. אַז איך וויל, קען איך זיך דערוויטערן פון די דייטשן, איך האָב אַ צייכן פאַרן פאַל, אויב עס טרעפן מיך אַנדערע דייטשן. איך קען דאָ יעדעם ווינקעלע. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב דאָ געקעמפט אין אויפשטאַנד“.

— און דורך וואַנען ביסטו אַריין אין קאַנאַל? — זיינען מיר שוין געווען נייגעריק.

— דאָ נישט ווייט פון דאַנען איז אויך דאָ אַ לאָך, וואָס מען האָט אויסגעהאַקט אין קאַנאַל אַריין פון אַ הויף בעתן אויפ־שטאַנד. מען האָט עס געדאַרפט האָבן. די לאָך גייט אַריין אין אַ זייטיקן קאַנאַל. נו, בין איך דאָרט אַריין און אַרויסגעקראָכן ביז צום הויפּטקאַנאַל און געקומען צו אייך. איך וועל מאָרגן ווי־דער קומען און כ׳וועל אייך ברענגען עפּעס עסן.

ס׳איז שוין געווען שפּעט און ער האָט זיך גענומען אַראָפּ־לאָזן אין קאַנאַל אַריין, ווייל צוועלף אַזייגער גייען די קאָמאַנדאָס צוריק און ער מוז זיין צו דער צייט.

יצחק איז מיטגעגאַנגען אים צו באַגלייטן, אויך צו איבער־צייגן זיך, צי עס איז ריכטיק, וואָס יוזעף האָט געזאָגט וועגן דעם זייטיקן קאַנאַל. אַ מאָדנע געפיל האָבן מיר געהאַט נאָך זיין אַוועקגיין. פון איין זייט האָבן מיר געהאַט אַ געוויסע באַפרידי־קונג, וואָס אַ מענטש פאַראינטערעסירט זיך מיט אונדז, דאָס גיט

צו מוט, פון דער צווייטער זייט איז קיינער פון אונדז נישט גע־
ווען פריי פון אַ געוויסן אומצוטרוי אין פון אומרו. „צי איז יוזעף
נישט געקומען אַ מאָל אויסשפּיאָני־ן?“ — האָט אין יעדערן גע־
עקבערט אַ געדאַנק. וואָס ער קען אַוועקגיין אַליין אומגעשטערט
פון זיין קאָמאַנדאָ, האָט ביי אונדז אַרויסגערופן חשד און אומ־
צוטרוי.

— מען האָט זיך אפשר בחינם דערפרייט מיט אים — האָט
איגנאַץ אַריינגעוואָרפן זיין צווייפל — ווער ווייסט, צי מען וועט
אונדז נישט באַלד באַפאַלן...

— דו מיט דיין שטענדיקן אומצוטרוי צו יעדן — האָב איך
אים געפרוווט איבעררייסן.

— מיר האָבן גרונט פאַר דעם — האָט סאַמעק זיך
אַריינגעמישט — דו, חיים, האָסט געלעבט אין פראַנקרייך און
דאָרט, ווי דו האָסט דערציילט, איז געווען אַן אַנדערע באַנעמונג,
אַן אַנדערע באַציונג פון די פראַנצויזן צו אונדז, יידן, בעת דער
אָקופּאַציע. דער פראַנצויז האָט נישט בלויז נישט מיטגעהאָלפן
דעם דייטש קעגן יידן, נאָר פאַרקערט. אין אַ סך פאַלן האָט ער
געהאָלפן די יידן קעגן דעם דייטש. ער האָט אין זיין איבערגרוי־
סער מערהייט פאַראורטיילט די רדיפות פון אָקופּאַנט קעגן די
יידן. מיר, אין פוילן, האָבן קיין צוטרוי נישט געקענט האָבן צום
גרעסטן טייל פּאָליאַקן. פאַרשטיי גוט, — האָט ער נאָך אַ מינוט
שטילשווייגן ווידער אָנגעהויבן, — געווים זיינען דאָ אויך געווען
אַזעלכע איידעלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר
אונדז און געהאָלפן, ווי דאָס האָט טאַקע געטראָפן מיט אונדז
אַליין, מיט מיר, מיט חנהן, איגנאַצן און יצחקן און אויך די הונ־
דערטער יידן, וועלכע זיינען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן
ביי פּאָליאַקן בעתן אויפשטאַנד. אָבער וויפל זיינען אויך געווען
אַזעלכע, וואָס זיינען נישט בלויז געווען פּאַסיוו צו אונדזער אומ־
גליק, נאָר האָבן אונדז אויסגעגעבן אויף שריט און טריט? עס
איז אַזוי שווער וועגן דעם צו רעדן נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר
האָבן אַליין צוגעזען... און וואָס זאָגסטו, קאַזשיק? — האָט סאַ־
מעק זיך געוואָנדן צום גלח.

— עס איז מיר שווער צו זאָגן עפּעס וועגן דעם — האָט
קאַזשיק אָפּגעענטפערט.

— אפשר וועט דאָס, וואָס דו, אַ פּאָליאַק און אַ גלח, געפינסט זיך מיט אונדז, אים אָפּהאַלטן צו טאָן דאָס שלעכטס, אויב ער האָט אפילו געטראַכט וועגן דעם? — האָט חנה באַמערקט.

— איך גלויב נישט — האָט קאַזשיק געענטפערט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט — אַ מענטש, וועלכער האָט בדעה צו פאַרראַטן, וועט נישט קוקן אויף דעם, וואָס אפילו זיינער אַן אייגענער וועט זיין דער קרבן. ער וועט פאַרראַטן.

— אַדערוויַיל קענען, מיר, נישט ווילנדיק, אַלע דאָ אַריינפאַלן — האָט דאַניעל געזאָגט — איר האָט אַלע פאַרגעסן, אַז עס איז טאָג און די דייטשן דרייען זיך דאָ אַרום און קענען אונדז דערהערן.

די איבערראַשונג פון בעדנאַרסקים וויזיט איז טאַקע געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אין אַלע אונדזערע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען און דאָס האָט אונדז געקענט קאָסטן טייער. מיר זיינען טאַקע גלייך אַנטשוויגן געוואָרן און יעדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרט. אָבער געשלאָפן איז קיינער נישט. ווען דער טאָג איז פאַרביי און עס איז אונדז גאָרנישט געשען, מען איז אונדז נישט באַפאַלן, איז אונדזער אומצוטרוי צו בעדנאַרסקין שוואַכער געוואָרן. וואָלט ער געהאַט בדעה אונדז צו פאַרראַטן, וואָלט מען אונדז געהאַט באַפאַלן בייטאָג — האָבן מיר זיך געטראַכט. דער צוטרוי אין בעדנאַרסקים אויפריכטיקייט האָט זיך ביי אונדז געשטאַרקט.

ווען יצחק האָט זיך דער ערשטער ביינאַכט אַרויפגעצויגן אין דער הויך, האָט ער תיכף דערהערט אַ שטאַרקע באַוועגונג נישט ווייט פון אונדז. צי איז עס געווען אין שייכות מיט בעדנאַרסקים וויזיט? מיר האָבן עס נישט געקענט וויסן. דאָס זיינען געווען די זעלבע געשרייען ווי יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט פאָרקומען עפּעס אַן איבערגרופּירונג פון די דייטשע כוחות. זיך איבערשטעלן אויף אַנדערע ערטער, פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס אָדער מאַכן געוויסע צוגרייטונגען — דאָס פלעגט שטענדיק פאָרקומען ביינאַכט. אין אַזעלכע נעכט פלעגן מיר נישט אַרויסגיין זוכן עסן, ווייל עס איז געווען זייער לייכט אונדז צו כאַפּן. מיר פלעגן בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין בונקער און זיך נישט רירן. די היינטיקע נאַכט האָט

יצחק אויך דערהערט די זעלבע באַוועגונג און איז גלייך צוריק אַראָפּ. חנה האָט גענומען גרייטן אַ ביסל עסן און מיר האָבן אויסגענוצט די נאַכט, וואָס מיר זיינען נישט אַרויסגעגאַנגען אויף אויסצוסאָרטירן אונדזער רעזערוו, וואָס מיר האָבן נעכטן געבראַכט, אַרויסצוקלויבן פונעם זאַמד און שטרוי, ווי זיי זיינען געווען אויסגעמישט, אַרבעס, פאַרשידענע גרויפּן, פּערל-גרויפּן, רעטשענע קאַשע, ביסעלעך רייז. מען איז אַזוי געזעסן און געקליבן יעדעס רייזעלע באַזונדער פון זאַמד אַרויס. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט דורכצושטופּן די נאַכט און צומאָל אויך אַ לאַך צו געבן. ווער שמועסט נאָך, אַז מיר האָבן דערזען אַ פּאָר באָבעלעך, איז גאָר געוואָרן אַ שמחה און אַ הייטערקייט. וואָס שייך בעדנאַרסקין, זיינען מיר שוין געווען איבערצייגט, אַז ער האָט נישט געמיינט קיין שלעכטס מיט אונדז.

חנה האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די יידן, וואָס ליגן באַהאַלטן אינעם בונקער דאָרטן. „עפּעס בין איך נישט רואיק, — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, אַזוי זיצנדיק ביים איבערקלייבן דאָס עסן, עפּעס באַאומרואיקט מיך דאָס, וואָס קיינער פון זיי איז נישט געקומען צו אונדז אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך ביי אונדז. עס איז זיכער מיט זיי עפּעס געשען“...

— אפשר איז ווער פון זיי יאָ געגאַנגען צו אונדז — האָט איר סאַמעק אויסגערעדט — נאָר ער איז געוואָרן געשטערט, פּונקט ווי איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטערונג, גייענדיק צו זיי. וואָס, מיר זיינען דען עפּעס אויף דער פריי? מען קען דען כאָן, וואָס מען וויל? הלמאי היינט קענען מיר אין גאַנצן נישט אַרויסגיין?

חנהס דערמאָנונג יענע יידן האָט אַ ביסל צעשטערט די שטימונג, וואָס איז געווען זייער אַ גוטע אי צוליבן איבערקלייבן דאָס עסן, אי צוליבן געדאַנק, אַז בעדנאַרסקי וועט מאָרגן קומען און וועט אונדז עפּעס ברענגען. יעדערער האָט שוין באַצייטנס געפילט דעם טעם פון אַ שטיקל ברויט און מיט אָט דעם געדאַנק האָט זיך יעדערער אַוועקגעלייגט שלאָפן.

יוזעף בעדנאַרסקי איז אָבער דעם טאָג נישט געקומען. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן נאַכט, בין איך און יצחק אַרויס פון בונקער און אַוועק אין דער ריכטונג פון דער קאָזשעלע-גאַס, ווו עס איז

געווען דער בונקער פון די אַנדערע ייִדן. ליגנדיק הינטער אַ חרוב הויז און אײַנהערנדיק זיך, צי קיינער איז נישטאָ, איידער מיר לויפן אַריבער די גאַס, האָט מיר יצחק שטילערהייט צוגעפּליסטערט: דו מיינסט, אַז חנה איז נישט געווען גערעכט? פאַרוואָס איז קיינער פון זיי נישט געקומען צו אונדז? אפשר איז טאַקע עפּעס מיט זיי געשען?

— מיר וועלן באַלד זען — האָב איך געענטפערט און געוואָלט נעמען אַריבערלויפן די גאַס. יצחק האָט מיר אָבער א כאַפּ אָן געגעבן די האַנט.

— שטיי... אויב זיי זיינען אַדורכגעפאַלן, קען דאָך אַמאָל שטיין דאָרטן אַ דייטשער פּאָסטן און היטן, צי עמעץ קומט נישט צו צו זיי. די דייטשן וועלן דאָך האָבן אַ חשד, אַז זיי האָבן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע.

אַ לאַנגע צייט זיינען מיר אַזוי געלעגן הינטער דער חורבה און האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען אונדז געקומען אין קאָפּ אַריין וועגן דעם גורל פון יענע ייִדן, אָבער צוריקקומען, נישט האָבנדיק זיך דערוווּסט וואָס מיט זיי איז געשען, האָבן מיר אויך נישט געקענט.

מיר זיינען שנעל אַדורכגעלאָפן די גאַס. צוקומענדיק צום הויף, האָבן מיר זיך גוט איינגעהערט, צי קיינער איז דאָרטן נישטאָ און פּאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַריינגעשאַרט אין הויף אַריין, ווידער זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט און זיך גענומען דערנעענטערן צו דער רעכטער זייט, ווו ביי אַ צעהאַקטן אַריינגאַנג אין אַ הויז איז געווען דער בונקער. פון דער ווייטנס האָבן מיר גאָרנישט געקענט זען. ס'איז געווען שטאַרק פינצטער. מיר האָבן זיך שנעל דערנעענטערט און געוואָלט שוין אַרויסזאָגן אונדזער אָפּגערעדטן צייכן „שאלאם“, האָבן אָבער גלייך דערקענט, אַז עס איז נישט נויטיק... דער אָנגעוואָרפענער באַרג ציגל, גרוז און שטיינער, וועלכער איז שטענדיק געלעגן ביז צו דער העלפט פון אַריינגאַנג, ער זאָל אים פאַרשטעלן, איז איצטער געווען אָפּגעוואָרפן אין אַ זייט. אינעווייניק, ביים אַראָפּגאַנג צום קעלער, וואָס איז אויך שטענדיק געווען פאַרשטעלט מיט אָנגעוואָרפענע שטיינער, און ווו עס האָט זיך געפונען אַ קליין שטיקל עפענונג, ביי וועלכער איינער פון זיי

פֿלעגט כסדר זיצן מיט געווער אין האַנט, איז איצטער געווען ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט. קיינער איז דאָרט איצט מער נישט געווען...

לאַנג האָבן מיר זיך דאָרטן נישט געקענט אויפֿהאַלטן און מיט פֿאַרקלעמטע הערצער, נישט אַרויסרײדנדיק קיין וואָרט איינער צום צווייטן, זײנען מיר שנעל אַוועק פֿון דאָרטן. שלײכנ־דיק זיך צוריק, האָבן הורוויטשעס ווערטער, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט ביי אונדז אין בונקער: „אונדזערע לעבנס וועלן מיר אומזיסט נישט אַוועקגעבן, מיר האָבן געווער", נישט אויפֿגע־הערט צו קלינגען אין מיינע אויערן.

מיר זיינען שוין נישט געגאַנגען אין ערגעץ זוכן עסן, אַזוי זיינען מיר געווען צעבראָכן. מיר זיינען גלייך אַוועק צו אונדז אין בונקער. ווען מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן דורך דער עפֿנונג אין בונקער אַריין אַזוי פֿרי און מיט ליידיקע הענט, האָבן חנה און סאַמעק, וועלכער איז געבליבן מיט איר צו העלפֿן מאַכן עסן, גלייך דערקענט,וואָס עס איז געשען. טרערן האָבן זיך גענומען גיסן איבער חנהס פּנים, פּונקט ווי אירע נאָענטסטע וואָלטן אומ־געקומען. איגנאַץ האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, אַראָפּקו־מענדיק אין בונקער און דערוויסנדיק זיך די ידיעה. כאַסקל האָט אַרויסגעברומט בלויז צוויי ווערטער: „פֿריער צי שפּעטער" — און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ווי וווּנדערלעך איז דער מענטש, האָב איך זיך געטראַכט, קוקנדיק אויף זיי אַלעמען. מענטשן וואָס ווערן שיער נישט דער־דריקט אונטער דער לאַסט פֿון אַזוי פֿיל אייגענע צרות, קע־נען אַזוי טיף וויי־טיקן איבער אַנדערע. צי איז דאָס נישט אַ גרויסע דערהויבנקייט?

קאַפּיטל דרייצן

ס'זיינען אַוועק אַ פינף טעג, זינט יוזעף בערנאַרסקי איז געווען ביי אונדז און האָט צוגעזאָגט צו קומען און עפּעס ברענגען, און מען האָט אים נאָך אַלץ נישט געזען. איצט זיינען מיר שוין געווען זיכער, אַז ער וועט מער נישט קומען. יעדערער האָט אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע השערות איבער זיין ערשטן באַזוך. עמעצער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך דערטראַכט צו גאָר אַ משונהדיקער היפּאָטעזע: אפשר האָט ער געקלערט, אַז מיר זיינען אַלע שוין טויט און ער וועט קענען עפּעס צונעמען. איינס איז געווען שוין איצט זיכער: ער איז נישט געקומען אונדז צו פאַראַטן. אָבער וואָס שייך אונדזערע השערות, האָבן זיי זיך אַלע שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי פאַלשע. אין דער אמתן האָט ער יעדן טאָג געזוכט אַ מעגלעכקייט צו אונדז צו קומען און יעדן טאָג האָט ער געהאַט ״עפּעס מיטגענומען פאַר אונדזערטוועגן. נאָר ס'איז אים אַלץ נישט געלונגען. נישט שטענדיק האָט ער געקענט אַוועקגיין פון זיין אַרבעט, אָדער ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט נאָכגיין. ער האָט געדאַרפט איבערוואַרטן עטלעכע טעג, ביז ער האָט ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו קומען. דאָס מאָל האָט ער — כדי אונדז נישט איבערצושרעקן — שוין פון דער ווייטנס, גייענדיק דורכן קאַנאַל, אַ פייף געגעבן און אַ זאָג געטאָן, אַז ער איז עס. איינגאַנץ, וואָס איז געזעסן ביי דער לאָך פון קאַנאַל און געהיט, האָט אונדז גלייך איבערגעגעבן, אַז בערנאַרסקי איז געקומען.

געקומען איז ער, ווי דאָס ערשטע מאָל, אומגעפער צען אַזייגער אין דער פרי. ווי נאָר ער איז אַריינגעקראָכן אין בונקער, האָט ער פון אונטער דעם פאַלטן, פאַרזעצט אין פאַסיק פון די הויזן, אַרויסגעשלעפּט צוויי לאַבן ברויט און פון די קעשענעס

האָט ער גענומען אַרויסשיטן עטלעכע ציבעלעס, פון איין קעשענע אפילו אַ שטיקל חזיר־פּעטס. דערזעענדיק נאָך אַזאַ לאַנגער צייט דאָס ברויט, זיינען די אויגן ביי יעדערן פון אונדז גרעסער געוואָרן. לאַנג איז יוזעף נישט פאַרבליבן, ער האָט מורא געהאַט לאַנג צו פאַרזאַמען ביי אונדז. מיר האָבן אים דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן מיט די אַנדערע יידן. אויך ער האָט אונדז דערציילט, אַז די קאָמאַנדעס קומען שוין ווייניקער און נאָר אויף אַ פּאָר שעה אין דער פרי. די דייטשן פאַרשטאַרקן זיך ביי דער ווייסל און זיי ווילן נישט, אַז מענטשן זאָלן דאָס באַמערקן. מיר זאָלן זיין זייער פאָרזיכטיק ביינאַכט ביים זוכן עסן, ווייל די דייטשן גייען איבער אַלע מאָל פון איין אָרט אויפן צווייטן און זיי שטעלן אויף אַלע מאָל נייע פאַרשטאַרקונגען. דאָ אויף די הורבות, ווו קיין מענטשן זיינען נישטאָ, איז דאָס פאַר זיי זיכער באַקוועם, אויב ער וועט קענען, וועט ער ווידער קומען, האָט ער, געזעגנדיק זיך, געזאָגט און איז שנעל אַריין אין קאַנאַל.

— אויף אַזאַ קייזערלעכער מאָלצייט האָב איך זיך גאָרנישט געריכט, האָט דאַניעל שמייכלענדיק געזאָגט צו חנהן ביינאַכט, ווען זי האָט אים דערלאַנגט די שיסל מיט זופּ. די זופּ איז טאַקע געווען גאָר אַנדערש ווי שטענדיק. חנה האָט צעשניטן אַ ציבעלע און מיט אַ שטיקל שמאַלץ עס איינגעפּרעגלט, ביז די ציבעלע איז ברוין געוואָרן. די זופּ האָט דורך דעם באַקומען אַן אַנדערן קאָליר, אַן אַנדערן טעם און אַן אַנדערן ריח. צו דעם האָט זי צוגעגעבן יעדערן אַ שטיקל ברויט. איז עס טאַקע געווען אַ קייזערלעך עסן.

קאַזשיק, דער גלח, איז דאָס מאָל געווען זייער אויפגעלייגט. מען האָט ממש אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים זיין גרויסע צופרידנקייט, וואָס אַ פּאָליאַק האָט אונדז געהאָלפן. דורך אָט דעם זשעסט האָט ער געפילט אַ מין רעהאַביליטאַציע פאַר אַלץ, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעטאָן שלעכטס. ער האָט אונדז געגעבן וועגן דעם אָנצוהערן, אמת זייער דין, זאָגנדיק צווישן איין זופּ מיטן לעפל און דעם צווייטן: „ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן זיינען פאַראַן הערלעכע און גוטע מענטשן“.

כ׳מוז זאָגן, אַז ס׳איז געווען פאַר אונדז אַלעמען אויך אַ גרויסע באַפרידיקונג, אַ מין אָנזאָג, אַז נישט אַלץ איז פאַרלוירן.

ביים צווייטן באַזוך האָט יוזעף אויסער אַ ביסל שפּייז אויך מיטגעבראַכט אַ פּוילישע צייטונג. ווען יצחק האָט ביינאַכט גענומען פאָרלייענען פאַר אונדז די צייטונג און דערמאָנען שטעט און לענדער, האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר זיינען צוריק באַהאַפטן געוואָרן מיט אַ לעבעדיקער וועלט, וועלכע מיר האָבן שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן.

מען האָט גאָרנישט געקענט הויך גענוג אָפּשאַצן די באַדייטונג פון די באַזוכן, וואָס יוזעף פלעגט ביי אונדז מאַכן. אמת נישט יעדן טאָג, נאָר יעדע פּאָר טעג, און קיין מאָל נישט מיט ליידיקע הענט. ער פלעגט יעדעס מאָל מיטברענגען אַ ביסל עסן, פאַרשיידענע צייטונגען און אויך אַנדערע מוטיקע נייעס, וואָס אין די צייטונגען האָט מען עס נישט געפונען. מיר האָבן אים אָפּגעדינט, מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקענט. וויסנדיק, אַז קיין סך געלט האָט ער נישט, האָבן מיר אים מיטגעגעבן פאַרשידענע זאַכן, וועלכע מיר האָבן געפונען. ער פלעגט עס אָנטאָן אויף זיך און דערנאָך פאַרקויפן.

דאָס לעצטע מאָל איז ער געקומען אין דעצעמבער. ער האָט אונדז געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק, ווייל ער באַמערקט פאַרשיידענע צוגרייטונגען און ווער ווייסט, צו ס׳וועט נישט קומען אַהער אַ סך מיליטער. אפילו דאָ אויפן הויף קען אויך קומען מיליטער. די קאָמאַנדעס קומען שוין וויניקער און ס׳קען זיין, אַז זיי זאָלן אין גאַנצן אויפהערן צו קומען. מער האָבן מיר אים טאַקע נישט געזען.

די ערשטע טעג האָבן מיר נאָך געהאָפט, אפשר מאָרגן, אפשר איבערמאָרגן וועט ער נאָך קומען. אָבער נאָך אַכט טעג אומזיסטן וואַרטן האָבן מיר שוין אויפגעהערט צו האָפן, מער איז ער טאַקע צו אונדז נישט געקומען. (ער איז שוין צו קיינעם נישט געקומען, אויך צו זיך אַהיים איז ער קיין מאָל נישט געקומען. נאָך אונדזער באַפרייונג איז אונדזער ערשטער באַזוך געווען ביי אים אין פרושקוו. זיין פרוי האָט אונדז דערציילט, אַז אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל האָט אים געטראָפן, ווען ער איז געווען אין וואַרשע מיט דער קאָמאַנדע און ער איז געשטאָרבן

פון דער פאַרווונדונג. איך ווייס נישט, צי דאָס איז אים געשען, גייענדיק צו אונדז אָדער נישט, מיר האָבן אים באַוויינט ווי אַ געפאַלענעם פון אונדזערע בעסטע און נאָענטסטע פריינד).

הגם די געפאַר געכאַפּט צו ווערן איז אין מאָנאַט דעצעמבער געוואָרן אַלץ גרעסער, און גרעסער, צוליב דער כסדרדיקער קאָנצענטראַציע אין וואַרשע פון מיליטער־פאַרשטאַרקונגען, וואָס זיינען געווען אין יעדן ווינקל פון די חורבות, זיינען מיר דאָך, נישט געקוקט אויף אַלץ, יעדע נאַכט אַרויסגעקראָכן פון בונקער. כדי איינצושאַפן זיך אַ רעזערוו פון שפּייז. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלן שוין דעם גאַנצן ווינטער דאָ מוזן ליגן, און דער שניי, וועלכער איז איצט געקומען מיט איבעררייסן, וועט זיך סוף כל סוף איין טאָג געבן אַ לייג אַנידער און שוין מער זיך נישט רירן. ער וועט אונדז פאַרריגלען דאָ אין בונקער.

אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן געפונען, האָט מען אַראָפּגעשלעפּט אין בונקער און אונדזערע ראַציעס שפּייז, האָבן מיר גענומען אַלץ מער איינשרומפּן, ס׳זאָל זיין אויף לענגער. כאָטשקל, אונדזער „פאַרוואַלטער״, האָט געמאָלדן, אַז אויף אַ פּאָר וואָכן וועט קלעקן שפּייז. ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז זייענדיק אַזוי צוגעוווינט צו די געפאַרן, צי דעם אַרומיאָגן זיך מיט די דייטשן, האָבן מיר שוין כמעט נישט געפילט די ערנסטקייט פון דער געפאַר פון פאַרהונגערן.

מער ווי איין מאָל האָט געטראָפן, אַז די דייטשן ביים איבערוואַרפן מיליטער פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָדער ביים טוישן מיליטער, פלעגן אינסטאַלירן זייערע אַ גרופּע אויף אונדזער הויף. און איין מאָל טאַקע זיינען מיר שיער אַליין נישט אַריינגעקראָכן צו זיי אין די הענט אַריין. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן ווי שטענדיק, ווען עס איז געוואָרן פינצטער, און מען האָט זיך צוגעגרייט צום אַרויסגאַנג דורך דער דערעפענונג. מען האָט נישט געהערט קיין שום באַוועגונג. נאָר ווען מיר האָבן געגעבן אַ מאַך אויף דעם ציגל צום אַרויסציען זיך, האָט מען דערהערט דאָס אָנקומען אויפן הויף פון אַ סך מענטשן און באַלד האָט זיך דערהערט אַ גערודער, אַ קלאַפּעריי פון זאַכן, וואָס מען לייגט אַוועק, און רעדן אויף דייטש. מיר האָבן תיכף צוגעמאַכט די עפענונג, אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, נישט געמאַכט קיין עסן און

נישט געריכט זיך אַ גאַנצע נאַכט פון אָרט. מיר האָבן מורא געהאַט זיך צו באַוועגן, הגם מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען נישט געקומען אונדז זוכן, נאָר דאָס איז אַ גרופּע זעלנער, וואָס מען האָט איבערגעפירט פון אַן אַנדער אָרט. אָבער די גע־פאַר איז געווען גרויס. ווייל קוים וואָלטן זיי דאָ געבליבן און פאַר־נומען דאָ פּאָזיציעס, וואָלטן מיר געווען פאַרלוירן. צום גליק האָבן זיי אויף צומאָרגנס זיך איבערגערוקט אויף אַ צווייט אָרט. און ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען געשען, זיינען מיר גלייך נאָך זייער אַוועקגיין אַרויס פון בונקער און גענומען לויפן צווישן די חור־בות אין די קעלערס.

דער געראַנגל פאַרן לעבן און אויך די געוווינהייט צו געפאַרן האָבן פאַרמילדערט און פאַרשטעלט פאַר אונדזערע אויגן די שרעקלעכע סכנה, וואָס האָט אונדז געדראָט ביי יעדן אַרויס־גאַנג פון בונקער.

עס האָט אויך געטראָפן, אַז אַזאַ מין באַזעצונג פון אונדזער הויף דורך מיליטער פלעגט דויערן עטלעכע טעג. דאָס איז פאָר־געקומען דער עיקר אין חודש דעצעמבער. ס'זיינען, ווייזט אויס, אַלע מאָל צוגעקומען מער פאַרשטאַרקונגען צו דער ווייסל און דאָס פלעגט פאָרקומען אַממיינסטן ביינאַכט. מיר פלעגן נאָכ־פאָלגן יעדע באַוועגונג זייערע. ווען איך פלעג אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון אונדזער עפענונג אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָב איך געקענט באָאַבאַכטן די גאַנצע באַוועגונג פון די דייטשן אין דער ריכטונג צו דער ווייסל. איך האָב פון דעם אַלעם פאַר־שטאַנען, אַז מען פאַרפעסטיקט זיך דאָרט זייער שטאַרק און ווען די אָפענסיווע וועט זיך אַ מאָל אָנהויבן, וועלן דאָ זיין זייער שווערע שלאַכטן. ווער ווייסט, צי אין די לעצטע מינוטן ביי די שלאַכטן וועלן מיר נישט אומקומען? צי די מאַטערניש פון אַזוי פיל חדשים וועט נישט זיין אומזיסט?

יאָ. גאַנץ אָפט פלעג איך אַזוי אַרויסשטעקן דעם קאָפּ אין דרויסן און קוקן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. טייל מאָל אפילו זיך אַנידערזעצן אויף אַ ציגל אין דער הויף און פּרובירן דורכדרינ־גען מיט די בליקן די שטאָק־פינצטערניש, אין וועלכער די שטאַר־קע פּראָזשעקטאָרן, וואָס פלעגן קומען פון יענער זייט ווייסל, האָבן בלויז אָנגעוואָרפן אַ ליכטיקייט, אַרויסכאַפּנדיק פון טונקל די חור־

בות. ווען זיי פלעגן זיך אויסלעשן, פלעגט דער חושך ווערן נאָך שטאַרקער. יעדעס מאָל, ווען דער פּראָזשעקטאָר האָט געוואָרפן זיין שיין, האָב איך אינסטינקטיוו אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, איך זאָל נישט זען די ליכטיקייט, אָדער מען זאָל מיך נישט באַמערקן. ווען ס'איז צוריק פינצטער געוואָרן, האָב איך זיך צוריק אויסגעגלייכט. איך פלעג דערביי טראַכטן, אַז דאָ, אויף די חורבות פון וואַרשע איז פונקט פאַרקערט ווי אומעטום: די ליכטיקייט קען צוציען בייזע גייסטער אין געשטאַלט פון די היטלער־באַנדיטן און גראָד די פינצ־טערניש פאַרהיט מיך פון די בייזע גייסטער. אפילו די שטשורעס אַרום, וואָס פלעגן מיך האַלטן געשפּאַנט מיט זייער לויפן אַהין און צוריק און מיט זייער פּישטשען, האָבן מיך גאָרנישט געשראָקן. אויך אַלע אַנדערע פלעגן זיך פון צייט צו צייט אַרויסכאַפּן אין דער הויך אין דער פינצטערניש צו זיין... מיט זיך אַליין. אין בונקער זיינען מיר דאָך קיין מאָל נישט געווען אַליין. מיר האָבן קיין זאַך נישט געטאָן, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי די אַנדערע. אַדאַנק דעם האָבן מיר טאַקע די גרעסטע שאַנסן אויסצוהאַלטן. אָבער פון דער אַנדער זייט האָט דאָס געצוווּנגענע שטענדיקע צוזאַמענזיין טייל־מאָל אַרויסגערופן אַ באַגער זיך אָפּצוזונדערן כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט, צו זיין אַליין, טראַכטן אַליין, קיינעם נישט זען אַרום. איז די ביינאַכטיקע שעהן איז דאָס זיצן אין דער פינצטער אין דער הויך געווען דאָס צוגעפּאַסטע אָרט, ווו יעדערער האָט געקענט אין זיינע געדאַנקען אַוועקגיין, ווייט, ווייט, וווהין ער האָט געוואָלט...

יצחק און דאַניעל זיינען געוואָרן אַזוי ספּעציאַליזירט אין זוכן אין די קעלערס, אַז זיי זיינען קיין מאָל נישט געקומען מיט קיין ליידיקע הענט. אין זייער זוכעניש זיינען זיי איין מאָל דערגאַנגען אפילו גאָר נאָענט צו די פאָדערשטע ליניעס ביי דער ווייסל, פון וואַנען זיי האָבן זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט אויף צוריק. אָבער די גרעסטע באַפרידיקונג האָבן זיי געהאַט, ווען זיי האָבן איין מאָל געפונען אַ גרויסן קויש מיט בראָנפן, נישט ווייניקער ווי אַ צוואַנ־ציק ליטער.

געווען איז דאָס אַזוי: איין מאָל, ווען זיי האָבן גענומען אָפּ־וואַרפן אַ באַרג מיט גרוז אין אַ קעלער צו זען, צי דאָרט אונטער דעם באַרג געפינט זיך נישט אַ נוצלעכע זאַך, האָבן זיי דערזען אַ גרויסן גאָנשער אַרומגעבעט מיט שטרוי, אַזוי ווי מען פלעגט

געוויינטלעך האַלטן אין פּוילן נאַפּט. אַרומגעדעקט איז ער געווען מיט שמאַטעס, וואָס זיינען אויך געווען פאַר אונדז נוצלעך. צו־ערשט ווען זיי האָבן דערזען די באַנקע, האָט דאַניעל אפילו נישט געוואָלט אַריינקוקן, וואָס ווילן מיר טאָן מיט נאַפּט? האָט ער זיך געזאָגט. אָבער יצחק האָט אַראָפּגענומען דעם צודעק, וואָס איז געווען אויפן קאַרעק. „ווען כ'האָב אַ שמעק געגעבן — האָט ער שפּעטער דערציילט — האָב איך באַלד דערפילט, אַז עס איז נישט קיין נאַפּט נאָר בראָנפן". זיי האָבן שוין די נאַכט מער נישט גע־זוכט, און זיינען געקומען צו לויפן אין בונקער פאַרסאַפּעט אַזוי, ווי זיי וואָלטן געפונען דעם גרעסטן אוצר. עס איז טאַקע געווען דער בעסטער ביישטייער אויף צו דערהאַלטן זיך, עס איז געווען זייער קאַלט. עסן איז געווען גאַנץ ווייניק, האָט אַ זופּ פון בראָנפן אויפ־געהאַלטן און געשטאַרקט.

אַמייסטן האָט דער בראָנפן געהאָלפן ווען אַרום דעם 10־טן דעצעמבער האָט זיך געשטעלט אַ פראָסט און דער שניי האָט זיך אוועקגעלייגט שוין כהבעידיק אויפן גאַנצן ווינטער.

דער שניי האָט אונדז איינגעשלאָסן ווי אין אַ שטייג. אויס־געמאַטערט זיינען מיר שוין געווען שרעקלעך, קאַרגע דריי חדשים זיינען מיר דאָ שוין געווען, פיזיש שטאַרק אויסגעשעפּט און די נערוון זיינען געווען ביי יעדערן אָנגעשטרענגט ביז גאָר. אַמערגסטן איז געווען ביינאַכט, ווען מען פלעגט זיך אויפהויבן און קוקן איי־נער אויפן צווייטן, נישט וויסנדיק מער וואָס צו טאָן, וועגן וואָס צו רעדן. צומאָל פלעגט אונדז אַרומכאַפּן אזא נודנעקייט, אַזש ס'פלעגט נעמען דריקן ביים האַרצן. וואָס אַ טאָג ווייטער איז גע־וואָרן אַלץ ערגער. דער גייסט, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט זייער אַ גוטער ביי אונדז, האָט זיך גענומען איינברעכן. אַזוי האָב איך געטראַכט, קוקנדיק, ווי יצחק פלעגט נעמען נערוועז אַרומגיין אי־בערן בונקער, איינגאַץ זיך געבן אַ זעץ אַוועק אין ווינקל, איינ־גראָבן דעם קאָפּ און סאַמעק זיך אַוועקלייגן מיט די אויגן צום סופיט. אָט דאָס קען ווערן די גרעסטע געפאַר, וואָס אונדז דראָט, אויב עס וועט אַזוי נאָך לאַנג געדויערן, האָב איך געטראַכט.

אין אַזעלכע מאָמענטן און אין אַזאַ צושטאַנד איז געגוג גע־ווען איין וואָרט, ס'זאָל אויפרעגן, מען זאָל זיך נעמען קריגן, מען זאָל זיך אָנהייבן אַרומצורייסן. בפרט נאָך, אַז די פּאַרציעס עסן

זיינען געוואָרן אַלע מאָל ווייניקער און ווער ווייסט, צו וואָס פאַר אַ צושטאַנד מיר וועלן נאָך מוזן צוקומען, אפשר צו טעג פון פאַסטן.

איך האָב מורא געהאַט, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען פון הונגער קענען די בעסטע מענטשן פאַרוואַנדלט ווערן אין שלעכטע. אפשר וועלן ביים לעצטן ביסל עסן אויסברעכן קריגערייען, אפשר געשלעגן אויך? אָבער צום גליק פאַר אונדז אַלעמען, האָבן מיינע שוואַרצע מחשבות זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. דאָס איינלעבן זיך ביי אונדז אין די פאַר חדשים האָט איבערגעוווּגן אַלע שוועריקייטן. קיין מאָל האָט מען זיך נישט געקריגט איבערן עסן, ווי הונגעריק מען זאָל נישט האָבן געווען, שטענדיק האָט מען זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. אַז אמתע פריינדשאַפט, אַז אמתע ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן האָט זיך געשאַפן.

אוודאי זיינען געווען מאָמענטן, ווען מיר האָבן זיך יאָ געאַמפּערט, אפילו גאַנץ הויך גערעדט איינער צום צווייטן. דאָס פלעגט פאָרקומען ביי אַלגעמיינע דיסקוסיעס, וועלכע מיר פלעגן פירן אין די נעכט, ווען מען האָט נישט געקענט אַרויסגיין. אויף דעם געביט זיינען געווען ביי אונדז פאַרשידענע אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען. יעדערער האָט די געשעעניש, דעם חורבן אָפּגעשאַצט לויט זיין אופן דענקען. עטלעכע זיינען געווען אַפּאַטיש בנוגע דער וועלט פון נאָכן קריג, פון וועלכער זיי האָבן שוין קיין שום גוטס נישט דערוואַרט. זיי האָבן געמיינט, אַז די מענטשן זיינען צוגעוווינט געוואָרן צו שלעכטס און וועלן שוין אַזוי פאַרבלייבן. אַנדערע פאַרקערט האָבן געהאַלטן, אַז פון שלעכטן לערנט מען זיך. פון דעם פאָרגעקומענעם וועלן די מענטשן זיך לערנען גוט צו זיין, נישט שלעכט טאָן קיין אַנדערע. אָבער אפילו אַזעלכע דיסקוסיעס האָבן מיר בכיוון אויסגעמיטן, כדי ס'זאָל זיך נישט שאַפן קיין פאַרדרוס פון איינעם אויפן אַנדערן. מיר האָבן אַלץ געטאָן, אַז דאָס ווטע צוזאַמענלעבן זאָל נישט געשטערט ווערן דורך קיין שום זאַך. מיר האָבן געפילט, אַז פון דעם איז אָפּהענגיק, צי מיר וועלן קענען דאָ אויסהאַלטן, איבערלעבן, אָדער נישט.

דאָס אַלץ האָט פאַרט נישט געמינגערט די שרעק, וואָס יעדערער האָט געפילט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויב דאָס דאַרף טאַקע אַזוי געדויערן איבערן ווינטער, אפילו אויב קיינער וועט נישט אַנטדעקן אונדזער בונקער און קיין באָמבע פון די טאָג-טעגלעכע

לופט־אָנגריפן וועט אים נישט טרעפן, וועלן מיר דאָך נישט קענען לאַנג אויסהאַלטן. עסן איז געווען ווייניק און דער געדאַנק אויסצוגיין ביסלעכווייז אָט דאָ אין קאַנאַל פאַר הונגער איז געווען דאָס סאַמע שרעקלעכע. דאָס האָט אונדז אויסגעוויזן ערגער ווי יעדער מין טויט. די שרעק האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין יעדערן אריין, אַז עס האָט אָן אויפהער אונדז געמאַטערט. דער שלאָף — א:נדזער איינציקער אָפּרו און טרייסט — איז אַוועק. ווען ס׳פלעגט קומען די נאַכט, פלעגט כאַסקל נעמען צוגרייטן דעם אויוון, אַרויסשטעקן דאָס שטיקל רער אין דרויסן אַרויס, דער רויך זאָל אַרויס. איינער פלעגט זיך אַוועקשטעלן אין דער הויך צו צעטרייבן דעם רויך, מען זאָל פון דער ווייטנס נישט באַמערקן, און די איבעריקע פלעגן זיצן אין דער פינצטער און קוקן אויפן פייער פון אייוועלע. אויך קאַרביט פון לאָמפּ האָבן מיר געמוזט שפּאָרן, ס׳זאָל קלעקן אויף לענגער.

מען האָט געקענט אַזוי אָפּזיצן גאַנצע שעהן און קוקן אין פייער אַריין. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, יעדערער איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, אין אַן אַנדער ווינקל פון דער וועלט. און ווען ס׳זיינען אַזוי אַדורך אַ פּאָר וואָכן פון אי: גאַנצן נישט קענען אַרויסגיין צוליב דעם שניי, האָב איך באַמערקט, ווי עס הויבט זיך אָן אַריינכאַפּן אַ מין יאוש־געפיל און אַן אַפּאַטיע. די פּערספּעקטיוו פון באַפרייונג, פון געראַטעוועט צו ווערן האָט זיך גענומען אָפּרוקן אַלץ ווייטער און ווייטער. ס׳זיינען ביסלעכווייז פאַרשטומט געוואָרן די שמועסן פון האָפענונג און גלויבן. אומזיסט זיך געראַטעוועט! זיי איז שוין בעסער, (געמיינט די יידן פון צווייטן בונקער). יאָ, ס׳האָט אָנגעהויבן צו פּאַסירן, אַז יצחק און דאַניעל נאָך אַזאַ אָפּזיצן ביים פייער, פאַרטראָגן אין זייער ווייסט וואָסערע געדאַנקען, זיינען האַסטיק אויפגעשפרונגען, צוגעגאַנגען צו דער באַנקע מיטן בראָנפן און אַ שטאַרקן זופּ געגעבן. זיי האָבן געוואָלט משמעות פאַרגעסן אַ ביסל די צרות, אָבער זיי האָבן צומאָל אַזאַ טרונק געגעבן, אַז זיי האָבן שוין אפילו פאַרגעסן, ווי זיי זיינען... זיי האָבן זיך פלוצלונג צעזונגען אויפן הויכן קול. ווען מיר האָבן זיי גענומען שטראָפן, אַז זיי קענען נאָך ברענגען אויף אונדז אַלעמען אַן אומגליק, זיינען זיי אַוועקגעפאַלן און האָבן זיך גוט צעוויינט.

ביי אונדז אַלעמען, אויך ביי מיר, האָט זיך אַלץ מער פאַר־שטאַרקט די שרעק פאַרן לאַנגזאַמען טויט. איצט, ווען איך פלעג דערהערן דאָס פּישטשען פון די שטשורעס, האָט עס מיך מער נישט געלאָזט גלייכגילטיק, הגם מיר זיינען געווען געוווינט דאָס צו הערן, פלעגט מיר דורכגיין אַ שוידער איבערן גאַנצן לייב. כ'האָב מיך שוין געזען, ווי איך ליג אויסגעמאַטערט, אָן כוחות, קען מיך נישט רירן און די שטשורעס רויען אַרום מיר... אין מיין קאָפּ האָבן גענומען אַרבעטן פאַרשידענע געדאַנקען, פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצורייסן זיך פון דאַנען. אָבער ווי אַזוי און וווּ־אַהין האָב איך נישט געוווּסט.

איין מאָל, זיצנדיק אַזוי ביים פייער, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין געדאַנק, אַז אויב עס וועט נאָך לאַנג דויערן און דאָס עסן וועט אויסגיין, וועל איך נישט בלייבן זיצן דאָ און וואַרטן אויפן טויט... איך וועל אַרויסגיין ביינאַכט.

— איך וועל מיט דיר מיטגיין, האָט דאַניעל, נישט נאָכ־קלערנדיק קיין רגע, גלייך זיך אָפּגערופן. דאַניעל איז געווען גע־וויינט מיט מיר נאָך פון לאַגער און איך בין געווען פאַר אים אַזוי ווי אַ פאָטער.

— און וווהין וועט איר גיין? האָט איגנאַץ געפרעגט, ווילסט גיין דעם טויט אַנטקעגן, חיים?

— בעסער ווי דאָ צו זיצן און וואַרטן אויף אים, האָט יצחק אָפּגעזיפצט.

— און אפשר זאָלן מיר אַלע אַרוים און זיך פּרובירן אַדורכ־רייסן דורך די קעלערס פון שטאָט אַרויס, האָב איך זיי פּרובירט איבערצייגן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, איבערצייגן זיך גופא.

— און ווען אפילו עס וועט שוין געלונגען אַרויסגיין פון שטאָט, ווער וועט דיך אַריינלאָזן? האָט כאַסקל אַרויסגעגעבן אַ ברום.

— היינט וועט שוין אפשר יעדערער אַריינלאָזן, האָב איך נאָך פּרובירט צו ענטפערן.

— דו מאַכסט זיך צו גרויסע אילוזיעס... מיינסט, אַז שוין האָט זיך אַלץ געענדערט? — האָט חנה זיך אַריינגעמישט.

— און וואָס זאָגסטו, קאַזשיק? האָב איך אַ פרעג געגעבן אונדזער גלח.

קאַזשיק האָט געגומען שטאַמלען און נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. איך האָב אים גוט פאַרשטאַנען. נאָך דעם זיין דאָ מיט אונדז אין בונקער האָט ער נישט געוואָלט זיין דערביי און זען דעם פאַקט, אַז מען וויל אונדז נישט ראַטעווען, ווען אַפילו עס וואָלט געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון וואַרשע.

די מערהייט פון אונדז האָט אָפּגעוואָרפן מיין פאָרשלאַג פון אַרויסרייסן זיך פון דער שטאָט. דאָס קען נישט געלונגען, האָבן זיי געהאַלטן. די שטאָט איז אויפן סאַמע פראָנט. גיין ביז צום אַנדערן עק שטאָט דורך די קעלערס וועט מען נישט קענען. מען וועט מוזן גיין דורך די גאַסן און דאָרט וועט מען אונדז זיכער כאַפּן.

נאָר פאָרט זיינען אַלע אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז מען דאַרף זוכן עפּעס אַ וועג פון אַרויסרייסן זיך. דאָס אַליין האָט שוין געהאַט אַן אויסווירקונג. די געדאַנקען אונדזערע האָבן זיך געגעבן אַ קער צוריק אין דער ריכטונג פון קאַמף פאַרן לעבן, אַנשטאָט פון וואַרטן אויפן טויט. דער ווילן צום לעבן איז געקומען צוריק און מען איז געוואָרן שטאַרקער. נאָך א מאָל האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס איך האָב געהאַט געטראַכט, און וואָס איך האָב דערמאָלט אויסגעדריקט: אין אַזעלכע אַדרעסן אין גאַנגען פון סאַמע פאַרצווייפלטן צושטאַנד איז גענוג אַ מאָל איין וואָרט, איין געדאַנק, אַז זאָל זיך תיכף ענדערן, די פאַרצווייפלונג זאָל אַוועק און ס'זאָל אויפקומען אַ נייער שטאַרקער ווילן פון אויפהאַלטן זיך.

לאַנג נאָך האָבן מיר גערעדט וועגן דעם אָן ביסלעכווייז איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן, וועגן אַרויסרייסן זיך דורך דער ווייסל אויף יענער זייט קיין פּראַגע צו דער סאָוויעטישער אַרמיי.

אייגנטלעך האָבן מיר וועגן אַזאַ פּלאַן שוין געטראַכט באַלד נאָכן אָפּזיצן דאָ אַ חודש. ווען מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל דערהערט פון יענער זייט דאָס שפּילן אויף האַרמאָניקעס, האָבן מיר גענומען טרוימען פון אַריבערכאַפּן זיך. אָבער ווי קומט מען אַדורך די ווייסל? דעמאָלט איז עס געווען אוממעגלעך. אָבער איצט האָט דער פּלאַן זיך גענומען אַרויסווייזן פאַר מער ממשותדיק. דער פראָסט האָט זיך געשטעלט אַ שטאַרקער. אויב ער וועט זיך נאָך אַ ביסל פאַרשטאַרקן, ווי עס מאַכט זיך אין פּוילן אין יאַנואַר

הודש, וועט די ווייסל פאַרפרוירן ווערן. דורכן קאַנאַל וועלן מיר דאַן זיך אפשר גיכער קענען דורכשלאָגן ביז צו דער ווייסל, דורכגליטשן זיך אַזוי צו זאָגן דורכן פראָנט אויפן בויך.

גענוי ווי אַזוי עס דורכצופירן מיט אַלע איינצלהייטן, האָבן מיר נאָך די נאַכט נישט געהאַט אַדורכשטודירט, ווייל עס איז שוין דערוויייל געוואָרן טאָג און מיר האָבן זיך געמוזט אַנידערלייגן און נישט ריידן צווישן זיך. אָבער אַ נייעם אָנהאַלט, אַ נייע זאַך, אין וועלכער מען קען זיך קלאַמערן, האָבן מיר געפונען און דאָס האָבן מיר זייער, זייער נויטיק געהאַט.

אויף צומאָרגנס ביינאַכט האָט יצחק שוין געהאַט דעם גאַנצן פּלאַן פאַרטיק. ער האָט אונדז אים איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט אַבסאָלוט זיכער געווען, אַז עס מוז געלינגען.

— ס'איז קלאָר — האָט ער געזאָגט, — אַז דער קאַנאַל גייט אַרוים צו דער ווייסל. נו, וועלן מיר זיכער קענען מיט דעם הויפּטקאַנאַל דערגיין ביז צום טייך.

— און טאָמער ליגן דאָרט דייטשן? זיי האָבן זיך דאָך דאָרט פאַרפעסטיקט און געמאַכט אָקאָפּעס, ווי אַזוי וועלן מיר אַרויסקריכן? זיי וועלן זיכער אונדז באַמערקן — האָט אים איגנאַץ איבערגעהאַקט.

— גיי שוין, גיי שוין, — האָט יצחק געענטפערט, — קיין אָקאָפּעס מאַכט מען נישט האַרט לעבן וואַסער נאָר אַ ביסל אָפּגערוקט. זיי וועלן אונדז נישט זען.

— און די פּראָזשעקטאָרן? האַ, די פּראָזשעקטאָרן, אויף דער ווייסל פון יענער זייט, פון די סאָוויעטישע, וואָס וואַרפן אָן אויפהער ליכט אויף דער זייט און זוכן, צי מען גרייט זיך נישט אַדורכצורייסן? און די דייטשן וואַרפן אויך אַלע ווייַלע ליכט אויף יענער זייט און היטן די אַנדערע — האָט אים חנה אַ פרעג געגעבן.

יצחק האָט זיך אַ ווייַלע פאַרטראַכט און אַ זאָג געגעבן: עס איז אויף דעם אויך דאָ אַן עצה. מען וועט זיך אַרומוויקלען מיט ווייסע זאַכן. פון די העמדער וועט מען צושטוקעווען און מאַכן אַזאַ לאַנגע ווייסע העמד, מען זאָל זיך קאָנען אין גאַנצן אַרומוויקלען. מיטן ליילעך, וואָס הענגט צו פאַרשטעלן אונדזער אָפּטריט, וועט מען אויך קענען זיך אַרומוויקלען. ווען די פּראָזשעקטאָרן וועלן אויפבליצן, וועט מען בלייבן ליגן, וועלן זיי נישט דערקע-

נען. ס'איז דאָך אַלץ צוגעדעקט מיט שניי. ווען עס וועט ווערן פינצטער, וועלן מיר ווייטער קריכן. און ווען מיר וועלן קומען נאָ־ענט צו יענער זייט, וועל איך נעמען שרייען אויף רוסיש, איך קען דאָך רוסיש, אַז מיר זיינען יידן, זיי זאָלן נישט שיסן. איר וועט זען, האָט יצחק אין פעסטן טאָן פּאַרענדיקט — עס וועט געלינגען.

יעדערער איז געווען צופרידן, נאָר כאַסקל האָט אויסגע־מורמלט: „מען וועט פריער געפרוירן ווערן, איידער מען וועט איבערגיין". קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

יצחק האָט זיך געוואָנדן צו מיר: — חיים, גייסט מיט מיר אין קאַנאַל, מיר וועלן מאַכן אַ שפּאַציר צו זען, ווי אַזוי דער וועג זעט אויס.

— איך גיי אויך, האָט דאַניעל געזאָגט.

מיר זיינען זאַלבעדריט אַראָפּ אין קאַנאַל.

— ווען איר וועט קומען צוריק, — האָט חנה אונדז נאָכגע־רופן — וועט שוין זיין פאַרטיק אַ ביסל עסן.

— זשאַלעווע נישט קיין ביסל וואַסער, — האָט איר דאַ־ניעל, שמייכלענדיק געענטפערט.

ס'איז נישט געווען זייער נאָענט פון אונדז, פון דער פראַנטשישע־קאַנער גאַס, דורכצוגיין ביז צו דער ווייסל דורכן קאַנאַל, אָבער נישט דאָס איז געווען די גרויסע שטערונג. אַוודאי האָבן מיר נישט געוווסט, ביי וועלכער זייט דער קאַנאַל גיסט זיך אַריין אין דער ווייסל, צי נאָענט לעבן דער איבערגעריסענער בריק, וואָס האָט געפירט פון קראָקעווער פאָרשטאָט קיין פּראַגע, אָדער ביי אַנדערע בריקן, וואָס זיינען אויך געווען אָפּגעריסן, צי גאָר אויפן פעלד. נאָר דאָס איז געווען פאַר אונדז אומוויכטיק. איין זאַך האָט אונדז אָבער יאָ געמאַטערט, צי די לאַך, וואָס גייט אַרויס פון קאַנאַל איז איבערן וואַסער אָדער אין וואַסער?

קריכנדיק אַזוי לאַנגזאַם אין קאַנאַל, האָט דאָס האַרץ האַסטיק געקלאַפּט, נישט פון שרעק נאָר פון פאַנטאַזיע. ס'האָט זיך מיר שוין אויסגעמאָלט, ווי מיר גייען טאַקע שוין זיך אַרויסרייסן דורכן קאַנאַל און לאָזן דעם בונקער אויף אייביק הינטער זיך.

ביי יעדן אָרט, וווּ עס איז געווען אַן עפענונג, פאַרמאַכט מיט אַ קלאַפּע, צום דרויסן, זיינען מיר געגאַנגען גאַנץ שטיל, נישט

געשטעלט קיין שווערע, האַסטיקע טריט, מען זאָל זיי נישט דער־הערן, חלילה, אין דער הויך.

וואָס נעענטער מיר זיינען צוגעקומען צו דער ווייסל, איז די געפאַר געוואָרן אַלץ גרעסער. דאָרט איז אַלץ געווען געדיכט באַ־זעצט מיט מיליטער. דער גאַנצער ברעג פון טייך איז געווען שטאַרק באַפעסטיקט. מיר האָבן געמוזט גיין טראָט ביי טראָט און אָפּגיין שעהן, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט איינער צום צווייטן.

פּלוצלונג זיינען מיר געבליבן שטיין. פאַר אונדז איז דער קאַ־נאַל געווען פאַרצוימט מיט אייזערנע קראַטעס. די קראַטעס זיי־נען געווען פון לאַנגע שטאַבעס מיט אייזנס אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט ברייטע שפּאַלטן כדי דאָס וואַסער זאָל אַדורך, אָבער נישט גענוג ברייט, אַז אַ מענטש זאָל זיך דורך זיי אַדורכקריגן.

יצחק האָט געהאַלטן אַן אָנגעצונדענע ליכט, אַרום וועמענס ציטעריק פלעמל ער האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די פויסט, כדי נאָר אַ שיין זאָל אָפּלייכטן צו זען ווו צו גיין. איצט האָט ער אויף אַ רגע געגעבן אַ דעק אָפּ די פויסט אַריינגעשטעקט די ליכט אין שפּאַלט פון די קראַטעס, כדי צו זען, וואָס דאָרט איז. אין שוואַכן שיין פון פלעמל האָבן מיר באַמערקט, ווי דער קאַנאַל הויבט דאָרט אָן צו גיין אַ ביסל באַרג־אַראָפּ, אַלץ נידעריקער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף שוין זיין נישט זייער ווייט. לעבן די קראַטעס זיינען געווען אייזערנע שטיגן, וואָס האָבן געפירט אַרויף אין דער הויך צו אַ קלאַפּע.

דאַניעל איז אַרויפגעקראָכן אין דער הויך און געפּרוווט מיטן קאָפּ אויפהייבן די קלאַפּע, כדי צו זען, וואָס דאָרט אין דער הויך טוט זיך. ס'איז אים אָבער געווען שווער אַליין זי אויפצוהויבן, נאָר דורך די שפּאַלטן האָט ער דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון שווערע טריט, ווי מען וואָלט געגאַנגען אַהין און צוריק. ער איז שנעל צוריק אַראָפּ און מיר זיינען תיכף גאָר גיך אַוועק צוריק. דאַניעל האָט שטילערהייט אונדז אריינגעשעפּטשעט: „ס'גייט דאָרט זיכער אַרום אַ דייטשישער פּאָסטן אין דער הויך".

— די קראַטעס זיינען אַ סימן, האָט יצחק אונדז אויפגע־קלערט, אַז מען איז שוין גאָר נאָענט צו דער ווייסל. מען האָט געמאַכט די קראַטעס, כדי נישט אַדורכצולאָזן דעם גראָבן שמוץ,

וואָס קומט אַרויס פון קאַנאַל. דאָ ווערט ער פאַרהאַלטן, בלויז דאָס וואַסער גייט אַדורך. די קאַנאַל־אַרבעטער פלעגן דאַן אַראָפּ־קומען און אַרויסנעמען די גרעבערע אָפּפאַלן.

ווען מיר האָבן געקומען אַריינקריכן אין בונקער אַריין, האָבן אַלע באַלד דערקענט אויף אונדזערע פנימער. אַז עפּעס איז געשען. עפּעס אַ שטערונג איז דאָ, כדי אַדורכצופירן אונדזער פּלאַן.

— אבי איך האָב געמיינט, אַז איר זענט שוין אין פּראָגע — האָט חנה מיט אַ שייכלענדיקער מינע געזאָגט, כדיי צו פאַרלייכ־טערן די שטימונג.

— אָן דיר? האָט דאַניעל נישט פאַרפעלט באַלד צו ענטפערן און גלייך צוגעגעבן, — און ווער ווייס, צי מען וועט בכלל ווען נישט־איז זיין דאָרט?

יצחק האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר אַוועקגעזעצט זיך אַ פאַר־כראַכטער. איך האָב איבערגעגעבן וועגן דער שטערונג, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן, די אייזערנע קראַטעס, וואָס פאַרשטעלן דעם וועג צו דער ווייסל.

עס איז שוין געווען זייער שפּעט. חנה האָט אָנגעהויבן סערווירן דאָס ביסל עסן.

— עס וועט שוין באַלד ווערן טאָג און מען וועט זיך מוזן אַנידערלייגן, האָט זי אונדז אונטערגעזאָגט.

—און אפשר איז גאָר בעסער אַזוי, האָט כאַסקל געמומען אונ־טערברומען ביים אַנידערלייגן זיך. אַרויסרייסנדיק זיך, קען מען נאָך פאַרפרוירן ווערן אויפן אייז, אָדער דערשאָסן ווערן, איז שוין גלייכער דאָ צו בלייבן. דאָ קען מען דאָך רואיק שטאַרבן.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. חנה האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך אַוועקגעלייגט לעבן סאַמעקן.

איך בין זייער לאַנג געלעגן און נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט טאַקע פאַרלוירן אַ זאַך, וואָס האָט מיר געקענט ראַטעווען דאָס לעבן, הגם ס'איז דאָך נאָר געווען אַ פּרוּוו, ביי וועלכן מען האָט געקענט אפשר גיכער אַדורכ־פאַלן ווי געווינען, אָבער די מעגלעכקייט און דאָס געפיל גופא, אַז מען טוט עפּעס, האָט געווירקט זייער גוט. איצט ווען איך האָב דאָס פאַרלוירן, האָט עס מיך שטאַרק דעפּרימירט. כ'האָב זיך דערשפּירט שרעקלעך שוואַך... עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע בענק־

שאַפֿט האָט מיך אַרומגעכאַפּט צו דער היים, צו מיין פרוי און קינ־
דער, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזן אין פראַנקרייך. איך האָב
זיך געוואָלט קלאַמערן אָן זיי, אַרויסרופן די גוטע דערינערונגען
וואָס איך האָב געהאַט פון מיין משפחה, אָבער ניין, ווייזט אויס,
אַז גוטע דערינערונגען קען מען נאָר אַרויסרופן, ווען מען איז אין
אַ גוטער שטימונג. איצט, פון וואָס נאָר איך האָב געוואָלט טראַכטן,
אַלץ איז אַרויסגעקומען אין שוואַרצע פאַרבן. אַלץ פאַרלוירן... דער
קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען, קאָשמאַרן פון אַלע איבערלעבונ־
גען במשך פון די יאָרן אין די לאַגערן זיינען מיך באַפֿאַלן. איך
האָב זיך אַזש צעשריען אַזוי הויך אויפן קול, אַז אַלע האָבן זיך
אויפגעזעצט מיט אַ געשריי: חיים, וואָס איז מיט דיר? ערשט
איצט בין איך געקומען צו זיך און האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ,
כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

כאַסקל איז שטענדיק געווען דער טרויעריקסטער פון אונדז
אַלע. קיין מאָל האָט ער נישט קיין שמייכל געגעבן, כמעט ווי
נישט גערעדט, נאָר פאַרטראַכט, פאַרצוקט. בלויז ווען ער פלעגט
נעמען ביינאַכט, נאָך אונדזער אויפהויבן זיך, מאַכן פייער, פלעגט
ער ווערן ווי אויפגעלעבט, זיין פנים האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער
אויסזען. ווייזט אויס, אַז האָבן עפּעס צו טאָן האָט אים געמאַכט
מוטיקער. ער פלעגט זיך אַנידערזעצן, נעמען דאָס מעסער, צוערשט
גוט אים אָנשלייפן מיט אַ שטיינדל, ער זאָל זיין שאַרף, גוט אויף
צוצושניידן קליינע העלצלעך. אָט אַזוי, קוקנדיק, ווי כאַסקל זיצט
און שלייפט דעם מעסער, איז אונדז געקומען די אידייע, צו פּרו־
בירן אפשר מיטן מעסער איבערשניידן די קראַטעס אין קאַנאַל.
איין שטאַבע בלויז וועט זיין גענוג, מען זאָל קענען אַדורכקריכן.
יצחק האָט אַ זאָג געגעבן צו כאַסקלען:

— זאָג נאָר, כאַסקל, דו האָסט דאָך עפּעס געאַרבעט מיט
בלעך, אייזן. צי וואָלט מען נישט געקענט מיט דעם מעסער אי־
בערשניידן אַ שטאַבע אייזן דאָרט אין קאַנאַל?

— קענען, קען מען אַלץ, — האָט כאַסקל געענטפערט. און
לעבן אַזוי ווי מיר לעבן דאָ קען מען דען? יאָ? און מיר לעבן.
נאָר ס'ווענדט זיך, ווי גראָב די שטאַבע איז און ווי לאַנג דאָס וועט
דויערן.

— טאָ קום מיט דאָרט אַהין, ווערסטו באַטראַכטן, האָב איך אים געזאָגט.

— טאַקע יאָ, האָבן אַלע ווי אָנגעכאַפּט זיך אין דעם.

— נו, אויב אַלע ווילן, וועל איך גיין.

און מיר זיינען נאָך אין דער זעלבער נאַכט, איך, יצחק און כאַסקל, ווידער אַוועק אַהין, נאָך אַ מאָל זען, צי מען וועט קענען דאָרט אַדורכפירן דעם פּלאַן.

כאַסקל האָט באַטראַכט די שטאַבעס, ווי גראָב זיי זיינען, זיי באַטאַפּט פון אַלע זייטן. אָבער ווען ער האָט געגעבן אַ קוק אויף דער עפענונג, וואָס האָט געפירט אין דרויסן אַרויס, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַרויף אין דער הויך. ער האָט מורא געהאַט צו רעדן, טאָמער דערהערט מען עס אויבן. ערשט ווען מיר זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט ער ערשט געזאָגט, וואָס ער האָט געמיינט.

— קענען, קען מען יאָ איבערשניידן די שטאַבע, כאָטש זי איז גראָב. ס'וועט אפשר געדויערן לענגער, אָבער ס'וועט גיין. ס'איז דאָ אַ ביסל פּעטס, וועט מען כסדר איינשמירן מיט דעם דאָס מעסער ביי דער שאַרפער זייט. דאַן קען מען מיט אים שניידן. נאָר דער קלאַנג איז זייער אַ הויכער ביים שניידן און בפרט נאָך איז קאַנאַל. וואָס וועט זיין, אַז דער פּאָסטן אין דער הויך וועט דערהערן, האַ?

— אויף דעם איז אויך דאָ אַ מיטל — האָט יצחק געענטפערט. — מאָרגן ביינאַכט וועלן מיר גיין נאָך אַ מאָל, צוויי מאַן וועלן אַרויפקריכן און מיט די קעפּ אויפהויבן אַ ביסל די קלאַפּע, וואָס דעקט צו די לאָך און גוט נאָכקוקן, ווו דער פּאָסטן שטייט, צי ער גייט אַהין און צוריק, און ווי ווייט ער גייט אַוועק. וועלן מיר זיך דאַן אָריענטירן, ווען צו שניידן, אַז דער פּאָסטן אין דער הייך זאָל נישט קענען דערהערן.

אויף צומאָרגנס ביינאַכט האָט כאַסקל גוט אָנגעשליפּט דאָס מעסער, כדי באַלד היינט, אויב מען וועט קענען, אָנהויבן צו זעגן דעם שטאַנג. „ס'דאַרף געדויערן לאַנג אַזאַ שטאַנג איבערצוזעגן, מען קען נאָך פריער שטאַרבן, — האָט ער צו אונדז געזאָגט, — איידער מיר וועלן עס נאָך מאַכן“.

—שטענדיק זעסטו נאָר שוואַרץ, — האָט א״ם הנה איבערגעהאַקט, — מען קען נאָך פריער באַפרייט ווערן, איידער איר וועט ענדיקן די אַרבעט.

אַראָפּגעלאָזן אין קאַנאַל האָבן מיר זיך זאַלבעפערט. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום אָרט, זיינען יצחק און דאַניעל אַרויסגעקראָכן אויפן אייזערנעם לייטער, וואָס האָט געפירט צו דער קלאַפּע, גוט איינגעהערט זיך, צי דער פּאָסטן איז נישט גאָר נאָענט. געהערט האָט מען זייער גוט, ווייל עס איז געווען ביינאַכט און ליידיק. ס'איז נישט געווען ארום און קיין איין שאָרך פון א מענטש און דער אָפּקלאַנג פון די שטיוול־טשוועקעס פונעם פּאָסטן האָט זיך דייטלעך אַדורכגעשלאָגן דורך די שפּאַרעס פון דער קלאַפּע ביז צו אונדז. יצחק מיט דאַניעלן האָבן מיט די קעפּ אונטערגעהויבן די קלאַפּע און איינגעהערט זיך, אויף ווי ווייט די טריט פון פּאָסטן גייען אַוועק (ס'איז געווען אַ פראָסט האָט ער נישט געקענט לאַנג שטיין אויף איין אָרט) און ווי לאַנג עס גדויערט, ביז די טריט הייבן אָן צוריק צו גיין. ווען די טריט זיינען געקומען נעענטער, האָבן זיי צוגעמאַכט די קלאַפּע און ווידער געוואַרט. נאָך אַ לענגערער צייט אָבסערווירן האָבן זיי באַמערקט, אַז צווישן זיין אַוועקגיין און זיין צוריקקומען פאַרגייען בערך פינף מינוט, קען מען בכן במשך פון דריי מינוט שניידן די קראַטע. כאַסקל, וואָס איז געשטאַנען אונטן מיטן מעסער אין האַנט גרייט צום ווען די שטאַבע, האָט געקוקט אויף יצחקן.

ווען דער לעצטער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, האָט ער גענומען שניידן און ווען יצחק האָט צום צווייטן מאָל געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, האָט ער אויפגעהערט. נאָך די זעלבע נאַכט האָט כאַסקל געמאָלדן, „יאָ, עס שניידט זיך“, ער האָט היינט איינגעשניטן אַ פּאָר מילימעטער.

אונדזער פרייד די נאַכט ביים עסן איז געווען אין לשער, מען האָט אין גאַנצן שוין נישט געדענקט, אַז דערווייל דאָ אין בונקער דראָט נאָך אַלץ די געפאַר און אַז דער פּלאַן איז נאָך אויך נישט אַזוי זיכער. מיר האָבן זיך געוויצלט אויף דער קאָנטע פון נאַרישן דייטש, וואָס שטייט אין דער הויך און היט, בעת עטלעכע יידן שניידן אונטן אייזנס, פירן דורך פּלענער אונטער זיין נאָז. כדאי צו באַמערקן: נישט אַזוי דער דערפאָלג פון דעם פּלאַן האָט

אונדז געגעבן אַזאַ מוט, אַ שטאַרקייט, נאָר דער פּלאַן אַליין, די אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אַדורכפירן דעם פּלאַן, האָט אונדז דערפרישט, געמאַכט אונדז מונטער. מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער פּאַסיווקייט, פון וואַרטן, וואָס דער גורל וועט ברענגען.

אַלע זיינען געווען פאַרנומען ביים דורכפירן דעם פּלאַן: מען האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן ווייסע זאַכן אויף צו קענען זיך אַרומוויקלען. מיר האָבן, ווי געזאָגט, געהאַט באַמערקט, אַז דער קאַנאַל איבער יענער זייט פון די אייזערנע שטאַכעטן הויבט אָן צו גיין באַרג אַראָפּ. האָבן מיר מורא געהאַט, אַז וואָס נעענטער צו דער ווייסל ווערט ער אַלע מאָל מער און מער שיפּועדיק און מיר וועלן נישט קענען גיין. האָבן מיר גענומען מאַכן שטריק, איינער זאָל זיך אָנהאַלטן אין אַנדערן. קיין אמתע שטריק האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר פון שמאַטעס געריסן שטיקלעך, זיי געדרייט און געבונדן איין שטיקל פון צווייטן. צענדליקער מעטער שטריק האָבן מיר אַזוי געמאַכט.

אָט די אַלע אַרבעטן האָבן אונדז פאַרוואַנדלט אין מענטשן, וועלכע נעמען אָנטייל אין אַן אַוואַנטורע, וואָס איז פאַר זיך אַליין געווען אינטערעסאַנט. זי האָט פאַרנומען אונדזער געדאַנק, מיר זאָלן נישט טראַכטן וועגן דער פאַקטישער לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, וועגן דער געפאַר פון הונגער, וואָס האָט פון טאָג צו טאָג שמאָלער געמאַכט די האָפענונג פון איבערלעבן.

די טעג האָבן זיך איצט גערוקט שנעלער ווי פריער, לכל הפחות האָט זיך אונדז אַזוי געדאַכט. יעדער מילימעטער, וואָס מען האָט איינגעשניטן אין אייזן, איז געווען פאַר אונדז אַ נצחון, אַ הבטחה, אַ פרייד. אָבער נישט שטענדיק האָט מען געקענט שניידן. יעדע נאַכט פאַרן אָנהייבן שניידן האָט מען געמוזט גוט אָבסערווירן דעם פּאָסטן, ווי אַזוי ער מאַכט זיין מאַרשרוט. וויל יעדער פּאָסטן האָט עס, ווייזט אויס, געמאַכט לויט זיין טעמפּעראַמענט. געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַוועקגיין ווייט און געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך דרייען אין אַ רעדל אַרום דער קלאַפּע. דאַן האָט מען נישט געקענט זעגן און מען האָט געמוזט צוריקגיין מיט גאָרנישט. איין מאָל האָבן מיר אפילו געמיינט, אַז מיר זיינען שוין דורכגעפאַלן, אַז מען האָט דערהערט אין דער הויך.

צוערשט איז אַלץ צוגעגאַנגען נאָרמאַל. דער פּאָסטן איז אָפּגע־גאַנגען אַ שטיק ווייט, מען האָט געגומען זעגן. ווען מען האָט דערפילט, אַז ער דאַרף שוין זיין נאָענט, האָט מען אויפגעהערט. אָבער מיט איין מאָל האָט דאַניעל און יצחק, וועלכע זיינען גע־שטאַנען אין דער הויך, דערהערט, ווי דער פּאָסטן גייט מיט שנע־לערע טריט ווי געוויינטלעך, ער לויפט כמעט. זיי האָבן געגעבן אַ צייכן, מען האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט. באַלד האָבן זיך טאַקע דערהערט טריט אויף דער קלאַפּע. ער האָט מיט די פיס גע־האַקט אין דער קלאַפּע אַריין, אַז מיר זיינען זיכער געווען, דאָס ער האָט עפּעס באַמערקט. אַנטלויפן האָבן מיר מורא געהאַט, טאָמער דערהערט ער דאָס אויך. זיינען מיר אַזוי געבליבן שטיין מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהן. אָבער ווען דאָס קלאַפּן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט, האָבן מיר זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער קלאַפּט אַזוי מיט די פיס... פון קעלט, כדי זיך צו דערוואַרעמען. מיר האָבן אויסגענוצט די קלאַפּעריי און זיינען אַוועק רואיק צו אונדז אין בונקער אַריין.

די אַרבעט און די צוגרייטונגען צום אַרויסרייסן זיך אויף יענער זייט ווייסל האָט אונדז אַזוי פאַרכאַפּט, אַז אין דער פאַנ־טאַזיע האָבן מיר זיך שוין כמעט ווי געפונען אויסער אונדזער בונקער. די שטערונג פון די אייזערנע קראַטעס האָבן מיר שוין געהאַט באַלד ווי גובר געווען, עס האָט שוין נישט געפעלט קיין סך, אַז די קראַטע זאָל זיין איבערגעשניטן. אַלע צוגרייטונגען צום קריכן אויף דער ווייסל זיינען אויך שוין געווען פאַרענדיקט. פאַר יעדערן איז געווען צוגעגרייט אַ דיק בינטל שמאַטעס אַרומצובינדן זיך די קני ביים קריכן אויפן אייז, כדי די קני זאָלן נישט געפרוירן ווערן. אויך די ווייסע קליידער, צונויפגענייט פון ווייסע שמאַטעס פון ליילעכער, וואָס מיר האָבן געפונען, זיינען געווען צוגעגרייט. ווען יצחק האָט אָנגעמאָסטן אַזאַ ווייסן כאַלאַט און זיך אַרומגעוויקלט מיט אים אין גאַנצן איבערן קאָפּ, האָט כאַסקל אַרויסגעמורמלט:

— נו, תכריכים האָבן מיר שוין, מען וועט שטאַרבן ווי יידן.

אָבער ווען נאָך פופצן טעג פון שרעק און אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָט כאַסקל געגעבן מיטן מעסער דעם לעצטן שניט אין אייזערנעם שטאַנג און דער מעסער איז אַדורך פון דער אַנדער

זייט, האָט זיך אַ ליכטיקער שמייכל באַוויזן אויף זיין פּנים און ער האָט אַ זאָג געגעבן:

— דער וועג איז אָפן!

מיר האָבן מיט אַלע אונדזערע כּוחות גענומען אָפּבייגן די אָפּגעשניטענע שטאַנג כּדי צו מאַכן ברייטער דעם שפּאַלט, מען זאָל קענען אַדורכגיין. ווען נישט דער פּאָסטן אויבן, וואָלטן מיר אַרויס מיט אַ הילכיקן הורא. ס'איז אונדז געלונגען! יצחק האָט פּרובירט זיך אַדורכצושטופּן. ער איז דורכגעקומען אָן שום שוועריקייט. דער וועג איז טאַקע געווען אָפן!

מיר זיינען די נאַכט נישט געגאַנגען ווייטער, נאָר צוריק אַוועק אין אונדזער בונקער, עס איז שוין געווען זייער שפּעט. ווען מיר זיינען אַריין אין בונקער, האָט מען געמוזט אויף שנעל אויסזופּן דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ, וואָס חנה האָט צוגעגרייט, און זיך אַוועקלייגן, דער שפּראָץ אויף טאָג האָט שוין געגרויט אין דרויסן...

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן די קומענדיקע נאַכט, האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צו גיין ווייטער אין קאַנאַל און פּרובירן אַרויסגיין אויף דער ווייסל. אַריבערגיין דעם טייך האָט מען נאָך סיי ווי נישט געקענט, ווייל ער איז נאָך נישט געווען פאַרפרוירן, הגם עס איז שוין געווען האַרט פאַר ניי-יאָר, לויט אונדזער קאַלענדאַר. אָבער מיר האָבן גערעכנט און געהאָפט, אַז יעדן טאָג קען ער געפרוירן ווערן, ווייל דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, באַגלייט מיט טרוקענע זאַווערוכעס, וועלכע העלפן צום פאַרפרוירן ווערן פון דער ווייסל. אַזוי האָב איך עס נאָך געדענקט פון אַמאָל. דערווייל זיינען מיר געגאַנגען בלויז אויסקוקן: דעם אַרויסגאַנג פונעם קאַנאַל אין דער ווייסל און זען, צי עס שטייען נישט דאָרט קיין דייטשן.

געגאַנגען זיינען סאַמעק, יצחק און איך. מיר האָבן מיטגענומען אַ שטריק צו קענען זיך אָנהאַלטן אין פאַל, ווען עס וועט גיין שטאַרק באַרג-אַראָפּ. מיר האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך די אייזערנע קראַטעס. דער קאַנאַל האָט אָנגעהויבן גיין כּסדר שפּועדיקער. אָבער אָנהאַלטנדיק זיך אין דער וואַנט, האָט מען נאָך געקענט פאַמעלעך גיין. וואָס ווייטער אָבער האָט דאָס וואַסער גענומען ווערן אַלע מאָל טיפער און אַלץ מער באַרג אַראָפּ. דאָס האַרץ

האָט געגומען קלאַפּן. אַ מורא פאַר אַ שרעקלעכער אַנטוישונג האָט אונדז גענומען ווערגן ביים האַלדז. נאָך אַ פּאָר שריט און ס'איז נישט מער מעגלעך געווען צו גיין ווייטער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געגלייבט מיטן ליכט פאַר אונדז, אפשר וועט מען אַרויסזען דעם סוף. לויט אונדזער אויסרעכענונג האָט דאָ שוין געמוזט זיין זייער נאָענט צו דער ווייסל. אָבער קיין סוף, קיין סימן, אַז עס איז שוין דער אַרויסגאַנג, האָבן מיר נישט געזען, דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט בלויז אין וואַסער און אויף ווי ווייט מיר האָבן געקענט זען, איז געווען וואַסער... נאָר וואַסער...

מיר זיינען געשטאַנען אַ ווײַלע און געטראַכט, וואָס צו טאָן. דאַניעל האָט אַ זאָג געגעבן:

— איך גיי אַליין!

— וואָס? האָב איך אַ פרעג געגעבן — און אויב דו וועסט נישט קענען קומען צוריק? צוריק וועט זיין באַרג אַרויף און דאָס וואַסער שלעפּט צוריק אויך?

— און דער שטריק צו וואָס איז? — האָט זיך יצחק געגעבן אַ כאַפּ.

— זייער גוט, האָט דאַניעל געזאָגט, איך וועל האַלטן איין עק שטריק. ווען איך וועל שוין נישט קענען מער גיין, וועל איך געבן אַ געשריי, וועט איר מיך שלעפּן צוריק.

— ניין! האָב איך זיך איינגעשפּאַרט, עס טויג נישט. ער קען נאָך אָפּלאָזן דעם שטריק פון שלאַפקייט און בלייבן דאָרט. אין דער אמתן האָב איך נישט געוואָלט, אַז דאַניעל זאָל גיין. איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צו אים במשך פון דער גאַנצער צייט, אַז איך האָב אים ליב געהאַט ווי מיין קינד און איך וואָלט בעסער אַליין געגאַנגען ריזיקירן דאָס לעבן.

אָבער דאַניעל האָט זיך געכאַפּט, וואָס איך מיין, ער האָט אַ שמייכל געגעבן און מיך אַרומגענומען.

— האָב נישט קיין מורא, חיים! איך וועל דעם שטריק אַרומבינדן אַרום זיך.

מיר האָבן טאַקע דעם שטריק אַרומגעבונדן אַרום אים און דאַניעל האָט אָנגעהויבן גיין. געגאַנגען איז ער פּאַמעלעך, זיך אָנגעהאַלטן ביי דער וואַנט. לאַנג האָט עס נישט געדויערט. מיר האָבן באַלד דערהערט אַ גרויסן געשריי: שנעלער, שלעפּט מיך! מיר האָבן

גענומען שלעפן אויף צוריק. דאָס וואַסער איז דאָרט געווען זייער טיף איבערן קאָפּ און אויפן שיפּוע האָט דאַניעל זיך אויסגעגליטשט, מיר האָבן אים קוים דערשלעפּט צוריק. ער איז געווען אין גאַנצן נאַס און אָן כוחות. אַזוי האָבן מיר אים אַוועקגעטראָגן אין בונקער אַריין. מיר זיינען אַלע קוים געגאַנגען. אָבער דאָס האָט אונדז נישט געאַרט. אונדז האָט געמאַטערט די פאַרלוירענע אילוזיע, די פאַרשווונדענע האָפענונג אויף פרייהייט, וועלכע מיר האָבן שוין געזען אַזוי נאָענט פאַר אונדז במשך פון די פּאָר וואָכן, ווען מיר האָבן, אַזוי אָנגעשטרענגט און ריזיקירנדיק יעדע רגע דאָס לעבן, געאַרבעט אין קאַנאַל ביי די אייזערנע קראַטעס.

יאָ, דאָס וואַסער האָט דאָרט דערגרייכט איבערן קאָפּ. קעגן דעם האָבן מיר שוין קיין שום מיטל נישט פאַרמאָגט...

קאַפּיטל בערצן

חנה האָט זיך דאָס מאָל אויפגעהויבן פריער ווי די אַנדערע, און גלייך זיך גענומען פּאָרען ביי די שפּייז־זאַפּאַסן. מיט אַ נאַכט פריער, ווען יצחק איז אַראָפּ אין קאַנאַל, האָט חנה אונדז דער־מאָנט, אַז היינט איז זיין געבורטסטאָג. מען דאַרף אים מאַכן אַ סורפּריז און עס פייערן, מיר זיינען אַלע מסכים געווען, צוליב דעם טאַקע האָט חנה זיך צוגעאיילט מיטן אויפשטיין. יצחק איז טאַקע געווען דער טיכטיקסטער אין בונקער. זייער אַ טעמפּעראַ־מענטפולער, אַן ענערגישער, פלעגט ער גאַנצע נעכט אַרומלויפן אין די קעלערס, איינשטעלן דאָס לעבן, אַבי וואָס מער אַריינצו־ברענגען אין בונקער. דערביי האָט ער קיין מאָל נישט געוואָלט נעמען וואָס נישט איז מער פאַר זיך.

נאָכן אַדורכגעפאַלענעם פּרווו פון אַרויסרייסן זיך פון דעם קאַנאַל דורך דער ווייסל, אין וואָס יצחק האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט און אויך אַ סך האָפענונג, האָט ער זיך געפילט דער אָממיינסטן געטראָפענער. באמת זיינען די פּאָר וואָכן, בעת וועל־כע מיר האָבן געאַרבעט ביים צוגרייטן זיך צו דער גרויסער אַוואַנ־טורע, אַדורך ווי אומבאַמערקט. מיר פלעגן זיך אַזוי פרייען ביים אַרויסקומען פון קאַנאַל, ווען כאַסקל פלעגט זאָגן, וויפל מילימע־טער מען דאַרף נאָך שניידן פון די קראַטעס, וועלכע האָבן אונדז דערמלט אויסגעזען ווי די איינציקע מניעה צום דערפאָלג פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. די אַנדערע האָבן געוויזן וויפל מעטער שטריק זיי האָבן צוזאַמענגעדרייט, וואָסער אָנטועכץ זיי האָבן צו־געגרייט. די אַנטוישונג איז דעריבער געווען זייער אַ גרויסע און די ווירקונג, ווען פון דעם אַלעמען איז גאָרנישט געוואָרן, אַ שרעק־לעכע.

עסן אין בונקער איז שוין געווען זייער ווייניק. געפונען שפייז אין די קעלערס איז מער נישט געווען מעגלעך. דער שניי איז איצט געלעגן אויפן גאַנצן ווינטער און אַרויסגיין האָט מען נישט געקענט. ווען מיר וואָלטן געגעסן כאָטש אַביסל צו דער זעט, וואָלט שוין לאַנג נישט געקלעקט קיין שפייז. מיר האָבן אָבער פון טאָג צו טאָג פאַרמינערט די פּאָרציעס, אויסגעצויגן אויף וואָס לענגער. נאָר אפילו ביי אַזאַ ראַציאָנירונג איז שוין באַלד נישט געווען וואָס צו עסן.

יצחק האָט באַזונדערס דערפון געליטן. ער איז געווען איבער־צייגט, אַז דאָס אַרויסרייסן זיך דורך דער וויסל מוז געלונגען. אפילו נאָך איצט, נאָכן דורכפאַל, האָט ער זיך צומאָל אַראָפּגע־כאַפּט אין קאַנאַל אַריין, אַוועק צום אָרט, ווו די טיף פון וואַסער האָט נישט געלאָזט גיין ווייטער, און זיך אַוועקגעשטעלט קוקן, צי איז נישט געשען אַ נס און דאָס וואַסער איז פאַרשוואונדן, מיר זאָלן קענען אַרויס. נאָכן אָפּשטיין אַזוי אַ צייט אין קאַנאַל פלעגט ער אַרויפקומען אין בונקער, זיך אַוועקלייגן, קוקן צום סופיט און צו קיינעם נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. ווען כ'אַסקל פלעגט אים זאָגן: — „יצחק, וואָס איז דען דער אונטערשייד, געפרווירן צו ווערן אָדער דערשאָסן ווערן אויף דער וויסל, אָדער שטאַרבן אין בונקער?" — פלעגט אים יצחק ענטפערן: „האָסט מזל, וואָס דו ביסט עלטער פון מיר..." און ווידער פלעגט ווערן שטיל.

אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. קיינער אויסער חנהן האָט זיך נישט געאיילט אויפצושטיין, הגם ס'איז שוין געווען נאָכט, ווייל אַרויסגיין האָט מען סיי ווי נישט געקענט, דער שניי האָט אונדז געהאַלטן אין זיינע ווייסע פענטעס. נאָר ווען חנה, נאָכן אַרומפּאָרן זיך ביים ביסל איבערגעבליבענעם מעל, וואָס איז געווען פול מיט זאַמד, האָט אַ זאָג געגעבן, אַז מען דאַרף מאַכן פייער, איז כאַסקל אויפגעשטאַנען. מאַכן פייער איז געווען זיין אַרבעט.

איך האָב זיך אויך אויפגעהויבן, אַרויף נאָך אויבן, אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ פון דער עפענונג, כדי צו צעיאָגן דעם רויך. דער פראָסט איז געווען אַ שטאַרקער, נאָר די היץ פון שטיקל רער, וואָס איז געווען אַרויפגעצויגן, האָט מיר געוואַרעמט דאָס פּנים. איך האָב געקוקט אויף חרובדיקע הייזער פון דער גרוי־סער וואַרשע, וואָס זיינען איצט געשטאַנען ווי סקעלעטן, אָנגעטאָן

אין מלבושים פון ווייסן, בלאַנקענדיקן שניי, ווי לעבעדיקע עדות פונעם חורבן. מעכאַניש האָב איך מיט דער שמאַטע צעיאָגט דעם רויך, וואָס האָט געזעצט פון דער רער, און געקוקט אין דער זייט פון פראַגע, ווו מענטשן שלאָפן איצט פרייע אויף זייערע געלעגערס.

ווען איך בין אַראָפּ אונטן, האָט דער בונקער אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש. פון די ווייסע שמאַטעס, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט חנה באַדעקט דעם טיש און דאָס האָט געגעבן דעם בונקער אַ יום־טובדיקן אויסזען. אויסערן ביסל וואַסערדיקע זופּ, וואָס לעצטנס איז דאָס געווען אונדזער גאַנץ עסן, האָט חנה אָפּגעבאַקן פון אַ רעשט זאַמדיק מעל אַ גרויסן פּלעצל, וואָס יעדער האָט אים געגעסן מיט די אויגן.

— נישט אַנדערש, נאָר זי וויל היינט פּראַווען אַ חתונה מיט סאַמעקן, איידער זיי גייען שטאַרבן, האָט יצחק געפּרוווט זי צו פּראָוואָצירן, און ווער וועט געבן חופּה וקדושין?

— נאָר דו, — האָט איגנאַץ אים געענטפערט.

— מיר האָבן דאָך אַ גלח, — האָט יצחק צוריק געענטפערט.

חנה האָט געשמייכלט און זיך ווייטער געפּאָרעט.

דאָס פייער אין אייוועלע האָט גענומען אויסגיין, מען האָט אַראָפּגערופן סאַמעקן, וואָס איז איצט געשטאַנען אין דער הויך און געיאָגט מיט דער שמאַטע דעם רויך. די שיסלען זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן טיש. חנה האָט גענומען דאָס לעצטע ביסל בראָנפן, וואָס איז נאָך געווען, און יעדערן אַריינגעגאָסן אַ ביסעלע, דאָס פּלעצל האָט זי צוגעטראָגן צו יצחקן.

— דער יום־טוב איז פאַר דיר, יצחק, — האָט חנה אים אַ זאָג געטאָן, מיר פייערן היינט דיין געבורטסטאָג, מיט דער האָפענונג, אַז ער איז נישט דער לעצטער. — זי האָט זיך מיט אים צעקושט און מיר אַלע נאָך איר, זיך געווונטשן און צעקושט. מיט אַ הילכיקן לחיים! האָבן מיר אויסגעטרונקען דאָס ביסעלע בראָנפן און פאַרביסן מיט אַ שטיקעלע פונעם פּלעצל, וואָס האָט געקנאַקט אונטער די ציין פון זאַמד.

יצחק איז געווען אַזוי איבערראַשט פון דעם זשעסט, אַז ער האָט נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט זיך צע־

זיינט און געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן בלייבן לעבן, וועט דער היינטיקער טאָג זיין פאַר אים דער גרעסטער אָנדענק פון אַט די צייטן און קיין מאָל וועט ער אים נישט פאַרגעסן.

ביזן טאָג זיינען מיר אַזוי געזעסן און געשמועסט. פון יצחקן איז אַוועק דער גאַנצער ווייטיק, וואָס ער האָט געהאַט די לעצטע טעג, דער פנים האָט אים געפלאַמט, מען האָט געזען, אַז ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן, ער איז געקומען צו זיך און מיר אַלע מיט אים.

די בייטאָגיקע שיסעריי, אין וועלכער ס'זיינען אין די לעצטע וואָכן פון דעצעמבער פאָרגעקומען גרויסע איבעררייסן — אָפט מאָל אפילו פלעגן דורכגיין גאַנצע טעג אָן איין שאָס — האָט זיך אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1945 ווידער פאַרשטאַרקט. עס פלעגן פאָרקומען כסדר איבערשיסונגען פון האַרמאַטן און זייער אַ סך לופט־אַטאַקעס, ווייל מען איז קיין מאָל נישט געווען זיכער, ווו די אַראָפּגעפאַלענע באָמבע וועט טרעפן, אפשר טאַקע איבער אונדזער בונקער. ווי נאָר מיר פלעגן דערהערן דאָס רוישן פון אַעראָפּלאַנען, פלעגן מיר גלייך נעמען לויפן אין קאַנאַל אַריין און דאָס פלעגט זיך איבערחזרן עטלעכע מאָל אַ טאָג. באַטיר־לער האָט עס אונדז שטאַרק אויסגעמאַטערט און אויסגעשעפּט. שלאָפן האָט מען נישט געקענט, ווייל מען פלעגט דאַרפן טייל מאָל בלייבן שעהן אין קאַנאַל.

פאַרוואָס די קאַמפן האָבן זיך פלוצלונג באַנייט אין זייער אַ שטאַרקער פאָרם, האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. איין זאַך האָבן מיר יאָ געוווסט, אַז אונדזערע טעג זיינען געציילטע. די קאַמפן און די באָמבאַרדירונגען האָבן אונדז פאַרמאַטערט. די קאָנ־צענטראַציע פון אַלץ מער מיליטער אין דער גאַנצער געגנט אַרום אונדז האָט פאַרשטאַרקט די געפאַר פון געכאַפּט צו ווערן און אונדז געצוווּנגען צו בלייבן טאָג און נאַכט אומבאַוועגלעך, נישט רעדן און נישט אָנצינדן קיין פייער. נאָר פון צייט צו צייט, ווען מיר האָבן זיך איינגעהערט, אַז עס איז רואיק אַרום אונדז און אַז אויף אונדזער הויף איז קיינער נישטאָ, פלעגט חנהס פנים אויפלויכטן און זי פלעגט נעמען מאַכן אַ ביסל פייער אָפּצוקאָכן עסן.

וואָס אַ טאָג ווייטער איז די זופּ געוואָרן שיטערער און שיטערער. איין מאָל, עס איז שוין געווען אומגעפער דער צוועלפטער אָדער דער דרייצעטער יאַנואַר, האָט חנה גענומען אַריינגיסן די זופּ ווי געוויינטלעך מיטן זעלבן טעפּל צו יעדערן אין שיסל אַריין, אָבער די האַנט האָט איר געציטערט, דאָס פּנים איז געווען פאַרקוקט, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט קיינעם נישט געוואָלט זען. די זופּ איז שוין באַשטאַנען פון בלויזן וואַסער, גאָרנישט אינעווייניק. דערזעענדיק די זופּ, האָט יעדערער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס חנהן האָט געציטערט די האַנט ביים אַריינגיסן, דער רעזערוו איז אויסגעגאַנגען... קיינער האָט צוערשט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, ס'זיינען נישט געווען קיין ווערטער, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער מינוט. מען האָט געזופּט דאָס וואַסער און יעדערער האָט זיך געטראַכט אויף זיין שטייגער און פאָרויסגעזען, אויך אויף זיין שטייגער, דעם סוף פון דער דראַמע, וואָס הייסט בונקער.

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דאַניעלן, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר. ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך די לעצטע טעג און געהאַט אַ ביסל פיבער, איך האָב אויך אַ קוק געגעבן אויף חנהן, וועלכע האָט מיט געוואַלד זיך איינגעהאַלטן און נישט אַרויסגעלאָזן די טרערן, וואָס האָבן זיך געשטופּט פון אירע אויגן. איך האָב אויך געוואָרפן אַ בליק אויף די איבעריקע, וועלכע זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך האָב דערזען דעם סוף פון דער טראַגעדיע פון די אַכט מענטשן, די טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן פריער, ביי יעדערן אויף זיין אופן, ביי יעדערן אויף אַ באַזונדער אַרט. די גרויזאַמקייט פון קריג און פאַשיזם האָט יעדערן אַריינגעפירט אין אָפּגרונט פון בונקער און לאָזט אים דאָ אויסגיין פון הונגער. א רחמנות האָט מיך ארומגענומען צו אַט די ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געקענט זיין אַזוי גוט, אַזוי מענטשלעך איינער צום צווייטן, אפילו אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. איך האָב אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַוועקגעלאָזט זיך אין געדאַנקען. וועלכע זיינען שוין געפלויגן אָן אַ סדר. קיין אויסוועג פון דער לאַגע האָב איך שוין אויך נישט געזען.

איגנאַץ האָט געגעבן אַ גרויסן זיפץ און פאַר זיך אַליין אַ זאָג געגעבן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָגדן צו עמעצן:

— צי פעלן שוין טאַקע צו אָט די עטלעכע קרבנות צו דעם גרויסן חורבן, וואָס איז געווען?

אפשר האָט ער די פראַגע געשטעלט צו גאָט, ווי ער פלעגט אין מינוטן פון געפאַר אָפט מאָל עס טאָן.

— מיר זיינען נאָך נישט די לעצטע, האָב איך אים גע־ענטפערט, נאָך גענוג קרבנות וועלן פאַלן, איידער מען וועט באַזיגן דאָס שלעכטס, וואָס האָט דעם חורבן געמאַכט.

— אָבער וואָס וועט מיר דערפון זיין בעסער — האָט דאַניעל מיט אַ שוואַכער שטימע געזאָגט — אויב אַנדערע אויך? איך בין נאָך יונג, האָב נאָך גאָרנישט געלעבט... טרערן האָבן גענומען רינען איבער זיין פנים.

חנה האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, מען זאָל נישט זען, ווי זי פילט איצט דאָס זעלבע ווי דאַניעל. איך האָב געגלעט דעם קאָפּ פון דאַניעלן, געוואָלט אים טרייסטן און נישט געהאַט מיט וואָס.

ביי דער שרעקלעכער פיזישער אויסמאַטערונג נאָכן ליגן דאָ אין בונקער שוין איבער פיר חדשים, האָט יעדערער גוט געפילט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן ביז צום סוף, ווען מיר וועלן שוין אין גאַנצן נישט האָבן צום עסן. יצחק האָט זיך גענומען אַוועק־לייגן אויף זיין געלעגער און כסדר איבערגעחזרט: וואָלט כאָטש די וועלט געוווסט פון דעם אַלעמען. אָבער ווען מענטשן וועלן דאָ אַ מאָל אַריינקומען, וועט שוין קיין צייכן פון אונדז נישט זיין, די שטשורעס וועלן שוין זאָרגן דערפאַר... מיט אַ גרויסן זיפץ האָט ער זיך אַנידערגעלייגט.

— און אַז די וועלט וועט שוין יאָ וויסן, — האָט סאַמעק אים אַ זאָג געגעבן, — וועט דיר שוין זיין בעסער? וועט דיר נישט וויי טאָן, ווען די שטשורעס וועלן דיר נעמען פרעסן?

סאַמעק איז נאָך אויך יונג געווען און דער ווייטיק האָט אַרויסגערעדט פון אים.

כאַסקל האָט גאָרנישט גערעדט, אַזוי ווי שטענדיק. אים איז אפשר געווען בעסער. ער איז שוין פון לאַנג געווען צוגעגרייט, אַז פון דאַנען וועט מען נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. אויך קאַ־

זשיק, דער גלח, האָט גאָרנישט גערעדט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אָרט, ווו עס איז געווען זיין געלעגער, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די קני און גענומען מורמלען זיין געבעט פאַרן לייגן זיך. דאָס מאָל האָט עס געדויערט אַ ביסל לענגער, קען זיין, אַז ער האָט געבעטן אויף אַ נס. ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט זיין פּאַלטן איבערן קאָפּ, אָבער ער איז זיכער נישט געשלאָפן.

איגנאַץ איז אַרויפגעקראָכן צו דער לאָך פון אַרויסגאַנג, כדי צו האַלטן וואַך. איך האָב דאַניעלן אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער און אים גוט איינגעדעקט מיט אַ סך שמאַטעס, ער האָט שטאַרק געציטערט פון קעלט. חנה און סאַמעק האָבן זיך געלייגט די לעצטע, זיי זיינען געזעסן אין דער פינצטער און שטילערהייט גערעדט צווישן זיך. יאָ, זיי האָבן געהאַט זיך אַ סך צו זאָגן אין די לעצטע טעג.

ווען מיטן טאָג צו גלייך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די שיסעריי, און ווידער מיט דער זעלבער שטאַרקייט ווי נעכטן, זיינען מיר שוין אין קאַנאַל נישט געלאָפן. פריער אָדער שפּעטער, מוזן מיר דאָך שטאַרבן, ווי כאַסקל פלעגט זאָגן, — טאָ צו וואָס דאָס לויפן אין קאַנאַל אַריין? געשלאָפן איז קיינער נישט. ביי יעדן אויפדרייס פון אַ באָמבע האָבן מיר זיך אינסטינקטיוו אויפגעזעצט און דערנאָך זיך צוריקגעלייגט. די אַטמאָספער אין בונקער איז געווען אַזאַ, אַז מען קען זי נישט דעפינירן. שרעק? — ניין! כ'האָב מער נישט געשפּירט קיין שרעק. איך האָב געדענקט, ווי אין די פריערדיקע וואָכן, ווען ס'פלעגט דראָען אַ געפאַר פון קאַנאַל אָדער פון דער הויך, האָב איך געפילט עפּעס אַזאַ קלעם ביים האַרצן, דער גאַנצער קערפּער מיינער איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג, פון נישט-נאָרמאַלקייט. איצט האָב איך עס נישט געפילט. אויך קיינער פון אונדז האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פון אויפרעגונג. רעזיגנאַציע, יאוש? דאַכט זיך, אויך נישט. אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג איז די אויפרעגונג נאָך אַ גרעסערע און די מחשבות זיינען נישט קיין קלאָרע. אָבער איצט האָבן מיר זייער קלאָר געטראַכט און געוווסט וואָס אונדז דערוואַרט... עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון וואַרטן... אויף וואָס? קיינער האָט נישט געוווסט... אָדער אויף אַ נס... אָדער אויפן... טויט... קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען. אַרויסקריכן פון בונקער האָט געדראָט

מיט אַ זיבערן טויט, נאָר אַ שנעלן, און בלייבן דאָ האָט אויך באַדייט טויט נאָר אַ לאַנגזאַמער.

ערגער איז אָבער געווען ביינאַכט, ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט און די געוווינהייט פון נעמען זיך גרייטן צום עסן האָט אָנגעהויבן צו ווירקן. מער ווי וואַסער איז נישט געווען. חנה איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ ס'איז געלעגן די שפּייז, האָט אַ קוק געגעבן, אפשר האָט זי עפּעס נישט דערזען און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך אָווועקגעדרייט, צוגעגאַנגען צום אויוועלע און גענומען מאַכן פייער, אַ זאָג געבנדיק, אַז מיט וואַרעמען וואַסער קען מען נאָך אויך לעבן אַ געוויסע צייט...

— און דערנאָך? האָט איר איגנאַץ איבערגעפרעגט, — איר געדענקט — האָט ער פאָרגעזעצט, — ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן דעם בונקער, האָב איך געזאָגט, אַז מיר גראָבן אַ גרוב אַריינצולייגן זיך לעבעדיקערהייט? קיינער פון אייך האָט נישט געענטפערט...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן וואָס ער מיינט, ווי סאַמעק, וואָס איז געשטאַנען אין דער הויך אויף דער וואַך, אייַנצוהערן זיך, וואָס אין דרויסן טוט זיך, האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַ סימן מיר זאָלן זיין שטיל. עפּעס אַ באַוועגונג הערט ער אויפן הויף. די נאַכט האָט מען שוין קיין זופּ פון וואַסער אויך נישט געהאַט, מען האָט נישט געקענט מאַכן קיין פייער, ווייל אויפן הויף, אַרום אונדזער בונקער איז פול געווען מיט מיליטער.

אַזוי האָט עס געדויערט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. ווי אַזוי מיר זיינען נישט משוגע געוואָרן פון דער דאָזיקער שפּאַנונג, ווייס איך עד היום נישט.

איין זאַך האָט אונדז פאָרט פאַרלייכטערט. מיר האָבן גענומען גלויבן, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ, אַז לאַנג אַזוי וועט שוין נישט זיין און אַ פלעמעלע פון האָפענונג האָט ווידער זיך אָנגעצונדן אין אונדז.

אויפן פערטן טאָג, בעסער געזאָגט, אויף דער פערטער נאַכט, ס'איז געווען בערך פיר אָדער פינף אַ זייגער באַגינען, האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי, אָבער נישט ווי שטענדיק און נישט אויף דעם אָפּשניט לעבן אונדז. פאַרקערט, דאָ לעבן אונדז איז געווען שטיל און רואיק. די אויפרייסן זיינען געקומען פון גאַנץ ווייט. ס'איז

געווען אַ שיסעריי פון האַרמאַטן, אָבער מיט אַזאַ אימפּעט, אַזאַ שטאַרקייט, אַז הגם עס איז געווען זייער ווייט, האָט זיך עס גוט געהערט ביי אונדז אין בונקער. די שיסעריי איז געגאַנגען אָן אויפ־הער און אָן איבעררייס אויף אַ גרויסן שטח אַרום. אַזוי האָט עס געדויערט מערערע שעהן. מיר זיינען איצט געווען זיכער, אַז ערגעץ־ווו האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע, אָבער לעבן אונדז איז געווען רואיק. מיר האָבן געוואַרט און געהאָפט, אַז יעדע מינוט וועט זיך דאָ אויך אָנהויבן, אָבער אומזיסט. ביי אונדז איז געווען אין גאַנצן שטיל.

ביסלעכווייז, ס'איז שוין געווען ווייט אין טאָג, אפשר אַרום עלף אין דער פרי, האָט די שיסעריי פון דער ווייטנס גענומען ווערן שטילער און שטילער, ביז ס'איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. ווידער זיינען מיר געבליבן ליגן אַנטוישט. נאָר יצחק, וועלכער איז גע־שטאַנען אויבן אויף וואַך, איז אַראָפּגעלאָפן צו אונדז און שטילער־הייט אונדז געזאָגט, אַז ער הערט אַ שטאַרקע באַוועגונג, אָבער פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צוריק פון דער ווייסל... מער רעדן האָבן מיר שוין נישט געקענט, ס'איז געקומען אַ לופט־אַטאַ־קע. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער זיך אַרויפגעדראַפּעט איינצוהערן זיך, וואָס עס טוט זיך אויבן. מען האָט געהערט עפּעס אַ באַוועגונג, אָבער נישט אַזוי אָפט. מען האָט אויך נישט געקענט אונ־טערשיידן אין וואָסער ריכטונג. אַז עס קומט עפּעס פאָר, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו גלויבן. די שפּאַנונג איז ביי אונדז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און אויך די אויפרעגונג, ווי יעדערער וואָלט געפילט, אַז דאָס זיינען די לעצטע מינוטן אָדער די לעצטע שעהן, וואָס דעצידירן איבער אונדזער גורל... מיר, וואָס זיינען נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער געווען אַזוי רעזיגנירט, האָבן איצט מורא גע־קראָגן אפילו צו רעדן איינער צום אַנדערן צוליב פאָרזיכטיקייט, כדי חלילה נישט דורכצופאַלן אין די לעצטע מינוטן... מען האָט געהאָפט אויף דער נאַכט, אפשר וועט מען עפּעס געוואויר ווערן.

ווען מיר האָבן געעפנט די לאָך פון אונדזער עפענונג גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ באַוועגונג, אָבער זייער ווייט פון אונדז, נישט פון דער זייט פון פּראַגע, נאָר פון דער

פאַרקערטער ריכטונג. ס'איז אָבער געווען צו ווייט אויף צו דערזען און צו אָריענטירן זיך וואָס דאָס איז.

מיר האָבן שנעל פאַרמאַכט די עפענונג און געבליבן שטיל. אַז עפּעס־וואָס געשעט, אין דעם איז מער נישט געווען קיין מינדסטער ספק. עס זאָל אָבער זיין אַזוי שנעל און די דייטשן זאָלן שוין האָבן אַנטלאָפן אָן קאַמף פון דער זייט פון דער ווייסל ביי פראַגע, האָבן מיר זיך נישט געקענט פאָרשטעלן און נישט געוואָלט אין דעם גלויבן. ווידער איז ביי אונדז אויפגעקומען דער געדאַנק, צי האָט זיך אויך דאָס מאָל נישט אַלץ געענדיקט אַזוי ווי פריער און מיר וועלן מוזן ווייטער אַזוי ליגן און אומקומען...

אָפּגעשוואַכט זייענדיק מיר שוין געווען אין גאַנצן, מען האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס. די כסדרדיקע שפּאַנונגען, דאָס וואַקלען זיך צווישן האָפענונג און אַנטוישונג האָט נאָך מער געריסן די אַזוי אויך אָנגעשטרענגטע נערוון, ממש ביז אויפצופלאַצן. יעדערער איז געזעסן אין זיין ווינקל אַריינגעטאָן אין זיינע געדאַנקען און געטראַכט אין דער שטיל פאַר זיך. אין די אויסדרוקן פון די געזיכטער האָט מען דערקענט דעם געראַנגל צווישן האָפענונג און רעזיגנאַציע. דאַניעל האָט איבערגעהאַקט די שטילקייט מיט זיין שטאַרקן קרעכצן — ער איז די לעצטע טעג געלעגן קראַנק. איך בין צוגעגאַנגען צו אים אַ טאַפּ טאָן זיין קאָפּ, וואָס האָט געברענט ווי פייער, און האָב אַ שמייכל געגעבן, כדי אים צו טרייסטן. אָבער איך האָב דערפילט אַזאַ ווייטיק אין האַרצן, אַז איך האָב געמוזט אַוועקגיין פון אים, ער זאָל נישט באַמערקן, ווי די טרערן נעמען ביי מיר רינען פון די אויגן. כדי זיך צו באַהערשן, האָב איך זיך אַרויפגעצויגן צום אַרויסגאַנג און אָפּגערוקט אַ ציגל. דער ווייסער שניי, וואָס איז געלעגן אַרום, האָט מיר אַ בליאַסק געגעבן אין די אויגן אַריין און מיך אַ ביסל אָפּגעפרישט. איך האָב פון דער הויך אַראָפּגעקוקט אין בונקער אַריין, אַ קוק געגעבן אויף חנהן מיט סאַמעקן, ווי זיי זיצן אַזוי איינער לעבן אַנדערן און קוקן זיך אָן... אַ געדאַנק איז מיר אַדורך: ווי שיין עס איז, ווען מענטשן האָבן זיך ליב... כ'האָב שוין געזען אין מיין דמיון, ווי אין געציילטע טעג אַרום וועלן זיי אויך אַזוי ליגן, אין דער זעלבער פּאָזע, איינער לעבן אַנדערן, זיך האַלטן ביי די הענט און אויף אייביק... שוין קיין מאָל זיך מער נישט צעשיידן... אַ מאָדנע געפיל פון רחמנות צו זיי

האָט מיך אַרומגעכאַפּט, איך האָב אפילו פֿאַרגעסן, אַז מיך דערוואַרט דער זעלבער סוף... אפשר נאָך פריער...

איך בין לאַנג אַזוי געשטאַנען און געקוקט דורכן אַרויסגאַנג אין דער פינצטערניש אַריין, גוט אָנגעשטרענגט מיין געהער, אפשר וועל איך עפּעס דערהערן. אָבער אַ טויטשטילקייט האָט געהערשט פון אַלע זייטן, קיין שאָרך האָט מען נישט געהערט.

די שטילקייט איז מיר עפּעס פאָרגעקומען מאָדנע. כ'האָב זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז געוויינטלעך, די גאַנצע צייט פון אונדזער זיין דאָ, פלעגט מען ביינאַכט, נאָך די קאַמפן, הערן פון צייט צו צייט אַן איבערשיסונג אין דער לופטן פון די פּאָסטנס, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַרום. איצט הערט מען גאָרנישט... פאַרוואָס?... אַ געדאַנק איז מיר פּלוצלונג אַדורכגעפלויגן, אַ ווילדער געדאַנק, וואָס האָט מיט אַ מאָל געלאָזט קלאַפן מיין האַרץ: אפשר זיינען די דייטשן שוין אַנטלאָפן פון דאַנען? איך בין שנעל אַראָפּ אין בונקער און מיט אַזאַ איבערצייגטקייט, ווי איך וואָלט שוין געווען אין דעם זיכער, גענומען אַלעמען מונטערן און זיי דערציילן די סימנים: „עס קען זיין, אז מיר זיינען שוין געהאָלפן, אז מיר זיינען שוין פריי“... עס האָט אָבער ווייניק וואָס געווירקט. „מיר וועלן זען מאָרגן“, „רו זיך אָפּ אַ ביסל, חיים“, מער האָט קיינער נישט געפונען וואָס צו זאָגן. איך האָב זיך אַנידערגעלייגט און שוין

מער גאָרנישט גערעדט.

אויף צומאָרגנס, עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין טאָג, האָבן מיר קיין שיסעריי נישט געהערט, נאָר פּלוצלונג אַ גערויש פון אַעראָפּלאַנען, אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז און גאַנץ נידעריק. מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו אויפגעזעצט און שוין געוואַרט אויף די ארהאָפּפאלנדיקע באָמבעס, ווי געוויינטלעך. אָבער די אַעראָפּלאַנען זיינען זייער שנעל אַריבערגעפלויגן איבער אונדז אַזוי נידעריק, אַז מיר האָבן געמיינט, זיי פאַלן אַראָפּ אויף אונדז, און זיינען אַוועק. זיי האָבן קיין איין באָמבע נישט אַראָפּגעוואָרפן און קיינער האָט צו זיי נישט אַרויפגעשאָסן...

לענגער וואַרטן האָב איך נישט געקענט. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און זיך גענומען אַרויפציען צום אַרויסגאַנג, איך האָב געפילט, אַז עפּעס איז געשען. יצחק איז נאָכגעגאַנגען הינטער מיר. אויך ער האָט נישט געקענט בלייבן אויף אַן אָרט. איך האָב אויס־

געדעקט אַ ציגל, אַ צווייטן. אַ העלע ליכטיקייט האָט זיך אַריינגע־
ריסן און באַלויכטן דעם בונקער. איך האָב זיך אַרויסגעצויגן אין
דרויסן, יצחק נאָך מיר. מיר זיינען שטיל אַראָפּגעקראָכן פון באַרג
גרוז און ציגל, וואָס האָט צוגעדעקט אונדזער בונקער און זיינען
אַראָפּ אין הויף אַריין. מיר האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט פון
די חורבות ביז אין גאַס אַרויס.

אַלץ אַרום איז געווען טויט. נאָר פון דער ווייטנס, אויף דער
זעלבער גאַס, האָבן מיר דערזען שטיין אַ קינד, אַ מיידעלע אפשר
פון אַכט יאָר און דערלעבן אַ פרוי, איינגעבויגן, וועלכע האָט גע־
שאַרט דעם שניי, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט. מיר זיינען שנעל
צוגעלאָפן צו דער פרוי מיטן קינד. אויפמערקזאַם געמאַכט דורך
אונדזער לויפן, האָט זיך די פרוי גיך אויפגעשטעלט. זי האָט אונדז
דערזען און... איז געוואָרן אין גאַנצן אויפגעציטערט, האָט אַ כאַפּ
געטאָן דאָס קינד ביים הענטל...

שפּעטער האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז אונדזער אויסזען האָט
זי געמוזט אַזוי שטאַרק דערשרעקן.

— ווער זענט איר? — האָט זי מיט שרעק אַ פרעג געגעבן.

— מיר זיינען יידן, האָב איך אַ זאָג געגעבן און שנעל צוגע־
געבן: — מיר זיינען געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער, דעריבער זעען
מיר אַזוי אויס.

— נאָך פון נעכטן אָן זיינען שוין די רוסן דאָ, האָט זי אַ זאָג
געגעבן.

— וואָס? — האָב איך אַ געשריי געטאָן פון איבערראַשונג.

— יאָ, — האָט די פרוי ווייטער געשמייכלט, זינט נעכטן
שוין זיינען מיר אַלע פריי.

איך האָב אַ קוק געגעבן אויפן קינד. איך האָב עס אַ כאַפּ
געגעבן און גענומען קושן...

אַראָפּ אין בונקער זיינען מיר שוין נישט. אונדזערע געשרייען
אין דעם ליידיקן אַרום: מיר זיינען פריי! האָבן אָפּגעהילכט אין
בונקער. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי גענומען אַרויסגיין. מיר
האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט. חנה מיט סאַמעקן האָבן
אונטערגעהאַלטן דעם קראַנקן דאַניעלן. זייערע פּנימער האָבן גע־
פלאַמט פון פרייד. קאַזשיק, אונדזער גלח, איז געשטאַנען מיט אַ

צוגעטער־רויטן פנים און געשריען: מיר האָבן דערלעבט! מיר האָבן דערלעבט!

— נישט אַלע! — האָט כּאַסקל אַ ברום געגעבן און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זיך גענומען וואַקלען. יצחק האָט אים אָנגעכאַפּט און נישט געלאָזט אים אַנידערפאַלן.

— יאָ, קאַזשיק, נישט אַלע האָבן דערלעבט, האָט יצחק אי־בערגעחזרט כּאַסקלס ווערטער.

קאַזשיק האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יצחקס אַקסל:

אָבער מער וועט שוין אַזעלכעס קיין מאָל נישט געשען, קיין מאָל נישט... קיין מאָל נישט!

— לאָמיר האָפן, האָט אים יצחק געענטפערט און אים אַרום־גענומען.

איגנאַץ איז געשטאַנען און געקוקט אין איין ריכטונג. זיכער איז עס געווען די ריכטונג, וווּ זיין היים איז געווען. ער האָט זיך קיין באַוועג נישט געגעבן, נאָר פון זיינע אויגן זיינען גערונען גרויסע טרערן, שטיל האָט ער געשעפּטשעט: מיינע קינדער, מיינע קינדער!

איך האָב געקוקט אויף די חורבות אַרום, אויף די חורבות פון דער געגנט, וועלכע איך האָב אַזוי גוט געקענט, אויף די חורבות פון געטאָ... איך האָב זיך געטראַכט: די חורבות וועלן צוריק אויפ־געבויט ווערן... אַ לעבן וועט דאָ ווידער זיין... אָבער די יידן פון דאַנען וועלן שוין קיין מאָל נישט זיין...

פון דער וויטנס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון די מאַר־שירנדיקע זעלנער...

סוף

נ אָ כ וו אָ ר ט

ווען איך גיי אויף די ליכטיקע, רוישיקע עליזייאישע פעלדער, צי בולווארן פון פאריז —
ווען איך בין אין מיטן פון מיין אַרבעט, פאַרהאָרעוועט, פאַרנומען — ווען איך זיץ א מאָל מיט פריינד אין א פריילעכן שמועס —
ווען איך בין אַליין אין א גאָרטן, צי אין א שטילן וואלד —
ווען איך שליס דעמאָלט די אויגן — דערזע איך —
דעם בונקער.

פופצן יאָר זיינען אוועק זינט דעם טאָג, ווען מיר — זיבן יידן און איין פוילישער גלח — זיינען ארויס פון דער נאַכט און צום ערשטן מאָל ווידער דערזען איבער זיך א ליכטיקן הימל, א פרייען, ריינעם. און פאַרט איז גענוג, כ׳זאָל צומאַכן די אויגן, כדי צו דערזען תיכף דעם פינצטערן קעלער, אין וועלכן מיר זיינען פיר א האלבע חדשים געלעגן, וואַרטנדיק אויפן טויט און ראנגלענדיק זיך פארן לעבן.

פאַרוואָס-זשע האָב איך אזוי לאנג געווארט, כדי אויפצושרייבן מיינע איבערלעבונגען? למען האמת וויל איך זאָגן, אז אלע יאָרן, זינט איך בין ארויס פון בונקער, האָב איך דאָס בוך געשריבן. כ׳האָב עס געשריבן נישט אויפן פאפיר. אָבער אין מיין הארץ און אין מיין געדאנק האָב איך שטענדיק געלעבט מיט די זכרונות פון יענע טעג. זכרונות? אָ, ניין, נישט בלויז אינעם זכרון האָט זיך אריינגעקריצט די צייט, ווען מיר זיינען געווען איינגעמויערט אין דער פינצטערניש, — אין מיין גאנצער נשמה, אין מיין גאנצן טראכטן און פילן האָט זי זיך אריינגעזיגלט, אויף שטענדיק, כל־זמן כ׳וועל לעבן. נאָך היינט פופצן יאָר שפּעטער, טראָג איך זיך אוועק אזוי אָפט אין מיין דמיון אהין, אונטער די חורבות פון געטאָ. נאָך היינט אין מיין שלאָף פירן מיך די קאָשמארן אוועק צוריק אין בונקער אריין, אין קאַנאל:

איך ראנגל זיך ווידער מיט די שטשורעס; איך בלייב פארגליווערט און בלייאיק שווער ביים געטוף פון שווערע באטשוועקטע שטיול...

די ערשטע יאָרן אָבער האָב איך געקעמפט קעגן אָט דער וויזיע, זי געטריבן פון זיך. כ׳האָב געמוזט זי טרייבן פון זיך, כדי ווידער אריינצוואקסן אין לעבן אריין, כדי ווידער אויפצובויען מיין היים. איך האָב געהאט דאָס גרויסע גליק צו געפינען ביי מיין צוריקקומען מיין פרוי מיט מיינע צוויי זון. און דאָס גליק פון ווידערגעפינען האָט דערמעגלעכט, אז דאָס בילד פונעם בונקער זאָל מיר נישט פארשטעלן די גאנצע וועלט. און פארקערט: וואָס מער כ׳האָב געפונען א ניי גלייכגעוויכט, פאר וועלכן כ׳האָב לאנג, עקשנותדיק און אָנגעשטרענגט געמוזט זיך ראנגלען, אלץ קלאָרער איז מיר געוואָרן אויך דאָס בילד פונעם בונקער. וואָס א יאָר ווייטער איז דאָס איבערגעלעבטע געוואָרן נישט ווי מען האָט געקענט מיינען, מטושטשער, פארווישטער, נאָר אומגעקערט: אַלץ בולטער, גענויער פינקטלעכער; אַלץ שטאַרקער האָט עס אין מיר געוירט, מיך געטריבן, ביז עס האָט געמוזט געפינען, אויף א נאטירלעכן אופן, זיין אויסדרוק אויך אויפן פאפיר.

געטריבן האָבן מיר צו שרייבן די געשטאלטן פון צענדליקער, הונדערטער אפשר, יידישע קעמפער, וועלכע כ׳האָב באגעגנט, און פון וועמענס העראָאיזם כ׳בין געווען אן עדות. וואָס א יאָר ווייטער — אלץ שטארקער איז געוואָרן דער דראנג, וואָס מער ס׳האָבן וויי געטאָן דאָס פארגעסן, מיט וועלכן מען וויל ארומרינגלען אונדזערע קדושים און די עוולות, וועלכע מען באגייט די לעצטע יאָרן לגבי אונדזערע ליידן און קאמפן.

כ׳וואָלט געוואָלט דערמאָנען און עדות זאָגן וועגן אָנטייל פון יידן אינעם לעצטן אויפשטאנד פון ווארשע אין 1944. יידן האָבן אין אים געגעבן א גרויסן ביישטייער פון מוט און פון בלוט און ביז איצט האָט מען נאָך וועגן דעם ווייניק געשריבן. כ׳וואָלט געוואָלט דערציילן דאָס, וואָס איך ווייס וועגן די באציונגען פון דער פוילישער באפעלקערונג צו יידן. כ׳האָב איבערגעגעבן אין דעם פרט אלץ, וואָס כ׳האָב אַליין געזען און וואָס כ׳האָב געהערט פון מיינע חברים אין בונקער, גאָרנישט צוגעבנדיק און גאָרנישט ארויסלאָזנדיק.

דאָס איז חל אויך אויפן גאנצן בוך. ס׳איז נישט קיין קינסטלע־ריש ווערק, נישט קיין ראָמאן און נישט קיין ראָמאנסירטע זכרונות. ס׳איז א ג ב י ת־ע ד ו ת. אלץ, וואָס איך דערצייל דאָ, איז אוי־טענטיש, ריכטיק, גאָרנישט איז צוגעפוצט און גאָרנישט איז אויס־געקלערט. אלע געשעענישן, אלע עפיזאָדן, סיי די, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין לאַגער, צי בעתן אויפשטאַנד, סיי אין בונקער, זיינען אמתדיקע און זיינען דאָ איבערגעגעבן גיכער אין אן אָפגעשוואכטער פאָרם.

דאָס טאקע האָט מיך קודם־כל געטריבן צום שרייבן: וואָס גענויער, צו פארצייכענען, צו שילדערן דעם גערανגל פון דער גרו־פע, וואָס האָט נאָך דער מפּלה פונעם אויפשטאַנד זיך באהאלטן אין בונקער. ווייל ערשט נאָך יאָרן — און וואָס ווייטער אלץ מער — האָב איך געגומען באזיניקן, תופס זיין, וואָס דאָרט איז פאָרגעקו־מען — וואָס מיט אונדז אלעמען איז פאָרגעקומען....

באַזיניקן? צי קען מען באזיניקן דאָס אומגעהויערלעכע, דאָס אוממענטשלעכע? אָבער אויפן דנא גופא פון אונדזערע יסורים האָט זיך אנטפּלעקט פאר אונדז דאָס מענטשלעכע, אָט דאָס, וואָס האָט אונדז דערלויבט אויסצוהאלטן, ראנגלען זיך, גובר זיין.

און ווען איך שליס די אויגן — נאָך היינט, פופצן יאָר שפּע־טער — זע איך נישט בלויז די פינצטערע לאָך, די שטשורעס, די פליגן, געדענק איך נישט בלויז דעם הונגער, דעם טיפוס, די מורא; — נאָר איך זע קודם־כל זיי — מיינע חברים פון בונקער.

ווי פונקען אין דער פינצטערניש לויכטן אויף פאר מיר זייערע בליקן. ווי שטילע מוזיק קלינגט ווידער אין מיינע אויערן דאָס פארשטיקטע געפליסטער פון אונדזערע שמועסן. ווי ווארעמקייט פון א היים לעבט אין מיר זייער ברידערלעכקייט.

יאָ, דאָס איז דער שליסל צו אונדזער געשיכטע. דאָס איז די סיבה פאר אונדזער איבערלעבן. מיר זיינען געבליבן לעבן, ווייל דער יאוש האָט נישט איבערגעוועלטיקט אונדזער האָפענונג, אויך איבער אלץ דערפאר, וואָס אינעם גאנצן גרויל האָט ביי אונדז גע־הערשט נישט פארביטערונג און שנאה, נאָר ליבע און פארשטענדע־ניש פון איינעם צום אנדערן.

אָט דאָס גרויסע ביישפּיל, ווי אזוי מענטשן קענען זיך דער־הויבן אין די אוממענטשלעכסטע באדינגונגען צו העכסטער מענטש־

לעכקייט, דאָס ביישפּיל פון מיינע חברים האָט מיך קודם־כל גע־שטויסן צו שרייבן. ס׳איז אונדזער טרייסט און איינציקע פאַרגיטי־קונג פאַר אונדזערעליידן.

מיט א ציטער פון דאַנקבאַרקייט טראַכט איך וועגן דעם, אז היינט, ווען איך שרייב — פופצן יאָר שפּעטער — די דאָזיקע שו־רות, זיינען זעקס פון אונדזער גרופּע ביים לעבן: חנה האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט סאַמעקן און זיי לעבן היינט אין פראַנקרייך, אין ליאָן. זיי האָבן א קינד, וואָס איז היינט אַלט צוועלף יאָר. א בילד־שיין געראָטן מיידעלע. יצחק האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק צוריק־צוגעפינען זיין פרוי און קינד. זיי לעבן אין אויסטראַליע. דאַניעל האָט צוריקגעפונען נאָך זיין צוריקקומען א שוועסטער. ער איז אין בעלגיע.

קאַזשיק לעבט אין פּוילן און איז גלח אין אַנדזשעיעוו לעבן לאָדזש.

נאָר צוויי פון אונדזער גרופּע זיינען פאַרשוואונדן און זייער גורל איז מיר אומבאַקאַנט. כאַסקל איז פאַרשוואונדן געוואָרן באַלד נאָך דער באַפרייאונג. מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געקאָנט דערוויסן, וווּ ער איז אהינגעקומען. איגנאַץ האָב איך עטלעכע חדשים נאָך דער באַפרייאונג געטראָפן אין וואַרשע און ער האָט שוין דעמאָלט אַרויס־געוויזן סימנים פון גייסטיקער קראַנקהייט.

איך האָב מיינע פינף חברים פון בונקער, מיט וועלכע כ׳בין שטענדיק געבליבן אין פאַרבינדונג, געשריבן, אַז כ׳האָב פאַרענ־דיקט מיינע גבית-עדות און דערפילט אזוי אַרום מיין צוזאָג, וואָס כ׳האָב זיי געגעבן צו פאַרצייכענען אונדזערע איבערלעבונגען.

זיי, די פינף חברים מיינע, וועלן זיכער פאַרשטיין דעם גאַנצן ווייטיק און די גאַנצע דירונג, מיט וועלכע כ׳האָב געשריבן די דאָ־זיקע בלעטער. ווייל אויב מען שפּירט אין זיי, אפשר, נאָר א שוואַכן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס מיר האָבן געפילט, געליטן, האָב איך אָבער ביים שרייבן, ביי יעדן בלעטל, ביי יעדער שילדערונג, עס נאָך א מאָל אַלץ איבערגעלעבט.

יאָ, איך בין געווען אין בונקער, ווען כ׳האָב געשריבן...

חיים איצל גאָלדשטיין

פּאַריז, 1959.

אינהאַלט

	זייט
קאַפּיטל איינס	7
קאַפּיטל צוויי	23
קאַפּיטל דריי	42
קאַפּיטל פיר	65
קאַפּיטל פינף	95
קאַפּיטל זעקס	118
קאַפּיטל זיבן	137
קאַפּיטל אַכט	158
קאַפּיטל ניין	189
קאַפּיטל צען	208
קאַפּיטל עלף	244
קאַפּיטל צוועלף	264
קאַפּיטל דרייצן	287
קאַפּיטל פערצן	310
נאָכוואָרט	323